STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02348

ALE VERK

Samuel Leib Zitron

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. ל. ציטראָן

אַוועק פון פאָלק

טיפּן און סילועטן פונם נאָענטן עבר.

(פון דער סעריע „משומדים")

דריטער טייל

פאַרלאַג „אחיספר", וואַרשע
Printed in Poland

Druk. Sikora i Mylner. Warszawa, Nowolipki 6.

אינהאַלט:

I.	גריגאָרי (צבי הירש) באָגראָוו	5
II.	ניקאָלאַי (נחמן) אָסיפּאָוויטש פּרוזשאַנסקי	67
III.	אַנטאָן רובינשטיין	118
IV.	עקיבא'לע גרינשטיין	147
V.	טעוועלע מלאָדעצקי	188
VI.	ניסקע שלעפּיאַן	213
VII.	ישראל איסר לאַנדא	255
VIII.	אשר טעמקין	261
IX.	יצחק פיינערמאַן (טענאָרעמאַ)	266
X.	לייזער ברוך אַשכּנזי	275
XI.	אַנאַטאָלי גריגאָראָוויטש גאָסמאַן	293

אוועק פון פאָלק

טיפן און סילועטן פונם נאָענטן עבר.

גריגאָרי (צבי הירש) באָגראָוו.

באָגראָוו איז געווען איינער פון די ערשטע און די בעסטע, אויב נישט דער בעסטער יודיש-רוסישער שריפטשטעלער וועלכער האט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין דעם געזעלשאַפטליכען און קולטורעלען לעבען פון׳ם רוסישען יודענטום אין דער צווייטער העלפט פון דעם 19-טען יאהר-הונדערט. געבוירען איז ער אין יאהר 1825 אין פּאָלטאַווע אין דעם הויז פון מיטעלע בעלי-בתים. אבער געקנאָטען דורכאויס פון גרעסטען יחוס, פון ליטער רבנים און גאונים. און פון דעם שטאַמט זייער פאַמיליע-נאָמען „בהרב״.

דער קליינער הירש׳על׳י האט בעקומען פון קינדווייז אַ שטרענג אָרטאדאקסישע ערציהונג. דער פאטער, אַליין אַ למדן מופלג, האט איהם אבגעגעבען צו די בעסטע מלמדים פון שטאדט. נאך גאַנץ יונג האט זיך הערש׳על׳י אַרויסגעוויזען פאַר זעהר אַ געראטענעם. ער פלעגט גאַנץ אפט פערגעבען זיינע מלמדים אַזעלכע חריפות׳דיגע קשיות, אויף וועלכע זיי איז נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען צו געפינען קיין תירוץ. צו צוועלף יאהר האָט שוין פאַר איהם דער פאָטער אין פּאָלטאַווע קיין מלמד נישט געפונען, און האָט איהם אַוועקגעשיקט אין דער קרעמענטשוגער ישיבה, וועלכע האָט דאַן גע׳שמ׳ט אויפ׳ן דרום. דארטען האט הירש׳על׳י פערבראַכט ביי אַ זעקס „זמנים״ אַנ׳ערך, און איז בעקאַנט געוואָרען אין גאַנצען קאַנט אַלס „פּאָלטאַוועער עלוי״.

אין יענער צייט האָט מיט איהם פּאַסירט אַ צופאַל, וועלכער האט געהאַט אַ ווירקונג אויף זיין גאַנצען ווייטערדיגען לעבען: זיצענדיג אַמאל אין אַ ווינטער-נאַכט אין דער ישיבה פאַר אַנ׳אפענער

מרא, איז צו איהם צוגעגאַנגען אַ בעיאהרענטער יוד מיט אַ לאַנגער באָרד און האט איהם געזאגט, אז זיין פאטער, וועלכער איז נור אקארשט־וואס געקומען פון פאלטאווע, שטעהט דא נישט ווייט אויפ׳ן גאַס און בעט, ער זאל תיכף צו איהם אַרויסגעהען. דער תמימות׳דיגער בחור׳ל, וועלכער האט גארנישט געאַהנט, האט זיך באַלד אויפגע־הויבען פון ארט און איז אַרויס נאך דעם אומבעקאנטען יודען. אבער קוים האט ער זיך געפונען אַ צעהנדליג שריט פון דער ישיבה, איז צו איהם צוגעלאפען פון הינטען אַ צווייטער יוד, שוין אַ יונגערער אַ גראב־בייכיגער, און ביידע האבען איהם פעסט אנגענומען און אַוועקגעטראגען איהם ווי די רוחות איבער עטליכע גאסען און געסלעך. און ענדליך האבען זיי איהם אַרויפגעפיהרט ע׳געץ אויף אַ הויף, וואו זיי האבען איהם ארייגעווארפען אין אַ בנין, וועלכער איז געווען האלב שטאל, און זענען אוועק.

דער דאזיגער גאנץ אומגעריכטער, פלוצליכער אנפאל, האט הירשעל׳ען אזוי צעטומעלט, דאס ער איז ווי פערשטיינערט געווארען און האט די ערשטע עטליכע מינוט דעם מויל נישט געקאנט עפענען. די גאנצע צייט, וואס די צוויי פרעמדע יודען זענען מיט איהם גע־פלויגען ווי די ווינטער, האט ער אפילו נישט געפרובט שרייען און רופען צו הילף. אזוי פערקלעמט איז איהם אין יענע מינוטען געווען דאס הארץ. ערשט אין א ווײַלע ארום האט ער זיך שטארק פונאנדער־געכליפעט אויפ׳ן קול. ער האט זיך דערמאהנט, אז פאר דער לעצטער צייט האט מען אסך געשמועסט אין דער ישיבה וועגען „חאפערס״, וואס זענען ארויסגעפאהרען פון דער גובערניע צו פאנגען רעקרוטען פאר קהל, און ער האט פערשטאנען, אז דאס איז ער ארייגעפאלען אין זייערע הענד. ער האט זיך גענומען ארומקוקן. און האט פאר דעם טונקעלען שיין פון אַ קליינעם אייל־לעמפעל דערזעהען, אז ארום איהם ליגען אויסגעצויגען אויף קולעס שטרוי נאך עטליכע בחורים׳לעך, יונגערע און עלטערע פון איהם. יענע, האבען זיך שוין, ווי עס ווייזט אויס, בערוהיגט, און שלום געמאכט מיט זייער גורל, דען זיי שלאפען אזוי געשמאק און כראפען שטארק. הירש׳לען האט קיין שלאף נישט גענומען; ער איז געזעסען כסדר און האט געוויינט. ווי ס׳האט נור געגעבען א שיין דער ערשטער בליאסק אויף טאג, האט ער זיך געשטעלט דאווענען: ער האט געוואלט אויסגיסען דאס הארץ, ס׳זאל איהם לייכטער ווערען.

באָגראָוו, וועלכער האָט שפּעטער אויסגענוצט דעם דאָזיקן צו־פאַל אַלס סיוזשעט פאַר איינער פון זיינע בעסטע ערצעהלונגען, שילדערט אונטער אַנדערן די פאָלגענדע פאַר יענער פינסטערער צייט זעהר כאַראַקטעריסטישע סצענע, וואָס איז פאָרגעקומען ביי זיין ערשטער בעגעגעניש מיט די איבעריגע קינדער, די קרבנות פון די „כאַפּערס״:

„פון מיינע געשרייען האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף די אַנדערע קינדער, און איינער פון זיי האָט זיך אָבגערופן:

— ס׳איז צו אונז צוגעקומען נאָך איינער! וואָס איז אָבער די פעולה? פרעהליכער וועט נישט ווערען. דאָס איז, ווי איך זעה, אַ קלאָג־מוטער.

— וואָס וויינסטו, דו פּתי? — האָט מיך געפרעגט דער צווייטער, און האָט מיר דערביי געגעבען אַ ריס פאַר׳ן אויער, אַז איך בין אויפ־געשפרונגען פון וועהטאָג.

— וואָלף, — האָט זיך אָבגערופען אַ דריטער — וואָס טשעפּעסט דו איהם? וואָס פּייניגסט דו איהם? ער האָט אַ טאַטען מיט אַ מאַמען, מעג ער וויינען. מיר ביידע האָבען אָבער גאָרנישט וואָס צו פער־ליערען, בעסער צו געהען אין רעקרוטען, איידער אין תלמוד־תורה, וואו מען שלאָגט אונז ווי די הינט, און מ׳קאַרמעט אונז ערגער פאַר הינט. טרעט פון איהם אָב, לאָז ער וויינען, און מיר וועלען אונז ליסטוג מאַכען.

באַלד האָבען די יונגלעך גענומען אָבחוזק׳ן פון מיין דאַווענען. איז מען אַ סאָלדאַט — אַזוי האָבען זיי גע׳טענה׳ט — דאַרף מען שוין נישט דאַווענען. מיר, דעם פרומען, איז געוואָרען שרעקליך הערענדיג ווי די קליינע יונגלעך זענען אַזוי מזלזל מיט די הייליגע תפלות. מיט גרויס כונה האָב איך פערענדיגט דעם דאַווענען, בעת די חברים האָבען נישט אויפגעהערט צו שטיפען, צו ראַנגלען זיך מיט אַנ׳אַנדער און אָבלאַכען פון מיר.

— שוין געענדיגט? — האָט געפרעגט לאַכענדיג לייבל, אַ יונגעל אין מיין וואוקס, אַ שטיפער, אַ שוואַרץ אויגיקער מיט אַ קרומען נעזל און געקרייזעלטע האָר און פאות׳לעך.

— יאָ! — האָב איך איהם געענטפערט.

— די טפש איינער! צו וואָס דאַווענסט דו?

— ווי קען מען דאָס נישט דאַווענען?

— דו וועסט דאָך אָבער זיין אַ סאָלדאַט; דו וועסט נישט בלויז

אויפהערען צו דאַוונען, נור מ׳וועט דיר אויך אָבשניידען די פאות, און מ׳וועט דיר געבען עסען טריפות און קאָרמענען מיט חזיר!

— איך וועל קיין סאָלדאַט נישט זיין, האָב איך געענטפערט.

— פאַר וועלכע מעשים טובים?

— איך האָב אַ טאַטען מיט אַ מאַמען, וועלכע וועלען דאס נישט דערלאָזען!

— און מיר האָבען קיינעם נישט; מיר זענען תלמוד־תורה׳ניקעס. גאנצע טעג האָט מען אונז געשלאָגען, גע׳ממית׳ט גע׳פייניגט מיט ביכלעך. תמיד האָבען מיר גע׳הונגערט, און מיט אַ לעדיגען מאָגען האָט מען אונז געטריעבען שרייען „צדקה תציל ממות״ פאַר רייכע לויות. זאָל זיי כאַפּען דער רוח, שוין בעסער צו געהען דיענען״.

אין עטליכע טעג אַרום האָט מען אַלע יונגלעך, צוזאמען מיט הירשלען געבראַכט אין קהל־שטיבעל. דאָרטען פאַר דער טהיר, האָבען איהם אָבגעוואַרט זיינע עלטערען, וועלכע זענען געקומען צולויפען פון פאָלטאווע נאָכדעם ווי דער קרעמענטשינער ראש־ישיבה האָט זיי מודיע געווען, אז זייער זוהן איז אַריינגעפאַלען צו די „כאַפּערס״. קוים האָבען די ראשי הקהל דערהערט, אז הירשעל קומט ארויס פון די „בהרבס״, האָבען זיי זיך דערשראָקען פאר זיין יחוס־אבות און האָבען איהם פריי געלאָזען.

דאס דאזיגע געשעהעניש האָט געמאכט אויף דעם טעמפּעראַמענטפולען, עקספּאנסיווען הירשלען אַ גוואַלדיגען איינדרוק. דער פאַקט, אז צווישען יודען געפינען זיך מענשען־חיות, וואס פערקויפען אייגענע ברידער פאר געלד, און אז די דאזיגע יודען פיהרען אַ פּרומע ראָל און ווערען גערעכענט פאר די שענסטע בעלי־בתים, פאר דער „קרוין פון דער קהלה״, האָט איהם זעהר ערשיטערט. די ערשטע צייט האָט ער וועגען דעם געפיהרט לאנגע דיספּוטען מיט זיין פאָטער, וועלכער האָט איהם געזוכט צו דערקלערען, אז פאר רעקריטען ווערען אָבגעגעבען בלויז צולאזענע קינדער, פריי־געזאנענע און עמי־הארצים פון וועלכע עס קענען קיין רעכטע יודען נישט ארויסוואקסען, און אז ער, הירשעל, איז אריינגעפאלען נור על פּי טעות, און ווי מ׳האט זיך נור דערוואוסט פון וואנען ער שטאמט און אז ער איז אַ בן־תורה, האט מען איהם באלד בעפרייט. די דאזיגע דערקלערונג האט אבער דעם יונגען עלוי נישט בעפרידיגט, און ער האט זיך אליין אזוי לאנג געגריבעלט און געגריבעלט ביז ס׳האָט זיך פאר איהם ענטפּלעקט

דאס גאנצע פינסטערע, אָבשטויסענדע בּילד פון דער דאַמאָלס אָבּ־געשטאַנענער און פערגליווערטער יודישער גאַס. ער האָט נאָך דאַן קיין איין מאָדערנעם ביכעל אין האַנד נישט בּעקומען און פון ערגעץ־וואו קיין איין פרייעם געדאַנק נישט געגאָסען און נור מיט זיין איי־גענעם געזונטען פערשטאַנד האָט ער תּופס געווען, אַז דאָס יודישע לעבען ענטוויקעלט זיך נישט נאָרמאַל און אַז עס מוז אין איהם פיעל אויסגעבעסערט ווערען, ביז ס'זאָל זיין מיט לייטען גלייך.

דאָס האָט איהם געבּראַכט צו דעם בּעשלוס, צו דערלערנען די רוסישע שפּראַך, וועלכע ער האָט ביז אַהער נישט געקענט. ער האָט דאָס אָבער עפענטליך אין דעם הויז פון זיינע פאַנאַטישע עלטערען נישט געקאָנט טהון. ער האָט געוואוסט, אַז זיין פאָטער וואָלט איהם כאַפּענדיג ביי אַ רוסישען ביכעל קורע כּדג געווען, און דעריבּער האָט ער זיך דערצו אויסגעזוכט פערבּאָרגענע ערטער, אָבער איינמאָל איז הירשעל נישט גענוג פּאָרזיכטיג געווען, און דער פאָטער האָט איהם געפאַקט אויפ'ן בּוידים מיט אַ רוסישער גראַמאַטיק אין דער האַנד. ווי אַ טיגער האָט זיך דאַן דער דערצאָרענטער פאָטער אַרויפגעוואָרפען אויפ'ן יונגען הירשלען און האָט אים געשלאָגען מכּת־רצח. און ווער ווייסט אויב ער וואָלט אַרויס פון זיינע הענד אַ גאַנצער, ווען די מוטער וואָלט אונטען נישט דערהערט די שרעקליכע קולות און נישט אַרויפגעלאָפען אויפ'ן בּוידעם און איהם נישט מציל געווען פון זיינע הענד...

אָבער די אַלע רעפרעסיעס, וואָס דער פאָטער האָט אָנגעווענדעט געגען הירשלען, האָבען נאָך אין איהם מעהר פערשטאַרקט דעם חשק צום רוסישען ספר. ער האָט געזוכט און אויסגעפונען פער־שיעדענע דרכים און שפּיצלעך, דער פאָטער זאָל איהם שוין מעהר נישט קאָנען פאַקען ביי דער עבירה. מייסטענס האָט ער פערבּראַכט מיט'ן רוסישען בּוך הינטער דער שטאָדט, אויפ'ן פרייען פעלד, ערגיץ אונטער אַ בּוים. אין גיכען איז איהם אויך דער צופאַל געקומען צו־הילף: זיין פאָטער האָט בּעקומען אַ שטעל אַלס גאַמן אין אַ בּראָנפען־בּרויז פון אַ רייכען יודישען „אָטקופּטשיק" אין אַ גוט, וואָס האָט זיך געפונען אַ וויאָרסט צעהן פון פּאָלטאַווע, און פלעגט קומען אַ היים נור אויף שבּת. פאַר דער מוטער ווידער, וועלכע איז אויך געווען אַ העכסט פאַנאַטישע יודענע, האָט אָבער הירשעלע נישט אַזוי שטאַרק מורא גע־האַט. העכסטענס האָט ער געקאָנט ערוואַרטען, אַז ווען זי כאַפּט איהם

מיט אַ גוי׳איש ביכעל אין דער האַנד, וועט זי זיך אויף איהם אָנ־בייזערן און גוט אויס׳מוסר׳ן, אָבער ווייטער פון דעם וועט דאָס נישט געהן. און ס׳איז ווירקליך אַזוי געשעהן. די גאַנצע וואָך האָט ער זיך פראַנק און פריי אָבגעגעבען מיט זיינע רוסישע ביכלעך, צוליעב וועלכע ער האָט שוין גענומען פערבויגען דעם בית־מדרש מיט דער גמרא; באַלד איז ער געוואָרען קלאָר אין דער רוסישער גראַמאַטיק און בעקומען אַ היבשע ידיעה אין דער רוסישער ליטעראַטור. דער־פאַר אָבער האָט ער דעם גאַנצען שבת׳דיגען טאָג פערבראַכט אין דברי־תורה מיט׳ן פאָטער, גע׳פלפול׳ט זיך מיט איהם אין לערנען און געמאַכט דעם אָנשטעל, אז מעהר פון דער גמרא מיט׳ן „יורה דעה״ ליעגט איהם קיין זאַך נישט אין זינען. דער פאָטער האָט אַזש אנגע־קוואָלען, צוקוקענדיג זיך, ווי זיין הירשעלע זאָגט־צו איבערצושטייגען אין לומדות די אַלע פריהערדיגע „בהרב׳ס״.

אַ מוטער־האַרץ איז אָבער פיעל שפּירעוודיגער. בעת דער פאטער איז ביי זיך געווען גאַנץ זיכער, אַז הירשעלע שניידט זיך אויף אַ רב, און אפשר נאָך אויף עפּיס גרעסער, האָבען דער מוטער גענומען עג־בערן גאָר אַנדערע מחשבות. זי האָט אפילו אַליין נישט געוואוסט, פון וואַנען די דאָזיגע געדאנקען שטאַמען און פון וועלכען מקור זיי ציהען זייער יניקה. דאָך האָט זי מיט אַמאָל דערפיהלט, אַז מיט איהר הירשעלען איז עפּיס נישט גלאַט. זי האט אפילו פון איהם קיין שום פערדעכטיגע זאַך נישט געזעהן, און קיין שלעכטס בוודאי נישט; ווי תמיד היט ער אָב אָבצוזיצען אַ גאַנצען טאָג אין בית־המדרש און לערנען, און די לעצטע צייט ברענגט ער נאָך מיט זיך גאַנץ אָפט איינעם פון די פּרושים, וועלכער שמ׳ט אין שטאָדט פאַר אַ גרויסען תלמיד־חכם, און זענען זיךביידע מפלפל אין לערנען ביז שפעט אין דער נאַכט, און דאָך...

און דאָך האָט די מוטער אנגעהויבען צו מערקען אָן הירשעלען, אז ער איז עפּיס אומגעאַנדערשט געווארען, און איז ווייט נישט דער־זעלבער, וואָס געווען. בעמערקט האָט זי עס אָן פערשיעדענע אָבגעע־האַקטע פראַזען, וועלכע פלעגען זיך ביי געוויסע געלעגנהייטען, און דאס רוב גאַנץ צופעליג און לגמרי אומגעריכט, אַרויסרייסען ביי איהם פון מויל, בעת זי פלעגט מיט איהם בלייבען אַליין אַזוי, למשל, האט זי אַמאָל פון איהם געהערט, אַז ער פיהלט זיך זעהר אונבעקוועם אין דער ראָלע פון אַ צוקינפטיגען „בהרב״, אז ער וואלט וועלען ווערען

עפּיס־וואָס אַנדערש; אַ צווייט מאָל האָט ער זיך פאַר איהר אויסגע־רעדט, אז דער בית־המדרש ווערט איהם צו־ענג, און אז ער האָט שטאַרט חשק אַרויסצוגעהן אין דער גרויסער וועלט.

איינמאָל אין מיטען דער נאַכט, האָט די מוטער איהם געפונען זיצענדיג איינגעשלאָפען איבער אַ גרויס שטיק פּאַפּיר, געשריבען נישט מיט יודישע אותיות... אט די אַלע פאַקטען האָבען ביי איהר ארויס־גערופען דעם פאַר איהר זעהר שרעקליכען געדאַנק, אז מיט הירשעלען האָט פּאַסירט אַזוינס, וואָס ווען מ׳זאָל עס בייצייטענס נישט פערהיטען, קאָן דאָס פיהרען צום גרעסטען אומגליק פאַר איהם און פאַר זייער גאַנצער משפחה.

מיט אַ בעקלעמט הארץ איז אַרומגעגאַנגען די מוטער. אַ לאַנגע צייט האָט זי זיך געראַנגעלט מיט׳ן געדאַנק, צי זי זאָל עס דער־צעהלען דעם פאָטער. זי האָט געקענט איהר מאַנ׳ס אויפגערייצטע נאַטור און האָט זיך דעריבער געשראָקען, טאָמער ווערט ער אויף הירשעלען אויפגעבראַכט איבער דער מאָס און מאַכט פון איהם אַ תל... זי האָט געהאַט בעשלאָסען פּרובען אליין איבער־רעדען מיט הירשלען, אפשר וועט זיך איהר איינגעבען אַרויסצושלאָגען איהם פון מוח דיווילדע רעיונות, און איהם מחזיר למוטב זיין. ער האָט זי אָבער אויסגעהערט שווייגענדיג און קיין וואָרט נישט געענטפערט, נור איין מאָל, אז זי האָט זיך פאַר איהם פונאַנדערגעוויינט, האָט זי פון איהם בעקומען די קורצע תשובה: „מאַמע, דו פערשטעהסט מיך נישט!“...

אין איינעם פון די נאָהנטסטע שבתים נאָכ׳ן שלאָף, בעת דער פאָטער האָט זיך, ווי זיין שטייגער איז, דורכגעשמועסט מיט הירשלען אין לערנען און זיך געשמאָלצען פון נחת, זעהענדיג די געוואַלדיגע פאָרטשריט, וועלכע ער האָט געמאַכט אין ש״ס און פוסקים, איז די מוטער געזעסען אנטקעגען און האָט טיעף נאָכגעדענקט, ווי אַזוי אַראָבצוקייקלען פון איהר האַרצען די שווערע שטיינער, וואָס דריקען זי טאָג און נאַכט. ענדליך איז זי געפאַלען אויף אַ פּלאַן, און נאָכ־דעם, ווי דאָס פערהערעניש האָט זיך פערענדיגט, און זי איז אליין געבליבען מיט איהר מאַן, האָט זי צו איהם זיס אַ זאָג־געטהון:

— די קלויבסט נחת פון אונזער הירשעלען; אַ יאָ? פאַרוואָס אָבער זוכסטו נישט פאַר איהם קיין תכלית?

— ש ו י ן אַ תכלית? — האָט דער פאָטער געפרעגט ווי פער־

וואונדערט — וואס איז דאָ אזוי דאס איילעניש ? איהם איז דאך ערשט זיעבצעהן יאהר ביז הונדערט מיט צוואנציג. ער האט נאך צייט. זאָל ער דערוויל זיצען און לערנען ביז ער וועט בעקומען סמיכה, און דאן האט ער שוין אַ פארטיגען תּכלית: אלס איינער פון די „בהרב׳ס״ וועט ער תּיכף בעקומען אַ כתב־רבנות, און דוקא פון אַ גרויסער שטאדט, פון אנ׳„עיר ואם בישראל״...

— איך געפין, — האט די מוטער געזאגט, — אז דערווייל וואס־ זוען דארפען מיר איהם זעהן חתונה מאכען; צו רבנות איז דאס אויך אַ גרויסע מעלה; קיין בחור כאפט מען נישט אויס פאר אַ רב. א שידוך וועלען מיר פאר איהם, מיט גאטס הילף, קריגען גאר אַ גוטען מיט אַ סך נדן און מיט פיעל אנדערע מעלות.

און נאָך אַ קלײנער פויזע האָט זי אויף דעם מוסיף געווען:

— אָט לאָמיר זיך לערנען פון לייטען: צו אונזער הירשעלען קומט זעהר אָפט אַריין זיינער אַ בית־מדרש־חבר, אַ נישט־היגער, אויך נאָך גאָר אַ יונג קינד, פון גרויסען יחוס און אַליין אַ האַלבער מוסמך, און דאָך איז שוין העכער אַ יאָהר, ווי זיינע עלטערן האָבען איהם אויסגעגעבען. ער איז אַ פרוש. כ׳האב מיך מיט איהם אַ נומעלט פונאַנדער־ גערעדט, און ער האָט מיר דערצעהלט, אז מ׳האָט זיך צוגעאיילט איהם חתונה צו מאַכען נור כדי ער זאָל וואָס גיכער קומען צו אַ תּכלית.

דער דאָזיגער שמועס צווישען הירשעלעס עלטערן יענעם שבת בייטאָג האָט בעשלאָסן אָנבאָטען שדכנים צו זוכען און אויסצוגעפינען פאַר זייער זוהן אַ שענעם שידוך, וועלכער זאָל זיין צוגעפאַסט צו דער פאַמיליע „בהרב״. תּיכף האָבען שדכנים פון אַלע זייטען אָנגעהויבען ממש בעלאַגערן די שטוב, איטליכער האָט פאָרגעלעגט פון דאָס שענסטע אין דאס בעסטע, און צום סוף, האָבען זיך די עלטערן נאָך אַ גע־ הערינען ישוב־הדעת אָבגעשטעלט אויף אַ שידוך מיט דער טאָכטער פון אַ רייכען סוחר, אין אַ דערבייאיגער שטאָדט, אַ יוד אַ פרומאַק פון די „נחותי דרגא״, וועלכער האָט זיך געוואָלט איינקויפען אין יחוס און בעגעהרט האָבען פאַר אַנ׳איידים אַ יונגענמאַן אַ וואויל־לערנער. די בעזונדערע מעלה פונם דאָזיגען שידוך איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס אַ חוץ דעם נדן האָט נאָך דער מחותּן משחד געווען דעם חתנ׳ס עלטערן מיט אַ פאָר הונדערט רובל אויף זייער זוהנ׳ס גאַרדעראָב מיט די הוצאות החתונה. דורכ׳ן שדכן האָבען די מחותּנים פון ביידע צדדים

צו׳שען זיך אָבגערעדט צונו׳פצופֿאָהרען זיך אין אַ פּאָר וואָכען אַרום מיט התן־כּלה אין אַ קרעטשמע, וואָס געפֿינט זיך אין מיטען וועג און צו שרײַבען דאָרט „תּנאים״.

צו דערצעהלען עפּיס דערפֿון דעם „בעל-דבר״ אַליין, הירשעלען, — דאָס האָבען עלטערן נישט געפֿונען פֿאַר נויטיג. זיי זענען געווען גאַנץ זיכער, אַז ווען מ׳וועט איהם הייסען פֿאָהרען אויף די „תּנאים״, וועט ער קיין וואָרט נישט רעדען און וועט פֿאָהרען. הירשעל האָט זיך אָבער אַליין פֿון זיך געגומען שטויסען, אַז הינטער זײַנע פּלייצעס ווערט אָבגעטהון אַ זאַך, וואָס איז איהם שטאַרק נוגע, און מ׳זאָגט איהם גאָרנישט, און דערזעהנדיג אין אַ געוויסען טאָג, ווי איינער פֿון די איהם בעקאַנטע שטאָדט־שדכנים געהט־אַרויס פֿון זייער הויז, האָט ער באַלד פֿערשטאַנען וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, און דאָס האָט איהם געטראָפֿען ווי אַ דינער אין מיטען העלען טאָג. אונטער׳ן איינפֿלוס פֿון די רוסישע ראָמאַנען, מיט וועלכע ער האָט זיך שוין דאַן בעהאַט אָנגעלייענט, האָט ער בעשלאָסען, אַז חתונה האָבען, ווען עס וועט קומען די צייט, וועט ער נור דורך ליעבע, אָבער, חלילה, נישט דורך אַ שדכן, און פֿערליעבען וועט ער זיך בלויז אין אַ זא, וואָס וועט אויסקוקען ווי די פּרוי פֿון דעם „אָטקופּטשיק׳ס״ זוהן, ביי וועמען זיין פֿאָטער האָט געדיענט: אַזוי ווי זי „יונג, עלעגאַנט, גראַציעז געבויט, מיט לאַנגע גאָלדענע האָהר, מיט אַ דורכזיכטיג רויזען-רויטען געזיכט, מיט אַ מעלאַדישער שטים און אַ פֿרעהליך געלעכטער״. אין דעם יונגען „אָטקופּטשיק׳ס״ פּרוי האָט ער געפֿונען דעם אידעאַל פֿון דער פֿאָלקאָמענער פֿרויען-שענהייט, וועלכעס ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט לויט׳ן מוסטער פֿון די רוסישע ראָמאַנען. און מיט אַמאָל גאָר אַ שידוך דורך אַ שדכן, און ווער ווייסט נאָך מיט וועמען?!..

גאַנץ שווערע טעג און נעכט האָט הירשעל דאַן איבערגעלעבט. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טהון. געוואוסט האָט ער נור, אַז מיט זײַנע עלטערן וועט ער זיך קיינמאָל נישט קאָנען אויס׳טענה׳ן, און אַז ער וועט מוזען נאָכגעהן בלינד, וואוהין זיי וועלען איהם פֿיהרען.

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום, דאָס איז געווען שבת-צו-נאַכט נאָך הבדלה, האט דער פֿאָטער אַרייַנגערופֿען הירשעלען און האט צו איהם גאַנץ קאַלט געזאָגט: — מאָרגען פֿריה פֿאָהרסט דו אַרויס מיט דער מאַמען זעהן זיך מיט מחותּנים, מ׳וועט דיך געוויס פֿערהערען אין

לערנען. זעה איך זאָל, חלילה, דורך דיר נישט פערשעמט ווערען גרייט דיך צו.

הירשעל האט אויף דעם גאָרנישט געענטפערט, נישט ווייל ער האט נישט געהאט וואס צו זאָגען, נאָר ווייל ער האט געוואוסט, אז דאָ וועט אידם קיין טענה נישט העלפען, און אז דער טאטע הייסט, מוז מען פאלגען.

דאס בעגעגעניש איז פארגעקומען כמדובר, אין אַ קרעטשמע אויפ׳ן מיטען וועג. פון יענעם צד זענען געקומען די עלטערן מיט דער כלה און אויך זייערער אַ ווייטער קרוב, אַ יוד אַ למדן, וועלכע זיי האָבען מיטגעבראַכט צו פערהערען דעם חתן איידער מ׳וועט צו-טרעטען צו שרייבען „תנאים״.

באגראוו אַליין האט שפעטער וועגען דעם דאזיגען מאָמענט איבערגעגעבען אין זיינע זכרונות די פאלגענדע, זעהר האראק-טעריסטישע סצענע:

„מיין קינפטיגער שווער, וועלכער איז צו מיר תיכף צוגעטראטען מיט פערשידענע שאלות וועגען מיין לערנען, האט מיר אויסגעוויזען פאר זעהר אַ גוטען מענשען; דערפאר אבער האט אויף מיר מיין שפעטערדיגע שוויגער געמאכט דעם איינדרוק פון אַ יודענע אַ מרשעת און זעהר אַ גראָבער מענש.

— וואס ביזט דו עפיס, מיין טייערער, אזא בלייכער? ווי עס ווייזט-אויס, ביזטו עפיס נישט אינגאַנצען געזונט? — דאס זענען געווען איהרע ערשטע ווערטער.

— ניין, איך בין גאַנץ געזונט, — האב איך געענטפערט אונטער דער נאז.

— ער איז, ווי מיר דאַכט, ביי אייך אַ קרענקליכער? — האט זי זיך געווענדעט צו מיין מוטער.

— אָט ווי איהר זעהט; פאר קיין האלץ-העקער טויג ער נישט, — האט איהר די מוטער אבגעהאקט.

— די גמרא האט עפיס אויך וואָס צו זאגען — האט זיך אריינגעמישט מיט אַ פרעהליכער מינע מיין קינפטיגער שווער — קיין פעטס גיט זי נישט צי. וואס איז דא אבער דער ליאַרים? וועלען די ווערים ווענינגער האָבען וואס צו עסען.

— דו שטעקסט זיך תמיד אריין מיט דיינע ווערים, מיט׳ן

מלאך-המות און מיט׳ן גיהנום! — איז אויף איהם אנגעפאלען די מחותנת.

דער מחותן האט זיך, קענטיג, דערשראקען און איז שטיל געווארען. באַלד האט ער זיך אָבער אַ כאפּ-געטהון: נו, מ׳דארף פערהערען דעם חתן!״

הירשעל האָט אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען אויפ׳ן גלענצענדסטען אופן. דער מחותן איז געווען, ווי אויפ׳ן זיעבעטען הימעל. הירשעל איז אָבער געזעסען מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ. די גאַנצע צייט, זינט ער איז אַרויסגעפאָהרען פון דער היים, איז ער אַלץ געווען פערזונקען אין איין געדאַנק: ווער ווייסט ווי די כלה זעהט אויס און וואָס פאַר אַ פנים זי האָט? און טראַכטענדיג, האָט נישט אויפגעהערט צו שוועבען פאַר זיינע אויגען די ליכטיגע געשטאַלט פון דעם יונגען אָטקופּשטשיק׳ס פרוי... איצט געפינט ער זיך שוין מיט דער כלה באַלד אַ גאַנצען טאָג אונטער איין דאַך, און האָט נאָך נישט געהאַט די געלעגענהייט אויף איהר אַ קוק צו טהון כאָטש פון דערווייטען...

שפּעטער, ווען ער האָט געכאַפּט אַ מינוט, וואָס ער איז געבליבען זיצען מיט דער מוטער אַליין, האָט ער זיך געמאַכט האַרץ און געגעבען אָנצוהערעניש, אז איהם וואָלט זיך געוואָלט זעהן די כלה און דורכשמועסען זיך מיט איהר אונטער פיער אויגען.

פאַר דער מוטער איז דאָס געווען אַנ׳איבערראַשונג. זי האָט זיך אָנגעצונדען ווי אַ שוועבעלע און אויסגערופען מיט כעס:

— מעהר ווי דאָס האָט שוין מיר נישט געפעהלט! בייע מאָדעס וועל איך איינפיהרען?! דו וועסט נאָך בעווייזען זיך אָנצורעדען מיט איהר ביז צו חלשות, דאָס לעבען איז לאַנג.

הירשעל האָט געמוזט נאָכגעבען און שווייגען.

שפּעט אין אָוועגד איז געווען די „תנאים״. דאַן איז די כלה דאָס ערשטע מאָל אַריין אין צימער. מ׳האָט זי אָבער אַוועקגעזעצט ביי אַנ׳אַנדער עק טיש. און פאַר דעם שיין פון דער טונקעלער לאָמפּ, וואָס האט בעלויכטען דעם חדר, האָט איהר הירשעל געזעהן ווי דורך אַ נעפּעל, נישט האָבענדיג וועגען איהר דעם קלענסטען בעגריף.

גוט דערזעהן זיין בעשערטע האָט ערשט הירשעל אויף מאָרגען נאָך דער חתונה, וועלכע איז פאָרגעקומען אין אַ האַלב יאָהר אַרום. הירשעל איז ביי זיך געוואָרען שטאַרק אַראָבגעפאַלען. זיין יונג ווייבעל איז אפילו נישט געווען קיין גאַנץ מיאוס׳ע, אָבער זעהר, זעהר ווייט

פון זיין אידעאַל... דערצו איז זי נאָך געווען זעהר אומגעבילדעט, האָט נישט געקענט לייענען קיין וואָרט רוסיש, און האָט זיך אין אַלץ אויפגעפיהרט העכסט פּאַנאַטיש.

הירשעל אַליין האָט זיך נאָך דער חתונה פיעל פרייער דערפיהלט ווי ביי זיינע עלטערן. ער האָט זיך איצט איבערגעגעבען צו זיינע רוסישע ביכלעך נאָך מיט מעהר פלייס. שווער און שוויגער, וועלכע זענען תמיד געווען שטאַרק פערהאָוועט אין געשעפט, האָבען נישט געקאָנט אַזוי נאָכקוקען איהם. אונאַנגענעהמליכקייטען אין דעם פּרט האָט ער געהאַט צייטענווייז נור פון זיין יונג ווייבעל — חייקע האָט זי געהייסען — וועלכע האָט נישט געקאָנט צוקוקען ווי ער ליעגט איבער די ביכלעך, און האָט איהם כסדר געטריבען אין בית-המדרש, אָדער ווען נישט — אַזוי האָט זי גע'טענה'ט — זאָל ער פאָהרען צום רבי'ן... וואָס ער פלעגט זיך גוט צו מאַטערן אויפווייזען איהר, אז יעדער מענש דאַרף זיין געבילדעט, און אז זי דאַרף זיך אויך זעהן בילדען, — האָט עס נישט געהאָלפען, און זי איז געבליבען ביי דאס איהריגע.

אַזא געשפּרעך צווישען מאַן און ווייב, וואָס האט זיך אָנגעהויבען ביי אַגאַנץ גוטער לוינע און האָט זיך פערענדיגט פון איהר זייט מיט אַ סקאַנדאל, האָט באָגראוו שפּעטער איבערדערצעהלט אין זיינע ערָאינערונגען כהאי לישנא:

— חייקע, — האָט ער זיך צו איהר אַמאָל אָבגערופען — לערן זיך רוסיש, איך וועל מיט דיר אַליין לערנען. גלויב מיר, טייערע, ס'איז זעהר לייכט. און הויבסט דו נור אָן צו לעזען, וועסטו זיך שוין נאָכדעם פון בוך נישט קאָנען אָברייסען.

— חאַ! חאַ! — האָט זי אויף דעם געענטפערט — דו ביזט משוגע, צי חסר-דעה? איך זאָל מיך נעהמען לערנען רוסיש? דאָס איז דאָך, ממש, לעכערליך!

— מיט וואָס איז דאָס לעכערליך?

— צו זיעבען יאָהר האָב איך מיך קוים אויסגעלערענט דעם אַלף-בית, און איצט, נאָך דער חתונה, זאל איך גאָר אָנהויבען לערנען רוסיש; מעהר פעהלט מיר שוין נישט.

— איך גאַראַנטיר דיר, אַז דו וועסט דיך אויסלערנען אין איין חודש. אָט נעהם און פּרוב.

— לאָז מיך צו-רוה; איך וויל נישט, און דאַרף נישט.

— חייקע, דו קאָנסט זיך נישט פאָרשטעלען...

— הער אויף, איך בעט דיך, צו רעדען נארישקייטען: איך בין שוין אַרויס פון די יאָהרען, אין וועלכע מען לערנט זיך. איך בין, דאַנקען גאָט, נישט קיין קליין מיידעלע.

— פאַר פרויען איז נאָך בילדונג פיעל נויטיגער.

— איך בין אַ יודיש קינד און נישט קיין אַריסטאָקראַטישע דאַמע.

— דו וועסט זיך לערנען, וועסטו אויך ווערען אַ דאַמע.

— איך וויל נישט זיין קיין דאַמע, איך וויל נישט לערנען דרעהען זיך אויף איין פיסעל און ווינקען מיט די אויגלעך, ווי אַ דאמע. איך האָף דיר געפעלען צו ווערען אויך אָהן בילדונג.

— און אויב מיר, איז דאָס אַנגענעהם? היתכן, אז מיין בקשה האָט ביי דיר קיין ווערט נישט?

— איך וועל קיין רוסיש ביכעל אין האַנד נישט נעהמען. ווען די דאָזיגע גבזיגע ביכלעך וואָלטען נישט געווען פרעמדע, וואָלט איך זיי שוין לאַנג פערברענט. אַזוי האָבען זיי מיר דערעסען.

— נו, דאס, רעכען איך, וואָלסטו דיך קיינמאָל נישט* געוואַגט צו טהון.

— איך וואָלט מיך נישט געוואַגט? אַיך וואָלט מיך געוואַגט און וועל מיך וואַגען. אָט דו וועסט זעהן.

— מיר וועלען זעהן.

— דו וועסט שוין זעהן, אויב די וועסט נישט אַ וועקוואַרפען דיין געוועהנהייט צו פערברענגען גאַנצע טעג און נעכט אויף די דאָזיגע אפיקורסישע ביכלעך.

ס'איז אַריבער אַ וואָך, אַ צווייטע, איך האָב ווידער געכאַפּט אַ מינוט און בין אויף דאָס ניי צוגעשטאַנען צו מיין פרוי, זי זאָל זיך בילדען.

— לאָז מיך צו־רוה מיט דיין בילדונג. אויב אַזוינע ווי איך בין, געפעל איך דיר נישט — דאַרף מען נישט. איך בין געבוירען אַ יודיש קינד און וועל שטאַרבען אַ יודיש קינד. אָט דאָס איז אַלץ. פערגעהמען זיך מיט נארישקייטען וויל איך נישט.

דאָס איז געווען איהר לעצטע תשובה. זי איז אָבער נישט גע־בליבען פאַסיוו, און האָט אָנגעהויבען צו מאַכען הירשלען טעגליכע סקאַנדאַלען פאר זייגע ביכלעך. צום סוף האָט זי געהאַלטען וואָרט. בעת הירשעל איז אַמאָל נישט געווען אין שטוב, האָט זי זיך צוגע־

כאפט צו זיין קעסטעל, האָט ארויסגענומען די ביכלעך און זיי צע-
פליקט אויף שטיקלעך. שפּעטער, אז ער איז אריין און האָט דערזעהן
דעם חורבן, האָט איהם פערקוועטשט פאר׳ן הארצען און ער האט זיך
פונאנדערגעוויינט ווי אַ קליין קינד. אויף זיין געוויין זענען אָנגע-
לאָפען שווער און שוויגער, און נאָך זיי אויך שכנים פון הויף.
הערענדיג אין וואָס דאָ האנדעלט זיך, זענען אלע איהם בעפאלען און
אויסגערופען: אפיקורס! הולטאי! עוכר ישראל! די דאָזיגע סצענע
האט אויף איהם געמאכט אנ׳ערשיטערענדיגען איינדרוק, און ער האט
בעשלאָסען אויף קיין זאך נישט צו קוקען און צו בעפרייען זיך איינ-
מאל פאר אלע מאל פון די קייטען, מיט וועלכע מען האט איהם
געשמיעדט מיט געוואלד.

אָבער שוין באלד אויף מאָרגען האָט זיך הירשעל דערפיהלט
צו-שוואך עפּיס צו טהון. פון דער נאַטור גאַנץ וועניג ענערגיש און
מיט אַ היבש ביסעל אָבשיי פאר דער געזעלשאַפטליכער מיינונג, איז
ער געבליבען זיצען אָבהענדיג, און זיין נעכטיגער בעשלוס צו בע-
פרייען זיך פון דער נייער, איהם שטיקענדער סביבה, איז אוועק, ווי
אין רויך. כדי זיך לייכטער צו מאַכען אויפ׳ן האַרצען, האָט ער אָנ-
געהויבען פיהרען אַ טאָג-ביכעל, אין וועלכען ער פלעגט יעדע נאַכט
פאַר׳ן שלאָף אויסגיסען זיינע געפיהלען און מאַכען אַ מין חשבון-הנפש.
דאָס דאָזיגע נאָטיץ-ביכעל, וואָס האָט ענטהאַלטען זיינע אינטימסטע
סודות, פלעגט ער תמיד טראָגען ביי זיך אונטער׳ן בוזעם און אָב-
היטען עס, ווי „דאָס אויג פון קאָפּ״. האָט זיך גראָד געדאַרפט מאַכען,
אז אַמאָל ביים אויפשטעהן אין דערפריה, איז דאָס ביכעל ביי איהם
אַרויסגעפאַלען, און ער האָט עס אונבעמערקט געלאָזט ליגען אויף דער
ערד און איזאַוועקגעגאַנגען דאַוונען. אין בית-המדרש האָט ער זיך מיט-
אַמאָל געגעבען אַ כאַפּ צום בוזעם, און דערזעהן דאָס טאָג-ביכעל איז נישטאָ,
און ער איז שיער נישט געפאַלען אין חלשות. אין אַ ווײלע אַרום האָט
ער זיך ווי-עס-איז בערוהיגט און זיך געטרייסט מיט דעם געדאַנק, אז
ס׳איז איהם געוויס פערלוירען געוואָרען אין גאַס, און טאָמער האָט
איהם עמיץ פון די שטעדטילדיגע יודען געפונען, וועט ער נישט דער-
געהן, וואָס אין איהם שטעהט, ווייל ס׳איז געשריבען אויף רוסיש, און
די נעמען פון די פערזאָנען וואָס ווערען אין איהם דערמאנט, זענען
פערבאָרגען אונטער געוויסע איניציאַלען. אזוי טראַכטענדיג, איז
ער געקומען אַהיים. דאָרט איז אָבער גאַנץ אומגעריכט געשעהן

אזוינס, וואָס האָט געהאַט אַ פאַטאַלע ווירקונג אויף זיין גאַנץ ווייטערדיק לעבען.

ס׳איז שוין דעמאָלט געווען העכער אַ האַלב יאָהר נאָך זיין חתונה. די שלעכטע שטימונג, וואָס האָט איהם אין זיין שווערס הויז בעהערשט פון דער ערשטער מינוט אָן, האָט געבראַכט דערצו, אז ער האָט פאַר דער גאַנצער צייט זיינע עלטערן כמעט ווי גאָרנישט געשריבען, און אפילו ארויסגעמאַכט זיך פון צו ענטפערן אויף זייערע גרוסען. אָט האָבען זיך אַמאָל מישב געווען זיינע עלטערן און זענען אַראָבגעפאָהרען צו איהם זעהן, וואָס ער מאַכט.

געקומען זענען די עלטערן אין אָווענד. דאָס איז געווען אַרום חנוכה-צייט. דער קבלת-פנים מצד די מחותנים האָט געטראָגען זעהר אַ וואַרימען כאַראַקטער. מ׳האָט דערלאַנגט אויפ׳ן טיש פון אַלדאָס גוטס, און אַלע, דער מחותן, די מחותנ׳עסטע און די יונגע שנור, האָבען זיך שטאַרק משמח געווען מיט די געסט און אַרויסגעוויזען זייער גרויס פריינדליכקייט און בעהאַרצטקייט. פערשטערט אַ ביסעל די שמחה האָט דאס בעגעגעניש מיט׳ן זוהן, וועלכער האָט אויסגעזעהן אַזוי שלעכט און אַזוי מיזערנע, אז די מוטער האָט שיער נישט פערבראָכען די הענד; זי האָט זיך אָבער איינגעהאַלטען און נור אַרויסגעזאָגט:

— הירשעלע מוז זיין אַ צו-גרויסער מתמיד; אזוי דאַרף אפילו זיין, ווען מ׳שניידט זיך אויף רבנות; אָבער מ׳וואָלט איהם אפשר געדאַרפט אַ ביסעל בעסער צוזעהן...

ביי די לעצטע ווערטער האָט זי אַ קוק געטהון אויף דער שוויגער. יענע האָט באַלד פערשטאַנען דעם מיין און האָט אויסגעשאָסען:

— אז ס׳איז שוין געקומען צו רעד, מוז איך אייך זאָגען, אז איהר האָט, מחותנ׳עסטע, זעהר אַ גרויסען טעות, לא די, וואס אייער הירשעלע איז נישט קיין מתמיד, ווי אייך דוכט זיך, האט ער אינגאַנצען פיינט בעקומען די גמרא און וויל אין איהר אפילו קיין קוק נישט געבען!

קוים האָט זי עס אַרויסגעזאָגט, האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דאָס יונגע ווייבעל און האָט אויך גענומען פער׳מסר׳ן הירשעלען פאַר זיינע עלטערן, אז ער האָט געוואָרפען אַנ׳אומ׳חן אויף דער גמרא און גיט זיך אָב כסדר מיט גוי׳אישע ביכלעך, און טאָמער איז דאָס נאָך ווייניג, רעדט ער איהר אויך אָן צו לערנען זיך גוי׳איש און צו געהן אין נישט קיין יודישע דרכים. איהר האָט פאָטאָקעוועט דער מחותן,

וועלכער איז ביז אַהער געזעסען און געשוויגען, און איצט האָט ער אויך גענומען שיטען פעך און שוועבעל אויפ'ן איידעם, בעזונדערס פאַרוואָס ער געהט שטענדיג אַרום אַ פערטראַכטער און איז אַריינגע-טהון אין „דער שוואַרץ-יאָהר ווייסט וואָס".

מיט בעקלעמטע הערצער האָבען די עלטערן אויסגעהערט אַלע טענות געגען זייער זוהן. דער פאָטער האָט זיך יעדע מינוט געהויבען פון שטוהל, עפּיס ווי ער וואָלט געזעסען אויף קויהלען, נור די מוטער פלעגט איהם איטליכעס מאָל אָבהאַלטען, ציהענדיג איהם פאַר'ן אַרבעל. הירשעל אַליין איז געבליבען זיצען אויף זיין אָרט, ווי פערגליווערט אין איין שטיק. אַ דריקענדע פויזע פאר אלעמען איז אַריינגעטראַטען. צום סוף האָט זיך אַ כאַפּ געטהון הירשעלס מוטער און געזאָגט:

— מיר זענען נאָך נישט אויסגערוהט פון וועג; דער איצטיגער „ברוך הבא" האָט אונז אויך קיין געזונט נישט צוגעגעבען. דעריבער קאָנען מיר זיך נאָך אָט אין דער מינוט נישט פונאַנדערקלויבען אין די אַלע חטאים, וואָס איהר האָט דאָ פאָרגעוואָרפען אונזער זוהן. לאָמיר דאָס לאָזען אויף מאָרגען.

און גראָד אויף מאָרגען פריה האָט דאָס יונגע ווייבעל אויפ-געהויבען פון דער ערד הירשעלס פערלוירען טאָג-ביכעל, און נישט האָבענדיג אַליין די מעגליכקייט צו דערגעהן, וועגען וואָס עס האנדעלט זיך אין איהם, האָט זי עס אַריינגעטראָגען ווייזען אַ בע-קאנטע קריסטין, אַנ'אלמנה פון אַ זשאנדארמען אָפיציר, וועלכע האָט געוואוינט ביי זיי אין הויף. קוים האָט די קריסטין בעוויזען איבערצולייענען די ערשטע פּאָר זייטלעך, האָט זי זיך אָבגערופען:

— דאָס שרייבט אַ פערצווייפעלטער יודישער יונגערמאַן, וועלכען זיינע עלטערן האָבען איהם מיט גוואַלד חתונה געמאַכט, און איצט פיהלט ער זיך העכסט אומגליקליך צו לעבען אונטער איין דאך מיט אַ פּא-נאטישער פרוי, וואָס האסט בילדונג, ווי דעם טויט און לעכצט נאך פינסטערניש, ווי איהרע אומוויסענדע עלטערן...

מעהר האָט דאָס יונגע ווייבעל נישט געוואָלט הערען. זי איז האסטיג אַרויסגעלאָפען פון דער שכנה און מיט פערבראָכענע הענד אַריינגעפלויגען צוריק אין שטוב. דאָרט האָט זי זיך היסטעריש פונאנדער-געוויינט און גענומען רייסען זיך די האָר פון קאָפּ און שילטען דעם טאָג פון איהר געבוירען. אויף איהרע קולות זענען אָנגעלאָפען איהר מוטער מיט דער שוויגער; דיביידע מחותנים זענען נאָך גע-

ווען ביי'ם דאווענען. אַ היבשע ווײַלע האָט געדויערט, ביז וואנען מען איז ביי איהר דערגאַנגען די סיבה פון איהרע געשרייען. נאָכ־דעם ווי די זאך איז אויפגעקלערט געוואָרען, האָט צווישעןביידע מחותּנ'עסטעס אויסגעבראָכען אַ שטאַרקער וואָרט־קאַמף, און עס האָט שוין כמעט געהאַלטען דערביי, אז איינע די אנדערע זאָל אויסרייסען די האָר. אויף דער סצענע זענען מיט אַ מאָל אָנגעגאַנגען די מחותּנים צוזאַמען מיט הירשלען, צוריקקעהרענדיג זיך פון בית־מדרש...

שווער איז אָנגעקומען די מחותּנים פונאנדערצוגעמען זייערע ווייבער. בעזונדערס האָט זיך נישט געקאָנט בערוהיגען הירשעלס מוטער, וועלכע האָט נישט געוואָלט דערלאָזען, מ'זאָל אַרויפוואַרפען אויף איהר זוהן אַזעלכע שווערע בעשולדיגונגען. דער פאָטער אָבער, וועלכער איז געווען דענערווירט און אויפגעקאָכט נאָך פון דעם נעכטען אויפדערנאַכטיגען שמועס, האָט זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטען, און נישט אַרויסרעדענדיג קיין וואָרט, האָט ער הירשלען פאַר די אויגען פון זיינע שוויגער־עלטערן און פון זיין יונג ווייבעל אָראָבּ־געלאָזט עטליכע פייערדיגע פעטש... הירשעל האָט פערביסען די ליפּען און זיין שטראָף מקבּל באהבה געווען.

דער סוף איז געווען, אז די עלטערן האָבען גענומען מיט זיך הירשלען צו זיך אַהיים אויף עטליכע וואָכען, ביז זיי וועלען איהם צוריק אַרויספיהרען אויפ'ן רעכטען וועג. פאַר דעם משך צייט האָט דער פאָטער הירשלען כּסדר גע'מוסר'ט, גערעדט מיט איהם מיט גוטען און מיט בייזען; די מוטער האָט מיט איהם אויך אַ סך אַריינגע־טענה'ט, און גאַנץ אָפט געבעטען זיך ביי איהם אונטער טייכען טרעהרען, ער זאָל זיי נישט פערשטערען זייער לעבען און נישט אָנ־מאַכען קיין חרפּות. הירשעל האָט זיי זעלטען־ווען געענטפערט אַ וואָרט, און כמעט תּמיד געשוויגען. ביי די עלטערן האָט דאָס געהייסען, אז ער איז קליגער געוואָרען און האָט תּשובה געטהון, און זיי האָבען וועגען דעם מודיע געווען זיין שווער און שוויגער, וועלכע האָבען איהם אויף פּסח צוריק אַראָבגעבראַכט צו זיך.

די איבערלעבענישען פון דער לעצטער צייט זענען אָבער פאַר הירשלען נישט אַריבער אומזיסט. דער שטענדיגער שוועכלינג האָט זיך איצט, אונטער דער השפּעה פון די לעצטע געשעהענישען, מיט אַמאָל גענומען פיהלען פיעל ענערגישער און ענטשלאָסענער. צוזאָגענדיג זיינע עלטערן, אז ער וועט שוין גוט און פרום זיין, איז ער אָבער

פון זיי אַוועקגעפֿאָהרען מיט דעם פעסטען בעשלוס אָנצוּנעהמען אַלע מיטלען אַרויסצורייסען זיך פון זיין פֿאַמיליען-לעבען, וואָס פערצוימט פֿאַר איהם אַלע וועגען צו זיין ריכטיגער בעפרייאונג, אום אַרויסצוּגעהן אין דער גרויסער, ברייטער וועלט.

שוין אויף מאָרגען נאָך פסח האָט הירשעל אַ זאָג-געטהון זיין יונג ווייבעל אָהן שום הקדמות:

— חייקע! ס'איז פערפֿאַלען. גליקליך קאָנען מיר שוין ביידע נישט זיין, איז אפשר גלייכער, אז מיר זאָלען זיך בעצייטענס גט'ן.

דאָס ווייבעל האָט אויף איהם, דערהערענדיג דאָס, אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגען, איז אַרויסגעלאָפען און האָט געבראַכט די עלטערן.

הירשעל איז אָבער פון דעם קנאַפּ-וואָס נתפעל געוואָרען. מיט דעמזעלבען טאָן האָט ער זיך צו זיי אָבגערופען.

— איהר וועט דאָך פון מיר סיי-ווי קיין נחת נישט האָבען, קיין רב וועל איך שוין קיינמאָל נישט זיין, ווייל איך וויל דאָס נישט זיין; טאָ צו וואָס דאַרפט איהר מיך?

— טאָ זאָג — האָט אויסגערופען די שוויגער, — וואָס ווילסט דו זיין?

— אַ דאָקטאָר וויל איך זיין! — האָט ער געענטפערט ענערגיש.

הערענדיג פון הירשלען, אז ער וויל ווערען אַ דאָקטאָר, זענען שווער און שוויגער שיער נישט געפֿאַלען חלשות. זיי האָבען זיך גאָר קיינמאָל נישט געקאָנט פֿאָרשטעלען, אז אַ יונגערמאַן אַ בית-מדרש'ניק, אַ קאַנדידאַט אויף רבנות, זאָל אַזוינס פון מויל אַרויסברענגען. אַ דאָקטאָר — דאָס איז דאָך אַ גוי ממש! נישט פערלוירען האָט זיך נור דאָס יונגע ווייבעל. אָנגעצונדען ווי אַ העליש פייער האָט זי אַ טופ געטהון מיט די פיס און אויסגעשריען, ווי נישט מיט איהר קול:

דו ווילסט? און וואו זענען מיר? מיר וועלען עס קיינמאָל נישט דערלאָזען!

הירשעל האָט זיך אָבער קנאַפּ-וואָס אָבגעשראָקען און געענטפערט גאַנץ קאַלטבלוטיג: „מיר וועלען זעהן!"

ביי די ווערטער איז ער אַרויס פון צימער.

אַרויסגעהענדיג אויפ'ן גאַס, איז ער אָבער תיכף געוואָרען ביי זיך שטאַרק אַראָבגעפֿאַלען. קאָנענדיג זיין שוואַכקייט, האָט ער בעקומען מורא, אז סוף-כל-סוף וועט איהם גובר זיין די סביבה, און ער וועט בלייבען בלויז ביים רעדען און וועט קיין זאַך נישט אויפטהון.

אין דער מינוט האָט ער זיך פערבענקט נאָך אַ גוטען פריינד, וועלכער זאָל איהם קענען געבען אַן עצה, ווי אַרויסצודרעהען זיך פון זיין מצב. אַזאַ פריינד האָט ער אָבער נישט געהאַט. זיינע אַלע בעקאַנטע בחורים און פרושים, מיט וועלכע ער האָט געלערנט צוזאַמען אין בית-מדרש, זענען געווען אָבגעשטאַנענע, פינסטערע ברואים, וואָס וואָלטען איהם גאָרנישט אָנגעהויבען אפילו צו פערשטעהן. טראַכטענדיג אַזוי, איז ער אַרויס הינטער'ן שטאָדט. ס'איז דאַן געווען זעהר אַ שענער זומער-טאָג. דער נאָהענטער, מיט גאָלדענעם גרינס בעגאָסענער וואַלד האָט איהם אָנגעלאַקט, און ער איז אַהין אַוועק. אָבגעגאַנגען עטליכע טריט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַן אונטערגעהאַקטען דעמבּ און זיך פערטיעפט אין זיינע געדאַנקען. פּלוצלונג האָט זיך איהם אויסגעדיכט, ווי ער הערט הינטער זיך עמיצען חראָפּען. תחלת האָט ער זיך אַ ביסעל דערשראָקען: ווער ווייסט, ווער דאָס קאָן זיין? און האָט שוין געהאַט בדעה צו כאַפּען און אַוועקגעהן. ער האָט זיך אָבער געמאכט הארץ, איז צוגעגאנגען און האָט אַ קוק געטהון, און תיכף אָבגעשפּרינגען אַ הינטער, נישט פון שרעק, נור פון גרויס פערוואונדערונג: ער האָט דערזעהן שלאָפען אונטער אַ בוים מיט אַ קליין רוסיש ביכעל אין האנד נישט קיין אנדערן, ווי דעם שטעדטעלדיגען מורה-הוראה'ס איינעקעל, אַ יונג בחור'ל פון אַ יאָהר אכטצעהן, זיינער אַ געוועזענער בית-מדרש-חבר, וועלכער האָט די לעצטע צייט געלערנט ערגעץ אין אַ ישיבה אין דער ליטא, און איז ערשט אויף דעם היינטיגען פּסח געקומען אַהיים.

—יחיאל! דו ביסט עס? — האָט הירשעל אויסגערופען.

דאָס בחור'ל האָט זיך אויפגעכאַפּט און, דערזעהענדיג נעבען זיך גאַנץ אומגעריכט הירשלען, איז ער ווי צעטומעלט געוואָרען, און האָט קיין וואָרט נישט געקאנט אַרויסרעדען; ער האָט נור אויף גיך אריינגעלעגט דאָס ביכעל אין קעשענע.

— דו האָסט זיך נישט וואָס צו בעהאַלטען, — האט איהם הירשעל גענומען בערוהיגען — און שרעק דיך נישט. דו זעהסט? —

דערביי האט הירשעל אַרויסגענומען פון אונטער'ן בוזים אַ רוסיש ווערק, וואָס ער האָט מיט זיך געטראָגען, און עס איהם בעוויזען.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, איז דעם מורה-הוראה'ס איינעקעל אַרונטערגעפאַלען אין דער פרעמד אונטער דער השפעה פון אַ ליטווישען משכיל, וועלכער האט אויף איהם געווירקט, ער זאָל שטרעבען

צו פערוועגדען זיינע פעהיגקייטען נישט אויף רבנות, נור אויף וועלטליכער בילדונג.

דער דאזיגער חבר איז געוועזען פאר הירשלען ווי אַ געוויסנס, וואס איז איהם אראָבגעפאלען פון הימעל. שוין דעם ערשטען טאג נאך זייער אומגעריכטער בעגעגעניש האט ער איהם פערטרויט זיין מצב און געבעטען ביי איהם אנ׳עצה, וואס צו טהון. גראד איז דעם מורה־הוראה׳ס איינינקעל געווען אַ סך ערפאהרענער און פראקטישער פאר הירשלען, און קלאר ווערענדיג מיט דעם גאנצען ענין, האָט ער צו איהם געזאגט:

— מיט בייזען וועסטו דאָ גאָרנישט אויספיהרען. די קאָנסט אפילו געפינען אַ דרך אַרויסצו׳גנב׳ענען זיך פון דיין שווער׳ס הויז, אָהן זאַכען, צי מיט זאַכען, אָבער העלפען וועט דאָס דיר נישט, ווייל דאָס ווייבעל וועט ביי דיר קיין גט נישט נעהמען, און איהרע עלטערן וועלען דיך תמיד רודפ׳ן; ווי און וואו די וועסט דיר פון זיי אויס־בעהאַלטען, וועלען זיי דיך שטענדיג אויפזיכען און קיין רוה נישט געבען, און אָהן דער געהעריגער מנוחה וועסטו זיך נישט קאָנען לערנען און וועסט קיינמאָל צו קיין תכלית נישט קומען. דעריבער איז מיין עצה, דו זאָלסט בעסער זעהן דערפיהרען צו דעם, אז זיי זאָלען זיך ביי דיר בעטען אָבצוג׳טן זייער טאָכטער; דעמאָלט וועלען זיי נאָך דיר, קאָן זיין, צוצאָהלען, און אַלענפאַלס וועסט דו זיכער זיין פון רדיפות.

— ווי מאַך איך, אז זיי זאָלען מיר וועלען אָב׳גט׳ן? — האָט איהם הירשעל געפרעגט. אויף דעם האָט איהם יחיאל געענטפערט:

— דו קאָנסט עס מאַכען גאנץ לייכט. דו הויב נאָר אָן אויפצו־פיהרען זיך נישט יודישליך; הער־אויף לערנען, הער־אויף דאַווענען, זיי בכלל נישט מקיים קיין מצוות, היט נישט אָב קיין דינים, וועסטו זעהן, אַז באַלד וועלען דיינע פרומע, גאָטס-פאָרכטיגע שוויגער־עלטערן דיר פאַלען אויפ׳ן האַלז און בעטען זיך ביי דיר תחנונים, דו זאָלסט אָב׳גט׳ן זייער טאָכטער. דו וועסט דאַן דארפען מאכען כלומר׳שט דעם אָנשטעל, אז דו ווילסט זי אויף קיין פאַל נישט גט׳ן, און טאקי שטארק איינשפּארען זיך, אז: ניין און ניין! וועסטו נאָך כאַפּען אַ פּותיקו און האָבען דערוויי׳ל וואס־ווען אויף אַ יאָהר, צי אויף צוויי חיונה...

הירשלען זענען די ווערטער אַריין אין אויער און ער האָט בע־שלאָסען אָנצונעהמען זיין חבר׳ס עצה. און טאקי שוין פון מאָרגען

אָן. איהם איז דאָס אָבער נישט אזוי גרינג אָנגעקומען. די רעליגיעזע ערציהונג, וואס ער האט בעקומען ביי זיינע עלטערן, האט אין איהם געשלאָגען צו־טיעפע וואָרצלען, ער זאל זיי קאנען איבער נאַכט אַרויס־רייסען. שווער איז איהם געווען מיט אַמאל אויפהערען צו דאַווענען, אדער געהמען פון העלער הויט עסען אומגעוואַשען און צו טהון וועלכע עבירה ס'זאָל נישט זיין. אין איהם האט אויסגעבראָכען אַנ־אינערליכער קאמף; פון איין זייט זיין שטאַרקע תשוקה אַרויסצורייסען זיך אין דער ברייטער וועלט אַריין, און פון דער אַנדערער זייט — זיין רעליגיעזע געזינונג. צום סוף האט ער זיך אָבגעשטעלט אויף דעם בעשלוס, אָבצוהיטען זיך דערווייל פון גרויסע „הימעל־שרייענדיגע" עבירות און אָנצוהויבען פון קלענערע...

אין אַ פאר טעג אַרום האט ער שוין געפונען דערצו אַ פאַסענדע געלעגענהייט. ס'איז דאַן אָנגעשטאנען „שבעה־עשר בתמוז". און ער האט בעשלאָסען דעם דאָזיגען תענית נישט אבצוהיטען און צו עסען. אָבער אויך דאס האט ער ביי זיך נישט געקאָנט פועל'ן צו טהון גלייך בפרהסיא, און האָט בעסער געוואָלט, מ'זאל איהם פאַקען ביי דער עבירה אין אַ וועלכער ס'איז בעהעלטעניש. און מען האט איהם טאַקע געפאַקט...

לויט ווי באָגראוו אַליין האט שפעטער דערצעהלט אין זיינע זכרונות, איז דאס דאזיגע געשעהעניש פארגעקומען אויפ'ן פאָל־גענדען אופן:

„איך בין אריין אין מיין שוויגער'ס שלאפצימער, וואו עס איז געווען אויפ'ן בעט אויסגעשאטען פייכטע אַרבעס צום טריקענען. איך האָב אַ כאַפּ געטהון אַ פול מויל מיט אַרבעס. תיכף אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפענט די טיהר און אויף דער שוועל האט זיך בעוויזען חייקע.

— וואס טוהסטו דאָ, הירשעל?

איך האָב עפעס אַרויסגעבורטשעט, אומקעהרענדיג זיך צו איהר מיט'ן רוקען. דאס געדיכטע מיט ארבעס אָנגעפילטע מויל האט מיר נישט געלאָזט אויסרעדען אַ וואָרט.

— וואס איז מיט דיר? — האט זיך חייקע בעאונרוהיגט, איז צו־געלאָפען און האט זיך איינגעקוקט גלייך מיר טיעף אין פנים אַריין. ווי מ'דאַרף זיך פארשטעלען האב איך אין יענער מינוט געמאכט שרעקליכע העויות, בעמיהענדיג זיך אראָבשלינגען די אַרבעס; איך האב

דאס אָבער געמאַכט צו־גיך און דורכדעם האב איך מיר שטארק פונאנדערגעהוסט, און אַ טייל פון די אַרבעס, וועלכע זענען ביי מיר געלעגען פערבאָרגען הינטער די באַקען, זענען אַרויסגעשפרונגען אויף גאָטס וועלט און ענטפּלעקט מיין עבירה...

חייקע האָט פערבראָכען די הענד און זיך פונאַנדערגעשריען:

— גוט! שעהן! אַנ׳אַנטיק!... אַח, ווי אומגליקליך איך בין...

און דער איז מיין מאַן!

איך האָב מיך שוין ווי עס־איז איינגעאָרדענט מיט די ארבעס, און געשוויגען.

— אזוי האלט עס שוין מיט דיר, דו, אַזוינער און אַזוינער? — האט זי נישט אויפגעהערט צו שרייען — דאס הייסט, אז האָסט שוין קיין גאָט אויך נישט!

—ליארים נישט אזוי, מ׳וועט דאך אויפלויפען ווי אויף אַ שרפה.

— אדרבה זאלען אלע אויפלויפען, איך וויל דאס טאקע; זאלען אלע זעהן, ווי אומגליקליך איך בין, ווי דו האסט מיך אַוועקגע׳הרג׳עט אויף אייביג.

— איך האב דיך אוועגגע׳הרג׳עט?! מיט וואס האב איך דיך אַוועקגע׳הרג׳עט אפשר מיט די ארבעס?

— זעה נור! דער אפיקורס האט נאך אַ העזה צו חוזק׳ן פון מיר.

חייקע האט געמאכט אזא גוואלד, אז עס זענען זיך צונויפגע־לאפען אלע שטוביגע מיט דער שוויגער בראש.

— אום גאָטעס ווילען, וואָס טוהט זיך דאָ?

איך, שטארק אויפגעבראַכט, האָב געשוויגען, און חייקע האט כסדר געוויינט. מיט גרויס שוועריגקייט האט די מוטער געפועל׳ט ביי דער טאָכטער, זי זאל איהר אויפקלערען וואס דאָ איז געשעהן. אָט דאָ האט זיך חייקע פונאַנדערגעקאָכט.

דעם גאנצען כעס האט חייקע אויסגעלאזט צו דער מוטער.

— צו וועמען האט איהר מיך פערקויפט אויף מיין גאנץ לעבען? אָט דעם אפיקורס, וואס האלט ביים שמד? הלואי וואלט איהר מיך שוין בעסער חתונה געמאכט מיט א שניידער, מיט אַ וואסער־טרעגער, איידער מיט אזעלכען.

הירשעל האט געמאכט אַ מינע, ווי ער וואלט זיך געפיהלט שטארק בעליידיגט. אין הארצען איז ער אבער געווען זעהר צופריעדען

מיט די רעזולטאטען פון זיין ערשטע זינד, און האט בעשלאסען שוין ווייטער נישט צו קוקען אויף קליינע און אויף גרויסע עבירות, אבי נאר צו דערגרייכען זיין ציעל.

אַלע עטליכע טעג פלעגט מיט איהם אויסברעכען אַ נייער סקאַנדאַל. די שטוב-מענשען פלעגען איהם כסדר כאַפּען ביי עבירות, און יעדעס מאל מאכען אַ טומעל, אנפאַלען אויף איהם מיט געשרייען, זידלען איהם כאחד הריקים און טענה'ן, אז עס איז שוין מיט איהם פול די שטאדט. הירשעל פלעגט זיך כלומר'שט בלאזען, און בשעת מעשה זיך שטארק פרעהען מיט דער האפנונג, אז אט, אט איז ער שוין ביים ברעג.

יעדען טאָג האָט ער זיך געריכט, אַז היינט וועט מען זיך שוין ביי איהם נעהמען בעטען, ער זאָל אָב'גט'ן חייקע'ן. אָבער עס זענען אַריבער עטליכע וואָכען און קיינער פון די שטוביגע האָט מיט איהם קיין איינציג וואָרט נישט פערוואָרפען וועגען אַ גט. איהם האָט זיך אפילו אָנגעהויבען דוכטען, אז זיין נישט-פרומקייט אַרט שוין גאָר קיינעם נישט, עפּעס ווי מען וואָלט עס אָנגענומען פאר גוטען.

איינמאָל, אַ שבת צו נאַכטס נאָך הבדלה, בעת ביי זיינע שוויגער-עלטערן האָבען זיך געפונען צו-גאסט עטליכע נאָהענטע קרובים, צווישען זיי צוויי פעטערס, וועלכע האָבען גע'שמ'ט אין שטאָדט פאַר עקסטע פרומאַקעס, האָט זיך הירשעל אויפגעהויבען פון אָרט און אויס-געשריען אויפ'ן קול:

— איך בעגנוג זיך מיט דער געלעגענהייט אייך מודיע צו זיין, אז כ'מוז מיך פון אייער חייקע'ן שיידען; זי איז נישט פאַר מיר, און איך בין נישט פאַר איהר. צווישען אונז ליעגט אַ גאנצער תהום. נישט אונזערע כאַראקטערען, נישט אונזערע איבערצייגונגען שטימען. אחוץ דעם דאַרפט איהר זיך דאָך אַלע אָבטרייסלען פון מיר צוליעב מיין נישט-פרומקייט. איך בין אַ פלעק אין אייער פאַמיליע. כדי צו בעפרייען אייך פון חרפות און זיך פון אייביגע יסורים, צי וואָלט אפשר נישט גלייכער געוועזן, איהר זאָלט מיך איינגאַנצען אַרויסוואַרפען פון אייער משפחה?

די דאָזיגע דערקלערונג און דער ענטשלאָסענער טאָן, אין וועלכען זי איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען, האָבען לכתחילה אַרויסגע-רופען ביי די אַנוועזענדע אַ שטאַרקע אויפרעגונג; זיי האָבען אָבער נישט געמאַכט דעם איינדרוק, וועלכען הירשעל האָט ערוואַרט. אַלע

זענען אויף איהם אָנגעפאַלען, האָבען איהם געמאַכט צו אַש און צו בלאָטע. די פרומע פעטערס האָבען איהם פערשאָטען מיט שטראָף־רייד, געדראָהט מיט גיהנום וכדומה, אָבער אין דער אונטערשטער שורה האט זיך אַרויסגעוויזען, אז זיי זענען מעהר נוטה צו שלום ווי צו אַ גט. הירשעל איז געוואָרען אויפגעבראַכטער פון מינוט צו מינוט, און צום סוף האָט ער ווי מיט די לעצטע כחות געגעבען אַ קלאַפּ מיט דער האַנד אויפ'ן טיש און געזאָגט:

— איהר זאגט אייך אָב, ווי איך זעה, צו העלפען מיר וועגען אַ גט?

— פונאַנדערשיידען צווישען מאַן און ווייב — האָט זיך אָבגערופען איינער פון די פעטערס — איז איינע פון די גרעסטע עבירות.

— בכן זאָגט איהר אייך לחלוטין אָב?

— מיר קאָנען געגען דעם רבונו של עולם נישט געהן. — האָט אונטערגעכאַפּט דער צווייטער פעטער.

— נו, גוט; זייט וויסען, אז איך וועל שוין געפינען אַ מיטעל צו בעפרייען מיך פון אייער אפּוטרופּסות און פון דער יודישער אַפּוטרופּסות בכלל...

הירשעלס לעצטע ווערטער האָבען אַלעמען געטראָפען, ווי אַ דינער. זיי האבען פערשטאַנען וואָס ער מיינט. און עס איז מיט אַמאָל געוואָרען אַ ליאַרעם מיט אַ געפילדער, עפּעס אַזוי ווי די גאַנצע שטוב וואָלט זיך גענומען טרייסלען, — ער וויל זיך שמד'ן, ער וועט אונז אָנטהון חרפות־ובושים אויף אייביג, ער וועט אונז אומגליקליך מאַכען, מיר אַלע וועלען דאַרפען צוליעב איהם אָבגעבען דין וחשבון אויף יענער וועלט.

דער טומעל האָט זיך געשטאַרקט פון מינוט צו מינוט. די צוויי פעטערס זענען ארומגעלאָפען פון גרויס דענערווירונג איבער'ן שטוב ווי צומישטע.

און ווי געקומען צו איין בעשלוס, האָבען אַלע גענומען באַמבאַר־דירען חייקע'ן:

— נעהם איהם אַרום, דעם האָליש. לאָז איהם הויל און נאַקעט און זאָל ער געהן צו אַלדי רוחות. דו ביזט יונג און נישט קיין מיאוס ווייבעל. דיינע עלטערן וועלען דיר אָבגעבען דיין נדן, און פאַר געלד וועסטו בעקומען אַן אַנדער מאַן, אַ נ'אמת'ן ערליכען יוד.

דו וועסט מיט איהם לעבען ווי די הייליגע תורה האט געבאָטען, ווי אַ כשר'ע, פרומע יודישע טאָכטער.

ס'האָט אויסגעוויזען, אז די זאַך געהט אויף אַ וועג. הירשעל איז אין דער מינוט געווען ווי פער'שכור'ט פון דער פרעהליכער פערספעקטיווע, אז ער איז שוין נעהנטער ווי ווייטער צו זיין בעפרייאונג. זיין הארץ האָט זיך אין איהם געצאַפּעלט פון האָפנונג. בילדער פון אַנ'אנדער, בעסער לעבען האָבען שוין געשוועבט פאַר זיינע אויגען.

זיין שמחה האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען פאַר פריהצייטיג. ער האָט ביז איצט נישט געקענט זיין ווייבעל מיט איהר שטיינערנער עקשנות. קיין זאַך האָט זי נישט געריהרט, קיין זאַך האָט זי נישט געשהאָקען. פאַר אַלעמען האט זי געהאַט נור איין תשובה:

—וואוהין ער וועט געהן, וועל איך אויך געהן, אפילו אין גיהנום. איך וועל איהם נישט לאָזען לעבען, ווי איהם ווילט זיך.

אויף מאָרגען האָט זיך הירשעל דערוואוסט מן הצד, אז זיין ווייבעל'ס משפחה האָט געשיקט אַראָפּבּרענגען זיינע עלטערן. פאַר דעם האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקען, און נאָך דעמזעלבען טאָג, שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, בעת אַלע שטוביגע זענען שוין לאַנג געשלאָפען, האָט ער זיך שטיל אַרויסגע'גנב'עט, און ווי ער שטעהט און געהט איז ער אַנטלאָפען.

לויט דער עצה פון זיין חבר, דעם מורה הוראה'ס אייניקעל, האָט ער זיך געלאָזט געהן קיין ליטא, וואו ער האָט געהאָפט צו דערשלאָגען זיך גיך און לייכט צו אַ תכלית מיט דער הילף פון די דאָרטיגע משכילים.

נישט האָבענדיג ביי זיך קיין גראָשען געלד, איז איהם אויסגעקומען צו געהן צו פוס און אָבשטעלען זיך ביי די יודישע ישוב'ניקעס אין יעדען דערפעל, וואו ער פלעגט איבערנעכטיגען און בעקומען עטליכע קאָפּיקעס אויף דער הוצאה. געזאָגט האָט ער איטליכען, וועמ ס'האָט איהם נור געפרעגט, אז ער פאָהרט אין אַ ישיבה לערנען. האָט ער אָנגעטראָפען אויף אַ ישוב'ניק אַ בן-תורה, מיט וועלכען ער האָט זיך געקאָנט מפלפל זיין אין לערנען, פלעגט ער שוין פון איהם אַוועקגעהן אָנגעלאָדען מיט כל-טוב. בכלל האט ער אָבער געהאַט זעהר אַ שווערען וועג. ס'איז שוין דאַן געווען הערבסט-צייט. די זון האָט זעהר ווייניג געוואַרימט, כמעט טעגליך זענען געגאַנגען שלאַקס-

רעגענס, פון די זאַמדיגע וועגען זענען געוואָרען טיעפע זומפען און
בלאָטעס, אין וועלכע ער איז גאַנץ אָפט געקראָכען ביז'ן האַלז. נישט
איינמאָל איז ער אַריינגעפאלען אין אַ קרעטשמע איינגאַנצען דורכגע-
ווייקט און טרייסלענדיג זיך פון קעלט און כמעט שוין אָהן אָטעם.
דאָך האָט ער אַלץ אָנגענומען פאַר ליעב, האָבענדיג פאַר זיינע אויגען
דעם לעצטען צוועק.

אין אַ געוויסען טאָג האט איהם גאנץ אומגעריכט פאַסירט אַני-
אומגליק, וואָס האט זיך אבער נישט בלויז פערענדיגט פאר איהם
צו גוטען, נאר אויך געבראַכט איהם גיכער צו דעם אָרט, וואוהין ער
האָט געשטרעבט.

געהענדיג ביי אַ פייכטען, קאַלטען וועטער אין וועג, האָט ער
זיך, זענענדיג זעהר מיעד און אָבגעמאַטערט, אַוועקגעזעצט אויף
אַ שטיין אָברוהען. ער האָט אַרויסגענומען פון זעקעל דאָס ברויט
מיט'ן שטיקעל קעז, וואָס מ'האָט איהם מיטגעגעבען אין לעצטען דאָרף,
און האָט גענומען שטילען זיין הונגער. פלוצלינג האָט ער דערהערט
דאָס קלינגען פון אַ גלעקעל, און באַלד איז אָנגעפאָהרען אַ קליין
בריטשקעלע, וואו עס זענען געזעסען אַן'עלטערער יוד מיט נאָך איינעם
אַ יונגערן. דערזעהן הירשל'ען ווי ער זיצט אַזוי און עסט, האָט דער
עלטערער אָבגעשטעלט די בריטשקע און האָט איהם, אָנשטעלענדיג
דערביי אַ רחמנות-פּנים, אַ פרעג געטהון, צי וויל ער אפשר נישט אונ-
טערפאָהרען מיט זיי אַ שטיקעל וועגס ביז דער נאָהענטער קרעטשמע.
הירשעל האָט זיך אָנגעכאַפּט און איז אַרויף צו זיי אויף דער
בריטשקע. פאָהרענדיג, האָט זיך דער עלטערער יוד מיט איהם פונאַנדער-
גערעדט, און הערענדיג פון איהם, אז ער פאָהרט לערנען אין אַ ישיבה,
האָט ער איהם אַ גלעט געטהון פאַר דער באַק און געזאָגט: „אויב
אַזוי, ביזטו מיר טייער און איך וועל דיך שוין מעהר נישט לאָזען
געהן צו-פיס. איך וועל דיך האַלטען ביי מיר, ביז דו וועסט דיך גוט
אויסרוהען, און נאָכדעם וועל איך זעהן, דו זאָלסט אָנקומען אויף דיין
אָרט בשלום". דעם אַלטענס וואַרימע רייד האָבען הירשלען דער-
מונטערט, און ער איז גאַנץ צופריעדען געווען פון דעם צופאַל, וואָס
ער וועט זיך קאָנען אויסרוהען און צוזאַמענגעהמען די כחות. אָנ-
געקומען אין קרעטשמע, האָבען איהם דאָרט דער אַלטער מיט זיין
זוהן אַרויסגעוויזען גרויס ליעבשאַפט און איהם געהאַלטען ממש ווי
אַ זוהן. צוקוקענדיג זיך אָבער די ערשטע צוויי טעג צו דעם שטייגער-

לעבען פון זיין נייעם „מכניס אורח“, איז עס עפּעס ביי איהם אויס־געקומען נישט גלאַטיג. ער האָט בעמערקט, אז וויפיעל מאָל אין טאָג, און אַמאָל אויך גאַנץ שפּעט אין אָוועגד, קומען אין קרעטשמע פערדעכטיגע פּערזאָנען, וועלכע שושקען זיך כסדר מיט די בעלי־בתים, ווי זיי וואָלטען זיי איינרוימען סודות אין אויער, און ער האָט זיך אָנגעהויבען אָנשטויסען, אז דער אַלטער מיט זיין זוהן פערנעהמען זיך נישט מיט כשר׳ע פּרנסות. נעהמענדיג דאָס אין אַכט, האָט ער ביי זיך בעשלאָסען, שוין אויף מאָרגען גאַנץ פריה צו פערלאָזען די קרעטשמע. פון גרויס אויפרעגונג האָט ער יענע נאַכט נישט געקאָנט איינשלאָפען, און איז געלעגען אין דער פינסטער מיט אָפענע אויגען. פלוצלינג האָט ער דערהערט פון איבער דער וואַנד ווי דער אַלטער מיט׳ן זוהן פיהרען וועגען איהם אַ שמועס, און ער איז פערציטערט געוואָרען...

דאס איז געווען אין יענע פינסטערע צייטען, אונטער דער ממשלה פון ניקאָלאי דעם ערשטען, בעת יודישע יונגע לייט, בע־זונדערס די, וועלכע האָבען נישט געהאַט קיין פּעסער, זענען בע־טראַכט געוואָרען אַלס הפקר, און יעדער האָט זיי געמעגט כאַפּען און אָבגעבען אַלס סאָלדאַטען. נעהמענדיג דאָס אין אַכט, האָט הירשעל באַלד פערשטאַנען, אַז ער איז אַריינגעפאַלען אין די הענד פון אַזעלכע מענשען־פאַנגער. ער איז שנעל אין דער שטיל אַראָבגעשפּרונגען פון זיין געלעגער, האָט אַרויסגענומען פון זיין בוזעם־קעשענע זיין פּאַס און צוגעבונדען איהם מיט אַ שנירעל שטאָף צום האַרצען, און זיך ווידער געלעגט שלאָפען. ס׳האָט לאַנג נישט גערויערט. און צו איהם אין חדר איז אַריין אויף די שפּיץ פינגער דעם אַלטענס זוהן, וועלכער האָט אין די פינסטער דורכגעטאַפּט אַלע זיינע קעשענעס און נישט געפינענדיג אין זיי גאָרנישט, חוץ אַ פּאָר שטיקלעך פערדאַרטע ברויט, איז ער אַרויס פון צימער, און באַלד האָט הירשעל דערהערט ווי ער זאָגט צום פאָטער:

— דער קלויזניק האָט נישט קיין דאָקומענט; ער איז, קענטיג, אַ „נעלם“. קיין בעסערע סחורה פון איהם קאָן שוין נישט געבען.

אויף דעם האָט איהם געענטפערט דער אַלטער:

— מאָרגען פריה וועל איך איהם אוועקפיהרען אין „סטאַן“. דער „פּריסטאַוו“ וועט אונז שוין אָנווייזען דעם ריכטיגען בעלן. דאָס איז

אַ „הערכט" פון געוויסע דריי הונדערט רובל; הונדערט וועט מען דארפען געבען דעם „גוי"...

הירשעל איז געלעגען, איינהאַלטענדיג דעם אָטעם, און איהם האָט געקלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן. איהם האָט געשראָקען דער געדאַנק, טאָמער געפינט מען ביי איהם דעם פּאַס און מ׳נעהמט איהם צו מיט גוואַלד... זיין שרעק האָט איהם געטריבען דעם שלאָף. און ער האָט זיך אַזוי אומגעוואָרפען אויף אַלע זייטען ביז אין העלען טאָג אַריין. פאַרטאָג איז צו איהם אַריין דער אַלטער און, זעהענדיג ווי ער ליגט מיט אָפענע אויגען, האָט ער זיך צו איהם אָבגערופען אַנשטעלענדיג דערביי אַ רחמנות-פּנים׳ל:

— דו שלאָפסט נעביך נישט, איך האָב אויך אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט אַנ׳אויג צוטהון, און אַלץ נור צוליב דיר...

— צוליעב מיר? — האָט איהם הירשעל געפרעגט ווי פערוואונדערט.

— אין אונזער קאַנט איז מיט אַמאָל געוואָרען נישט רוהיג: אויף אַלע וועגען האָט מען אָנגעהויבען פרעגען „פּעסער. ווער עס האָט קיין פּאַס נישט, ווערט געשמידט אָין קייטען און אָבגעשיקט מיט׳ן „עטאַפּ" אין די שטאָדט, פון וואַנען ער איז. דו האָסט אַ פּאַס?

— איך? — האָט געענטפערט הירשעל מיט אַ פערקלעמט האַרץ — האָט רחמנות, גוטע מענשען, ראַטעוועט מיך, איך בין אָהן אַ פּאַס...

— שרעק דיך נישט, מיין זוהן — האָט איהם געטרייסט דער אַלטער — דו געפינסט זיך צווישען באַרעמהאַרציגע יודען, וועלכע וועלען קיינעם נישט דערלאָזען דיר שלעכטס טהון. איך וועל דיר תיכף אָבפיהרען אין דעם נאָהענטסטען „סטאַן"; דאָרט האָב איך אַ באַקאַנטען „פּריסטאַוו", ביי וועלכען איך וועל זעהן פּועל׳ן, ער זאָל דיר אַרויסגעבען אַ פּאַס, כדי דו זאָלסט זיין זיכער אין וועג ביז דו וועסט אָנקומען אויפ׳ן אָרט, און זיך זעצען לערנען בשלום.

אָנגעקומען אין „סטאַן", האָט דער אַלטער געלאָזט שטעהן הירשלען אויפ׳ן הויף, און אַליין איז ער אַריין צום „פּריסטאַוו", מיט וועלכען ער האָט זיך אַ קורצע ווײַלע גע׳סוד׳עט אויפ׳ן אויער, און איז אַוועק. באַלד איז אַרויס אַ פּאָליציאַנט און האָט אַריינגעפיהרט הירשלען צום „פּריסטאַוו".

— דו האָסט, שענער בחור, קיין פּאַס נישט?! — האָט דער „פּריסטאַוו" אויף איהם אַ געשריי געטהון.

— איך האָב נישט? — האָט איהם הירשעל באַלד אָבגעענטפערט שטאָלץ, און אין, אַ שענעם רוסיש — איך האָב יאָ!..

— ווייז מיר נור דיין פּאַס! — האָט דער „פּריסטאַוו“ בעפוילען.

— אין אַנ'אַנדער צייט — האָט הירשעל געזאָגט — וואָלט איך אייער בעפעהל תּיכּף ערפילט, אָבער ביי די היינטיגע אומשטענדען קאָן איך עס טהון נור פאר עדות.

— און מיר אַליין טרויסט דו נישט?

— אין איצטיגען מאָמענט נ י ש ט!

דער טאָן, אין וועלכען הירשעל האָט דאָס ארויסגערעדט, האָט געמאַכט אויף דעם פּריסטאַוו אַ שטאַרקען רושם. ער האָט דערזעהן, אז ער האָט דאָ צו טהון נישט מיט עפּעס אַ לעמעשקע, וועלכען מ'קאָן פערקויפען פאר אַ צווייער, נור מיט אַנ'אינטעליגענטען יודישען יונגענמאַן, און האָט אַריינגערופען צו זיך אין צימער די צוויי שרייבער פון „סטאַן“ פאַר עדות. דאן האָט הירשעל אַרויסגענומען זיין פּאַס און בעוויזען איהם דעם „פּריסטאַוו“. דער „פּריסטאַוו“ האָט בעטראַכט דעם פּאַס, געדרעהט איהם אַהין און אַהער און דערלאַנגענדיג איהם הירשלען, האָט ער געזאָגט:

— איהר קאָנט זיך אייך געהן אין גאָט'ס נאָמען!

הירשעל איז אָבער אזוי גיך נישט אַוועקגעגאנגען. ער האָט זיך פריהער געוואָלט נוקם זיין אָן דעם אלטען „מכניס-אורח“ מיט זיין זוהן, וועלכע זענען געוועזען קאפּאבעל צו פערקויפען איהם פאר געלט. ער האָט דערצעהלט דעם „פּריסטאַוו“ אלץ, וואָס ער האָט זיך אין די לעצטע טעג אָנגעזעהן אין קרעטשמע, וועלכע ער האָט איהם אָבגעשילדערט אלס אַ פערבאָרגענע נעסט פון אלערליי פערברעכענס, וואָס בלייבען אונבעשטראָפט. דערביי האָט איהם הירשעל געגעבען אָנצוהערעניש, אז אויב ער וועט תּיכף ומיד נישט צוציהען דעם אלטען מיט'ן זוהן צו פעראנטוואָרטליכקייט, וועט ער די זאך מיטטיילען אין פּאָוויאַט. דער „פּריסטאַוו“, וועלכער האָט זיך אליין אויך געפיהלט נישט בעזונדערס ריין, האט באַלד דעם קרעטשמער מיט'ן זוהן ארעסטירט. הירשלען האָט ער אָבער געראטען דערפון נישט צו מאכען קיין גרויס וועזען, ווייל „ס'איז אַ רחמנות אויף יודען“. דער סוף איז געווען, אז מ'האָט הירשלען מפצר געווען מיט עטליכע צעהנדליג רובל, און אזוי-ארום איז דער ענין געוואָרען צוריבען...

דאָס דאָזיגע געשעהעניש האָט שפּעטער געדיענט באָגראָווין

אלס סוזשעט פאר אַ גרעסערער ערצעהלונג, אין וועלכער ער האָט צו די ווירקליכע פאקטען צוגעגעבען אייניגע סצענעס און בילדער, שוין גענומען פון דער פאנטאזיע. אין יעדער שורה איז אָבער צו דערקענען, אז יענע איבערלעבענישען אין קרעטשמע זענען פאר איהם גלאט נישט אריבער. פון דעמאָלט אָן איז ביי איהם פערבליבען אַ טיעפע, איינגעבאַקענע שנאה צו די קהל׳שע רעדעל־פיהרער פון ניקאלאי׳ס צייטען און צו די יודישע פרנסי־חדשים, וועלכע האָבען זיך רוהיג צוגעקוקט צו אַזעלכע שענדליכע מעשים, ווי די „מענשען־פאנגעריי”, וואָס האָט זיך דאן פראקטיצירט עפענטליך, און קיינער פון די פאָלקס־פיהרער האָט געגען דעם אפילו „קיין פיפס נישט געטהון”. תמיד האָט באַגראָוו וועגען זיי גערעדט און געשריבען מיט שוים אויף די ליפען, און מאָלענדיג זיי, האָט ער נישט געקארגט קיין שוואַרצע פארבען.

אַ דאנק די עטליכע צעהנדליג רובל, וואָס ער האָט בעקומען ביים קרעטשמער, האָט שוין הירשעל מעהר נישט בעדארפט שלעפען זיך אין וועג צו־פוס; ער האָט שוין איצט געקאָנט פאָהרען מיט בעלי־עגלות, און אַ חודש אַנ׳ערך נאָך סוכות איז ער אָנגעקומען קיין מינסק.

פון מינסק האָט ער געקלערט — פאָהרען ווייטער קיין ווילנא— דער דעמאָלדיגער צענטר פון השכלה. דאָ האט אָבער ווייטער פאַסירט אַ גאנץ אומגעריכטער צופאל, וועלכער האָט איהם פערהאלטען אַ לאנגע צייט אויף אנ׳אָרט. ארויסגעהענדיג אין גאס, האט ער זיך פלוצלינג בעגעגענט מיט דעם יונגען „אָטקופּשיק”, ביי וועלכען זיין פאָטער האָט אמאָל געדיענט. פונאנדערערעדענדיג זיך מיט הירשלען הערענדיג פון איהם צו וואָס ער שטרעבט, האָט ער אפילו מסכים געווען צו זיין צוועק, גלייכצייטיג אָבער האט ער איהם אָבגערעדט פון פארען דערווייל קיין ווילנא, וואו ער וועט אפשר נישט בעקומען די נויטיגע שטיצע, און האט איהם פאָרגעלעגט, אז אזוי ווי ער פערשטעהט גוט די רוסישע שפראך, זאל ער צו איהם אנקומען אויף אַ שטעל אין דעם „אָטקופּ”, וועלכען ער האָט נאָר־וואָס אָנגענומען אין מינסקער ראיאָן; אינ׳ם משך פון אַ פאָר יאָהר וועט ער אָנקלויבען אַ געוויסע סומע געלד, וועלכע וועט איהם געבען די מעגליכקייט צו פאָהרען קיין ווילנא און שפּייזען זיך דאָרט מיט אייגענע

מיטלען ביז ער וועט דערגרייכען זיין ציעל. די עצה איז הירשלעס זעהר געפעלען געוואָרען און ער האָט אָנגענומען די שטעל.

דאָס פרייע, פון יודישקייט אויסגעטהוענע לעבען, פון די יודישע „אַקציזניקעס", וועלכע האָבען זיך אויף דעם סמך בעטראַכט פאַר „משכילים" און געהאַלטען זיך ווייט פונ'ם „פינסטערן" פאָלק, האָט הירשלען ווי פער'שכור'ט. עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און ער איז אויך אַריינגעצויגען געוואָרען אינ'ם שטראָם פון די דאָזיגע אפיקורסישע בעלי-תאוה'ניקעס, וועלכע האָבען זיך אַראָבגעוואָרפען אַלע מאָראַלישע און עטישע יאָכען און האָבען זיך ציניש בעצויגען צו יעדען אידעאַל. ס'איז מיט איהם געקומען אַזוי ווייט, אז ס'האָבען זיך אין איהם אויסגעלאָשען אפילו זיינע ביזהעריגע בילדונגס-שטרעבונגען, צוליעב וועלכע ער האָט אַזוי פיעל געליטען און געקעמפט. ער האָט זיך אויפגעהערט אינטערעסירען מיט דער רוסישער ליטעראַטור, ער האָט אַוועקגעוואָרפען לעזען און געפיהרט נור אַ מגושמ'דיג מאַטעריעל לעבען.

צוריקקעהרענדיג אַ געוויסען טאָג פון אַ רעוויזיע אין די קרייז-„אטקופען" קיין מינסק, האָט אויף איהם דאָרט געוואַרט זעהר נישט קיין אנגענעהמער סיורפריז: ער האָט דערווישט ביי זיך אויפ'ן קוואַרטיר זיין ווייבעל מיט אַ קינד פון דריי פערטעל יאָהר אויף די אָרעמס! — — — — — — — — — — — — —

הירשעל איז צומישט געוואָרען און איז געבליבען שטעהן ווי פערגליווערט אויף זיין אָרט. נישט פערלוירען האָט זיך נור דאָס ווייבעל. עפעס אַזוי ווי זי וואָלט זיך נאָך געפונען אין שטוב ביי איהר טאַטע-מאַמען, האָט זי זיך אויף איהם אַרויפגעוואָרפען מיט די-זעלבע קללות און מיט דעמזעלבען נוסח וואָס אַמאָל. הירשעל האָט געהערט און געשוויגען; ער האָט מורא געהאט, עס זאָל נישט ווערען קיין אָנגעלויף פון די שכנים. אז חייקע האָט שוין אָבער אַריבערגעכאַפּט די מאָס און גענומען קלאַפּען מיט די הענד אָן טיש, האָט אין איהם אויפגעבליצט דער געדאַנק אַרויסצוווארפען זי פון צימער; ער האָט אָבער אַ קוק געטהון אויף דאָס קינד און — האָט זיך פונאַנדערגעוויינט. דערזעהענדיג דעם מאַנס טרעהרען, איז חייקע באַלד ווייכער געוואָרען.

אין אַ פּאָר טעג ארום איז אָבער הירשעל אַנטלאָפען פון מינסק, און דאָס מאָל שוין נישט קיין ווילנא, נור גלייך קיין פּעטערבורג,

וואו עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע און זעהר אַנ'אינטערעסאַנטע תקופה אין זיין לעבען.

פאַר דער צייט, וואָס באַגראָוו האָט געדיענט אינ'ם „אָטקופ" פון דעם מינסקער ראַיאָן, איז איהם עטליכע מאל אויסגעקומען אריינגשיקען קיין פעטערבורג, וואו עס האָט זיך געפונען די הויפט-פערוואלטונג, פערשיעדענע חשבונות און ראַפּאָרטען. די דאָזיגע ראַפּאַרטען האבען תמיד שטארק נושא חן געווען ביי די העכערע בעאַמטע צוליב דעם שענעם רוסיש, אין וועלכען זיי זענען געווען צוזאַמענגעשטעלט. אין יענער צייט איז נאָך אַ גוטער רוסיש-קענער געווען צווישן יודען אַ גרויסע זעלטענהייט. אַ פּאָר מאל האט באַגראוו בעקומען אריינגעשיקט פון פעטערבורג אַ בעזונדער מתנה אלס אויסצייכנונג פאר זיין „רעיע-לער ארבייט". וויסענדיג, אז אין פּעטערבורג האָבן יודען צרות פון וואוינרעכט, איז ער גלייך אויף מאָרגען אַוועק אין די פערוואלטונג פון די „אָטקופּען"; דארט האט ער זיך פארגעשטעלט פאר'ן די-רעקטאָר, דערצעהלט איהם צוליב וועלכען צוועק ער איז געקומען אין דער רוסישער הויפט-שטאָדט, און געבעטען ביי איהם אַנ'עצה ווי אזוי און אויף וועלכען אופן ער וועט קאנען פועל'ן, אז מ'זאל איהם לאזען פערבלייבען אין דער רעזידענץ. דער דירעקטאר, אַ ווי-טעבסקער יוד, וועלכער האט כמה יאהרען אנגעפיהרט מיט די גע-שעפטען פונ'ם באראן יוזיל גינצבורג און האט עס פון איהם בעקו-מען זיין הוכען פאסטען, האט תיכף גענומען אָבשלאגען באַגראוו'ן פון זיין גאנצען פלאן, און האט צו איהם געזאגט:

— ווי איך נעהם-אן, זענט איר שוין העכער פון אַ בן-עשרים; ווען איהר זאלט זיך איצט אוועקזעצען לערנען, וועט איהר הלואי פערענדיגען אייער שטודיום אין אַ יאר פינף ארום. און דערנאָך זעה איך נאך אויך נישט, וועלכע גליקען עס ערווארטען אייך; עס קאן נאך אריבערגעהן אַ גאנץ לאנגע צייט ביז איהר וועט זיך צו עפּעס דערשלאגען. ס'וועט אויף דעם אופן אויסקומען, אז בעת אנדערע געהען שוין אוועק אויף רוה, וועט איהר ערשט דארפען אנהויבען צו פיהרען אייער לעבענס-קאמף. איך וואלט אייך געראטען, נישט אָבצו-זאגן זיך פון בילדונג, ווייל דאס איז דער הוב פון יעדען מענש, נור ארויסשלאגען זיך פון מוח דעם געדאנק וועגען שטודירען. בילדען קאנט איהר זיך אליין. און טאקע דאָ אין פעטערבורג, וואו עס זענען דא דערהצו מעהר און גרעסערע מעגליכקייטען, ווי אין דער פרא-

חינך. כדי איהר זאלט דא האבען אייערע לעבענס-מיטלען צוזאמען מיט וואוינרעכט, בין איך גרייט צו געבען אייך אַרבייט עטליכע שעה טעגליך אין דער פערוואַלטונג. דעם אמת וועל איך אייך זאָגען, אז דער באַראָן גינצבורג, צו וועמען עס געהערען אַלע „אָטקופען" אינ'ם צפון-מערב-קאַנט, נעהמט-אָן גערן יודישע אַקציזניקעס אויף דער פראָווינץ, און וויל זיי זעהר נישט האָבען נעבען זיך אין פעטערבורג, ער האָט זיך אין דעם זיינע טעמים. אָבער דערקענענדיג אייך דורך אייערע ראַפּאָרטען פאַר זעהר אַ פעהיגען, און אגב האָבען מיר וועגען אייך דערצעהלט בעקאַנטע פון מינסק, אַז איהר זענט אַ יוד אַ בן-תורה, וועל איך מיך שוין פאַר אייך משתדל זיין פאַר'ן באַראָן, און האָף, אַז מיין השתדלות וועט נישט זיין אומזיסט.

באַגראָוו'ן איז אָבער דעם דירעקטאָרס עצה זעהר נישט געווען צום האַרצען. ער האָט ביי זיך נישט געקאָנט פועל'ן אָבצוזאָגען זיך פון דעם געדאַנק וועגען שטודירען, נאָכדעם ווי דאָס איז ביי איהם געוועזן זיין לאַנג-יעהריגער אידעאַל, פאַר וועלכען ער האָט אַזוי פיעל געליט'ען און געשטריטען, פאַר וועלכען ער האָט רעזיגנירט פון פאַ-מיליען-לעבען אַוועקוואַרפענדיג זיין ווייב און קינד אויף גאָטס בעראָט. תמיד האָט ער געשטרעבט צו העכערע אידעאַלען, און צום סוף זאָל ער נאך בלייבען אַ מגושמ'דיגער אַקציזניק ? ! ניין ! ער קאָן אויף דעם בשום אופן נישט מסכים זיין !

און מיט דעם בעשלוס איז ער אַוועק פון דירעקטאָר.

דא האט זיך אבער ווידער אַרויסגעוויזען זיין נאטירליכע שוואכ-קייט. שוין אויפ'ן וועג צו זיין קוואטיר האט איהם שטאַרק פעדרא-סען פארוואס ער האט אזוי קאטעגאריש געמאלדען דעם דירעקטאר, אַז ער קאן זיין עצה נישט אננעהמען, און ער האט שוין געהאט בדעה צוריקצוקעהרען זיך און זאגן איהם, אַז ער איז מסכים צו זיין פאר-שלאַג. ער האט זיך אבער אבגעהאַלטען, און האט עס אבגעלעגט אויף מארגען.

נאכדעם ווי באגראוו האט אויף מארגען מודיע געווען דעם דירעקטאר, אז ער נעמט גערן אן זיין פלאן, האט צו איהם יענער בעזאגט :

עפיס אַזוי ווי דאס הארץ וואלט מיר זגעזאגט, אַז כוף-כל-סוף וועט איהר מיר פאלגען, האב איך שוין וועגען אייך געהאַט א שמועס מיט'ן באראן, און האב ביי איהם אלץ אויסגעפירט. אגב האט ער מיר

געבעטען זאגען אייך, אַז איהר זאָלט צו איהם אַריינגעהן.

דער בעוואוסטער יודיש-רוסישער נאָוועליסט ל. לעוואַנדע, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען באגראוו׳ס אַנ׳אינטימער פריינד, האט מיר אמאָל איבערגעגעבען דאס פאָלגענדע זעהר כאַראַקטעריסטישע געשפּרעך, וואס איז פארגעקומען צווישען באַראָן יוזיל גינצבורג מיט באַגראוו׳ן ביי זייער ערשטער בעגעגעניש:

— מיין דירעקטאר האט מיר געזאגט — אזוי האט אנגעהויבען דער באראָן — אַז איהר זענט א גרויסער בר-אורין; געוויס האט איהר געלערנט אין ישיבות.

— יאָ.

— טא ווי קומט איהר עס אַוועקוואַרפען לערנען און ווערען גאר אנ׳אנגעשטעלטער אין „אטקופּ״?

— מיין פאטער איז געווען כל ימיו ביי דעם עסק פון בראנפען — האט איהם געענטפערט באַגראוו — און אזוי בין איך אויך אריבער צו דעם געשעפט.

— אט דאס הייסט „מאַלאַראָסיע״! אין ליטא וואלט אייך געוויס אויס-געכאפּט אנ׳עושר פאר אנ׳איידים, און איהר וואלט שוין לאנג געווען א רב.

— עס קאן גרייליך זיין.

— און איצט נעמט איהר ווען אין האנד אריין א גמרא? — האט איהם געפרעגט דער באראָן.

— זינט איך בין געווארען אנגעשטעלט ביים „אטקופּ״ האב איך שוין אויף דעם מעהר קיין צייט נישט געהאט.

— אבער בענקען בענקט איהר יא נאך א גמרא?

— אנטקעגען וואס, ה׳ באראן, פרעגט איהר עס מיך?

— איהר דאַרפט וויסען, יונגערמאַן, — האט איהם אויף דעם גע-ענטפערט דער באַראָן — אַז כמעט אַלע, וואס דיענען ביי מיר אין „אטקופּ״, זענען געוועזענע ישיבה-בחורים; וואלטען זיי פריהער נישט געווען קיין וואויללערנער, וואלטען זיי היינט אזוי גוט נישט געקענט די רוסישע שפּראַך. זיי מיינען אבער, אז ווי באלד מ׳ווערט אנאקציזניק, דארף מען שוין אראבווארפען פון זיך דעם נאַנצען יאך פון יודישקייט און אויסטהון זיך פון תורה און פון מצוות און פון אַלץ, וואס גאט האט געבאטען. מיט די אקציזניקעס, וועלכע זענען אנגעשטעלט פון מיר אין די פּראווינץ-שטעדט, קאן איך גאר נישט מאכען... אונטער די אויגען קאן איך זיי נישט קאנטראלירען.

ביי מיינע רעוויזיעס מוסר איך זיי גוט אויס, אבער עס העלפט נישט. האבען אבער א צולאזענעם אקציזניק אין מיינע ד׳ אמות, אין מיין פערוואלטונג, וואו איך געה טאָג־טעגליך אַריין, דאָס וואָלט איך שוין נישט געקאָנט פערטראָגאן. בכן, יונגערמאן, ווילט איהר, אַז איך זאָל זיין פון אייך צופרידען און אַז איהר זאָלט ביי מיר שטייגען און שטייגען, זאָלט איהר זיין אַן׳עהרליכער יוד, אַזוי ווי מיין דירעקטאָר, למשל, וועלכער איז אַ מאַן מיט אַ סך בילדונג און דערצו אַ גרויסער למדן און אַן׳אמת׳ער ירא־שמים און איינער פון מיינע „מנין״־לייט. איהר קאָנט אויך אַרויפגעהן צו מיר אַלע אין דער פריה דאַווענען; דאָרט וועט איהר אויך בעקומען, אויב איהר וועט נאָר וועלען, אַ שענע ש״ס־גמרא...

די גאַנצע צייט פונ׳ם געשפרעך האָט באַגראָוו׳ן געהויבן אין דער לופט. איהם, דעם פריי־געזאָנענעם, וועלכער האָט זיך שוין לאַנג אָבגעזאגט פון אַלע „זאַבאָבאָנעס״, זאָל מען אַזוינס פאָרלעגען, און וואו נאָך? — אין סאַמע פעטערבורג! דער געדאַנק, טאָמער ברענגט מען איהם, חלילה, דערצו צו ווערען באמת צוריק אַן׳ערליכער יוד, האָט אויף איהם אָנגעוואָרפען אַ גרויס פחד. ער האָט דעם באַראָן גאָר־נישט געענטפערט און האָט אויסגעקוקט מיט אונגעדולד די מינוט, ווען ער וועט שוין קאָנען אַוועקגעהן. איהם האָט אָבער דערוואַרט נאָך אַן׳ערגערער סיורפריז אז ער האָט זיך שוין אויפגעהויבען, האָט איהם דער באַראָן אַ פרעג געטהון:

— זייט איהר שוין אַ בעווייבטער?... איך וועל זעהן פועל׳ן מ׳זאָל ערלויבען אייער פרוי וואוינען מיט אייך דאָ, אין פעטערבורג...

באגראָוו איז תחלת ווי געוואָרען צומישט, דערנאָך האָט ער קוים אַרויסגערעדט.

— איך?... ניין!...

אין זעהר אַ געדריקטער שטימונג איז באגראָוו אַוועק פון באַראָן. אויף מאָרגען איז ער אָבער געקומען צו דער אַרבייט אין דער פער־וואלטונג. ער האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזען פאַר זעהר פעהיג אויף זיין געביט. דער דירעקטאָר איז פון איהם געוועזען זעהר צופריעדען, און האָט זיך בענוצט מיט יעדער געלעגענהייט צו לויבען איהם פאַר דעם באַראָן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דער באַראָן איינגע־לאַדען באגראָוו׳ן צו אַרבייטען ביי איהם אַ פאָר שעה אין טאָג אַלס

זיין פערזענליכער סעקרעטאַר און צו פיהרען זיין פּריוואַטע קאָרעס-פּאָנדענץ אין רוסיש און העברעאיש.

ביסלעכוויז האָט זיך באַגראָוו איינגעאָרדענט זיין לעבען אין פּעטערבורג. פאַר מיטאָג האָט ער געאַרבייט אין דער פערוואַלטונג און ביים באַראָן, און די גאַנצע איבעריגע צייט האָט ער פערבראַכט אויף זעלבסט-בילדונג, האָט געלערנט פרעמדע שפּראַכען, פיעל גע-לעזען און אַסך געשריבען. נאָך אין מינסק האָט ער געהערט פון מבינים, אַז ער בעזיצט אַ טאַלענט צום שרייבען. איצט האָט ער זיך גענומען וואָס מעהר דעם דאָזיגען טאַלענט אויסבילדען. אין יענער צייט האָט ער פערפאַסט זיין ערשטעס גרעסער רוסיש ווערק אונטער'ן נאָמען „זאפּיסקי יעווריעיא" (שריפטען פון אַ יודען). דאָס דערמאָהנטע ווערק איז געשריבען אין דער פאָרם פון אַנ'אויטאָביאָגראַפיע. אין אמת'ן ענטהאַלט עס אבער גאַנץ ווייניג פון זיין אייגענער ביאגראפיע און אַסך זייטיגע בעאבאַכטונגען.

זעהר גוט האט זיך באַגראוו געפיהלט אויף זיין נייער שטעל אין פּעטערבורג. בעזונדערס צופריעדען איז ער געווען מיט דעם, וואס באראן גינצבורג האט איהם געלאזט צורוה און איהם מעהר נישט געפּרובט אנבאטען ווערען פון זיינע „מנין"-לייט און נעהמען אַ גמרא אין האנד. פאר דעם האט ער זיך געשראקען ווי פאר פייער, און נאכדעם ווי עס איז אריבער אַ געוויסע צייט, און קיינער האט איהם אין זיין אויפפיהרונג נישט געשטערט, און ער האט זיך געקאנט לעבען נאך זיין פערלאנג, האט ער זיך אינגאנצען בערוהיגט.

איינמאָל, בעת באַגראָוו איז געקומען צו דער אַרבייט אין פער-וואַלטונג, האָט איהם דער דירעקטאָר דערצעהלט, אַז ער פאָהרט איב-ניכען אָב קיין סעוואַסטאָפּאָל, וואו ער וועט אָנפיהרען מיט די פערשידענע פּאָדראַד-געשעפטען פון באַראָן גינצבורג. דאָס איז געווען אין דער צייט פון'ם קרימער קריעג אין יאָהר 1855. דערביי האָט ער פאָרגעלעגט באַגראָוו'ן מיטצופאָהרען מיט איהם און איהם ביי-הילפיג צו זיין אין זיין רוסישער קאָרעספּאָנדענץ. אין אָנהויב האָט זיך באַגראָוו געקווענקעלט; איהם האָט זיך נישט געוואָלט פערלאָזען פּעטערבורג און איבערייסען זיינע למודים. אָבער נאָכדעם ווי דער דירעקטאָר האָט איהם בעשטימט אַ גרויס געהאַלט האָט ער מסכים געווען.

ווי דער שטייגער פון מלחמה-צייט, זענען דאָ קיין קרים אָנ-

געלאָפּען אַ סך יודען פון תחום, און כמעט אַלע האָבען זיי דאָרט גע־
מאַכט גוטע געשעפטען. דער עולם האָט זיך געבאָדען ממש אין גאָלד.
באַגראוו'ן האט באַלד דער ענין פערשמעקט, און ער האט זיך אויך
גענומען אויפ'ן אייגענעם חשבון צו אַלערליי עסקים, פריהער — קלע־
נערע און נאָכהער גרעסערע. באַלד איז איהם די צייט אַוועק גוט,
און ער האט אנגעהויבען פערדיענען שטיקער געלד. אַז ער האט שוין
געהאַלטען צו ווערען אַ היבשער עושר, האט ער אַוועקגעלאזט דעם די־
רעקטאר מיט די פרעמדע פאדריאַדען און איז אַליין געוואָרען אַ
פאדריאַרטשיק. ביים סוף פון דער מלחמה איז ער אבגעפאהרען פון
קרים מיט אַ גרויסען קאַפּיטאַל. זיין נייער מצב, וועלכען ער האט דער־
גרייכט אַזוי אומגעריכט, האָט אין איהם דערוועקט נייע געדאַנקען
וועגען זיין ווייטערדיגען לעבענס־וואַנדעל. ער האָט איצט גענומען
פאַנטאַזירען וועגען אַנ'אַנדער סאָרט לעבען, וועגען אַ רייכען לעבען.
ער האָט זיך אַרויסגעשלאָגען פון מוח זיינע פּלענער וועגען זעלבסט־
בילדונג, האָט אויפגעהערט צו קלערען אויך וועגען זיינע ליטעראַרי־
שע פּרובען, אין איהם האָבען זיך דערוועקט זיינע אַמאָליגע פער־
לאַנגען און שטרעבונגען נאָך עשירות, נאָך קאָמפאָרט, נאָך אַ פריי,
אונאָבהענגיג לעבען. פּלוצלינג האָט ער זיך אָבער דערמאָהנט אָן זיין
חייקע'ן, וועלכע זוכט איהם געוויס אַרום איבער דער וועלט, און ווער
ווייסט, וועלכע סיורפּריזען זי קאָן נאָך איהם מאַכען. ביי דעם גע־
דאַנק איז ער פערטרייסעלט געוואָרען, ער האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז
כל זמן ער האָט זי נאָך נישט אָבגעג'גט און איז פון איהר נישט פריי
געוואָרען, קאָן ער נאָך גאָר אַפילו נישט אָנהויבען צו קלערען
וועגען יענעם נייעם לעבען צו וועלכען ער שטרעבט אַזוי שטאַרק.

נאָכדענקענדיג אַזוי וועגען זיין ניי־געשאַפענער לאַגע, האָט ער
פאַר זיך נישט געפונען קיין אַנדער אויסוועג, ווי נור צוריקקעהרען
זיך אַהיים און אָנבאָטען חייקע'ן פאַר'ן גט אַזאַ גרויסע געלד־סומע,
נעגען וועלכער זי וועט נישט קאָנען ביישטעהן און וועט מרוצה ווערען
צו שיידען זיך פון איהם. מיט אַ שווער האַרץ האָט ער אָנגענומען
דעם דאָזיגען בעשלוס. ער האָט צו־גוט געקענט חייקע'ן און געוואוסט,
אַז דאָס איז אַ נוס, וואָס לאָזט זיך אַזוי לייכט נישט צוקנאַקען.
דאָך האָט ער זיך אָנגעטהון אַ כח און זיך געלאָזט פאָהרען אַהיים.

אין וועג האָט ער זיך צופעליג דערוואוסט, אַז זיינע עלטערן
זענען פאַר דער צייט פעראָרעמט געוואָרען. די דאָזיגע ידיעה האָט

איהם שטאַרק ערשיטערט. אין עצם האָט באַגראָוו זעהר ליעב געהאַט זיינע עלטערן, בעזונדערס די מוטער. נישט איינמאָל האָט איהם דאָס האַרץ וועה געטהון פאַרוואָס ער האָט זיי גורם געווען אַזאַ צער מיט זיין אַנטלויפען פון ווייב און קינד, און נישט איינמאָל האָט ער בע־שלאָסען ביי זיי מחילה צו בעטען. ער האָט דאָס אָבער נישט גע־טהון, ווייל ער האָט געקענט זיין פאָטערס פערביסענע נאַטור, וועלכע וועט איהם קיינמאָל נישט דערלאָזען, איהם מוחל צו זיין. ער האָט אויך מורא געהאַט טאמער וועט דורך דעם זיין פרוי געוואויר ווערען, וואו ער געפינט זיך, און זי וועט קאנען מאַכען איהם סקאַנדאַלען. איצט, אז ער פאהרט שוין ממילא צו זיין פרוי, קאן ער זיך שוין אויך זעהן מיט זיינע עלטערן, און בעזונדער ווען ער קומט צו זיי אַראב אַלס גביר און האט די מעגליכקייט אוסצוהאַלטען זיי בכבוד אויף דער עלטער.

באַגראָוו'ס חשבון איז אַרויסגעקומען ריכטיג, אבער נור אויף דער העלפט. דעוויסענדיג זיך וועגען זיין מצב, האבען איהם זיינע עלטערן אויפגענומען מיט גרויס פרייד און ליעבשאַפט. דער פאטער האט פערגאסען טרעהרען פון גרויס שמחה, וואס איהם וועט שוין איצט נישט אויסקומען צו הונגערן אויף דער עלטער, און די מוטער האט אבגעגעבען אַ שבח צו גאט, פאַרוואס ער האט איהר מזכה געווען מיט אַ זוהן אַנ'עושר. נאכדעם ווי ער האט זיי אבער דערצעהלט, אַז ער איז אַראבגעפאהרען נור כדי אבצוּ'גט'ן חייקע'ן, האט זיך זייער שטימונג אינגאַנצען אומגעביטען. דער פאטער האט פערבראכען די הענד, און די מוטער האט זיך גענומען רייסען די האהר פון קאפּ. זיי האבען געקוקט אויף דער זאַך, ווי אויף אַ גרויס פערברעכען.

— דו ווילסט אונז פערשוואַרצען דאס פנים, — האט די מוטער גע'טענה'ט — אין אונזער משפחה זענען קיינמאל קיין גט'ן נישט פארגעקומען.

— אין דער שטוב, וואו מאַן און ווייב גט'ן זיך — האט אונטער־געכאַפּט דער פאטער — פערגיסט דער מזבח טרעהרען... גט'סט דו אב דיין ווייב, פערלאַנג איך פון דיין האַנד קיין שטיצע נישט, און וויל דיר נישט האבען פאַר קיין זוהן.

לאַנג האט זיך באגראוו מתווכח געווען מיט די עלטערן; ער האט זיי אויפגעוויזען אלע חייקע'ס חסרונות, ער האט זיי אבגע־שילדערט ווי ווייט ער מיט איהר שטימען נישט אין די כאראק־טערען, און אויף וויפיעל זיי זענען ביידע פייער מיט וואסער. זיינע

עלטערען זענען אבער פערבליבען ביי דאס זייעריגע: זיי וועלען דאס בשום אופן נישט דערלאזען, סיידען ער וועט זיך פון זיי אבזאגען אויף אייביג.

— איצט, אז דו פאהרסט אראב אהיים ווי אנ׳עושר — האט דער פאטער איהם געגומען טרייסטען — וועסט דו האבען ביי דיין חייקע׳ן גאר אנ׳אנדער פנים. איהר גאנצע בייזקייט האט געשטאמט נור פון דעם, וואס דו האסט דיך ארומגעבלאנקעט אהן א ציעל; קיין רב האס־ טו נישט געוואלט זיין, און קיין בעל מפרנס האסטו נישט געקאנט זיין, היינט איז די זאך גאר אנדערש.

— און ווי האט דאס אטאטע קיין רחמנות נישט אויף זיין אייגען קינד? — האט איהם די מוטער, וויינענדיג, געפרעגט — וואלסט דו געוואוסט וואס פאר א תכשיט א יונגעלע דו האסט? מיר קלויבען פון איהם נחת פון דערוויטען. ער געהט דאך אין חדר און לערנט שוין חומש!

דער לעצטער ארגומענט האט אויף באגראוו׳ן געמאכט אנ׳איינ־ דרוק. פאר זיין שוואכער נאטור האט דאס געהאט אנ׳ענטשיידענדע בעדייטונג. נאך אין דער זעלבער וואך האבען זיינע עלטערן אראב־ געבראכט צו זיך חייקע׳ן, און צווישען מאן און ווייב איז געשלאסען געווארען א שלום...

באגראוו האט דאן געקויפט א גוט אין פאלטאווער גובערניע און זיך דארט בעזעצט מיט זיין פאמיליע. די ערשטע צייט האט חייקע באמת בעקומען רעספעקט פאר זיין עשירות און פאר זיין זעהר בע־ קוועם איינגעארדענט לעבען, און האט איהם אין קיין זאך נישט גע־ שטערט. ער האט אנגעהויבען מאכען געשעפטען מיט די נאענטע פריצים, וועלכע ער פלעגט גאנץ אפט בעזוכען און אמאל אויך איינ־ לאדען זיי צו זיך מיט זייערע ווייבער אויף בעלער. חייקע׳ן פלעגט דאס זעהר נישט שמעקען; זי פלעגט אבער פערבייסען די ליפען און שווייגען. ס׳האבען זיך אפילו געטראפען פאלען, וואס זי האט איהם געמאכט סצענעס, פארוואס ער גיט זיך צו־פיעל אב מיט קריסטליכע פרויען, אבער יעדעס מאל האט זי זיך באלד בערוהיגט.

אזוי האט באגראוו מיט זיין פרוי אבגעלעבט שענע עטליכע יאהר. פאר דער צייט האט חייקע בעוויזען צו געבוירען איהם זיבען זיהן. אין הארצען האט ער זי אבער נישט ליעב געהאט, און האט שטארק בעדויערט, וואס ער האט געפאלגט די עלטערן. צייטענווייז

פלעגט אין איהם אויפבליצען דער געדאַנק וועגען אַנטלויפען. ווי ער פלעגט אָבער אַקוק טהון אויף די קינדער, איז שוין באַלד דער גע־דאַנק אַוועק ווי אין רויך.

„איינמאל — אַזוי דערצעהלט באַגראוו — האט ער זיך אין אַ גע־שפרעך מיט׳ן ווייב אויסגעדריקט, אַז ער האט בעשלאָסען צו געבען זיינע קינדער אַ רוסישע ערציהונג.

— וואס? — איז זי אויף איהם אַרויפגעפאַלען — אַ רוסישע ער־ציהונג? מיינע קינדער? איך וועל זיי גיכער אַלעמען דערשטיקען. ס׳וועט נישט זיין ווי דיר ווילט זיך! איך האב שוין פאַר זיי גענו־מען אַ מלמד. קיין אַנדערע לעהרער דאַרפען מיינע קידער נישט האבען.

— איך שטער דערווייל נישט דיין מלמד. די קינדער זענען נאך קליינע. געדענק אָבער דאס: אַז ס׳וועט קומען די צייט, וועל איך דיין אידיאטישען מלמד אַרויסשליידערן דורכ׳ן פענסטער!

— דו וועסט נישט האבען די העזה! איך בין אַ מוטער פון מיי־נע קינדער און דערציה זיי פאַר פרומע יודען.

ס׳האט אויסגעבראכען א גרויסער סקאנדאל. די קינדער האבען געקוקט מיט דערשראקענע אויגעלעך אויף די ווילד־געווארענע עלטערן, נישט וויסענדיג מיט וועמען צו סימפאַטיזירען.

אויפ׳ן צווייטען טאג האט מיר מיין ווייב פלוצלינג געמאכט א סיורפריז:

— דו וועסט גלויבען, הירשעל, אונזערע יונגלעך האָבען שוין אָנגעהויבען לערנען גמרא. דער מלמד קאָן זיך נישט אָבוואונדערן פון זייערע פעהיגקייטען. ער איז מיך מבטיח, אַז פון זיי וועלען אַרויסוואַקסען רבנים און גאונים.

— זאָג דיין אידיאָטישען מלמד, אַז אויב ער וועט נישט אויפ־הערען אָנשטאָפען די קעפ פון די קינדער מיט זיין גמרא, וועל איך אַלע זיינע ביינער צוברעכען.

— דו ביזט משוגע?

— דיין מלמד איז אַראָב פון זינען, און דו האַלטסט שוין אויך נישט ווייט פון דעם. אַ קליינינקייט אַביסעל, צו נעמען און פייניגען קליינע קינדער!

— וואָס פאַר אַ שרעקליכער פאָטער דו ביזט!

— וואָס פאַר אַ צערטליכע מוטער דו ביזט!

אַזעלכע סצענעס און אַרומרייסענישען האָבען זיך איבער־

צע׳חזר׳ט אומצעהליגע מאָל; איך האָב זיי אָבער וועניג גענומען אין
אַכט. דער פּלאַן פון מיין ווייטערדיגען לעבען און דער ערציהונג
פון מיינע קינדער איז ביי מיר געוואָרען אויסגעאַרבייט נאָך לאַנגע
מחשבות און איך האָב פעסט בעשלאָסען נישט אָבצוטרעטען פון מיין
פּראָגראַם אַפילו אויף אַ האָהר״.

אַזוי איז באַגראָוו׳ס פאמיליען-לעבען געוואָרען פאַר איהם אַ
גהינום. אַיינג זענען איהם געוואָרען זיינע פיער ווינקלען, און ער
האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען רעטונג. צוליב דעם
האָט ער אָנגעהויבען פערנאַכלעסיגען זיינע געשעפטען און צו פער-
ברענגען די צייט ביי די אַרומיגע קריסטליכע גוט-בעזיצער. בעזונ-
דערס פלעגט ער בעזוכען אַן׳אַלמנה פון אַ רוסישען אויסגעדיענטען
גענעראַל, וועלכע האָט געוואוינט מיט איהר איינציגער טאָכטער, אַ
פריילין, אין אַ הויז נישט ווייט פון זיין גוט. די אַלמנה, ווי אויך
די טאָכטער, וועלכע זענען געווען ליבעראַל געזאָנען האָבען איהם
יעדעס מאָל אַרויסגעוויזען גרויס פריינדליכקייט, און אין אַ קורצער
צייט אַרום איז ער ביי זיי געוואָרען אַ היימישער מענש. אימפּאָנירט
האָט ער זיי, בעזונדערס דעם פריילין, מיט זיינע גרויסע קענטניש
אין דער רוסישער ליטעראַטור. אגב פלעגט ביי איהם די אַלמנה מאַ-
כען פון צייט צו צייט אַ הלואה, וועלכע זי פלעגט איהם קיינמאָל
נישט צוריקקעהרען, ווייל זי האָט זיך תמיד געפונען אין אַ שווערער
מאַטעריעלער לאַגע. אין די שעה׳ן, וואָס באַגראָוו האָט ביי זיי פער-
בראַכט, האָט ער פערגעסען זיין ביטער פאַמיליען-לעבען, און דע-
ריבער פלעגט ער זוכען און געפינען וואָס מעהר געלעגענהייטען
פאַר זיינע וויזיטען. אין גיכען האָט ער דערפיהלט, אַז ער איז צו
דעם פריילין, וועלכעס איז געווען אַ זעלטענע שעהנהייט, נישט גלייכ-
גילטיג. פאר דעם האָט ער זיך אָנפאַנגס זעהר דערשראָקען. ער האָט
בורא געהאַט, אַז דאָס קאָן ווערען טראַגיש פאַר זיינע קינדער, וועלכע
ער האָט זעהר געליעבט. אַ געוויסע צייט האָט ער זיך, ווי שווער
דאָס איז פאַר איהם געווען, אָבגעהאַלטען פון צו בעזוכען די אַלמנה;
ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כח און איז אַהין נישט געגאַנגען אַפילו
נאָכדעם ווי די אַלמנה האָט איהם געגעבען צו וויסען, אַז זיי וואונ-
דערען זיך זעהר פאַרוואָס ער האָט צו זיי אויפגעהערט
קומען. ס׳איז אָבער גענוג געווען, אַז חייקע זאָל איהם מאַכען דעם
ערשטען סקאַנדאַל, און ער האָט צוריק בעגייט זיינע בעזוכען ביי דער

אַלמנה. באַלד האָט פאַר איהם דאָס הויז בעקומען אַ גאַנץ בעזונדערע צוציהונגס-קראַפט. ער האָט בעמערקט, אַז דאָס פריילין בעציהט זיך צו איהם אַלץ מעהר אינטים, און ער האָט פערשטאַנען, אַז זי האָט אויף איהם אויך געוואָרפען אַן׳אויג...

ערשט דאָ האָבען זיך אָנגעהויבען פאַר באַגראָוו׳ן שווערע, ביטערע טעג. ער האָט זיך דערשפירט אין דער קלעם. פון איין זייט האָט איהם שטאַרק געצויגען צו דער אַלמנה׳ס טאָכטער, וועלכע האָט איהם ווי פער׳כשופ׳ט, און פון דער אַנדערער זייט האָט ער זיך געפיהלט ווי געשמידט אין קייטען דורך חייקע׳ן. בנוגע די קינדער האָט ער געפונען אַן׳אויסוועג: מיט זיינע פאָטערליכע רעכט וועט ער זיי אָבנעהמען ביי חייקע׳ן מיט געוואַלד און אבגעבען זיי שטודירען אין אַן׳אַנדער שטאָדט; מיט חיונה וועט ער זיי בעזאָרגען: ער וועט פאַר יעדערן פון זיי אַריינלעגען אין באַנק אַ געוויסע סומע. שמד׳ן זיך וועט ער בשום אופן נישט; ער קאָן דאָס נישט טהון די עלטערן, וועלכע ער וועט געוויס דורך דעם מקצר ימים זיין; ער וויל נישט, מ׳זאָל זאָגען, אַז צוליב איהם זענען זיי אַוועק פון דער וועלט פאַר דער צייט. ווי ווערט מען אָבער פטור פון חייקע׳ן??!...

דערווייל האָט געדאַרפט פאַסירען אַ זאַ צופאַל: חייקע האָט אָנגעהויבען מערקען, אַז באַגראָוו ווערט אָפט פערפאַלען פון שטוב אויף גאַנצע אָוועדען, און עס טרעפט, אַז ער קומט אַהיים אַ שטיק נאָך האַלבער נאַכט. זי האָט איהם גענומען נאָכשפירען, ביז זי איז דערגאַנגען וואוהין ער געהט און מיט וועמען ער פערברענגט. ס׳האָבען זיך אין איהר פונאַנדערגעפלאַקערט געפיהלען פון אַ בע-ליידיגטער פרוי, צונויפגעגאָסען מיט אַ שטאַרקער אייפערזוכט, אין בעת ער האָט זיך אַמאָל צוריקגעקעהרט פון דער אַלמנה בעגינען, האָט זי איהם אָבגעוואַרט, און ווי נאָר ער איז אַריין אין שטוב, האָט זי אויף איהם גענומען שליידערן אַלץ, וואָס איהר איז געקומען צו דער האַנד: גלעזער און טעלער און העלצער, ביז זי האָט איהם צו- בליטיגט, בעגלייט מיט שרעקליכע קולות און געשרייען. ס׳האָבען זיך אויפגעכאַפט די קינדער מיט אַ געוויין, און עס איז אַראָבגעלאָפען דער מלמד פון אויבער-שטיבעל, און די דיענסט מיט דער ניאַנקע זענען אויך אַריינגעפלויגען, און באַגראָוו איז געשטאַנען שטיל, נישט אויס- רעדענדיג קיין וואָרט, ווי אַן׳אָבגע׳משפט׳ער. און האָט זיך נות גע- ווישט דאָס בלוט פון שטערן...

אויף מאָרגען נאָך דעם דאָזיגען געשעהעניש, איז חייקע גע-פאָהרען אין שטאָדט אַריין. און אין שטוב זענען אויסער באַגראָווי'ן געבליבען בלויז דער מלמד מיט די קינדער. באַגראָוו איז דאַן געזעסען ביי זיך אין קאַבינעט פערדאַגה'ט און זעהר פערצאָגט. שטיל האָט זיך געעפענט די טהיר, און ס'איז אַריין דער מלמד.

באַגראָוו האָט פון דער ערשטער מינוט אָן דעם מלמד נישט געקאָנט פערטראָגען; ער האָט איהם געהאַלטען פאַר דעם שוחט פון זיינע קינדער, און האָט דעריבער קיינמאָל מיט איהם קיין וואָרט נישט פערביטען. דערזעהענדיג איהם איצט, האָט ער אויף איהם אויסגע-גלאָצט א פּאָר אויגען.

— איך ווייס וואויל — האָט זיך דער מלמד צו איהם אָבגע-רופען — אז איהר האלט פון מיר נישט, און אז אייך וואָלט זיך גראדע געוואָלט פון מיר פּטור ווערען. איך בין אייך אָבער א גוטער פריינד, און אז איך זעה, ווי איהר ליידט אזוי פון אייער פלונית'טע, וואָלט איך אייך געוואָלט געבען אנ'עצה, ווי צו מאכען מיט איין מאָל א סוף צו אייערע צרות.

— וואָס פאר אנ'עצה האט איהר פאר מיר? — האָט איהם באַג-ראוו געפרעגט נייגיריג.

— גט איהר אָב — האָט דער מלמד א זאָג געטהון מיט א זעלבסט-צופרידענהייט, גלייך ווי ער וואָלט דאָ עפּעס ענטדעקט אמעריקא.

— זי וויל אָבער קיין גט נישט נעהמען — האָט איהם באַגראָוו געענטפערט.

— וואָס הייסט, זי וויל נישט? איז אזעלכע פאַלען קאָן מען זיך אויך אנ'עצה געבען.

— וואס אזוינס, למשל, דארף איך טהון אין אזא פאַל?

— ווי איך האָב געהערט, זייט איהר אמאָל געווען א יוד א למדן; דארפט איהר דאָך געוויס וויסען, אז לויט'ן דין קאָן מען א ווייב ארייננשיקען א גט דורך א שליח.

באַגראָוו איז געבליבען זיצען פערוואונדערט אויף זיך אליין: ווי אזוי האָט דאָס איהם געקאָנט אַרויס פון זינען, אז מ'קאָן א ווייב אריינשיקען א גט אונטער די אויגען? ער וואָלט דאָך דאָ פערשפּאָרט צו אנטלויפען אלע ווייטע און וואָלט שוין לאנג פערגעסען אָן זיינע צרות.

ער האָט אָבגעדאנקט דעם מלמד פאר זיין „עצה" און געזאָגט איהם, אז ער וועט דאָס האָבען אין זינען.

— איהר וואָלט אָבער פריהער דארפען פערזאָרגען אייער ווייב מיט מזונות און איהר אויסצאָהלען איהר כתובה — האָט איהם דער מלמד געמאכט אויפמערקזאם ביים ארויסגעהן.

אין א וואָך ארום האט באגראוו פערקויפט אין דער שטיל זיין גוט. נאכדעם איז ער אין א געוויסען טאג אריינגעפאהרען אין שטאדט און האט איינגעלעגט אין באנק א סומע געלד אויף חייקע'ס נאמען, און בעזונדערע סומען אויף די נעמען פון יעדען קינד בעזונדער. דאן האט ער געזוכט און געפונען א יודען, וועלכער האט זיך פאר א געוויסער בעלוינונג אנגענומען ארויסצובעקומען פאר איהם פון דעם שטאד־טישען מורא־הוראה א גט און איבערגעבען איהם אייגענהענדיג זיין פרוי אין דעם טאג, ווען מ'וועט בעדארפען.

באַגראָוו איז געקומען אַהיים גאַנץ בערוהיגט. די פערספעקטיוו, אַז אינגיכען וואַרפט ער אַראָב פון זיך די קייטען, וועלכע האָבען איהם געדריקט יאָהרען־לאַנג און טרעט אַריין אין אַ נייע פרייע לעבען, האָבען אויף איהם אַרויפגעצויגען גאָר אַנ'אַנדער הויט. ער האָט שוין אַראָבגעוואָרפען פון זיך די מורא פאַר חייקע'ן, און נאָך דעמזעלבען אָווענד איז ער אַריינגעפאָהרען מיט אַ בעזוך צו דער אַלמנה, וואו ער האָט פערבראַכט אַ גאַנצע נאַכט. דער רעזולטאַט פונ'ם דאָזיגען בעזוך איז געווען, אַז באַגראָוו האָט אויף זיך גענומען אויסצוקויפען דער אַלמנה'ס קליין הויפעל, וואָס איז געווען פערזעצט אין אַ באַנק און אויסלייזען איהר אויסער דעם אַ געוויסע סומע געלד מזומנים; דער־פאַר בעשליסט זיך איהר טאָכטער אַרויסצופאָהרען מיט איהם קיין פעטערבורג, וואו ער דאַרף איהר אַריינברענגען אין קאָנסערוואַטאָריום און אויסהאַלטען איהר אָויף זיין חשבון די גאַנצע צייט פון איהר שטודיום, און ערשט דערנאָך וועלען זיי צווישען זיך דורכקומען וועגען חתונה־האָבען... וועגען דעם, אַז באַגראָוו זאָל זיך שמד'ן, איז דאַן גאָר קיין רייד נישט געווען, ווייל סיי די מוטער, סיי די טאָכטער האָבען זיך איהם אָנגעגעבען פאַר פריי־דענקעריננס און קאָנפענסיאָנס־לאָז.

אויף מאָרגען פריה איז באַגראָוו אַריינגעפאָהרען אין שטאָדט. דאָרט האָט ער זיך געזעהן מיט זיין שליח און אָבגערעדט מיט איהם, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום זאָל ער איבערגעבען חייקע'ן דעם גט. אַהיים האָט זיך שוין באַגראָוו מעהר נישט צוריקגעקעהרט. ער איז גלייך אָבגע־

פאָהרען קיין פעטערבורג. באַלד האָט ער צו זיך אויסגעשריבען זיין געליעבטע, וועלכע ער האָט אַריינגעבראַכט אין איינעם פון די פעטערבורגער אַריסטאָקראַטישע פענסיאָנאַטען, און אָבגעגעבען אין קאָנסערוואַטאָריום.

באַגראָוו האָט זיך געפיהלט ווי אויפ׳ן זיעבטען הימעל. מיט אַ בעזונדער חשק האָט ער זיך איצט צוריק גענומען פאַר זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט. ער האָט פערענדיגט שרייבען די לעצטע צווייטייל פון זיין „זאַפיסקי יעווריעאַ׳, וואָס איז געווען אָנגעזאַפט מיט גיפטיגע אינסינואַציעס געגען יודען און יודישקייט. די לעצטע עטליכע יאָהר האָבען ביי איהם אונטעה דעם רושם פון זיינע איבערלעבענישען אַרויסגערופען אַ בעזונדערס שטאַרקע פערביטערונג געגען אַלץ, וואָס האָט צו טהוען מיט יודען. אַ געוויסע צייט איז ער אַרומגעגאַנגען מיט זיין ווערק איבער די רעדאקציס פון די רוסישע זשורנאַלען, און קיינער האָט עס נישט געוואָלט דרוקען, נישט וועלענדיג זיך אינטערעסירען מיט דעם יודישען לעבען. ענדליך האָט זיך אָבער געפונען א בעלן אויף זיין ספר. דאָס איז געווען דער בעוואוסטער רוסישער דיכטער נעקראַסאָוו, דער ארויסגעבער פונ׳ם גרעסטען חדש־זשורנאל „אָטיעטשעסטווענניא זאפיסקי״, וועלכער האָט גלייך אנערקענט באגראוו׳ס ליטערארישען טאלענט.

מיט זיין „זאפיסקי יעווריעיא״ האָט זיך באגראָוו געמאכט אין פעטערבורג א גרויסען נאמען, און בעזונדערס צווישען דער דאָרטיגער יודישער אַריסטאָקראַטישער אינטעליגענץ. אַז אַ יוד זאָל זיך דרוקען אין איין זשורנאַל צוזאַמען מיט די קאָריפייען פון די רוסישע שריפטשטעלער, איז געווען, לויט די דעמאָלט׳דיגע בעדינגונגען, אַן אומגעוועהנליכע זכות. פון אַלע זייטען האָט מען אָנגעהויבען זוכען באגראָוו׳ס בעקאַנטשאַפט, און ער איז געוואָרען זעהר אַן׳אָנגעלעגטער גאַסט אין די סאַלאָנען פון די פראַמינעטסטע יודישע פערזענליכקייטען, ווי באַראָן האָראַץ גיגצבורג, שמואל פאָליאַקאָוו, די ברידער מלכיאל און אַנדערע. זיי האָבען איהם אַפילו מוחל געווען זיינע שאַרפע אַרויסטרעטונגען געגען יודען און יודישקייט; זיי האָבען זיך גאַנץ רוהיג אַראָבגעשלונגען דעם גיפט, וואָס האָט זיך געלאָזט מערקען כמעט אויף יעדען זייטעל פון זיין „זאַפיסקי יעווריעאַ״. זיי האָבען עס געהאַלטען בלויז ווי אַ קריטיק אויף די שלעכטע, פעהלערהאַפטע זייטען פונ׳ם יודישען לעבען. דער עיקר איז ביי זיי געווען

דאָס שטאָלצע בּיאַליסטאָק, אַז צווישען יודען זענען אויך דאָ אַזעלכע, וואָס קאָנען בּערייכערן די רוסישע ליטעראַטור. נישט ווייניגער התקרבות האָט אַרויסגעוויזען באַגראָוו אויף די קריסטליכע געזעל-שאַפט, וועלכע איז נאָך דאַן, אין די זעכציגער יאָהרען, געווען העכסט ליבּעראַל געשטימט. ער האָט בּעקומען בּעגריסונגען פון די דעמאָלט-דיגע בּעריהמטהייטען פון דער רוסישער ליטעראַטור, ווי: טורגעניעוו, נאָנטשאַראָוו, פּיסעמסקי א. א., וועלכע האָבען איהם ערמונטערט פאָרטצוזעצען זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט, וואָס האָט באַלד ביים אָנהויב זוכה געווען צו אַזאַ גרויסען ערפאָלג.

אָט אַזוי איז באַגראָוו'ן אָוועקגעגאַנגען די ערשטע צייט אין פּעטערבּורג כמעט נאָך בּעסער ווי געוואונשען: ער איז דערלייזט גע-וואָרען פון זיין הויזליכען גיהנום און האָט זיך דערהויבּען צו אַ מדרגה, צו וועלכער קיין רוסישער יוד האָט נאָך ביז-אַהער נישט זוכה געווען; כבוד האָט ער איבּער'ן האַלז, פון יודען און פון קריסטען, און איז אויך נישט עלענד, ער האָט ביי דער זייט אַנ'אינטימע פריינדין, דעם געגעראַלס טאָכטער, וואָס פערזיסט איהם זיינע מינוטען, און אין דער פּערספּעקטיוו שטעהען איהם פאַר נאָך פיעל גרעסערע גליקען, באַלד אָבּער האָט זיך אין זיין גליק פּערמישט אַ בּיטערער טראָפּען. ער האָט מיט אַמאָל דערפיהלט, אַז זיין פער-מעגען צוגעהט בּיסלעכווייז אונטער זיינע הענד, ווי אַייז... דאָס געלד, וואָס ער האָט אַריינגעלעגט אין באַנק פאַר חייקען מיט די קינדער, און די סומען, וועלכע ער האָט אויסגעליהען זיין געליעבּטער'ס מוטער, און זיין איצטיגע צווייאיגע הוצאה אין פּעטערבּורג, האָבּען פערשלונגען זיין גאַנצען קאַפּיטאַל, און ער האָט געהאַלטען בּלייבּען אָהן אַ גראָשען. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טהון, און איהם איז געוואָרען זעהר נישט גוט אויפ'ן האַרצען. בּעזונדערס האָט ער זיך געשראָקען, טאָמער וועט איהם ווערען אונמעגליך צו האַלטען זיין געליעבּטער נעבּען זיך, און דאַן איז דאָך אַנ'עק מיט אַלע זיינע האָפנונגען.

בּעת באַגראָוו האָט זיך געבּראָכען דעם מוח און געזוכט פער-שיעדענע מיטלען, ווי אַרויסצודרעהען זיך פון זיין שווערען מצב, איז איהם גאַנץ אונערוואַרטעט געקומען אַ צופאַל צו-הילף. אין אַ גע-שפּרעך מיט אַ בּעקאַנטען רוסישען שריפטשטעלער האָט ער גאַנץ צו-פעליג מעהר נישט ווי אַ פּיפּס-געטהון וועגען זיין קריטישער מאַטער-

יעלער לאַגע, און יענער איז נישט געווען פויל, און האָט עס באַד מודיע געווען אין די יודישע ספערען. שוין אויף מאָרגען האָט באגראָוו בעקומען אַנ׳איינלאַדונג פון דעם בעוואוסטען מיליאָנער, כלל-טהוער און מעצענאַט אברהם זאַק, דער דירעקטאָר פון דער פעטערבורגער האַנדעלס-און דיסקאָנטאָ-באַנק, צו בעזוכען איהם. בשעת דעם בעזוך האָט זאַק אָנגעבאָטען באגראָוו׳ן אַנ׳עהרען-שטעל אין באַנק, און האָט איהם בעשטימט אַגרויסען געהאַלט, וואָס האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו לעבען רוהיג און בהרחבה, אָהן אַשום פחד פאַר דעם מאָרגענדיגען טאָג.

אַזוי זענען אַוועק אַיאָהר צוויי, דריי. באגראָוו האָט זיך שוין אינגאַנצען בערוהיגט. זעגענדיג פערנומען אויף זיין שטעל מעהר נישט ווי אַשעה פיער אין טאָג, האָט ער די איבעריגע צייט אָבגעגעבען זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט, און האָט מיט גרויס אונגעדולד אויס-געקוקט די צייט, ווען זיין געליעבטע וועט שוין האָבען געענדיגט איהר שטודיום... אין אַ „שענעם פריהמאָרגען” האָט ער אָבער מיט אַמאָל דערשפירט, אַז ער געפינט זיך גאַנץ וויט פון געווינשטען ברעג.

אין אַגעוויסען טאָג, בעת באגראָוו האָט זיך געפונען אין באַנק, איז אַריין דער שוויצאַר און האָט איהם געזאָגט, אַז אין אויפנאַהמס-צימער זיצט אַפרוי, וועלכע וויל זיך מיט איהם זעהן.

הערענדיג דאָס, האָט זיך באגראָוו׳ן באַלד אבגעריסען אין האַרצען. דאס איינציגע פרויענצימער, מיט וועלכער ער האט פערקעהרט, איז געווען דער גענעראַלס טאכטער, און זי פלעגט איהם קיינמאל אין באַנק נישט בעזוכען. טאָ וואָס פאַר פרוי קאָן עס זיין? דאָס האָט איהם בעוואויגען אַפרעג צו טהון דעם שוויצאַר, ווי די פרוי וויזט-אויס. אויף דעם האָט איהם געענטפערט דער שוויצאַר, אַז דאָס שיינט צו זיין אַיודישע פרוי פון דער פראָווינץ. באָגראָוו האָט באַלד פער-שטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין אַנדערע, ווי נור חייקע, און איז צומישט געוואָרען. ער האָט אָבער געוואָלט זיין זיכער, צי דאָס איז באמת זי, און האָט געשיקט דעם שוויצאַר פרעגען איהר נאָמען. דער שוויצאַר האָט זיך באַלד צוריקגעקעהרט מיט דער תשובה:

— ווי עס ווייזט-אויס, איז זי פון אייער פאַמיליע; זי הייסט חייקע באגראָוו.

באגראָוו איז געוואָרען בלאַס ווי אַטוך. און האָט שוין געוואָלט

הייסען דעם שווייצאַר איהר זאָגען, אַז ער וועט זי נישט אויפנעהמען, און אַז ער וויל זיך בכלל מיט איהר נישט זעהן. ער האָט זיך אָבער אין דער מינוט דערמאָהנט, ווער חייקע איז און אויף וואָס זי איז פעהיג, און האָט איהר געענטפערט דורכ'ן שווייצאַר, זי זאָל קומען צו איהם נאָכמיטאָג אין זיין וואוינונג לויט דעם און דעם אַדרעס. באַגראָוו איז שוין אָבער געבליבען זיצען ביי דער אַרבייט אַ צודולטער. ער האָט נישט געקאָנט פערשטעהן, וועלכע טענות זי קאָן צו איהם האָבען איצט, נאָכדעם ווי ער האָט זי אָבגעג'גט און אָב־געצאָהלט איהר איהר כתובה נאָך מיט אַ עודף, און אויף וואָסער ס:ך רופט זי זיך נאָך אָן אויף זיין פאַמיליען-נאָמען, בעת ער האָט שוין מיט איהר איבערגעריסען אַלע בעציהונגען און איז איהר גע־וואָרען לגמרי פרעמד?

אין דעמזעלבען טאָג צו דער בעשטימטער צייט איז צו איהם געקומען חייקע.

באַגראָוו האָט נישט געוואוסט, אַז חייקע מיט איהר ברודער האָבען איהם בעזוכט ערשט נאָכדעם ווי זיי זענען שוין אָבגעוועזן אַ פּאָר טעג אין פּעטערבורג. די דאָזיגע פּאָר טעג האָבען זיי פערבראַכט אין אַרומלויפעניש צו די פּעטערבורגער רבנים, ביי וועלכע זיי האָבען געוואָלט פּועל'ן, זיי זאָלען מבטל מאַכען דעם גט און זאָלען וועגען דעם מודיע זיין באַגראָוו'ן. זיי האָבען דאָס געטהון לויט דער עצה, וואָס זייער בעל־אַכסניא, דער שוחט, האָט זיי געגעבען. דערזעל־בער יועץ האָט זיי אויך געראַטען אַריינצוגעהן פריהער צום ראַ־בינער, ווייל ער, וואָס איז אַליין נישט פרום געזאָנען, וועט גיכער קאָנען ווירקען אויף אַזאַ פריידענקער ווי באַגראָוו, און ערשט ווען יענער וועט זיי אָבזאָגען, זאָלען זיי זיך זעהן מיט'ן רב.

דער פּעטערבורגער ראַבינער איז דעמאָלט געוועזן אַ געוויסער ד"ר ניימאַן, אַ דייטשער יוד שוין אין די עלטערע יאָהרען. חייקע האָט אויף איהם מיט איהר גאַנצען פּראָווינציעלען הילוך געמאַכט פון דער ערשטער מינוט אָן אַזאַ אָבשטויסענדען איינדרוק, אַז ער האָט איהר גאָרנישט געוואָלט אויסהערען. זי איז אָבער פון איהם נישט אָבגעטראָטען. דערביי האָט זי פערבראָכען די הענד און פערגאָסען אַ ים טרעהרען. דער אַלטער איז אַ ביסעל גערירהרט געוואָרען. זעלטען ווען איהם איז אויסגעקומען צו זעהן אַזעלכע סצענעס. דעהערענדיג אָבער וועגען וואָס און וועגען ווע‌מען דאָ האַנדעלט זיך, האָט ער איהר גע־

ענטפערט, אַז אַזעלכע ענינים געהען נישט אַריין אין זיין קאָמפּע־
טענץ, און ער קאָן דעריבער פאַר איהר גאָרנישט אויפטהון. פון
חייקע׳ן טשעפּעט מען זיך אָבער אַזוי גיך נישט אָב. אַ לאַנגע צייט
איז זי נאָך געשטאַנען און האָט אויסגערעדט אויף באגראָוו׳ן „אַלץ,
וואָס אין דער קאָרט״, און געשאָלטען מיט טויטע קללות יענע, וועל־
כע האָבען איהם אַראָבגעבראַכט אַזש קיין פּעטערבורג און „גיבּען איהם
אויף חיונה״. זי האָט זיך אַזוי פיעל פּעררעדט, אַז דער ראַבּינער
האָט איהר ענדליך געמוזט הייסען אַרויספיהרען...

אַ שענערען קבלת-פּנים האָט שוין חייקע געהאַט ביים פּעטער־
בורגער רב, ר׳ יצחק זאב אָלשוואַנגער. ער האָט זי גאַנץ געלאַסען
אויסגעהערט, האָט אויפמערקזאַם איבערגעלייענט די בריעף פון די
דריי רבנים, וועלכע האַלטען דעם גט פאַר פסול, אָבער איהר עצם
בקשה אַריינצומישען זיך אין דער זאַך, האָט ער אויך מדחה
געווען, ווייל — אַזוי האָט ער איהר געזאָגט — ס׳איז דאָ אַ דערקלע־
רונג פון סענאַט, אַז ווען ס׳איז פאַרהאַן אַ חלוקי-דעות צווישען רבנים
מכח אַ גט, צי ער איז גילטיג, אָדער נישט, דאַרף זיך די בעטרע־
פענדע פּערזאָן ווענדען וועגען דעם צום אינערן-מיניסטער, וועלכער
לעגט פאַר דעם ענין פאַר דער רבנ׳ישער קאָמיסיע, וואָס ווערט צו־
זאַמענגערופען אין געוויסע צייטען קיין פּעטערבורג, און דער בע־
שייד פון דער דאָזיגער קאָמיסיע איז דער ענדגילטיגער. חייקען האָט
אַפילו דעם רב׳ס תשובה זעהר נישט געשמעקט, זי האָט אָבער גאָר־
נישט געקאָנט מאַכען, און בעשלאָסען אָנצונעהמען זיין עצה און דער־
לאַנגען אַ בקשה צום אינערן-מיניסטער. דער שוחט האָט איהר רעקאָ־
מאָנדירט איינעם אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט איהר אָנגעשריבען די
בקשה, און נאָך דעמזעלבען טאָג האָט זי עס אָבגעשיקט דורך דער
שטאָדט-פּאָסט אין מיניסטעריום. נאָכדעם ווי חייקע האָט דאָס אַלץ
אָבגעפּטר׳ט, האָט זי גענומען אַרומזוכען באגראָוו׳ן, ביז זי האָט איהם
געפונען אין זאַק׳ס האַנדעלס באַנק, ווי מיר האבען שוין דערצעהלט.

באגראוו, וועלכער האט געגלויבט, אַז ער איז שוין פּטור גע־
ווארען פון חייקע׳ן און אַז זי וועט שוין אַ צעהנטען פּערזאָגען צו קו־
מען קיין פּעטערבורג, האט אַ גרויכען טעות געהאט. זיין אנאנימע
בריעף האט אפילו געווירקט, און חייקע איז טאקע נאך אין יענער
נאכט ארעסטירט געווארען. אבער איידער זי האט פערלאזט פּעטערבורג,
האט זי נאך באגראוו׳ן געגעבען שמעקען פולווער. באלד אויף מארגען

נאך איהר ארעסט האט זי געבעטען, מ׳זאל זי ארויספיהרען צום „עלטסטען״, ווייל זי האט איהם עפעס וואס מיטצוטיילען. אין א שעה ארום האט מען ממלא געווען איהר בקשה און ארייגגעפיהרט זי צום פאליצמייסטער.

— וואס האסטו, יודענע, מיר צו זאגען? — האט איהר געפרעגט דער פאליצמייסטער.

— איך וואלט וועלען וויסען — האט איהם חייקע געענטפערט — פארוואס מען האט מיך ארעסטירט?

— ווייל דו ביזט געקומען קיין פעטערבורג נישט אויף א כשר׳ן אופן; א יוד פון דער „טשערטאַ״ האט דא נישט קיין וואוינרעכט.

— דא וואוינט דאך אבער מיין מאן? — האט חייקע אויסגעשריען — און אז ער מעג דא וואוינען, מעג א י ך דאך אויך.

— ווער איז דיין מאן און וואו וואוינט ער דא?

חייקע האט געזאגט.

לויט׳ן פאליצמייסטער׳ס בעפעהל האט מען תיכף געמאכט א חקירה ודרישה אין די ביכער, פון וועלכע ס׳האט זיך ארויסגעוויזען אז באגראוו וואוינט אין פעטערבורג נאך אויפ׳ן יסוד פון די רעכט, וואס ער האט בעקומען אין די פופציגער יאהרען אלס אנגעשטעלטער אין דער הויפט-פערוואלטונג פון יוזיל גינצבורג׳ס „אטקופען״.

— אויך נישט קיין גאַנץ כשר׳ער „זשיד״? — האט דער פאליצמייסטער אַ מורמעל געטהון אונטער דער נאז, און בעפויהלען דערביי איינעם פון די אנוועזענדע קאנצעלאריסטען, ארויסצורופען באגראוו׳ן אויף היינט נאכמיטאג אין פאליציי.

באגראוו, וועלכער האט געוואוסט, אז זיין וואוינרעכט אין פעטערבורג איז שוין פערעלטערט געווארען און האט זיך תמיד געריכט, אז א ליאדע טאג קאן מען קומען און הייסען איהם ארויספאהרען פון דער רוסישער הויפט-שטאדט, האט זיך בעצייטענס בעזארגט מיט א צייגעניש פון דער רעדאקציע „אטיעטשעסטווענניא זאפיסקי״, אז ער איז א שטענדיגער מיטארבייטער פונם זשורנאל, און מיט א בייגעלעגטער בקשה צו דער אדמיניסטראציע מצד די ביידע רעדאקטארען, ניעקראסאוו און סאלטיקאוו שצעדרין, מ׳זאל איהם ערלויבען פערבלייבען אין דער רעזידענץ אלס א מענשען, וואס העלפט בעררייכערן די רוסישע שעהנע ליטעראטור. בעקומענדיג די ארויספאדערונג פון פאליציי, האט ער תיכף פערשטאנען אין וואס דא געהט און איז אהין אוועק גאנץ רוהיג.

די בקשה פון די צוויי גרויסע רוסישע שריפטשטעלער האָט געווירקט. דער פּאָליצמייסטער האָט נור אין אַן׳איידעלער פאָרם אויסגערעדט צו באַגראַוו׳ן פאַרוואָס ער האָט געוואַרט ביז מ׳וועט זיך כאַפּן וועגן זיין פערלוירענעם וואוינרעכט, און האָט זיך אַליין נישט געמאָלדען און נישט דערלאַנגט קיין בקשה וועגען אַ נייער ערלויבניש. נאָך אַ קליינער פּויזע האָט דער פּאָליצמייסטער פּלוצלינג אַ פרעג-געטהון באַגראַוו׳ן:

— פאַרוואס זייט איהר זיך שוין צוגלייך נישט משתדל וועגען וואוינרעכט פאַר אייער פרוי?

— איך האב נישט קיין פרוי, — האט איהם באגראוו געענטפערט.

— איהר זייט נאך גאר אַ בחור?

— איך האב אַמאָל אין מיין פריהסטער יוגענד חתונה געהאַט, אבער איך האב מיך שוין לאַנג געשיידט פון מיין פרוי.

דער פאליצמייסטער האט עפּעס איינגערוימט אין אויער איינעם פון די בעאַמטע, און יענער איז באַלד אַרויס, און אין אַ פּאר מינוטען ארום האט ער אַריינגעפיהרט חייקע׳ן.

— איהר קענט די פרוי? — האט דער פאליצמייסטער געפרעגט באגראוו׳ן. באגראוו איז אין אנהויב בלאַס געווארען, ער האט זיך אבער באַלד געשטאַרקט און געענטפערט:

— יאָ, ס׳איז מיין געוועזענע פרוי, די אבגע׳גט׳ע. איצט האט זי שוין צו מיר מעהר קיין שייכות נישט.

— גלויבט איהם נישט, פּאַניע! — האָט חייקע אויסגעשריען ווי נישט מיט איהר קול — דער גט, וואס ער האט מיר געגעבען, איז נישט לויט אונזער יודישען דין; ער איז אַן׳אונטערגעוואָרפענער... אט דער באגראוו איז נאך מיין מאַן מיט וועלכען איך לעב שוין מעהר ווי צוואַנציג יאהר און האב שוין מיט איהם עטליכע קינדער. די גאַנצע וועלט ווייסט עס.

באגראוו, וועלכער האט זיך מיט איהר נישט געוואלט אַריינ-לאזען אין ויכוחים, האט געשוויגען. דא האט זיך אבער אבגערופען דער פאליצמייטטער:

— דאס איז שוין נישט מיין זאַך; לעת-עתה בין איך נאך גאנץ ווייט פון צו זיין אַ יודישער רב. איך האב נור געוואלט פעסטשטעלען אייער פערזענליכקייט, און ווייל איהר זייט אַ געוועזענע פרוי פון אַ רוסישען שריפטשטעלער, וועל איך מיך מיט אייך בעגעהן נישט לויט׳ן

געזעץ, וועלכער הייסט אין אַזעלכע פאַלען אבשיקען דעם אַרעסטירטען מיט׳ן „עטאַפּ“, און וועל בלויז אַרויסנעהמען פון אייך אַ שריפטליכע התחייבות, אַז נאָך היינט אין אָוועגד דאַרפט איהר מיט אייער ברודער אבפאהרען צו זיך אַהיים. דערווייל — מאַרש!...

און זאגענדיג עס, האט ער געהייסען אבפיהרען חייקע׳ן צוריק אין אַרעסט-הויז.

אַרויסגעהענדיג פון פאליצמייסטער׳ס קאַנצעלאַריע האט חייקע נאכגעשריען באגראוו׳ן אויף יודיש:

— מיין נישט, הערשעל, אַז דו ביזט שוין פון מיר לויז. כל-זמן גאט וועט נור לאזען דיין חייקע׳ן לעבען אויף דער וועלט, בלייבסטו מיין מאַן, צי דו וועסט וועלען, צי נישט. זיי וויסען, אַז איך האב דיך אנגעקלאגט פאר׳ן מיניסטער, און פון איהם וועסט דו דיך שוין נישט אַרויס דרעהען, אַזוי ווי דו דרעהסט דיך אַרויס פון די רבנים.

די ידיעה, אַז חייקע האט זיך וועגען דעם גט געווענדט צום מיניסטער, איז געוועזען פאַר באגראוו׳ן ווי אַ ליכטשטראַהל. ער איז געוועזען זיכער, אַז קוים איז דער ענין איבערגעגעבען געווארען צום מיניסטער, וועט ער שוין דארט — אדער ליגען בלייבען לעולם ועד, אדער פערציהען זיך, לכל-פחות, שעהנע עטליכע יאהר. מיט אַ רוהיגען געמיט האט ער זיך צוריקגעקעהרט אין באַנק. פון גרויס שמחה האט ער ביי זאַק׳ן געבעטען און אויך גלייך בעקומען אַנ׳אַוואַנס פון עטליכע הונדערט רובל און האט עס דורך אַ שליח מיוחד אָבגעשיקט חייקען אין אַרעסט-הויז אויף הוצאות-הדרך.

אין די פעטערבורגער יודישע קרייזען האָט מען זיך דערוואוסט מן הצד וועגען די סכסוכים, וואָס קומען פאָר צווישען באָגראָוו׳ן מיט זיין פרוי. דאָך איז באָגראָוו׳ס פּאָפּולאַריטעט געוואַקסען פון טאָג צו טאָג. זענענדיג אַ יוצא-ונכנס אין די הייזער פון די גרעסטע געזעלשאַפטליכע טהוער, איז ער תמיד געשטאַנען אין קורס פון די יודישע כלל-אינטערעסען. גאַנץ אָפט האָט מען איהם צוגעצויגען צו פערשיידענע בעראַטונגען וועגען קהל׳שע ענינים. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז ער האָט אָנגעהויבען בעלויכטען דאָס יודישע לעבען נישט בלויז אין אַ בעלעטריסטישער פאָרם, נאָר אויך פּובליציסטיש. ער האָט גענומען שרייבען אַרטיקלען אין די ליבעראַלע רוסישע בלעטער וועגען אַלערליי יודישע פּראָבלעמען, און תמיד פון דער נעגאַטיווער זייט.

שטענדיג האָט ער געזוכט און געפונען אַ געלעגענהייט צו מוסר'ן יודען, און אויפצעוואַרפען זיי דעם, אָדער יענעם פעהלער. מ'האָט געזעהן בעשיינפערליך, אַז מ'האָט דאָ צו טהון מיט אַ פערבאָרגענעם אַנטיסעמיט. טראָץ דעם האָט מען איהם אָבער נישט אויפגעהערט מקרב צו זיין. מ'האָט גערעכענט, אַז דאָס איז דער ערשטער צינז, וואָס ער צאָהלט אָב דער רוסיפיקאַציע, און מען האָט געהאָפט, אַז ער וועט נאָך חוזר־למוטב זיין.

און באמת האָט זיך באָגראָוו ביטלעכווייז אָבגעזאָגט פון זיין אַנטיסעמיטישע טאַקטיק. אין אַ „שענעם פריה־מאָרגען" האָט ער פערקירעוועט דעם דישעל צוריק און האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר אַ גרויסען יודען־פריינד. ער האָט זיך פערטיעפט אין דעם מהות פונ'ם יודענטום און אין זיינע היסטאָרישע פערספעקטיווען, און האָט גענומען שפּיעלען די ראָלע פון אַ וועג־ווייזער פאַר'ן יודישען פאָלק. ער האָט פאָרגעלעגט פערשיעדענע פּלענער און פּראָיעקטען פאַר די יודישע בעציהונגען צום רוסישען פאָלק, צווישען וועלכע זיי לעבען. ער האָט שאַרף פעראורטיילט די יודישע אָבזונדערונג פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג, און איז צום סוף געקומען צום אויספיהר, אַז די יודען־פראַגע קאָן געלייזט ווערען נאָר דורך געמישטע חתונות צווישען יודען און קריסטען. פון דעמאָלט אָן איז דאָס ביי איהם געוואָרען אַ מין „אידעע פיקס" וועלכע ער האָט פערטיידיגט טעמפעראַמענטפול טאָג־איין, טאָג־אויס. ס'איז געקומען אַזוי ווייט, אַז דער עולם האָט אָנגעהויבען פערשטעהן, אַז מיט זיינע אַרטיקלען איז ער קודם־כל אויסען צוגרייטען דעם באָדען פאַר זיך אַליין, און אַז ער וועט זיך אין גיכען אַרויסווייזען נישט בלויז פאַר אַ נאה דורש, נאָר אויך פאַר אַ „נאה מקיים"...

און עס איז ווירקליך אַזוי געווען. רעכענענדיג, אַז מיט חייקען האָט ער עוין פערענדיגט אַלע חשבונות לעולם ועד, האָט ער אָנגעהויבען טראַכטען וועגען חתונה האָבען מיט דער גענעראַלס טאָכטער, וועלכע האָט דערווייל בעוויזען אַרויסצוגעהן פון קאָנסערוואַטאָריום אַלס פרייע קינסטלערין־פיאַניסטין. באָגראָוו האָט דערפון נישט געמאַכט קיין סוד, און אַזוי־אַרום איז עס באַלד בעקאַנט געוואָרען אין די פעטערבורגער שריפטשטעלערישע קרייזען. און פון דאָרט איז עס אריבער אין די סאַלאָנען פון דער יודישער פּלוטאָקראַטיע.

די זאך איז דערגאנגען צו דער אנטיסעמיטישער פּרעסע, אין

עס איז געוואָרען אַ „וויצעקו״ די יודענפרעסירישע צייטונגען האָבען אויפגעהויבען אַליאַרים, אַ געפילדער בעזונדערס האָט זיך צוקאָכט סובאָרין, דער רעדאַקטאָר פון „נאָוואָיע ווראעמיאַ״, וועלכער האָט אין אַ גאַנצער רייה אַרטיקלען געמאַכט צו אַש און צו בלאָטע באַגראָוו׳ן מיט זיין אַגיטאַציע פאַר געמישטע חתונות צווישען יודען מיט קריסטען. „ס׳איז אַ שאַנד און אַ חרפה — אַזוי האָט סובאָרין געשריבען אין זיינעם אַ לייט-אַרטיקעל — פאַר אַ אַנשטענדיגען רוס זיך מתחתן צו זיין מיט אַ זשיד״. האָט זיך גראָד געדאַרפט מאַכען, אַז צופעליג איז דער דאָזיגער אַרטיקעל אַריינגעפאַלען אין די הענט פון באָגראָוו׳ס געליבטער, און האט אויך אויף איהר געמאַכט אַ שטאַרקען רושם. דער פועל-יוצא דערפון איז געווען, אַז נאָך דעמזעלבען טאג האט זי אין אַ שמועס געמאלדען באגראוו׳ן, אז זי קאן מיט איהם חתונה-האבען נור מיט׳ן תנאי, ער זאל זיך פריהער אבשמד׳ן.

ס׳איז אַ מערקווירדיקער פאַקט, און מ׳קאָן עס אפשר בעטראַכטען אַלס פסיכאָלאָגישען רעטעניש, אַז באגראָוו, וועלכער האָט שוין לאַנג צוריסען דעם לעצטען פאָדים, וואָס האָט איהם פערבונדען מיט דער יודישער רעליגיע, אַזוי אַז ער האָט זיך געהאַלטען פאַר קאָנפעסיאָנסלאָז. — האָט ענערגיש אָבגעוואָרפען זיין געליעבטערס פאָרשלאַג, און האָט זיך בשום אופן נישט געוואָלט טויפען.

צום סוף, נאָך אַ שטאַרקען אינווענינגסטען קאַמף, האָט באגראָוו געפונען א פשרה. ער האָט זיך משתדל געווען וואו מען דאַרף און אויסגע׳פועל׳ט, מ׳זאָל זיין געליעבטע בעפרייען פון דער רוסישער אונטערטאַנשאַפט, און נאָכדעם איז ער מיט איהר אַוועקגעפאָהרען קיין פרייסען, וואו זי איז געוואָרען אַ דייטשע אונטערטאַנין און האָט אָנגענומען דעם לוטעראַנישען גלויבען, און דאַן האָט ער מיט איהר ציוויל חתונה געהאַט, אָט אַזוי האָט באגראָוו אַליין פערווירקליכט זיין פראָיעקט וועגען די געמישטע חתונות, וועלכען ער האט יאָהרען-לאַנג אַגיטירט אין דער פרעסע.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז באגראָוו מיט זיין יונגער פרוי געקומען צוריק קיין פעטערבורג, דאָרט האָט זיך באגראָוו זעהר גוט איינגעאָרדענט. ער האָט פאָרטגעזעצט מיט גרויס חשק זיינע ליטעראַרישע אַרבייטען, ער האָט פערעפענטליכט עטליכע נייע ערצעהלונגען, וועלכע זענען אויפגענומען געוואָרען פונ׳ם לעזער-פובליקום העכסט

סימפּאַטיש און האָבען איהם פערשאַפט אַ נאָמען ביי יודען און ביי קריסטען.

עס זענען אָנגעשטאַנען די לעצטע זיעבעציגער יאָהרען. די פּאָזיציעס פון די רוסישע ליבעראַלען זענען אָבגעשוואַכט געוואָרען און ס'האָט אָנגעהויבען הערשען די פינסטערע רעאַקציע. אין דער לופט האָבען זיך געטראָגען אַנטיסעמיטישע ווינטען, וועלכע זענען אַריינגעדרונגען אין דעם געזעלשאַפטליכען און פּאָליטישען לעבען. אין באגראָוו'ן האָט זיך מיט אַמאָל דערוועקט דאָס שוין לאַנג אויסגע-לאָשענע פּינטעלע יוד, און ער האָט גענומען הייס פערטיידיגען יודען און שאַרף צו פּאָלעמיזירען מיט זייערע שונאים. אין וואָרט-קאַמף האָט ער אַרויסגעוויזען אַ גרויסען פּאָלעמישען טאַלענט מיט אַ וואַרים יודיש האַרץ, דורכדעם איז ער ביי יודען שטאַרק נתעלה געוואָרען און ס'האָט מיט איהם געקלונגען אין גאַנצען תחום.

באגראָוו'ן איז אָבער ווי נישט בעשערט געווען צו בלייבען לאַנג זיצען רוהיג. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז די רבנים-קאָמיסיע, וועלכע דאַרף צוזאַמענגערופען ווערען אין פּעטערבורג אין יאָהר 1879, וועט צווישען אַלע אַנדערע פראַגען, האָבען אַרויסצוטראָגען איהר אור-טייל אויך וועגען דער גילטיגקייט פון זיין גט. די דאָזיגע ידיעה איז פאַר באגראָוו'ן געווען ווי אַ טויט-קלאַפּ. ער האָט זיך שטאַרק גע-שראָקען, טאָמער וועט די רבנים-קאָמיסיע דערקלערען זיין גט אַלס פסול. און עס האָט שוין ווירקליך דערביי געהאַלטען. אין דער לעצ-טער מינוט האָט באגראָוו נישט געפונען פאַר זיך קיין אַנדער אויס-וועג, ווי נור צו מעלדען די רבנים, אַז אויב זיי פּסל'ען דעם גט, וועט ער זיך תיכף שמד'ן. די דאָזיגע וואָרנונג האָט געווירקט. אין די רבנים-קאָמיסיע האָט מען גאַנץ גוט געוואוסט, אַז באגראָוו איז די לעצטע צייט געוואָרען אַ הייסער מליץ-יושר פאַר דעם יודישען פאָלק, און האָבען איהם דעריבער נישט געוואָלט אויפרייצען, זיי האבען זיך מיט אַ בעזונדער פלייס גענומען גריבלען אין די ווערק פון די פערשיעדענע פּוסקים, ביז זיי האבען געפונען אַ סמך אנצו-ערקענען דעם גט אלס יורידיש זעהר אַ כשר'ן און אבצוווארפען אלע טענות פון זיין געוועזענער פרוי.

חייקע, וועלכע האט זיך ביז דעם לעצטען טאג נישט געוואלט אבזאגען פון באגראוו'ן, האט נאכדעם ווי עס איז פערעפענטליכט גע-ווארען דער פסק-דין פון דער רבנים-קאמיסיע, אויפגעהויבען דורך

איהר ברודער אַ געוואלד אין דער העברעאישער צייטונג „הקול״ מיט דער כּונה צו געווינען פאר זיך די יורידישע עפענטליכע מיינונג. באגראוו האט דאס אבער נישט פערשוויגען. ער האָט באלד אבגעדרוקט אין פעטערבורגער „המליץ״ אַן׳ענטפער זיין געוועזענעם שוואגער באריק, פון וועלכען מיר נעהמען ארויס עטליכע בעזונדערס אינטערעסאנטע שטעלען.

„הער באריק — אזוי שרייבט באגראוו — איז אזא פקח, אז ער הויבט גאר אָפילו נישט אן צו פערשטעהן, אז די גזעלשאפטליכע מיינונג קאן איהם פארלעגען די פאלגענדע פראגען:

א) וואס אזוינס פאר א פרוי איז דאס זיין שוועסטער, וועלכע האט זיך הונדערט מאָל איבערצייגט, אז איהר מאן וויל מיט איהר בשום אופן נישט לעבען. און זי האט זיך אן איהם אנגעטשעפעט ווי א קלעק, ווי א קלעפיגע קרענק, רחמנא ליצלן?

ב) אנ׳ארענטליכע פרוי, און דערצו נאך א שוועסטער פון אזא יודען א ירא־שמים, ווי באריק, מוז זיך אליין שיידען פון אזא מאן, וועלכער שרייט פאר דער גאנצער וועלט שוין העכער צוואנציג יאהר, אז ער ליעבט זי נישט, און וויל מיט איהר נישט וואוינען. ביי יודען איז נישטאָ א גאטספארכטיגע פרוי, וואָס זאָל וועלען וואוינען מיט איהר מאן מיט געוואלד. וואלט געווען אזא פרוי, קומט דאך איהר על־פי־דין אַ גט פאר דעם אליין.

ג) וועלכע האבען געקאנט זיין די סבות וואס האבען בעוואויגען דעם מאן ארואבצוווארפען פון זיך, נאך א לאנג יעהריגער מלחמה, די קייטען פון דער דאזיגער פרוי? מ׳קאן איהם נישט חושד זיין, אז ער האט דא וועלכע־עס־איז געלד־חשבונות, ווייל ער האט דאך געהאט דאס רעכט, אב׳גט׳נדיג זיין פרוי, מיט צעהן יאהר צוריק, אויפהערען צו געבען איהר א גראשען אויף דער הוצאה. ער האט דאס אבער נישט געטהון, און אפילו פון היינט אן און ווייטער ווען די רבנים האבען שוין בעשטעטיגט דעם גט, וועט ער דאס נישט טהון. בכן איז דאך קלאר, אז דאס דאזיגע טרויעריגע געשעהעניש האט קיין שייכות נישט מיט א וועלכער עס איז געלד־פראגע. טא וועלכע סבות האבען פארט געבראכט דערצו, אז א מאן זאל זיך וועלען שיידען פון א פרוי, וועלכע האט איהם געבוירען עטליכע קינדער, און אנטלויפען פון איהר, ווי פון א פעסט?

ד) אט אזא טרייער ברודער זיוט איהר דאס, הערר באָריק, אויב

איהר האט זיך אין משך פון העכער צוואַנציג יאהר, זינט ס׳איז צו-
שטערט געווארען דער שלום-בית פון אייער אומגליקליכער שוועסטער,
נישט משתדל געווען צו ווירקען אויף א הר, זי זאל זיך גט׳ן מיט
איהר מאן און צונעהמען ביי איהם דעם גרויסען קאפיטאל, וועלכען
ער האט איהר געוואלט געבען, כדי זי זאל נאך קאנען חתונה האבען
מיט אנ׳אנדערן, זענענדיג נאך אין די בעסטע יונגע יאהרען? וואו
איז דעמאלט דער דאזיגער ברודער געווען? פארוואס האט ער דאס
איצט מיט אמאל געמאכט א זעלכע גוואלדען אויפ׳ן סמך פון די
בריעף וואס ער האט פון קליינע רב׳לעך, וועלכע האבען קיין שום
חשיבות נישט הן בי יודען, און הן ביי דער רעגירונג?

ה) צו וואָס פאַר אַ ציעל שטרעבט דער הערר באַריק? היתכן,
אז זיין צוועק איז, מ׳זאָל נויטען אַ מענשען, וועלכער האסט זיין
שוועסטער און קוקט אויף איהר מיט פעראַכטונג, צו לעבען מיט איהר?
וואו איז אָבער די קראפט, וואָס זאל מיט גוואַלד קאָנען פערוואַנדלען
פיינדשאַפט אין ליעבע, אַנטיפאַטיע אין סימפאַטיע? וויל אפשר דער
געעהרטער ה׳ באַריק מאַכען פון דעם ענין אַ פראָדוקטיוו געשעפט׳ל,
און דעריבער רעדט ער אָן זיין אומפראַקטישע שוועסטער, וועלכע איז
איצט אַ יודענע פון העכער פופציג יאָהר, צו רודפ׳ן איהר מאַן און
צו פערגיפטען זיין לעבען?

אפשר איז זיין שוועסטער, לויט איהר נאַטור, אַ מלאך, אַ צנועה
וחסידה, אַ העכסט פרומע און גאָטספאָרכטיגע. איך בין, ליידער, פונקט
דער היפך פון איהר אין אַלע הינזיכטען. זינט איך האָב זי דערקענט,
שוין צוויי און צוואַנציג יאהר, האב איך זיך אַליין פער׳משפט צו זיין
נע ונד אַבי נישט מיט איהר, און אויסצוהאַלטען זי מיט חיונה אויף
אייביג. אָט די שטראָף האב איך אויף זיך גענומען פאַר דעם, וואָס
איך האב הנאה געהאט פון אַ גליק, וועלכעס איך האָב נישט פער-
דיענט, פון אזא זיס פאַמיליען-לעבען, וואס מיין פרוי האט מיר
פערשאַפט".

שוין העכער אַ בן-חמשים איז געווען באַגראָוו, בעת ער האט
ענדליך אָבגעשניטען פון חייקע׳ן וועלכע האט איהם פונ׳ם ערשטען
טאָג אָן נאָך זיין חתונה געדריקט ווי אַ בייזער קאָשמאַר. ערשט איצט
האט ער זיך דערפיהלט לחלוטין פריי. אָבער די דאָזיגע פאַמיליען-
טראַגעדיע האָט אין איהם איבערגעלאָזט אַ בעזונדער גיפט, וועלכען
ער האָט ביי יעדער געלעגענהייט אויסגענוצט געגען דעם טראַדיציאָנעלען

יודענטום. ער האָט תּמיד געזוכט ערקלערען עפּענטליך, אז דער מקור פון די יודישע צרות ליעגט נור אין זייער אָבגעשטאַנענער רעליגיע. זיין גאַנצען בייסענדען סאַרקאַזם האָט ער אויסגעגאָסען אויפ׳ן רב מיט׳ן מורה-הוראה, מיט׳ן ראש-ישיבה און דעם מלמד. לייענענדיג אָפט זיינע ערצעהלונגען, אָדער זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען, האט מען געקאָנט גלויבען, אז קיין גרעסערער שונא ישראל פון איהם קאָן שוין נישט זיין. די, וואָס האָבען אָבער געקענט באַגראַוו׳ן, האבען גע- וואוסט, אז באמת איז ער ווייט פון אַנטיסעמיטיזם, און אז נור אין זיין תּמימות׳דיגער פערבלענדקייט דוכט זיך איהם, אונטער׳ן איינדרוק פון זיינע איבערלעבענישען, אז ווען נישט זייער פינסטערן פאַנאַטיזם, וואָס גראָבט-אויס אַ תּהום צווישען זיי און צווישען דער אַרומיגער סביבה, וואָלט זיך די יודען פיל בעסער געלעבט און זיי וואָלטען גאָר אזוי פיעל נישט געליטען.

די פּאָגראָמען פון די ערשטע אַכציגער יאָהרען האָבען באַגראַוו׳ן די אויגען געעפענט. ער האָט דערזעהן, אז די פּאָגראָמשטשיקעס און זייערע אָנרייצער האָבען נישט געמאַכט קיין אונטערשיעד צווישען דעם פאַנאַטישען מיט דעם אויפגעקלערטען יודען, און אז דער תּלין האָט זיי קיינעם נישט געשוינט. דאָס האָט געבראַכט באַגראַוו׳ן צו אַ שטיקעל חשבון-הנפש. ער איז דאַן אַרויס מיט זעהר שאַרפע אַר- טיקלען געגען דעם רוסישען אַנטיסעמיטיזם, וועלכער איז געווען דער גורם פון די טרויעריגע געשעהענישען. אין די דאָזיגע אַרטיקלען האָט זיך באַגראַוו אַרויסגעוויזען פאַר זעהר אַ הייסען יוד, און דאס האָט אַרויסגערופען גרויס בעוואונדערונג ביי זיינע בעקאַנטע, ווי ס׳איז צו זעהן פון די פאָלגענדע ווערטער, וועלכע ער האָט דאַן געשריבען אין אַ בריעף צו זיין פריינד, דער אין יענער צייט בעריהמט גע- וועזענער רוסיש-יודישער נאָוועליסט ל. לעוואַנדא:

„האַלט מיך נישט, כ׳בעט אייך, פאַר אַ פאַנאַטיק, פאַר אַ נארישען פּאַטריאָט. איך בין, אינ׳ם ברייטען זין פון ווארט, אַנ׳עמאַנציפּירטער קאָסמאָפּאָליט. ווען מ׳וואָלט יודען אין רוסלאנד אזוי נישט פערפאָלגט און וואָלטען זיי נישט געוועזען אונטערגעוואָרפען אַזעלכע סיסטעמאַטישע רדיפות, וואָלט איך, אפשר, אַריבערגעשוואומען אויפ׳ן צווייטען ברעג, וואו עס שמייכלען מיר אַנדערע סימפּאַטיעס, אַנדערע אידעאַלען. אָבער מיינע ברידער, לויט דער נאַציע, אינאיינעם פיער מיליאָן מענשען, ליידען אונשולדיג, היתּכן, אז אַנ׳אָרענטליכער מאַן קאָן

אָוועקמאכען מיט דער האַנד אַזאַ אומגערעכטיגקייט! עס קאָן אפשר זיין, אַז אַזוינע קעמפּער, ווי איך, זענען דאַנקישאַטען; ביי מיר שטעהט אָבער יעדער אויפריכטיג-בעהאַרצטער, כאָטש לעכערליכער, דאָנקישאָט פיעל העכער פאַר יעדען אייזענבאַהן העלד, ווי נ..., וועלכער נעהמט קיין יודען נישט אָן אויף שטעלעס".

באגראָוו איז דעמאָלט אַריין אַלס מיטגליעד אין דער רעדאַקציע פונ'ם רוסיש-יודישען וואָכענבלאַט „ראַזסוויעט", אַרום וועלכען ס'האָבען זיך געגרופּירט אַזעלכע גרויסע ליטעראַרישע קרעפטען, ווי דער דיכטער מינסקי, דער שפּעטערדיגער פּראָפעסאָר וועננעראָוו און אַנדערע. ס'האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און באגראָוו, וועלכער איז פערבליבען אויף שטענדיג ביי זיינע קאָסמאָפּאָליטישע אידעען, האט זיך נישט געקאָנט איינלעבען אין דעם ענג נאַציאָנאַליסטישען „ראַזסוויעט". דערצו האט זיך נאָך געמאכט, אַז אין יענער צייט האט זיך אונטער'ן רושם פון די פּאָגראָמען, געגרינדעט אין יעליסאַוועטגראַד דוהד יעקב גאָרדין, דער שפּעטער בעוואוסט-געוואָרענער דראַמאטורג, די אַזוי-גערופענע „דוכאָוונאָ-ביבלייסקאָיע בראַטסטוואָ", וועלכע האט זיך געשטעלט אַלס צוועק אָבצורייסען זיך פונ'ם תלמוד'ישען יודענטום און בילדען אַ סעקטע פון נייע קריסטען. באגראָוו, וועלכער איז געוועזען, כידוע, דער ערשטער, וואס האט אָנגעהויבען אַגיטירען יודען פאַר געמישטע חתונות מיט קריסטען, האט זיך באַלד דערפיהלט גייסטיג נאָהענט צו דער דאָזיגער סעקטע, און האט איהר אויסגעדריקט אַ שטאַרקע סימפּאַטיע. דער „ראַזסוויעט" איז אָבער אַרויסגעטראָטען אַלס פערביטערטער געגנער פון די נייע סעקטאַנטען; דורכדעם האט זיך באָגראָוו, געפונען גענויטיגט אַרויסצוגעהן פון דער רעדאַקציע און אויפהערען אַרבייטען אין „ראַזסוויעט" בכלל.

באגראָוו איז דאַן אַריבער אַרבייטען אין דעם רוסיש-יודישען חודש-זשורנאַל „וואָסכאָד", דורך וועלכען ער האט געהאַפט אָנצופיהרען אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר די פּרינציפּען פון דער נייער סעקטע. דאס האָט זיך איהם אָבער נישט איין געגעבען. דער „וואָסכאָד" איז אפילו געוועזען אַסימילאַטאָריש געשטימט, צייטענווייז האט ער אויך דורכגעלאָזט ערצעהלונגען מיט פערבאָרגענע מיסיאָנערישע טענדענצען, אָבער אַגיטירען אָפען פאַר'ן אַריבערגעהן צום קריסטענטום, ווען אפילו אַ פערשטעלטען, — דאס האט ער זיך נישט ערלויבט. דערצו

האט פאסירט, אז אין יענער צייט האט אנגעהויבען צו פאלען באג־ראָוו׳ס פרעסטיזש ביי דער יודישער פראָגרעסיווער יוגענד. געבראַכט צו דעם האבען באגראָווס לעצטע ערצעהלונגען, אין וועלכע ער האָט פונ׳ם רעאַליסטיש־קינסטלערישען שטאַנדפונקט פאַלש געשילדערט בע־זונדערס די יודישע שטודירענדע יונגע לייט. מ׳האט דאן געזאגט און געשריבען, אז באגראָוו, האט פאַמפלעטיש פאַלסיפיצירט דעם מאָ־ראַלישען מהות פון דער יודישער געבילדעטער יוגענד, וועלכע ער האָט אויפגעהערט צו פערשטעהן.

באגראוו, וואס האט זיך ביז גאָרנישט לאנג גערעכענט פאַר׳ן אָב־גאָט פון דער יודישער אינטעליגענטער יוגענד, וועלכע האט איהם געטראגען ממש אויף די הענד, האט זיך מיט אַמאָל דערפיהלט, ווי ארונטערגעשליידערט פון אַ הויכען באַרג אין אַ טיעפע גרוב, און איז געוואָרען זעהר נידערגעשלאָגען. זוכענדיג מיטלען, ווי צוריק צו גע־ווינען זיין אַמאָליגען חן, האט ער זיך אַ וואָרף געטהון מיט די לעצטע קרעפטען אין קאמף אויף דער דאַן נאָר־וואס ענטשטאַנענער חבת־ציון-בעוועגונג. מ׳דארף בעמערקען, אז נאך די פאָגראמען, בעת עס האָט זיך צווישען יודען דערוועקט אַ גרויסער געלויף פון רוסלאַנד, איז דאַן באגראָוו ארויסגעטראטען אלס פערביסענסטער געגנער פון דער עמיגראציע. ער איז געווען פון יענע, וועלכע האָבען ארויסגע־זאגט זייער מיינונג, אז יודען מוזען בלייבען זיצען אין רוסלאנד און זוכען די לעזונג פון זייער עקזיסטענץ אין דער דערנעהנטערונג צו דער קריסטליכער בעפעלקערונג. פון דעם איז ער אַ ביסעל שפּעטער אריבער צו שטיצען די איניציאַטיוו פון די יעליסאַוועטגראדער סעק־טאַנטען. ווען ס׳איז אַרויפגעשוואומען אין דער עפענטליכקייט די פראגע וועגען ישוב ארץ-ישראל און אין פערשיעדענע שטעדט האבען זיך געגרינדעט חברות פון „חובבי-ציון“, האט דאס אַרויסגערופען ביי באגראָוו׳ן אַ גרויסע פערביטערונג. ער האט דאן פערעפענטליכט אין „וואָסכאד“ אַ גרויסע ערצעהלונג אונטער׳ן נאָמען „מ אַ נ י א ק“. אין דער דערמאָהנטער ערצעהלונג פיהרט ער דורך פאר׳ן לעזער אַ גאנצע טיפּען-גאלעריע פון „חובבי-ציון“. און אלע זענען זיי פון איהם גע־שילדערט אלס קראנקליכע, היסטערישע פערזאָנען, וועלכע ארבייטען פאר אַ ווילדען, משוגענעם געדאנק...

די דאזיגע ערצעהלונג, וועלכע האט אין איהר צייט נישט גע־מאכט קיין שום רושם, איז געווען באגראָוו׳ס שוואנען-ליעד. מעהר

האט ער שוין כמעט גאָרנישט געדרוקט. פון דעמאָלט אָן האט ער זיך שוין זעהר זעלטען בעוויזען אין דער יודישער געזעלשאפט. אין אַ שענעם פריהמאָרגען האט ער פערלאָזען זיין שטעל אין זאקס האנדעלס-און-דיסקאָנטא-באנק, איז ארויסגעפאָהרען פון פעטערבורג און האט זיך בעזעצט אין אַ קליינעם גוט, וואס האט אָנגעהערט דער פערשטאָרבענער גענעראלשע, זיין פרוי'ס מוטער, אין מינסקער גו-בערניע. דאָרט האט ער געהאָפט אויסצורוהען זיך פון דעם גרויס-שטאָדטישען טומעלדיגען לעבען. זיין האָפנונג איז אָבער געווען אנ'אומזיסטע.

אין אַ קורצער צייט ארום, נאכדעם ווי ער איז אָנגעקומען אין זיין פרוי'ס גוט, האט ער בעקומען צוגעשיקט אַ פאפיר פון „איספראווניק", אין וועלכען ער ווערט אויפמערקזאם געמאכט, אז אלס יוד איז איהם, לויט די צייטווייליגע געזעצען פונ'ם 3-טען מאי, פערבאָטען דאָ צו וואוינען. באגראוו האָט דאן דערלאנגט אַ השתדלות צום אינערן-מיניסטער, מ'זאָל איהם אויסנאהמסווייזע געבען אנ'ער-לויבעניש צו פערבלייבען וואוינען אין דאָרף. ער האט אָבער אַ לאנגע צייט אויף זיין השתדלות נישט בעקומען קיין תשובה, ביז ס'האט איהם דערעסען צו ווארטען און ער האָט געכאפט און זיך אָב-גע'שמד'ט אלס פראוואָסלאוונער. מיט איהם צוגלייך איז זיין פרוי אויך געוואָרען צוריק פון אַ לוטעראַנערין אַ פראוואָסלאוונע.

ס'האָט נאָכדעם לאנג נישט געדויערט און באגראָוו'ן איז אנ-געקומען פון פעטערבורג אנ'ערלויבעניש צו פערבלייבען וואוינען אין דאָרף אלס י ו ד. אבער ס'איז שוין געווען לאחר המעשה. צוריק קיין יוד האט ער שוין מעהר נישט געקאנט ווערען.

אין דארף איז באגראָוו'ן לאנג נישט בעשערט געווען צו וואוינען. אין אַ געוויסען טאָג איז ער געוואָרען פאראליזירט. ס'האט איהם אבגענומען אַ האלבער קערפער. ער האט נאכדעם געלעבט מעהר נישט ווי אַ האלב יאָהר, און צום סוף ווינטער 1885 איז ער דארט געשטאָרבען אין גרויסע יסורים.

ווי זיינע בעקאנטע האבען נאכהער דערצעהלט, האט באגראוו'ן די לעצטע צייט פאר זיין טויט געפייניגט אַ שטארקע חרטה אויף דעם טריט, וואס ער האט געמאכט. צ ע ד ע ר ב ו י ם, דער רע-דאקטאָר פון „המליץ", האט באגראָוו'ן געווידמעט די פאָלגענדע העכסט אינטערעסאנטע שורות:

„ס׳איז לייכט צו פערשטעהן, וואס באגראָוו האט יך זיינעא לעצטע טעג איבערגעפיהלט. דער דאָזיגער מענש, וועלכער האט כל־ימיו גענאסען גרויס עהרע, אלס טאלענטפולער שריפטשטעלער און וואָס האָט זיך אין געוויסע צייטען גערעכענט אַלס קעמפער פאַר דעם יודישן פאָלק; דער דאָזיגער מענש, וואס ווען ער וואָלט גע־זעסען צווישען זיינע פאָלקס-גענאָסען, וואָלטען איהם פיעל בעזוכט בשעת זיין קרענק און וואָלטען געשטאַנען ביי זיין יציאת נשמה, און נאָכ׳ן טויט וואָלטען זיי איהם אָנגעטהון דעם געהעריגען כבוד — דער דאָזיגער מענש איז געלעגען איינזאַם אין דאָרף, און געשטאָרבען, נישט זעהענדיג זיינע פריינד און זיינע קינדער. ער האָט געוואוסט, אז מ׳ועט איהם נישט מספיד זיין און מ׳וועט איהם נישט אָבגעבען דעם לעצטען כבוד, וואס געהערט איהם, אז נור דער דאָרף־גלח וועט מתפלל זיין פאר זיין נשמה און די פויערים וועלען איהם בעגלייטען אויפ׳ן בית־עלמין, און דאָרט וועט ער ליגען צווישען קריסטען; קיינער וועט נישט קומען בעזוכען זיין קבר און פערגיסען אויף איהם טרעהרען; ער וועט פערגעסען ווערען פון אַלע זיינע בעקאַנטע און דער קינפטיגער דור וועט נישט וויסען וואו זיין קבר איז.

אָט דאס איז די פרוכט פון דער אסימילאציע, וואס ברענגט צו שמד!“

ניקאָלאַי (נחמן) אָסיפּאָוויטש פּרוזשאַנסקי.

I

פּרוזשאַנסקי, אַ רוסישער בעלעטריסט לויט זיין פּראָפעסיע, איז געווען פון יענעם טיפּ משומדים, וואס פון דעם ערשטען מאָמענט אָן נאך זייער שענדליכען טריט האט אין זיי נישט אויפגעהערט צו עגבערן און צו נאָגען ווי אַ וואָרים אַ שטארק חרטה-געפיהל, וואס זיי האבען פון קיינעם נישט פערבאָרגען, און דאך האָבען זיי קיינמאל, און אפילו בעת זיי האָבען געהאַט דערצו די מעגליכקייט, נישט גע־מאַכט די קלענסטע אנשטרענגונג זייער פעהלער צו פערבעסערן.

פּרוזשאַנסקי איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1835 אין אַ דאָרף ביי פּרוזשין, גראָדנער גובערניע. זיין פאטער איז געווען אַ שמיד, אָבער אַ יודע ספר. אין דער יוגענד, בעת זיינע עלטערן זענען נאָך געווען פערמעגליכע בעלי-בתים, האט ער געלערנט אין חדרים און ישיבות, און זיך געשניטען אויף רבנות. זיינע עלטערן זענען איהם אבער גאַנץ פריה אָבגעשטאָרבען און ער איז געבליבען אַן עלענדער יתום און זיך נישט געהאט וואו אהינצוטהון, און דאַן האט איהם זיינער אַ ווייטער קרוב אָבגעגעבען צו אַ שמיד. אנפאנגס האט איהם אפילו די דאזיגע פּראפעסיע נישט געשמעקט, אָבער באין-ברירה האט ער זיך געטרייסט מיט דעם געדאַנק, אז ער איז דאָך נישט בעסער פאר דעם אַמאָליגען ר׳ יצחק נפחא, וועלכער האט זיך מיט דער שמידעריי גאָרנישט געשעמט. דערפאר האט ער אויף זיך גענומען ווי אַ נדר, אז האט ער נור אַ זוהן, וועט ער אָנווענדען אלע זיינע קרעפטען

צו מאכען פון איהם נישט אנדערש ווי אַ רב. האט ער אָבער אַ לאַנגע צייט קיין קינדער נישט געהאט, און זיין נחמנ׳ען (דער שפּעטערדיגער ניקאָלאי) האט איהם דאס ווייב געבוירען אַ יאָהר עטלכע און צוואַנציג נאָך זייער חתונה, נאָכדעם ווי ער האט זיך שוין מיאש געווען פון צו ווערען ווען-עס-איז אַ פאָטער.

נחמן איז געבוירען געוואָרען אונטער אַ גליקליכען צייכען. בעת זיין מוטער האט זיך מיט איהם געלעגט אין קימפּעט, האט פּאַסירט מיט זיין פאָטער דאס פאָלגענדע אויסטערלישע געשעהעניש:

דאס איז געווען אין אַ זומער-טאג נאָכמיטאג. דער אלטער פּרו-זשאַנסקי איז דאן געשטאַנען ווי געוועהנליך ביי זיך אין קוזשניע און האט געארבייט. פּלוצלונג איז געקומען צו לויפען רייטענדיג אַ הויכ-געשטעלטע מיליטערישע פּערזאָן און האט איהם איינגעלאַדען צו קומען תיכף אין דעם נאָהענטען גוט. אָנגעקומען אין גוט, האט ער זיך, צו זיין גרעסטען ערשטוינען, דערוואוסט אט וואס: מיט אַ שעה צוריק איז אויף דעם פון דאנען נישט ווייטען שאָסיי דורכגעפאָהרען אויפ׳ן וועג קיין ווארשא דער קייזער ניקאָלאי דער ערשטער. פּלוצ-לונג האט אין זיין עקיפּאַזש געפּלאצט אנ׳אַקס, און מ׳קאן זיך קיין עצה נישט געבען. ווי זי צו פּעררריכטען. בכן איז ער, לויט דעם פאָרשלאג פונ׳ם גראף, צו וועמען דער קייזער איז פּערפאָהרען, גע-שיקט געוואָרען אהעררופען איהם, אפשר וועט ער געפינען אַ וועלכעס-עס-איז מיטעל, ווי גאַנץ צו מאכען די אַקס, באופן, אז דער קייזער זאָל קאנען פאָרטזעצען זיין וועג. דער שמיד האט זיך געלאזט ווייזען די אַקס און, נישט פיעל טראכטענדיג, האט ער זי גענומען צו זיך אין קוזשניע, און אין אַ צוויי-דריי שעה ארום האט ער זי געבראכט אַ פארטיגע צוריק אין גוט אריין. דאַן איז צום שמיד ארויס דער אַדיוטאנט און האָט איהם אויסגעדריקט גרויס בעוואונדערונג איבער דער געשיקטקייט פון זיין ארבייט, דערלאַנגענדיג איהם דערביי אַ פינף גאָלדענע אימפּעריאַלען מיט׳ן צוזאג, אז נאָכדעם ווי ניקאָלאי וועט זיך צוריקקעהרען פון זיין רייזע קיין פּעטערבורג, וועט ער בעקומען פון הויף אַ בעזונדער אויסצייכנונג.

דאס איז געווען אויפ׳ן דריטען טאָג, נאָכדעם ווי זיין פרוי האט געבוירען זיין ערשטען זוהן נחמנ׳ען. האט עס דער שמיד גע-האַלטען פאר אַ גליקליכען סימן, אז דער דאָזיגער בן-זקונים וועט איהם פערשאַפען פיעל נחת און וועט איהם פערזיסען דאס לעבען. און

פון דער ערשטער מינוט אָן האָט ער בעשלאָסען אוועק לעגען אלע זיינע כּוחות צו מאכען זיין זוהן פאר אַ גרויסען מענשען, מיט וועלכען גאָט און לייט זאָלען זיך בענשען.

און דער קליינער נחמן האט טאַקע באַלד אַרויסגעוויזען גרויס געראָטענקייט. צו דריי יאָהר האט איהם דער פאָטער אויסגעלערנט דעם „אלף-בית״; אין אַ יאהר ארום האט ער פאַר איהם אַראָבגעבראכט פון פּרוזשין אַ ישיבה-בחור, וועלכער האט שוין מיט איהם געלערנט חומש. דעמאָלט האָבען זיך שוין אָנגעהויבען ארויסווייזען דעם יונגעלס גלענצענדע פעהיגקייטען. צו זיבען יאהר האט איהם דער פאָטער אַוועקגעפיהרט קיין פּרוזשין, וואו ער האָט איהם אָבגעגעבען צום בעסטען מלמד. ס׳האט לאַנג נישט געדויערט און ער האט בעקומען אין שטאָדט דעם נאָמען פון אַ וואונדער-קינד. בעזונדערס האט מען זיך נישט געקאָנט אָבוואונדערן פון זיין זכּרון. נאך פאר זיין „בר-מצוה״ איז ער שוין געוועזען קלאָר אויף אויסווענינג צוויי סדרים גמרא. די גרעסטע פּרוזשינער לומדים פלעגען זיך מיט איהם מפלפּל זיין אין לערנען, און אַלע האבען זיי אויף איהם געקוקט ווי אויף אַ קינפטיגען רב, וועלכער וועט מיט זיין גאונות דיענען אַלע ציהרונג פאַר׳ן כּלל-ישראל.

ווען נחמן איז אַלט געוואָרען זיבעצעהן יאָהר, האָט מען איהם שוין געגומען רעדען שידוכים, און אַלע — פון גרעסטען יחוס. נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס זיין פאָטער איז אַ שמיד, האָבען זיך אויף איהם געפונען בעלנים צווישען די שענסטע פּרוזשינער בעלי-בתים. בעזונדערס האט אויף איהם געוואָרפען אנ׳אויג דער פּרוזשינער ראש-הקהל, וועלכער איז אויך געוועזען אַ ייד אַ למדן און האט איהם געוואָלט האָבען פאר אנ׳איידעם. דעם שמיד איז די זאַך זעהר געפעלען געוואָרען; ער האט געהאַלטען פאַר זיך אַלס אנ׳אונגעהויער גרויסען כּבוד זיך מתחתּן צו זיין מיט דעם פּרוזשינער ראש-הקהל. נחמן אַליין איז שוין אויך געוועזען קאַפּאַבעל אָנצוכאַפּען זיך פאר דער זאך. האט זיך אָבער איינגיכען אונטערגעדרעהט אַ צופאל, וועלכער האָט דעם שידוך צו-נישט געמאכט.

II

אין יענער צייט איז צו אַ פּרוזשינער גביר אָנגעקומען פאר אנ׳איידעם אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט געשטאמט פון ווילנא. דער

דאזיגער יונגערמאַן איז געווען אַ וואויללערנער און האָט געשמ'ט פאַר אַנ'עלוי, אָבער ער איז שוין אין דער שטיל געווען אָנגעשטעקט מיט דעם נור-וואס אין דער ליטא אריינגעדרונגענעם השכלה-גייסט. ער איז שוין געווען בעקאנט מיט דער דעמאָלט אויפשפּראָצענדיגער ביי-העברעאישער ליטעראטור, וועלכע ער האָט געלייענט פערבאָרגענער-הייד; ער האט שוין געוואוסט וועגען מרדכי אהרן גינצבורג און וועגען אדם הכהן און די איבעריגע ווילנער משכילים. ער האט גע-נומען חלומ'ן וועגען בילדונג, וועגען שטודירען. ער האט געוואוסט, אז ביי זיינע אָרימע עלטערן וועט ער קיין זאַך נישט קאָנען דער-גרייכען, און דעריבער האט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם רייכען שידוך. אין דעם הויז פון זיין אָרטאָדאָקסישען שווער האט ער אויף זיך ארויפגעצויגען אַ פרומע מאַסקע, געזעסען אַ גאנצען טאג אין בית-המדרש און געלערנט. דאָרט האט ער זיך בעקענט מיט נחמנ'ען, און אין אַ שענעם פריהמאָרגען, זיצענדיג ביידע ביי דער גמרא, האט ער זיך פאַר איהם פערטרויט. עס איז אַריבער אַ קורצע צייט און זיי האָבען ביידע פעסט בעשלאָסען אַריינצוטרעטען אין ראבינער-שול, נחמן אין דעם ווילנער, און דער רייכער איידעם — אין דער זשי-טאָמירער. דעם אָנהויב האט געדארפט מאכען נחמן.

שוין אויף מאָרגען איז נחמן אַוועק אין דאָרף און האָט ער-קלערט דעם פאָטער, אז היות ווי די פרוזשינער לומדים מיט די ישיבות זענען פאַר איהם צו-קליין און קאנען איהם נישט בעפ-פריעדיגען, בכן איז ביי איהם געבליבען צוועקצופאָהרען אין דער בעריהמטער וואָלאָזשינער ישיבה, פון וואַנען עס זענען שוין אַרויס די גרעסטע רבנים. דעם פאטער איז אפילו זעהר שווער געווען אָב-צולאָזען זיין בן-יחיד פון זיך, אָבער נעהמענדיג אין אכט די פער-ספעקטיוו, וואס איהם שטעהט-פאָר צו האבען פאַר אַ זיהן אַ וועלט-בעריהמטען גאון, האט ער צום סוף צו דעם מסכים געווען.

אָבער גאָר אומגעריכטערהייד האט זיך נחמן אָנגעשטויסען אויף אַ גרויסער מניעה מצד אַ מענשען, פון וועלכען ער האט דאס גאָר קיינמאָל נישט געקאָנט ערווארטען. אז ער איז אין אַ פּאָר טעג אַרום אריינגעגאַנגען צום פרוזשינער ראש-הקהל בעטען אַ פאַס, האט איהם יענער, נישט פיעל קלערענדיג, אָבגעזאָגט אונטער פערשיעדענע אויס-ריידען. ווי ס'האט זיך נאָכדעם אַרויסגעוויזען, האט איהם דער ראש-הקהל נישט געוואָלט געבען קיין פאס נור מחמת דעם, וואס ער האט

אויף איהם שוין פון לאנג געוואָרפען אנ׳אויג אלס אויף דעם צו־קינפטיגען חתן פון זיין בת-יחידה, און ער האָט מורא געהאט, אז ווען נחמן וועט ווערען אַ תּלמיד פון דער וואָלאָזשינער ישיבה, וועלען איהם אויסכאפּען אַנדערע רייכערע און מיוחס׳דיגערע בעלנים, און בכלל ווער ווייסט, וואס ס׳קאן זיך מיט איהם מאכען אונטער די אויגען. וואס נחמן און זיין פאָטער האָבען זיך נישט צובעטען ביים ראש-הקהל וועגען אַ פּאס — קיין זאַך האט נישט געהאָלפען. אין יענער צייט זענען די קהל ס-לייט געווען, כידוע, גרויסע תּקיפים און מ׳האָט געגען זיי גאָרנישט געקאָנט טהון. האָט זיך נור ווער עס איז גע־וואגט איינצוורייסען מיט אַ ראש-הקהל, האט ער שוין נאָכדעם געהאט צו „זינגען און צו זאָגען״.

דער אָבזאג פונ׳ם ראש-הקהל האט פערשאפט נחמנ׳ען פיל צגמת-נפש. דאס האט איהם, ממש, צודולט דעם קאָפּ, ווייל לאָזען זיך אין וועג אריין אָהן אַ פּאס איז אין יענע צייטען געווען זעהר געפעהרליך, און בלייבען זיצען אין דער היים — דאס האט ער שוין ביי זיך נישט געקאָנט פועל׳ן נאָך די גרויסע און גלענצענדע פּלענער, וואס ער און זיין חבר, דעם גביר׳ס איידעם, האָבען אויסגעאַרבייט ביי דער אָפענער גמרא וועגען זייער צוקונפט. נחמנ׳ס שטימונג איז געוואָרען געדריקטער פון טאָג צו טאג; פון גרויס צער האט ער זיך נישט געוואוסט וואו אהינצוטהון.

צו-הילף איז איהם געקומען אַ גאנץ אונערווארטעטער צופאל. איינמאָל, ווען ער איז געזעסען אין בית-מדרש, איז צו איהם געקומען זיין פאטער פון דאָרף טויט-בלאַס און האט איהם דערצעהלט, אז ער האט דערהאַלטען אנ׳איינלאדונג פונ׳ם פּרוזשינער „איספּראווניק״ פאָר־צושטעלען זיך דעם גראָדנער גובערנאטאָר, וועלכער דארף דאָ מאָרגען דורכפאָהרען. דערצעהלענדיג דאס דעם זוהן, האט ער זיך גע־טרייסעלט פון שרעק. ער האט בשום-אופן נישט געקאָנט פערשטעהן וועלכען אינטערעס ס׳קאן צו איהם האבען דער גראָדנער גובער־נאטאָר, און אין זיין פאנטאזיע האט ער זיך אויסגעמאָלט בילדער איינס שרעקליכער פאר דעם אנדערן. הערענדיג דאס, איז נחמן אויך שטארק צורודערט געוואָרען. צום סוף זענען זיי ביידע אַוועק מישב צו זיין זיך וועגען דעם מיט דעם פּרוזשינער רב. דעם רב איז די זאך אויך זעהר אויפפאַלענד געווארען, און ארומקלערענדיג גוט דעם ענין, איז געוועזען זיין עצה, אז דער שמיד זאל זיך תּיכף אומקעהרען

צו זיך אין דאָרף און מאכען זיך דארט קראנק, און אויף דעם סוף מודיע זיין דעם „איספראַווניק", אז איהם אַליין איז אונמעגליך צו קומען, און ער שיקט אנשטאט זיך זיין איינציג קינד. דעם רב'ס עצה איז אָנגענומען געוואָרען, און ווי שווער עס איז געווען נחמנ'ען צו פערבייטען זיין פאָטער, ווייל אויסער וואס ער האט נאך קיינמאל אויף זיין לעבען נישט אויסגערעדט אַ וואָרט מיט אַ וועלכען עס איז רוסישען בעאמטען, האט ער נאך דערצו געהאט אַ גאנץ קנאפע ידיעה אין דער רוסישער שפראך, דאך האט ער, כדי צו בעפרייען זיין אלטען טאטען פון אזא שווערער לאסט, בעשלאָסען עס צו טהון, און אויף מאָרגען זייגער צעהן אין דער פריה האט ער זיך געפונען אַ שרעקעדיגער מיט אַ שטארק קלאַפּענדיג הארץ צווישען די גע־צעהלטע פערזאָנען, וועלכע האבען זיך צוזאמענגעקליבען אין דעם אוידיענץ-צימער פונ'ם „איספראַווניק" פאָרצושטעלען זיך דאָרט פאַר'ן גובערנאטאָר.

זייגער צוועלף איז ארויס דער גובערנאטאָר צו די פער־זאמעלטע פערזאָנען, און האט זיך דורכגערעדט מיט יעדען איינציגען פון זיי צו פאָר מינוטען. נחמן איז גראד געווען דער לעצטער. דער גובערנאטאָר, וועלכען דער „איספראַווניק" האט שוין פריהער מודיע געווען, אז דער שמיד, וואס ליגט איצט קראנק, ווערט פערביטען דורך זיין זוהן, האט זיך צו איהם אָבגערופען:

— מיט ניינצעהן יאָהר צוריק איז דיין פאָטער בעשערט גע־ווען צו האבען דאס גליק צו פעררירכטען אנ'אַקס פונ'ם עקיפאַזש פון זיין מאַיעסטעט דעם קייזער ניקאָלאי דער ערשטער. די קייזערליכע קאנצעלאריע האט מיך בעפולמעכטיגט אויסצודריקען אייער פאטער אַ גרויסען ישר-כּח.

נחמן, וועלכער איז די גאנצע צייט געשטאנען אין איין שרעק, האט איצט פריי אָבגעאָטעמט. זעהענדיג, אז דער גובערנאטאר איז זיך מכין אַריינצוגעהן אין די אינעווייניגסטע צימערן, האט אין איהם פּלוצלונג אויפגעבליצט אַ געדאנק, און אין אַ געבראָכענעם רוסיש האט ער קוים אַרויסגערעדט:

— איך האב צו אייך אַ בקשה! איך...

מעהר האט ער נישט געקאָנט רעדען; אזוי ווי דאס לשון וואלט איהם אָבגענומען.

דער גובערנאטאָר איז געבליבען שטעהן און האט איהם געענטפערט:

— רעדט יונגערמאן! וואס איז אייער בעגעהר?

— מיין בעגעהר איז: לערנען, בילדען זיך; איך וויל פון דאנען אוועקפאָהרען, קאָן איך נישט.

— פארוואס קאָנט איהר נישט אַוועקפאָהרען?—האָט איהם געפרעגט דער גובערנאטאר — ווער לאזט אייך נישט?

— מ׳גיט מיר קיין פאס נישט — איז געווען נחמנ׳ס תשובה — דער היגער ראש-הקהל זאגט, אז מ׳קאָן נישט.

אויף דעם האט געזאגט דער גובערנאטאָר:

— געהט, יונגערמאן, אהיים און זענט גאנץ רוהיג. מאָרגען בעקומט איהר אַ פאס.

און אזוי איז ווירקליך געווען. דעם צווייטען טאג האט שוין נחמן געהאט אַ פּאַס, און האָט זיך באַלד גענומען מכין זיין צו זיין נסיעה, און נישט קיין וואָלאזשין, נור קיין ווילנא.

פאר זיין אַוועקפאָהר, ביים געזעגענען זיך האט איהם זיין אַלטער פאָטער מיט טרעהרען אין די אויגען געבעטען און פערשוואוירען, אז ער זאל לערנען מיט גרויס התמדה, און דער עיקר, אז ער זאָל זיין אנ׳עהרליכער, גאָטס-פאָרכטיגער יוד און זאָל זיך צוריקקעהרען מיט אַ פאַרטיגער סמיכה אויף רבנות.

נחמן האט זיך געוואָרפען דעם פאטער אויפ׳ן האלז, און אין אַ נערוועזישער אויפרעגונג האט ער זיך פון איהם אָבגעשיידט שטום, אָהן ווערטער...

III

פון פרוזשין האט דער פאָטער אָבגעשיקט נחמנ׳ען מיט אַ גוי׳איש פוהרעל קיין סלאָנים, און פון דאָרט האט איהם אַ פעטער, דער מוטער׳ס אַ ברודער, געדאַרפט בעזאָרגען קיין ווילנא. אָנקומענדיג אָבער קיין סלאָנים, האט ער זיך דערוואוסט, אז דער פעטער איז נאָך מיט עטליכע יאָהר צוריק געשטאָרבען. נישט האָבענדיג, איידער ער וועט קריגען אַ פוהר קיין ווילנא, וואו זיך אַהינצוטהון, איז ער אַריין אין אַ בית-המדרש, און האט דארט איבערגענעכטיגט אַ פאָר נעכט. דערווייל האט ער בעוויזען בעקאַנט צו ווערען מיט אַ בחור׳ל אין זיינע יאָהרען, וועלכער האט אויך געדארפט פאָהרען קיין ווילנא, און וויל ס׳איז דעמאָלט געווען זומער-צייט, האָבען זיי בעשלאָסען צו לאָזען זיך ביידע אין וועג אַריין צופוס. אין אַ שענעם פאַרטאָג זענען

זיי ארויס פון סלאָנים. אַ גאנצען טאָג פלעגען זיי געהן, און פאַרנאַכט פלעגען זיי זיך אָבשטעלען אין אַ דאָרף און איבערנעכטיגען ביי די יודישע קרעטשמערס. זאָגענדיג אומעטום, אז זיי זענען בני־תורה און פאָהרען לערנען אין אַ ישיבה, האט מען זיי געגעבען עסען און טרינקען און אַמאָל אויך עטליכע גילדען במזומנים. שבת איז זיי אויסגעקומען צו זיין ביי אַ רייכען ישוב'ניק. דערוויסענדיג זיך פון זיי, אז זיי געהען קיין ווילנא, האט ער זיי געגעבען אנ'עצה צו היטען זיך, נישט אַראָב פון שליאַך און זעהן ווי ווייט מעגליך אויסצומיידען די וועלדער, וואו עס קאָנען זיך אפשר אויפהאַלטען „פאָוסטאַנצעס", ווייל ס'איז דאַן געווען די צייט פונ'ם צווייטען פוילישען אויפשטאַנד. די ערשטע עטליכע טעג האָבען זיי געטהון, ווי דער ישוב'ניק האט זיי געהייסען און זענען געגאַנגען מיט'ן אָפענעם וועג. אַ יין טאג איז אבער געווען זעהר אַ הייסער, די זון האט געברענט און גע־שרפ'עט. דיביידע יונגע בחורים זענען אָבגעגאָסען געוואָרען מיט שוויס, און זענען געוואָרען אַזוי פערמאַטערט, אז זיי האָבען נישט געהאַט קיין כּוח צו געהן ווייטער. כדי צו דורכפרישען זיך אַ ביסעל, זענען זיי אַריין אין דעם דערבייאיגען וואַלד, וואו ס'האָט מיט זיי פאַסירט פאָלגענדער אומגעריכטער צופאַל. וועגען וועלכען פרושאַנסקי אַליין האָט שפּעטער איבערגעגעבען אין זיינע זכרונות*) די דאָזיגע אינטערעסאַנטע פּרטים:

„... מיר געהען מיט'ן וואַלד. דאס וועטער איז שען, דער וואַלד איז אַ גרויסער, אַ שאָטענדיגער, אַ פינסטערער; ס'ווערט אונז עפּיס ווי אונהיימליך. כדי זיך צו דערמונטערן, האָבען מיר אָנגע־הויבען זינגען „כל־נדרי". פּלוצלינג דערזעהען מיר פון ווייטען, ווי עס געהען-אַרויס פון צווישען אַ קוסט פיער, פון קאָפּ ביז די פיס, בעוואָפענטע „פּאָוסטאַנצעס" (איך האָב זיי דערקענט לויט זייערע קאָנפעדעראַטקעס) און שטעלען זיך אָב. מיר פון אונזער זייט זענען אויך געבליבען שטעהן. דער שטח צווישען אונז און זיי האָט פער־נומען פון צוויי ביז דריי הונדערט טריט אַנ'ערך. מיר שטעהען און זיי שטעהען; זיי קוקען אויף אונז, און מיר — אויף זיי. אַזוי זענען אַוועק דריי מינוט. מיט אַמאָל האָבען מיר דערזעהן, ווי זיי ווינקען

*) אין זיינע יובענד־עראינערונגען „פּ ע ר ע ז ש י ט א י ע".

צו אונז מיט די הענד, אז מיר זאָלען צוגעהן צו זיי. מיר קווענקלען זיך און זענען זיך מיישב, וואס צו טהון: צי זאָלען מיר געהן ווייטער, אָדער אַ נעהם טהון זיך אויף צוריק און אַרויסדרעהען זיך פון זיי. די „פאָווסטאַנצעס", וועלכע האָבען, קענטיג, פערשטאַנען וואָס אין אונז קומט־פאָר, האָבען צו אונז געגומען ווינקען מיט די ביקסען, אַז אויב מיר וועלען צו זיי נישט צוגעהן, וועלען זיי שיסען. מיר האָבען נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, און נישט ווילענדיג זענען מיר צו זיי צוגעגאַנגען. עטליכע מינוט האָבען זיי אונז גאַנץ אויפמערקזאַם און שווייגענדיג בעטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס; נאָכדעם האָט אונז איינער פון זיי, קענטיג דער עלטערער, אַ פרעג געטהון:

— ווער זענט איר אַזוינע?

איך דאַרף בעמערקען, אַז אין יענער צייט האָב איך גאָרנישט שלעכט גערעדט פויליש. איך האָב איהם ערקלערט, אַז מיר זענען ישיבה־לייט.

— פון וואַנען געהט איהר?

איך האָב געענטפערט.

— וואוהין און צוליעב וואָס געהט איהר.

דאָ האָט אין מיר פלוצלינג אויפגעבליצט דער געדאַנק, אַז אויב איך וועל זאָגען דעם אמת, דאס הייסט, אז מיר געהען קיין ווילנא, קאָנען זיי אונז אָפּשר חושד זיין, אַז מיר שטעהען אין בעציהונגען מיט דער רוסישער מאַכט (אין יענער צייט האָט מען יעדערן אין אַלץ חושד געווען) און איך האָב געענטפערט:

— מיר געהען אין דער נאָהנטער יודישער שטאָדט.

— וואָס וועט איהר דאָרט טהון?

— מיר וועלען זיך לערנען.

— וואָס וועט איהר דאָרט לערנען?

— תלמוד.

— פאַרוואָס זענט איהר נישט געבליבען לערנען אין סלאָנים?

איך בין צומישט געוואָרען, און האָב נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. די פראַגע איז באמת געווען אַ גאַנץ לאָגישע.

איך האָב געשוויגען. מיין שווייגען האָט אפשר געדויערט מעהר נישט ווי עטליכע סעקונדען, וועלכע האָבען זיך מיר אָבער אויסגעוויזען ווי אַנ׳אייביגקייט. איך האָב גאַנץ גוט פערשטאַנען,

מיט וואָס דאָס שמעקט; דאָס האט געשמעקט מיט אַ שטריקעל אויפ'ן האַלז.

— איהר ווייסט, ווער מיר זענען? — האָט דער עלטסטער איבערגעריסען דאָס שווייגען.

— מיר ווייסען! — האָב איך געענטפערט

— ווער זענען מיר, לויט אייער מיינונג?

— פּאָווסטאַנצעס.

— ווייסט איהר, ווי אַזוי פּאָווסטאַנצעס בעגעהען זיך מיט שפּיאָנען?

— מיר ווייסען, — רעד איך קוים אַרויס.

— ווי אַזוי?

— זיי הענגען זיי אויף.

— און איהר, הייסט עס, זייט מסכים, מיר זאָלען אייך אויפ־הענגען? — האָט דער עלטסטער פאָרטגעזעצט זיין אויספאָרשונג אין דעמזעלבען רוהיגען, געלאַסענעם טאָן.

— ס'איז נישטאָ פאַרוואָס אונז צו הענגען, — האָב איך גע־ענטפערט, סטאַרענדיג זיך מיט אַלע כּוחות זיך צו בעהערשען, כּדי איך זאָל אויסווייזען וואָס רוהיגער און אונערשראָקענער, — ווייל מיר זענען קיינמאָל קיין שפּיאָנען נישט געווען און מיר וועלען דאס אויך קיינמאָל נישט זיין.

— פאַרוואָס ענטפערסט דו, און ער שווייגט? — האט ער אָנגע־וויזען אויף מיין חבר.

— ווייל ער קען נישט קיין פּויליש.

— און וואו האָסט דו דיך אויסגעלערנט רעדען פּויליש?

— איך האָב מיך אויסגעהאָדעוועט צווישען פּאָליאַקען.

— פון וואַנען ביזטו אַ געבוירענער?

איך האָב געזאגט.

— וועמען פון די דאָרטיגע פּאָליאַקען קענסטו?

כ'האָב אָנגערופען עטליכע גוט-בעזיצער.

— רעווידירט זיי! — האָט ער קורץ בעפוילען.

מ'האָט אונז גענומען רעווידירען. און מ'מוז זיי אָבגעבען זייער רעכט און זאָגען אַז זיי האָבען אונז רעווידירט, ווי עס בעדאַרף צו זיין לויט'ן דין: מ'האָט אונז אויסגעטהון כמעט נאַקעט, מ'האָט אַרומגעקוקט יעדען פאַלד פון אונזערע בגדים, מ'האָט אַרומגעטאַפּט יעדע קלייניגקייט אין אונזערע זעקלעך. און געוועהנליך האָט מען

ביי אונז קיין שום פערדעכטיגע זאַך נישט געפונען. שווער איז אָבער געוואָרען די לאַגע פון אונזערע רעווידירער בעת ס'זענען אַריין אין זייערע הענד אונזערע תפילין. זיי האָבען זיך געבראָכען דעם מוח און נישט געקאנט פערשטעהן, וואָס אַזוינס איז דאס. פון דרויסען האבען זיי זיך נישט אַרויסגעוויזען פערדעכטיג, אָבער אינעווניג, אין די בתים, קאן דאך עפּיס פּאָרט ליעגען אַ וועלכע ס'איז חשוד'ע זאַך. מ'האָט אַוועקגעטראָגען די תפילין צום עלטסטען, און געפרעגט ביי איהם, וואָס צו טהון.

—אויפשניידען!—האט דער עלטסטער געגעבען אַ קורצען בעפעהל.

די מינוט האט מען אויפגעשניטען אונזערע תפילין, און נאכדעם, ווי מען האט אין זיי קיין זאַך נישט געפונען, זענען אַלע פיער פּאָווסטאַנצעס אבגעגאַנגען אן אַ זייט און האָבען זיך גענומען שושקען צווישען זיך, עפּיס ווי זיי וואלטען זיך בעראַטען, וואס צו טהון מיט אונז. נאכדעם, ווי זיי האבען זיך אין אַ ווײַלע אַרום צוריקגעקעהרט אויף זייער פריהערדיגען ארט, האט דער עלטסטער אַ פרעג געטהון:

— ווי האט איהר דאס נישט מורא צו געהן אין וואַלד?

—פאַרוואס זאלען מיר מורא האבען?—האב איך געזאגט מיט אַ שמייכעל— ס'איז בייטאג, ס'איז ליכטיג.

—און אייך איז גארנישט אַרויף אויפ'ן זין, אז איהר קאָנט זיך דא בעגעגענען מיט פּאווסטאַנצעס?

— יא, דער געדאַנק איז אונז אַרויף אויפ'ן זין. אבער צי זענען די פּאווסטאַנצעס גזלנים, וואס קאנען טהון שלעכטס לגמרי אומשולדיגע מענשען? מורא האבען פאַר די פּאווסטאַנצעס דאַרפען נור די „מאסקאַלען”, און מיר האבען פאַר זיי נישט וואס מורא צו האבען.

דעם עלטסטען זענען, קענטיג געפעלען געוואָרען מיינע לעצטע ווערטער. אויף זיין עטוואָס פינסטערן געזיכט האָט זיך בעוויזען אַ שמייכעל און ער האָט זיך צו מיר אָנגערופען:

— ווי איך זעה, ביזטו נישט קיין נאַרישער בחור. אָבער איך בין דיך מתרה, אַז טאָמער האָסטו בדעה אונז אָבצונאַרען — ביזטו אומגליקליך. פון אונטער דער ערד וועלען מיר דיך אויסגראָבען און אראָבדרעהען דעם קאָפּ. איהר קאנט געהן. איהר קאָנט געהן.

מיר האָבען זיך פערנויגט און זענען אַוועק.

— שטעהט ! — האט ער אונז מיט אמאל אָבגעשטעלט, נאָכדעם ווי מיר זענען שוין אָבגעגאַנגען עטליכע טריט — איהר קאָנט נאָך בעגעגענען אַנדערע. זאָגט זיי, אַז דער „פּאַן" (ער האָט אָנגערופען זיין נאָמען) האָט געהייסען, אַז מ'זאָל אייך מעהר נישט טשעפּען... און טאָמער טרעפט איהר אָן מאָסקאַלען, זאָלט איהר זיי גאָרנישט זאָגען ; ווען נישט... היט אייך. און איצט מאַרש, לייראַקעס !

מיר זענען אַרויס פון וואַלד אָוונד-צייט. מיר זענען געווען זעהר הונגעריג און האָבען זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס, ווייל מיר זענען נישט געגאַנגען, נאָר געטראָגען זיך אַזוי ווי אויף פליגלען. מיר האָבען פריי אָבגעאָטעמט ערשט נאָכדעם, ווי מיר זענען אַריין אין דער קרעטשמע, וואָס האָט זיך געפונען ביים סוף וואַלד. ס'איז אַוועק אַ היבשע צייט איידער מיר זענען אויף אַזוי פיעל געקומען צו זיך, אַז מיר האָבען געקאָנט דערצעהלען דעם קרעטשמער וועגען דעם צופאַל, וואָס האָט מיט אונז פּאַסירט.

— איהר דאַרפט בענשען „גומל" ! — האָט געזאָגט דער קרעטשמער — איהר זייט געווען צוויי טריט פון גן-עדן. אָבער ווער-ווייס טהוט דאָס אַזאַ נאַרישקייט ווי איהר האָט אָבגעטהון. איצט געהען און פאָהרען אויף דעם וועג נור די, וועמען דאָס לעבען איז נישט טייער.

פון יענעם טאָג אָן האָבען שוין פּרוזשאַנסקי מיט זיין חבר מורא געהאַט צו געהן אין וועג צו-פוס, און האָבען אָנגעהויבען אונטער-צופאָהרען פון שטעדטיל צו שטעדטיל אויף פּויערישע וועגלעך אין מיט יודישע בעלי-עגלות, ביז זיי האָבען זיך אַזוי דערשלעפּט קיין ווילנא.

IV

איינזאַם און עלענד האָט זיך פּרוזשאַנסקי די ערשטע צייט גע-פיהלט אין ווילנא. נישט האָבענדיג ביי זיך קיין שום רעקאָמענדאַציע צו אַ וועלכען עס איז ווילנער בעל-הבית, האָט ער זיך אָנגעדונגען נאַכט-לעגער ביי אַ צירולניק, מיט וועלכען ער האָט זיך צופעליג בע-קאַנט. גראַד האָט זיך ביי דעם דאָזיגען צירולניק אויפגעהאַלטען זיינער אַ ברודער, אַ יונגעל פון אַ יאָהר פערצעהן, וועלכער איז גע-ווען אַ שילער פון דריטען קלאַס ראַבינער-שול. פונאַנדעררעדענדיג זיך מיט איהם, האָט זיך פּרוזשאַנסקי איבערצייגט, אַז איהם וועט זיך נישט אַזוי לייכט איינגעבען אַריינצוטרעטען אין ראַבינער-שול.

אין יענער צייט האָט נאָך פרוזשאַנסקי כמעט קיין איין וואָרט רוסיש נישט געקאָנט, און דאס האט איהם געהאַט אָבהענדיג געמאַכט, ער האט זיך נישט געקאנט פאָרשטעלען, אז אַ צוואַנציג-יעהריגער בחור ווי ער, וואס קען נאָך נישט דעם רוסישען אַלף-בית, זאל ווען עס איז קאָנען אָנקומען אין ראַבינער-שול, וואו פערצעהן-יעהריגע קינדער זענען שוין תלמידים פון דהיטען קלאַס. איהם האט שוין אָנגעהויבען פערדריסען, וואס ער האט זיך אָבגעזאָגט פון דער געוויסער רבני'שער קאַריערע צוליעב אַ חלום. צוקוקענדיג זיך ווי דעם צירולניק'ס שוואָגער איז נאָכאַנאַנד געזעסען און געשוויצט איבער דער רוסישער גראַמאַטיק און אַריפמעטיק און געאָגראַפיע, האט ער זיך אַרומגע-זעהן, אַז ער האָט בכלל אַ טעות געהאַט אין דעם גאַנצען מהות פון ראַבינער-שול. בעת ער איז געזעסען אין דעם פרוזשינער בית-מדרש מיט זיין חבר דעם גביר'ס איידעם ביי דער גמרא, האט זיך זיי גע-דוכט, אַז די ראַבינער-שול איז אַזא אָרט פון הויכער בילדונג, וואו מען וועט זיי געבען תשובות אויף אַלע „פערפלוכטע פראַגען", וואס האָבען אין זיי געעגבערט זינט זיי האבען זיך בעקענט מיט די ניי-העברעאישע השכלה-ביכלעך. ערשט מיט אַמאל דערוויסט ער זיך, אַז אין ראַבינער-שול לערנט מען כסדר נור כללים און כללים: כללים פון גראַמאַטיק, כללים פון אַריפמעטיק, און נאָך אַזעלכע למודים, וואס פאַסען נור פאַר צעהן-יעהריגע יונגלעך, אבער נישט פאַר דער-וואַקסענע ווי ער און זיין חבר. אַריינטראַכטענדיג זיך אין דער זאַך, האט ער בעשלאָסען זיך מיישב זיין וועגען דעם מיט די ווילנער קאַריפייען פון דער העברעאישער ליטעראַטור, וועמעס ווערק ער האָט תמיד ממש געשלונגען און וועמען ער האט געהאַלטען פאַר די גרעסטע קאָפּ-מענשען אין דער וועלט. דער ערשטער פון זיי, צו וועמען פרו-זשאַנסקי איז אַריין, איז געווען קלמן שולמאַן.

וועגען זיין ערשטען וויזיט ביי שולמאַנ'ען גיט פרוזשאַנסקי אַליין איבער די פאָלגענדע פרטים, וועלכע זענען זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גוואַלטיגער גייסטיגער השפעה, וואס די ערשטע ווילנער משכילים-שריפטשטעלער האבען געהאַט אויף דער דעמאָלדיגער יודישער פראָווינציעלער יוגענד:

„אויסער וואס איך האב דעמאלט געהאַלטען שולמאַנ'ען פאַר אַ „גרויסען שרייבער" — אַזוי דערצעהלט פרוזשאַנסקי אין זיינע מעמואַרען — האט ער זיך מיר עפּיס תמיד פארגעשטעלט אין מיין

פאַנטאַזיע אלס זעהר סימפּאַטישע און אנציהענדע פּערזענליכקייט, און צו זעהן איהם איז געווען מיין גרעסטער אידעאַל. אָבער גלייך אַריינצוגעהן צו איהם איז ביי מיר אויסגעקומען צו חוצפּה׳דיג, און קיין חצוף בין איך קיינמאָל נישט געווען. חוץ דעם בין איך ביי זיך דעמאָלט נישט געווען זיכער, אז בעגעגענדיג זיך מיט אַזא מענשען וועל איך מיט אַמאָל נישט בעקומען קיין גרויס פּחד און כ׳וועל נישט זיין ביכולת פונאַנדערצוזרעדען זיך מיט איהם, אויסדערצעהלען איהם וועגען זיך אַלע פּרטים וועגען מיינע איבערלעבענישען, וועגען מיינע שטרעבונגען און ספיקות. און ביי מיר האָט זיך דערוועקט דער געדאַנק, אַז ס׳וועט זיין אַ סך בעסער, ווען איך וועל איהם פריהער אָנשרייבען אַ בריעף. אויסער וואָס דאס וועט מיך בעפרייען פון אַריינצוקומען ביי מיין ערשטען בעזוך אין פערלעגענהייט, וועט עס מיר אויך דיענען פאר אַ רעקאָמענדאַציע. לויט׳ן בריעף וועט ער תיכף פערשטעהן מיט וועמען ער האָט דאָ אַנ׳עסק.

איך האָב מיר תיכף געקויפט פּאַפּיר און פעדער האב מיך אַוועקגעזעצט אין מיין לאָך צו שרייבען דעם בריעף".

דעם אינהאַלט פון בריעף האט שוין פרוזשאנסקי פערגעסען. ער געדענקט נור, אז דער בריעף האָט געהאַלטען פיער גרויסע בויגענס פּאָסט-פּאַפּיר פון אַלע זייטען און איז בעשטאַנען פון די אויסדערוועהלטסטע העברעאישע מליצות און איז געווען געפלאָכטען פון לויטער ערשטוינונגס-געפיהלען פאר דעם זשעני פונ׳ם גרויסען שריפטשטעלער, וועלכער האט צוריק לעבעדיג געמאכט די טויטע העברעאישע שפּראך און האָט אויף איהר אויסגעגאָסען אַ צויבער, מיט וועלכען זי קאן זיכער קאָנקורירען געגען אַלע איהרע לעבעדיגע שוועסטער.

דערגעהן שולמאַנ׳ס אַדרעס איז געווען נישט שווער. מ׳האָט דאס געוואוסט אין יעדער יודישער בוכהאַנדלונג, און דער בריעף איז אָבגעשיקט געוואָרען.

„ס׳איז זיך נישט שווער פאָרצושטעלען מיט וואס פאַר אַנ־אונגעדולד איך האב ערוואַרט די רעזולטאַטען פונ׳ם דאָזיגען בריעף. איך בין זיכער, אַז קיין איין געליעבטער האט נאָך קיינמאָל נישט ערוואַרט זיין געליעבטע מיט אַזא פיבערדיגער אומגעדולד, מיט וועלכער איך האָב אויסגעקוקט אויף אַנ׳ענטפער פון קלמן שולמאַן.

מ׳קאָן זיך פאָרשטעלען אויך יענע בעגייסטערונג, אין וועלכער איך בין אַריין, בעת איך האב אויפ׳ן צווייטען טאָג דערהאַלטען

אַ בריעף מיט דעם קליינעם פערעלדיגען שולמאַנ׳ס כתב׳לע. אין דעם דאָזיגען בריעף האט מיך שולמאַן אָנגערופען „מיין פריינד״, און אַ „מענש, וועמעס ליפּען עס זענען זיסער פון האָניג און וועמעס פּנים ער איז דאָרשטיג אנצוקוקען״. פון אזא גליק האָב איך גאנץ לייכט געקאָנט אַראָפּ פון זינען און זיך ווירקליך איינשמועסען, אז איך קאָן טרינקען טיי אהן צוקער. איך בין אָבער, אַ דאַנק גאָט, פון זינען נישט אַראָפּ און נישט האָבענדיג קיין צוקער, האב איך דע־מאָלט קיין טיי לגמרי נישט געטרונקען, און תיכף בין איך „אזוי ווי אויף פליגלען״ אַוועקגעפלויגען צו שולמאַנ׳ען.

לאנג בין איך געשטאנען ביי דער טהיר אידער איך האב ביי מיר גע׳פּועל׳ט אַ ציה־צו־טהון דאס גלעקעל. צום סוף האָב איך מיר אָבער געמאכט מוטה, האָב אַ ציה־געטהון דאס גלעקיל און מיט אַ קלאַפּעדיג האַרץ האב איך מיר גענומען איינהערען צו דעם, וואס עס קומט־פאָר הינטער דער טהיר.

הינטער דער טהיר האבען זיך דערהערט לייכטע טריט, און באלד האט זי זיך געעפענט, און אויף דער שוועל האט זיך בעוויזען אַ גאנץ ציכטיג געקליידעט מיידעלע פון אַ יאהר צעהן. אויף מיין פראגע, צי מ׳קאָן זעהן דעם הערר שולמאן, האט זי מיר געענטפערט, אז דער פּאַפּא איז אין דער היים. דערביי האט זי מיך אריינגעפיהרט אין אַ ריין פארצימער, וואס איז געוועזן כמעט פון דער פּאָדלאָגע ביז צום סופיט מיט עקזעמפּלאַרען פון „מסתרי פאריז״ און אנדערע שולמאנ׳ס ווערק. די טהיר צום זאל, וועלכער איז געוועזן זעהר שעהן מעבלירט, איז געוועזן פונאנדערגעעפענט, און איך האב דער־זעהן, אז אין דעם צום זאל באָהענטעטען חדר זיצט פאר׳ן שרייב־טיש אנגעטהון אין אַ שלאָפראק אַ הויכגעוויקסיגער מענש און שרייבט. ס׳איז נישט אריבער קיין מינוט און דער דאָזיגער מאן האט אויפ־געהויבען זיין קאפּ, האט אַ בליק געטהון אין מיין זייט, האט אוועק־געלעגט די פעדער, און אויפגעשטאנען און צושפּילענדיג זיין שלאפראק, איז ער צוגעגאנגען צו מיר.

כ׳האב גענומען שלינגען ממש מיט די אויגען דאס פּנים פונ׳ם דאזיגען מאַן. איך האב פערשטאנען, אז דאס איז ער, און איך האב אויפ׳ן דאזיגען פּנים געוואלט כאפּען זיין „זשעני״. אבער וואס איך האב נישט צומאטערט מיין ראיה, האב איך אויף איהם קיין שום „זשעני״ נישט געקאנט בעמערקען.

דאס איז געווען זעהר א סימפאטיש געזיכט לויט איהר אויס־דרוק פון פשטות און אָפענהערציגקייט מיט א גרויסער, „פליישיגער" נאז; אבער עפּיס בעזונדערס, אייגענארטיגעס איז אין זיין פּנים נישט געווען.

איך מוז מודה זיין, אז דאס האט מיך שטארק פערוואונדערט. ווי איז דאס? קלמן שולמאן איז אזא מענש, ווי אלע. איך האב עפּיס געהאט א בעגריף, אז בעוואוסטע, בעריהמטע לייט דארפען נישט זיין ענהליך צו געוועהנליכע מענשען, אז זייער טאלענט, זייער זשעני, דארף ביי זיי זיין אויסגעגאסען אויף זייער געזיכט, אויף זייער אויסזעהן.

נאכדעם ווי שולמאן האט געהערט, אז איך בין דאס יענער, פון וועמען ער האט דערהאלטען דעם בריעף, איז ער צו מיר גע־ווארען תיכף אזוי פריינדליך, אזוי ליעבליך, אז עס זענען נאך נישט אריבער קיין עטליכע מינוט, און איך האב מיך דערפיהלט נישט ווי ביי א בעריהמטהייט, נור ווי ביי דעם סאמע איינפאכסטען און גוט־הערציגסטען מענשען. און ביי מיר איז אויסגעקומען זעהר ווילד, וואס דא איז עפּיס אלץ אזוי פשוט".

שולמאן האט זיך זעהר פעראינטערעסירט מיט פרוזשאנסקי'ן, האט איהם געגעבען אנ' עצה צו פערפערטיגען זיך וואס גיכער, און אַריינצוטרעטען אין ראַבינער־שול. פּאַר אַ דערוואַקסענעם איז אפילו גאנץ שווער נעהמען און אַוועקזעצען זיך ביים רוסישען אַלף־בית, אָבער עס העלפט נישט, מען מוז. דערביי האָט איהם שולמאן צו־געזאָגט, אז ער וועט זעהן טהון אלץ, וואס ער וועט נור קאָנען כדי צו פערלייכטערן זיין מאַטעריעלע לאגע. זעהר צופריעדען פון זיין ערשטען וויזיט ביי שולמאַנ'ען, האט זיך פרוזשאנסקי שפּעט נאָך האלבע נאַכט צוריקגעקעהרט אויף זיין קוואַרטיר.

V

אין אַ פּאָר טעג אַרום, בעת פרוזשאנסקי האָט בעזוכט שולמאַנ'ען צום צווייטען מאָל, האט ער איהם בעגעגענט מיט דער בשורה, אז ער האט שוין פּאַר איהם בעזאָרגט אנ'אומזיסטע וואוינונג אין דער קאָר־שוהל „טהרת־הקדש". ביי די ווערטער האט ער זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבען אַ וואַרימע רעקאָמענדאַציע צו אַ גבאי פון דער דער־

מאָהנטער שוהל, משה ראָזענסאָן, און געהייסען פּרוזשאַנסקי׳ן די זאַך נישט אָבלעגען און עס באַלד אָבפּארטיגען.

דער דאָזיגער משה ראָזענסאָן איז געווען אַנ׳אויסטערלישער טיפּ. אַ יוד אַ גביר, אַנ׳אייגענטימער פון אַ צעהנדליג גרויסע הויפען אין ווילנא, וועלכער האָט זיך אויף דער עלטער אַריינגענומען אַ ווילדען געדאנק אין מוח, אז ער איז בעשאַפען געוואָרען אויף דער וועלט צו בעשענקען די מענשהייט מיט אַ נייער רעליגיע, וועלכע דאַרף זיין לויט איהר מהות אַ מין קווינטעסענץ פון אַלע עקזיס-טירענדע אמונות. דעם דאָזיגען געדאַנק האט ראָזענסאן געפּרובט דורכפיהרען אין דער העברעאישער ליטעראַטור. ער האט וועגען דעם אָנגעשריבען בלי-גוזמא הונדערטער ספרים, וועלכע קיינער האט נישט געקויפט און אין האנד נישט גענומען. ער האט זיך אָבער פון דעם נישט אָבגעגעסען דאס הארץ. ס׳וועט נאָך קומען אַזא צייט — אזוי פלעגט ער זאָגען — ווען די וועלט וועט זיך כאַפּען פאר מיינע ווערק און וועט דערקענען וואָס פאר אַ גרויסען אמת איך האב ענטפּלעקט. און אויף דעם סמך האט ער נאָכאַנאנד געשריבען און געדרוקט, און אזוי ביז׳ן טויט.

אָט צו דעם אָריגינעלען מענשען איז פּרוזשאַנסקי געקומען מיט אַ בריעף פון שולמאַנ׳ען. מיר גיבען דאָ איבער פּרוזשאנסקי׳ס אינטערעסאנטע בעשרייבונג פון דעם דאָזיגען בעזוך כמעט ווערטליך:

„מ׳האָט מיך אַריינגעפיהרט אין אַ גרויסען קאבינעט, וואו ס׳איז געשטאנען אינמיטען, אויסער אַ שרייב-טיש, אַ גרויסער טיש, אויף וועלכען עס זענען געלעגען אַ מאסע אָפענע ספרים, און כמעט אלע פון איין פאָרמאט. דאָרט איז געשטאנען דער בעל-הבית, וועלכען איך האב דערלאנגט שולמאנ׳ס בריעף. ער האט איבערגעלייענט דעם בריעף, און שווייגענדיג האט ער אין מיר אַריינגעשטאָכען זיינע בליקען.

— שולמאן שרייבט, אז איהר קענט זעהר גוט העברעאיש, — האט ער צום סוף אַרויסגערעדט.

— יאָ, איך קען.

— און קיין נאַר זענט איהר נישט?

— דאס ווייס איך שוין ווירקליך נישט; דוכט זיך, אז נישט.

— פּרובט אויף טשיקאַוועס אַ לייען-טהון דאס בוך — דערביי האָט

ער אראָב גענומען פון טיש איינעם פון די אָפענע ספרים, און האָט מיר דערלאַנגט.

איך האָב אַ קוק געטהון אויפ'ן בוך. דאָס איז געווען דער „ברית-חדשה". שווייגענדיג, האָב איך אויף איהם אַ בליק געטהון שטארק פערוואונדערט.

— איהר ווייסט, וואס דאס איז פאר אַ ספר?

— איך ווייס.

— איהר האט איהם ווען געלייענט?

— געלייענט.

— ווי געפעלט ער אייך?

— איך בין אַ יוד, — האָב איך איהם געענטפערט, ווערענדיג אַ יסמיידען דעם מיר אונאנגענעהמען שמועס.

— עס הייסט, אז ער געפעלט אייך, אָבער אלס יוד דארף ער אייך נישט געפעלען; דאס איז גוט געזאָגט. ווייזט מיר נור אַ קאָרשט אייער האַנדשריפט, — האָט ער צו מיר פּלוצלינג אַ זאָג-געטהון.

— העברעאיש, צי רוסיש?

— העברעאיש.

איך האָב ארויסגענומען פון טאש מיינעם אַ כתב-יד, און האָב איהם דערלאַנגט. עטליכע מינוט האָט ער עס געלייענט, דערנאָך ווענדענדיג זיך צו מיר, האָט ער געזאָגט:

— יאָ; איהר שרייבט, באמת, זעהר שען העברעאיש. וויפיעל וועט איהר ביי מיר נעהמען, אז איהר זאָלט צו מיר קומען בעשעפטיגען זיך יעדען טאָג אַ שעה — צוויי בערך?

— אויף מיין וואָרט, אז איך ווייס נישט — האָב איך איהם געענטפערט, קווענקלענדיג זיך — וואס וועט איהר געבען?

— נו, גוט; איהר וועט ביי מיר בעקומען צעהן רובל אַ חודש. איהר זייט מסכים?

געוועהנליך האָב איך באַלד מסכים געווען און איך האָב ממש געברענט פון אומגעדולד צו דערוויסען זיך, וואס אַזוינס וועל איך ביי איהם דאַרפען טהון.

— ס'איז אַ קלייניגקייט — האָט ער מיר דערקלערט — איך אַליין האָב אמאָל קיין צייט נישט; מיר קומט אויס צו פערצייכענען ציטאטען, און אמאָל דארף איך אויפזוכען אַ ווערטער עס איז אָרט אין דעם אָדער אין יענעם ספר. איהר וועט מיר אין דעם בייהילפיג

זיין. גראָד איצט, צום ביישפיל — דערביי האָט ער מיר אָנגעוויזען אויפ׳ן טיש מיט די ביכער — דארף איך דערגעהן וויפיעל מאָל ס׳ווערט דערמאָהנט אין עוואנגעליום קריסטוסעס נאָמען. אין יעדער שפּראַך איז די צאָהל, געוועהנליך, אַ גאנץ אנדערע.

איך האב איהם אָנגעקוקט, נישט פערשטעהענדיג, וואָס ער וויל דאָ זאָגען.

— און דעריבער — האָט ער מוסיף געווען—דארף מען איבערקוקען די דאָזיגע אלע אויסגאבען און אונטערציהען די דורכשניטליכע ציפער.

— דאס זענען אלע עוואַנגעליומס? — האָב איך איהם געפרעגט גאנץ ערשטוינט.

— און וואס האָט א י ה ר געמיינט? זעהט, וועלכע עקזעמפּלארען עס געפינען זיך דאָ.

איך בין צוגעגאנגען צום טיש און האָב אָנגעהויבען בעטראַכטען די ביכער. דאָס זענען באמת געווען לויטער עוואנגעליומס אויף אלערליי שפּראכען און דיאלעקטען פון דער וועלט.

— איהר ווייסט, וויפיעל עקזעמפּלאַרען עוואנגעליומס איך האב? צוויי הונדערט מיט צוואַנציג! — האָט ער ארויסגערעדט מיט גרויס בעגייסטערונג.

— איך וועל דאָך אָבער נישט קאָנען לייענען אויף די דאזיגע אלע שפּראכען און דיאלעקטען? — האָב איך איהם געפרעגט גאַנץ דערשראָקען.

— נישט בעאונרוהיגט אייך; ארבייט וועט זיך פאר אייך שטענדיג געפינען. איז נישט ד י, איז אנ׳אנדערע. אין „טהרת-הקודש״ קומט שבת אין דער פריה צום דאווענען, און איך וועל אייך שוין בעזאָרגען.

איך בין פון איהם אוועק — אזוי פערענדיגט פּרוזשאַנסקי—גאַנץ דערפרעהט איבער מיין אומגעריכטער פרנסה. אונצופרידען בין איך אָבער געווען פון דעם, וואס איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט פערשטעהן — נישט מיט וועמען איך האָב דאָ צו טהון און נישט וואָס פאַר אַ מין בעשעפטיגונג עס שטעהט מיר ביי איהם פאָר.

VI

פּרוזשאַנסקי האָט זיך עקזאמענירט און איז אריין אין ערשטען קלאס ראַבינער-שול. אָבער כמעט פון דער ערשטער מינוט אָן האט

פר שוין געוואָרפען אַנ'אומחן אויף דער ראבינער-שול און אויף דער גאַנצער סביבה. קודם-כל איז איהם, דעם צוויי-און צוואַנציג-יעהריגען בחור, דעם גמרא-למדן און דעם גרויסען קענער אין העברעאיש, נישט אָנגעשטאַנען צו זיצען אויף איין באַנק מיט קליינע יונגלעך, וואָס זייער גאַנצע מעלה בעשטעהט אין די ביסעל רוסיש, וועלכע זיי פלאַפלען בעסער פאַר איהם. ווייטער זענען איהם נישט געפעלען גע-וואָרען די געגג פון דעם רוסישען לעהרער, אַ געוועזענער אַקטיאָר, וואָס האט ליעב געהאַט אָבצוחוזק'ן בשעת דער לעקציע פון די ראַ-בינער-שילער, און בעזונדערס פון יענע, וואס רעדען רוסיש נישט מיט דעם ריכטיגען אַקצענט, צו וועלכע ס'האָט געהערט אויך פּרוזשאַנסקי.

די לעקציע פונ'ם דאָזיגען לעהרער, וועלכער איז געווען אַנ'אָפענער שונא-ישראל, האט פּרוזשאַנסקי נישט געקאָנט רוהיג אריבערטראָגען און איז תּמיד געזעסען ביי די לעקציע, ווי אויף געברענטע קויהלען. איינמאָל, בעת דער רוסישער לעהרער האט אָבגעהאַלטען פאר די תּלמידים אַ לאַנגע אַנטיסעמיטישע דרשה, און עס האָט זיך נישט גע-פונען קיין איינציגער צווישען זיי, וואס זאל האבען די דרייסטקייט איהם עפּיס אָבצוענטפערן, האט זיך פּרוזשאַנסקי נישט געקאָנט איינ-האַלטען, האט זיך אויפגעהויבען פון אָרט און הויך אַ געשריי געטהון איבערן גאַנצען קלאַס:

— דאס איז לחלוטין פאלש, הערר לעהרער!

אַ פּאָר סעקונדען האט געהערשט אין קלאַס אַ טויטע שטילקייט. מיט אַ מאָל איז דער לעהרער ווי אויפגעשפּרונגען פון אָרט און האט אַ דונער געטהון מיט זיין באַס-שטים:

— אַהא, אזוי גאָר! קום נור אַהער, מיין בערדיטשעווער חכם!

פּרוזשאנסקי איז ארויס.

דער לעהרער האט איהם מאַיעסטעטיש בעטראכט פון קאָפּ ביז די פיס, און געפרעגט:

— וואו ביזט דו?

— אין ראַבינער-שול.

— און נישט אויפ'ן מאַרק?

— ניין, נישט אויפ'ן מארק.

— און אויב נישט אויפען מאַרק, טאָ ווי האָסטו געהאט די העזה אויפצושטעהן און ענטפערן בעת קיינער פרעגט דיך גאָרנישט?

פּרוזשאַנסקי האט געשוויגען.

— ווייסטו, ר׳ יענקעל — האָט דער לעהרער מוסיף געווען נאָך אַ קורצער פּויזע — אַז איך קאָן דיך פּאַר דעם תּכף אוועקשטעלען אויף די קניה?

— ניין, הערר לעהרער, איהר קאָנט דאס נישט טהון — האט איהם פּרוזשאנסקי גאנץ קאַלט געענטפערט. אין יענער מינוט איז ביי איהם געווען רעכט כאָטש אַרויסגעטריבען צו ווערען פון ראבינער-שול, אבער נישט צוליב טהון דעם אנטיסעמיטישען לעהרער.

— וואס? — איז אויפגעשפּרונגען דער לעהרער — די מינוט אויף די קניה!

פּרוזשאַנסקי איז געשטאנען, נישט ריהרענדיג זיך פון אָרט, און האָט איהם געקוקט גלייך אין די אויגען.

— איך האב דאָך געזאָגט: אויף די קניה! — האָט דער לעהרער איבערגעחזר׳ט, צוגעהענדיג נעהנטער צו פּרוזשאנסקי׳ן — דו הערסט?

— איך הער אפילו גאנץ גוט, אָבער אויף די קניה וועל איך מיך נישט שטעלען, ערשטענס, ווייל איך וויל נישט, און צווייטענס, ווייל דאָס פערבאָט אונזער רעליגיע.

— רעליגיע? — האט ער זיך פונאנדערגעזונגען — נו איז גוט; אויב אזוי, בלייב דו מיט דיין רעליגיע, אָבער דערפאַר וועל איך דיך תיכף אַרויסטרייבען פון ראַבינער-שול.

— צו וואָס, הערר לעהרער, ארויסטרייבען? אויב איהר וועט זיך זידלען, וועל איך אליין אוועקגעהן. איך בין אָנגעקומען אין ראַבינער-שול, כדי צו לערנען זיך, אָבער נישט כדי צו הערען ווי איהר מאכט ליצנות פון יודען...

עטליכע מינוט — אזוי דערצעהלט פּרוזשאנסקי — האָבען מיר שווייגענדיג געקוקט איינער דעם צווייטען אין די אויגען. אין איהם איז, קענטיג, פאָרגעקומען אַ קאַמף; איך האָב געזעהן גאָר איהם, אַז ער איז שוין געווען מוכן ומזומן צו וואַרפען זיך אויף מיר מיט די פויסטען. ער האָט זיך אָבער מנצח געווען, האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, איז אַוועק צוריק אויף זיין אָרט און האט אַ זאָג געטהון:

— נו, מארש, דו טויגעניכטס אויף דיין אָרט! ווייטער ריק נישט אריין דיין „זשידאָווסקע" נאָז בעת מען פרעגט דיך נישט...

פון דעמאָלט אָן האָט איהם אָבער דער רוסישער לעהרער די דאָזיגע סצענע נישט פערגעסען. נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס אין פערגלייך צו אַנדערע האָט ער געקענט רוסיש פיעל מעהר פון דעם,

וואס ס׳האָט זיך געפּאָדערט, ווייל ער פלעגט גאנצע טעג און נעכט אָבזיצען איבער די לעהר־ביכער, האָט ער זיך פונדעסטוועגען אינם משך פון אַ גאנץ יאָהר נישט געקאָנט צושלאָגען ביי איהם אפילו צו אַ „דריי". כסדר „איינסען" און „צווייען" — מעהר האָט ער נישט בעקומען.

פרושאַנסקי׳ן האָט געקרענקט, צוקוקענדיג זיך ווי די גאַנצע אַדמיניסטראַציע פון ראַבינער־שול, און אויך די שילער אַליין, האָבען געמאנקירט מיט די העברעאישע למודים, און ווי די יודישע לעהרער, צווישען וועלכע עס זענען געווען אַזעלכע בעריהמטע פערזענליכ־קייטען, ווי אדם הכהן לעבענזאָהן, שמואל יוסף פין, מרדכי פלינגיאָן, שלמה זאַלקינד און אַנדערע זייער־גלייכען, האָבען זיך געבויגען אין דרייען פאר דעם רוסישען דירעקטאָר. זענענדיג נאָך דעמאָלט שטאָלץ אויף זיין יודישען וויסען, און דערצו טעמפּעראַמענטפול פון דער נאַטור, האט ער רוהיג נישט געקאָנט צוזעהן, ווי די דאָזיגע גרויסע מענשען, די זיילען פונם ליטווישען יודענטום, פערליערען זיך אינ־גאַנצען בעת זיי טרעטען אויף פאר דעם רוסישען פריץ... דאס אַלץ האָט אויף איהם געמאַכט זעהר אַ שווערען איינדרוק, און זיין פריהערדיגע היץ צו דער ראַבינער־שול האט אין איהם אָנגע־הויבען אָבקיהלען.

פון זיין ארבייט ביי ראָזענסאָנען האָט פרושאַנסקי אויך קנאַפּ נחת געהאט. די אַרבייט איז בעשטאנען אין דעם, וואס ער האָט גע־דארפט אויפזיכען די אָדער יענע מימרה און אָבשרייבען איהר אויף אַ שטיקעל פּאפּיר. אזוי זענען אוועק א וואָכען צוויי־דריי. ביסלעכ־ווייז האט אָבער ראָזענסאָן אָנגעהויבען צו מאטערען פרושאנסקי׳ן מיט פערשידענע פראגען, דאס רוב אונפערשטענדליכע, און נויטען איהם אויסצוהערען, אַמאָל גאנצע שעה׳ן, זיינע ווילדע, משונה׳דיגע גע־דאנקען און אידעען. עס פלעגען טרעפען אזוינע מינוטען, ווען פרו־זשאנסקי פלעגט זיך נישט קאָנען איינהאלטען און פלעגט וועלען אויפ־ווייזען ראָזענסאָנ׳ען די לעכערליכקייט פון זיינע געדאנקען. אָבער באלד פלעגט ער אויף דעם חרטה האָבען, ווייל מעהר ווי דאס האט ראָזענסאָן נישט בעדארפט. קוים האט פרושאנסקי ארויסגערעדט פון מויל דאס ערשטע וואָרט, האָט ער זיך פון ראָזענסאָנ׳ען נישט געקאנט אַרויסדרעהען, און איז אָפּט פון איהם אוועק איגגאנצען אַ פערמוטשעטער און אַ נידערגעשלאָגענער.

אין זיינע עראינערונגען שילדערט פרוזשאַנסקי די פאָלגענדע העכסט כאַראַקטעריסטישע סצענע, וועלכע איז אַמאָל פאָרגעקומען צווישען איהם מיט ראָזענסאָנ׳ען.

„איינמאָל — דערצעהלט פרוזשאַנסקי — אז איך האָב ראָזענסאָנ׳ען דערלאַנגט אַ מימרה, וועלכע כ׳האָב איבערגעשריבען פון אַ געוויסען ספר — איז ער איהר דורכגעלאָפען מיט די אויגען, נאכדעם האט ער זיך געווענדעט צו מיר און געפרעגט, וואס איך מיין וועגען דער דאָזיגער מימרה.

— וואס הייסט? — האָב איך איהם אַ פרעג געטהון, נישט פער־שטעהענדיג, וואס ער מיינט.

— ווי דארף מען דאס, לויט אייער מיינונג, פערשטעהן?

איך האָב איהם אָנגעהויבען ערקלערען דעם געדאנק פון דער מימרה.

— נו, נו, — האט ער מיר איבערגעריסען מיט אַ שמייכעלע — מיר ווייסען, מיר ווייסען, אז איהר פערשטעהט דעם פירוש המלות. זאָגט מיר אבער דעם פשט פון די ווערטער.

— וואס פאר אנ׳אנדער פשט קאן דאָ זיין?

— אָט הערט! — און ער האט מיר אָנגעהויבען ערקלערען.

די ערקלערונג איז געווען אזא ווילדע, אז זי האָט נישט גע־שטימט נישט מיט דעם גרונד־געדאַנק פון מחבר, נישט מיט דער לאָ־גיק און נישט מיט דער גראַמאַטיק. דאס איז געווען עפּיס אַ מין משונה׳דיג „פּשט׳ל“, וואס וואָלט אפשר געקאָנט בעפרידיגען נור אַ ברענענדיגען חסיד, הערענדיג איהם פון זיין רבי׳ן.

איך האָב אויף איהם געקוקט שטאַרק פערוואונדערט. ענטפערען, דערווייזען איהם די גאַנצע שוואַכקייט פון דעם באדען, אויף וועלכען ער איז געשטאנען, איז געווען צו־ריזיקאַליש — איך וואָלט געקאָנט פערלירען מיין בעשעפטיגונג און בלייבען אָהן ברויט. שווייגען — דאס האט מיך נישט געלאָזט מיין גערעכטיגקייטס־געפיהל.

— וואס קוקט איהר אזוי אויף מיר? — האט ער אַ פרעג געטהון.

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען — האָב איך אָנגעהויבען פאָר־זיכטיג — מיר דוכט זיך, אז איהר האט נישט אזוי...

— לאָמיך נור הערען, פארוואס דוכט זיך דאס אייך אזוי, — האט ער מיך איבערגעהאַקט.

פאָרזיכטיג, ווי ווייט מעגליך רוהיג, אויסמיידענדיג שאַרפע

ווערטער, אויסדריקען, האב איך איהם גענומען דערווייזען, אז ער האט א טעות. ער האט מיר אָנגעהויבען אָבצושלאָגען, און איך האב זיך איהם נישט אונטערגעגעבען און בין נישט אָבגעטראטען פון מיין מיינו ג.ביידע האבען מיר זיך אָנגעהויבען צו קאָכען און ס'איז נישט אריבער קיין האַלבע שעה איז ביי אונז אין קאַבינעט געוואָרען אזא ליארים מיט א געפילדער, אז ס'איז אריינגעלאָפען, א דערשראָקענע ראַזענסאָנ'ס טאכטער און האט א פרעג געטהון, וואס אזוינס קומט דאָ ביי אונז פאָר?

— ער פערשטעהט נישט — האט ראַזענסאָן, געזאגט שמייכלענדיג, ווינקענדיג מיט'ן קאפ אין מיין זייט — און וויל זיך נאָך אמפערן.

— ניין, ענטשולדיגט — האב איך מיך נישט געקאנט איינהאלטען — איך פערשטעה שוין גראָד...

ער האט א קוק געטהון אויף מיר, אויף דער טאכטער, האט זיך פונאנדערגעלאכט און געזאגט:

— ווי געפעלט ער דיר? עס קומט אויס, אז ער פערשטעהט, און איך פערשטעה נישט. נו, גוט — האט ער זיך געווענדט צו מיר — מיר וועלען נאך בעווייזען דורכצושמועסען זיך וועגען דעם. פאָר היינטיגס מאָל זאל דערווייל זיין גענוג.

נאָך אַזעלכע עטליכע סצענעס האט פרוזשאַנסקי בעשלאָסען צו ווארפען די אַרבייט ביי ראַזענסאָנ'ען. ער האט אָבער מורא געהאט, אז דורך דעם וועט ער פערלירען נישט בלויז די צעהן רובל א חודש, נאָר אויך זיין אומזיסטע קוואַרטיר אין „טהרת-הקדש". דערווייל האט אָבער פּאַסירט א צופאל, דורך וועלכען פרוזשאַנסקי האט זיך געפונען געצוואונגען צו פערלאָזען זיין וואוינונג אין „טהרת-הקדש" און ווילנא בכלל.

VII

עס איז געווען פאר די ימים נוראים.

אין יענער צייט האט אין ווילנא געהערשט די חאָלערא אין זעהר א שארפער פאָרם. טאָג-טעגליך האט די עפּידעמיע אַוועקגערויבט הונדערטער קרבנות און דאס רוב צווישען יודען. ס'איז גאַנץ נאַטירליך, אז אלע זענען געווען איבערצייגט דערין, אז אין אזא גע-פעהרליכער צייט וועלען די ווילנער רבנים צוליעב פקוח-נפש ער-לויבען דעם עולם צו עסען יום-כפור, שטארק אויפגערעגט, האט די

װילנער ייִדישע בעפעלקערונג פֿון טאג צו טאג ע װאָרט דאס דאזיגע ערלויבניש. בעזונדערס גרויס איז געװען די אויפרעגונג ביי דער אינטעליגענץ. ביים דאַװנען די צװיי טעג ראש-השנה און דעם שבת, װאס פאר יום-כפור, האבען אַלע גערעדט מיט גרויס פערװאונדערונג װעגען דעם, װאס די װילנער מורא-ה ראה׳ס לאָזען זיך אזוי לאנג בעטען מיט דער ערלויבניש, װאס האט שוין בעדאַרפט זיין בעװאוסט אין די גאַנצע שטאָדט.

אין װילנער „טהרת-הקדש״ האט מען אויך יענעם שבת, װאס פאר יום-כפור, ערנסט אַרומגערעדט די פראגע װעגען דעם קומענדיגען תענית, און איטליכער פון די מתפללים האט געפונען װי פאר זיין חוב אַרויסצוזאגען אַ פּאָר ביטערע װערטער אויפ׳ן אַדרעס פון די שטאָדטישע רבנים. אין אַ בעזונדער װינקעל האָבען װעגען דעם געשמועסט איינגע פון די װילנער משכילים, צװישען װעלכע עס זענען געװען אויך קלמן שולמאַן און משה ראָזענסאָן. דעם דאָזיגען שמועס האט אונטערגעהערט פּרוזשאַנסקי, װעלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ביי דער זייט. גאַנץ אומגעריכט האט ער זיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך און אַ פרעג געטהון:

— װאָס װעט זיין, אויב איך װעל מאַכען, אז היינטיגען יום-כפור װעט עסען גאַנץ װילנא?

— װי אזוי װעט איהר עס מאכען? — האט זיך פעראינטערעסירט ראָזענסאָן.

— דאס איז שוין מיין זאך.

— נו, אויב אזוי — האט זיך אָבגערופען ראָזענסאָן — אויב איהר װעט קאָנען מאַכען אַזא װאונדער, זאָג איך אייך פּאַר עדות, אז איהר בעקומט ביי מיר פופציג רובל.

— טאָ גרייט אָן די פופציג רובל — האָט פּרוזשאַנסקי געזאגט לאַכענדיג — דאָס װעט שוין זיין געמאכט.

— גוט, גוט, איך װעל שוין צוגרייטען. איהר מאכט נור די זאַך פון אייער זייט.

— מיט איין תנאי — האָט פּרוזשאנסקי מוסיף געװען — ערשטענס, דאַרף דערפון חוץ אונז קיין נפש חיה נישט װיסען און, צװייטענס, אויב איך װעל דאַרפען הילף, זאָל איך קאָנען רעכענען אויף אייך, מיינע תּשרען.

— איה־ קאָנט רעכנען אויף אונז, נור טהוט — האט זיך די קאָמ־פּאַניע פונאנדערגעלאכט.

פּרוזשאנסקי, וועלכער איז געווען אַ בקי אין אַ סך „שאלות ותשובות“ און האט געקענט אויסגעצייכענט דעם רבניש־תּלמודישען סטיל, האט זיך אװעקגעזעצט און אינ׳ם נאָמען פון די דאַמאָלסטיגע דריי ווילנער מורי־הוראות אָנגעשריבען אַ כּרוז, אין וועלכען עס איז געשטאַנען, אז צוליעב דער הערשענדער מגפה פון כאָלערא ווערט נישט בלויז ערלויבט צו עסען און צו טרינקען, נור דער, וואס וועט דאס נישט טהון, איז דורך דעם עובר אויף אַ וויכטיגען דין פון דער תּורה, לויט וועלכען אַ מענשענ׳ס לעבען שטעהט העכער פאר אלץ. עס איז אין „שלחן־ערוך“ נישטאָ אזא געזעץ, אָדער אַ פערבאָט, וואס מ׳זאָל איהם נישט קאָנען אָבהיטען בעת עס האַנדעלט זיך אום צו ראַטעווען אַ מענשליך לעבען.

דער נוסח פון כּרוז, און זיין גאנצער טאָן, איז געווען אַ ריין־רבני׳שער, און דערצו מיט די נויטיגע ציטאטען און מראי־מקומות׳ן פון פערשיעדענע מאמרי־חז״ל. בעת פּרוזשאַנסקי האט איהם אַוועק־געטראָגען ראָזענסאָנ׳ען און האַט איהם נאָכדעם בעוויזען שולמאַנ׳ען, זענען זיי ביידע אויפגעשפּרונגען פון גרויס התפעלות. דאס איז גע־ווען געמאכט אזוי געשיקט און מיט אזוי פיעל קונסט, אז עס האַט גאָר קיינעם נישט געקאָנט איינפאלען חושד צו זיין, אז דאָ איז אָבּ־געטהון געוואָרען אַ וועלכער־עס־איז פאלש.

— וואס קלערט איהר מיט דעם צו טהון? — האט ראָזענסאָן געפרעגט פּרוזשאַנסקי׳ן.

— און איהר פערשטעהט עס נישט? די ערשטע זאך דאַרפען מיר דערפון אַראָבנעהמען אַ שטיקלעך פופציג קאָפּיעס.

— נו, און נאָכדעם?

— נאָכדעם וועט מען דארפען בעקומען די חתימות פון די רבנים.

— און וואו וועט איהר זיי בעקומען?

— דאס לאָזט שוין מיר; איך וועל זיי אייך צושטעלען.

עס איז געווען צוויי טעג פאַר ערב־יום־כּפּור, און ערב־יום־כּפּור האָבען שוין די אויפרופען געדארפט זיין פונאַנדערגעקלעבט אין שטאָדט. כּדי נישט צו פערלירען קיין צייט, האָבען זיך פּרוזשאנסקי מיט ראָזענסאָנען פערשפּאַרט ביי איהם אין קאַבינעט און זיך גע־

צומען פאר דער אַרבייט. פאַרנאכט זענען שוין צוואנציג אויפרופען געווען פאַרטיג.

איצט האָט מען זיך געדאַרפט נעהמען פאר די רבני׳שע חתימות. געוועהנליך, האָט מען זיי אויך געדאַרפט נאָכמאכען, ווי דעם עצם כרוז. ווי בעקומט מען אָבער די אמת׳ע, ריכטיגע חתימות, כדי צו האבען פאר זיך אַ מוסטער? אויך דאס דאָזיגע פראָבלעם האט פרושאַנסקי געלונגען פערענטפערט.

אין אָוועגד איז ער אַוועק אויפ׳ן שול-הויף. נאָך עד היום זענען תמיד די ווענד פונ׳ם ווילנער שול-הויף בעקלעבט מיט אַ מאסע יודישע הודעות, און צווישען זיי זענען אלעמאָל דאָ אַ צוויי, דריי רבני׳שע. דריי מאָל איז ער געקומען אויפ׳ן שול-הויף און געוואָלט אַראָפרייסען פון וואַנט אַ רבני׳שע הודעה, און האָט נישט געקאָנט: יעדעס מאָל איז דאָרט געווען אַ גרויסער עולם. ערשט צוויי אַ זייגער נאָך האַלבע נאַכט האט זיך איהם ווי-עס-איז איינגעגעבען אַראָפצורייסען אַ שטיקעל מודעה מיט די אונטערשריפטען פון די דריי שטאָדטישע מורי-הוראות.

אויף מאָרגען גאנץ פריה איז שון פרושאנסקי געווען ביי ראָזענסאָנ׳ען. זיי האָבען בעטראַכט די חתימות און געקומען צו דער איבערצייגונג, אז עס איז גאנץ לייכט זיי נאָכצומאַכען. די דעמאָלסדיגע ווילנער מורי-הוראה׳ס זענען געווען גרויסע גאונים און צדיקים, אָבער שלעכטע קאַליגראפען. עס האט געדויערט מעהר נישט ווי אַ האלבע שעה, און די חתימות זענען אַזוי געראָטען אַרויס, אַז די רבנים אַליין וואָלטען געמוזט זאָגען, אז דאס זענען זייערע אייגענהענדיגע אונטערשריפטען. אַ גאנצען טאָג האָבען זיי ביידע, פרושאנסקי מיט ראָזענסאָנ׳ען געהאָרעוועט, און אין אָוועגד האָבען זיי שוין געהאט פאַרטיג ביי אנ׳ערך פופציג אויפרופען.

עס איז אָנגעשטאַנען די שווערסטע ארבייט: מ׳האָט געדאַרפט פונאַנדערקלעבען די כרוזים.

מען דאַרף בעמערקען, אז יענע צייט איז געווען זעהר אנ׳אונרוהיגע. דאס איז געווען די צייט פון מוראַוויאָוו׳ס ממשלה. אַ גאנצע נאכט פלעגען איבער׳ן שטאָדט ארומגעהן מיליטערישע פאטרולען, וועלכע האבען גוט אַכטונג געגעבען, צי עס ווערען נישט אויסגעקלעבט אָדער פונאנדערגעוואָרפען פערשיעדענע אויפרופען. ביי אזא לאגע איז פונאנדערקלעבען פופציג שטיק הודעות אין די בעלעבטסטע

און רוישיגסטע גאסען, געוועז זעהר א געפעהרליך שטיקעל ארבייט. פאר אזא מעשה האט מען דאן געקאנט פערפוילט ווערען אין געפענגניש. פרוזשאנסקי׳ן איז אבער די זאך אריין אין אמביציע, און ער האט אויף זיך גענומען די ריזיקאלישע מיסיע.

ער האט אויף דעם אבגעגעבען א גאנצע נאכט, און האט די זאך אויסגעפיהרט גלענצענד. אויפ׳ן שול-הויף האט ער צוגעקלעבט דריי הודעות און איינע א פיערטע ביי׳ם סאמע אריינגאנג צו דעם עלטסטען מורה-הוראה, וואס האט דעמאלט געוואוינט דא אויפ׳ן שול-הויף.

אויף מא־גען, ערב-יום-כפור, האט זיך דאס גאנצע יודישע ווילנא, ווי מ׳האט דאס געדארפט ערווארטען, אזש געשמאלצען פון שמחה. דער עולם האט בעצייטענס צוגעגרייט אין די קלויזען און בתי-מדרשים אויף קהל׳ש געלד בראנפען, לעקאך און אנדערע מיני פערבייסענס, מיט וואס צו דער קוויקען זיךביים דאווענען אין דער צייט פון די הפסקות.

אזוי איז אריבער דער גאנצער טאג.

עס איז געווארען בין-השמשות׳דיג, און פון די צענטראלע גאסען וועלכע זענען נאהנט צום שול-הויף און דורכאויס בעוואוינט פון יודען, האט שוין דער עולם גענומען געהן אין די קלויזען צו „כל-נדרי״. די אינטעליגענץ האט זיך שוין געקליבען אין „טהרת-הקודש״, וועלכע האט זיך דעמאלט געפונען אין א געסעל נישט ווייט פון שול-הויף.

אין יענער צייט איז פרוזשאנסקי מיט עטליכע חברים, ראבינער-שילער, געשטאנען אויפ׳ן גאס און בעטראכט דעם פערשיעדענעם עולם, וואס לאזט זיך טרויעריג געשטימט געהן אין די שוהלען.

פלוצלונג האבען זיי דערהערט א הארצרייסענד געשריי:

— „יודען! די הודעה פון די רבנים איז א געפעלשטע! מען טאר אויפ׳ן מארגעדיגען תענית נישט עובר זיין!״.

אין א סעקונדע ארום האבען זיי דערזעהן, ווי פון שוהל-הויף צופליהט איבער דער דייטשישער גאס א יודעל אויף א דראזשקע, און ער לאזט דאס ארויס די דאזיגע ווילדע קולות.

פרוזשאנסקי האט באלד פערשטאנען, וואס דאס בעדייט. דאס הייסט, אז מען האט ענטפלעקט דעם פאלש, און ווען דעם יודעל וועט זיך איינגעבען ארויספאהרען אויף דער דראזשקע כאטש מעהר נישט ווי נאך איין האלבע שעה, קאן ער איבערפיהרען די גאנצע זאך. און ביי פרוזשאנסקי׳ן האט אויפגעבליצט דער געדאנק, דאס נישט צו

דערלאָזען. צווישען זיינע חברים זענען געווען א צוויי — דריי, וואס האבען געוואוסט פון סוד, און צו זיי האט ער א זאָג געטהון:

— מיינע העררען! דעם דאזיגען פארשוין דארף מען זעהן אויפ־האלטען, ווען נישט, וועלען מיר מאָרגען מוזען הונגערן.

דער געדאנק איז אַלעמען געפעלען געוואָרען. דאס געסעל איז געווען זעהר אַ שמאָלס, מעהר ווי איין דראָזשקע האט אין איהר נישט נעקאנט דורכפאָהרען. די חברה ראַבינער־שולער האבען זיך, כלומר'שט ווי נישט מיט אַ כיון, אַוועקגעשטעלט אינמיטען געסעל. דער פוהרמאַן, וועלכער האט מיט אלע כּוחות געטריבען דאס פערד, האט, דער־זעהענדיג פון וויטען די ראַבינער־שילער, געגומען שרייען, אז זיי זאָלען אַוועקגעהן. זיי האָבען זיך געמאַכט נישט הערענדיג, און ער האט זיך אויף זיי שטארק געבייזערט און דאָך צום סוף איינגעהאַלטען דאס פערד. מיט דעם מאָמענט האבען זיך בענוצט די שילער, האָבען אָנגעכאַפּט דאס פערד פאַר'ן צוים און אַריינגעשלעפּט דאס יודעל מיט דער דראָזשקע אויפ'ן הויף פון „טהרת־הקודש". דאס אלץ איז אָפּ־געטהון געוואָרען אַזוי שנעל, אַזוי אונערוואַרטעט, אז דאס אומגליקליכע יודעל, וועלכער איז געווען, ווי עס האט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזען, אַן'אונטער־שמש ערגיץ אין אַ קלויז אויפ'ן שוהל־הויף, האָט פון אָנ־הויב נישט אָנגעהויבען פערשטעהן, וואס מיט איהם טהוט זיך. ער איז געווען אַזוי דערשראָקען, אז איהם האט זיך געדוכט, אז ער איז אַריינגעפאַלען אין די הענד פון אַ באנדע רויבער. אבער נאָכדעם ווי ער איז שוין אַ ביסעל געקומען צו־זיך און האט פערשטאנען, אז זיין לעבען געפינט זיך נישט אין געפאַהר, האט ער זיך אויך פונ'ם דאָ־זיגען אויסטערלישען צופאל נישט איבריג אָבגעגעסען דאס האַרץ. ער האָט געוועהנליך פראָטעסטירט, ער האט זיי פאַר דעם שרעקליכען פערברעכען געדראָהט מיט גיהנום; אָבער נאָכדעם, ווי די שילער האָבען איהם מודיע געווען גאנץ קאַטעגאָריש, אז עס וועט איהם נישט העלפען דאס בייזערן זיך און ביז מען וועט נישט פערענדיגען דאַווענען אין „טהרת־הקודש", וועלען זיי איהם נישט אַרויסלאָזען — האָט ער זיך בערוהיגט. ער האט נור געזאָגט:

— נעהמט אין אַכט, אַז די עבירה וועט פאַלען אויף אייער קאָפּ, און נישט אויף מיינעם.

ערשט דריי אַ זייגער נאָך האַלבע נאכט האבען די ראַבינער־שילער פריי געלאָזען דעם אונטער־שמש. דערווייל האט דער עולם, בע־

וּנדערס פוּן די ווייטערע גאַסען, מאָרגען פריה, איידער מ׳איז געגאנגען אין שוהל, עפּיס אָנגעביסען, עפּיס געגוּמען אין מויל, ווי די דאָקטוירים האָבען דאַן געהייסען, אוּן קיינער איז נישט אַרויס פוּן שטוּב אַ ניכטערער. ביי-טאָג נאָך קריאת-התּורה, איז מען געגאַנגען אַ היים פריהשטיגען. ערשט פאַרנאכט, צוּ סאַמע „נעילה”, האט מען זיך דערוואוּסט אין די גאנצע שטאָדט, אז די ווילנער יוּדען זענען דוּרך עטליכע זינדיגע מענשען פערפיהרט געוואָרען צוּ אַן׳עבירה. פאר אַ סך פוּן די, וואס האָבען נישט-וויסענדיג געגעסען, איז די ידיעה געווען ווי אַ דוּנער. אין איין בית-המדרש זענען אַ מאן צעהן פוּן גרויס צער געפאַלען אין חלשות.

— מ׳קאָן זיך פאָרשטעלען וואָס פאר אַ טוּמעל די זאך האט אָנגעמאַכט אין גאנץ ווילנא, וואוּ עס האָט נאָך קיינמאָל אַזוינס נישט פּאַסירט. עס האָבען זיך געפוּנען אַ סך נייגיריגע מענשען, וואס האָבען זיך גענוּמען גריבלען אוּן נישטערן אין דעם ענין, כּדי אויסצוּגעפינען דעם הויפּט-העלד פוּן דער דאָזיגער טראַגי-קאָמעדיע. אוּן אזוי ווי קיין סודות זענען אויף דער וועלט נישטאָ, איז קיין וואוּנדער נישט, אז גאָר אינגיכען האט זיך גאַנץ ווילנא דערוואוּסט, ווער עס האָט אָבגעטהוּן דאס שפּיצעל. די ווילנער משכּילים, אוּן אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטען בּכלל, האָבען פוּן דעמאָלט אָן געקוּקט אויף פּרוּזשאַנסקי׳ן, ווי אויף אַ העלד. די אָרטאָדאָקסען אָבער זענען אויף איהם געווען „אש להבה”, אוּן האָבען איהם פערטייטעלט מיט די פינגער. ס׳האָט שוין געהאלטען אזוי ווייט, אז פּרוּזשאַנסקי האט אָנגעהויבען מורא האָבען פאר אַ קלאפּ אוּן איז געוואָרען פאָרזיכטיג.

אינטערעסאַנט איז, ווי פּרוּזשאַנסקי האָט אין עטליכע צעהנדליג יאָהר אַרום געזוּכט צוּ ערקלערען עפענטליך די סבּות, וועלכע האָבען איהם בּעוואוֹיגען צוּ דער דאָזיגער סקאַנדאַליעזער געשיכטע.

„די זאַך — אזוי האט געשריבען פּרוּזשאנסקי — געהערט שוין איצט דעם עבר, אוּן ביי היינטיגען טאָג וועל איך מיך, נאַטירליך, דערפאַר נישט „פּאַטשען אין בּייכעל”; אָבער אויב דער לעזער וועט דאָס וועלען בּעטראכטען נישט אלס איינפאכע יוּנגעלשע קוּנדס׳עריי, נוּר אלס „פערברעכען”, דאן ערלויב איך מיר איהם צוּ זאָגען, אז ער האט אַ גרויסען טעות. ערשטענס, איז דאָס געווען אַינגאַנצען לויט דעם גייסט פוּן יענער צייט: דעמאָלט האט זיך, דארט, וואוּ מ׳האט געהאט אַנ׳עסק מיט „פאַנאטיזם אוּן פינסטערניש”, נישט גערעכענט פאר אַ בּע-

וגדער עולה, א ביסעל אונטערצולייגען; צווייטענס, בין איך נאך אין יענער צייט געווען א יונגעל, און דאס, וואס איך האב מיך געקליבען צו טהון, איז געווען בעקאנט אזעלכע דערוואקסענע מענשען, ווי משה ראזענסאן און קלמן שולמאן, און זיי איז פונדעסטוועגען גארנישט איינגעפאלען אבצורעדען מיר פון דעם; זיי האבען דאס נאך, פערקעהרט, געהאלטען פאר א גאוני'שע המצאה".

כדי אנצוווארפען א פחד אויף די ווילנער ארטאדאקסען, אז זיי זאלען זיך אבשרעקען פון צו טהון איהם שלעכטס, האט פרוזשאנסקי אנגעשריבען און אוועקגעשיקט אין „המליץ" זעהר א שארפען ארטיקעל געגען די רבנים פאר דער געשיכטע מיט דעם יום-כפור'דיגען תענית. אין דעם דאזיגען ארטיקעל, אין וועלכען פרוזשאנסקי האט זיךווירקליך ערלויבט א היבש ביסעל „אונטערצולייגען", האט ער אבגעמאלט די זאך אויף אזא אופן, אז פריהער האבען די מורי-הוראה'ס געהאט מסכים געווען צו דעם פארשלאג פון די דאקטוירים און האבען אין די גאנצע שטאדט פונאנדערגעקלעבט אויפרופען צום עולם, ער זאל היינטיגען יום-כפור נישט פאסטען, אבער נאכדעם, ווי די הודעות זענען שוין אלעמען געווען בעקאנט, האבען זיי פלוצלינג בעקומען חרטה און ארויס-געלאזען א קלאנג, אז די הודעות זענען פאלשע.

פרוזשאנסקי'ס ארטיקעל האט ארויסגערופען אין אלע שיכטען פון דער ווילנער יודישער בעפעלקערונג א גרויסע אויפרודערונג. עס זענען צוליעב דעם אויפגעבראכט געווארען אויף איהם נישט בלויז די פרומע יידען, נור אויך די אינטעליגענטען, וואס האבען אפילו פון דעם עצם שפיצעל הנאה געהאט און האבען אבער רוהיג נישט געקאנט אריבער-טראגען די פאלשקייט פון די איבערגעגעבענע פאקטען. דאס האט גע-בראכט דערצו, אז פרוזשאנסקי האט זיך גענומען פיהלען אונאנגע-נעהמער, און אויך אונזיכערער, פון טאג צו טאג, און צום סוף האט ער אין א געוויסען פריהמארגען געווארפען די ראבינער-שול און איז אב-געפאהרען פון ווילנא.

VIII

פון ווילנא האט זיך פרוזשאנסקי אוועק געלאזט קיין אדעס. ער האט זיך אויסגעקליבען אדעס — ערשטענס, ווייל די דאזיגע שטאדט האט דאן גע'שמ'ט אלס צענטער פון בילדונג, און, צווייטענס, ווייל ער האט בעקומען פון צעדערבוימ'ן זעהר א פריינדליכען בריעף, אין וועלכען

ער האט איהם איינגעלאַדען מיטצואַרבייטען אין „המליץ״. אויף צעדערבוים׳ן האט פרוזשאַנסקי געלעגט בעזונדערע האָפנונגען, וועלכע זענען אָבער נישט מקוים געוואָרען, ווי דער לעזער וועט זעהן ווייטער.

משה ראָזענסאָן האט געהאַלטען וואָרט, און אין דעם לעצטען טאָג, פאר פרוזשאַנסקי׳ס אָבפאהרען פון ווילנא, האט ער איהם אָבגע־צאָהלט די פופציג רובל, וועלכע ער האט איהם צוגעזאָגט צו געבען אין פאַל, ווען איהם וועט געלינגען צו ברענגען דערצו, אז דער ווילנער יודישער עולם זאָל עסען אום יום־כפור. פון דעם געלד האט זיך פרוזשאַנסקי אַ ביסעל בעקליידט און דאס איבעריגע האט ער זיך געלאָזט אויף די הוצאות פון דער נסיעה.

בעת פרוזשאַנסקי איז אַרויסגעפאָהרען פון ווילנא, איז שוין גע־ווען שפעט אין הערבסט. אַ וואָכען זעקס בערך האט ער זיך אַרומ־געשלעפט אין בוידען פון בעלי־עגלות איבער פערשיעדענע שטעדט און שטעדטליך. אין אדעס איז ער אָנגעקומען אין אַ נעפעלדיגער ווינטער־נאַכט. דער בעל־עגלה איז גלייך אַריינגעפאָהרען אין אנ׳אכסניא. ביי פרוזשאַנסקי׳ן איז אָבער פערבליבען אין קעשענע מעהר נישט ווי אַ מטבע פון פינף קאָפּיקעס. ער האָט געוואוסט, אז פאר אַזא סכום געלד וועט מען איהם ערגיץ נישט לאָזען איבערנעכטיגען, און דעריבער האָט ער, בעת די בויד איז אַרויפגעפאָהרען אויפ׳ן הויף, אַראָבגענומען זיין פעקעל און איז אַרויס אויפ׳ן גאַס אויפצוזוכען אַ געוויסען מענשען, צו וועמען ער האָט געהאַט אַ בריעף.

פרוזשאַנסקי׳ס בעשרייבונג ווי אזוי ער האט פערבראַכט אין אדעס די דאזיגע ערשטע נאַכט, וועלכע איז איהם פערבליבען איינגע־קריצט אין זכרון אויף זיין גאַנץ לעבען, איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר דער עלענד פון די דעמאָלדיגע יודישע וואוילגעלערענטע יונגע־לייט, וואָס האָבען זיך אַוועקגעלאָזט אין דער פרעמד אויף גאָט׳ס בע־ראט צו זוכען בילדונג.

אין אַ וועטער, וואס איז געווען דורכגעדרונגען פון אַ בייסענ־דיגער פייכטקייט און פון געדיכטע נעפּלען, האט פרוזשאַנסקי זיך גע־לאָזט איבער די אדעסער פינסטערע קאַנטיגע גאַסען, אין וועלכע עס איז נישט געווען צו דערקענען דעם אָנהויב און דעם סוף. קיין מענשען האט מען נישט געזעהן; עס האט זיך געהערט נור דאס גערויש פון פאַרבייפאָהרענדיגע דראָזשקעס און קאַרעטעס.

לאנג איז פּרוזשאַנסקי אומגעגאַנגען אין דער געדיכטער נעפּעל־דיגקייט, פיעל מאָל האט ער זיך באַכגעפּרעגט אויף דער גאַס, אין וועלכער ער האָט געדאַרפט געהן, און פיעל מאָל האָט מען איהם אָנגעוויזען אויף דער ריכטונג פון דער דאָזיגער גאַס, און ער אז אלץ געגאַנגען און געגאַנגען. און וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען, אַלץ גע־דיכטער און פינסטערער איז געוואָרען דער נעפּעל, און אַלץ זעלטענער האבען אָנגעהויבען צו ווערען די פייערלעך פון די לאַמטערנעס און די בעלויכטענע פענסטער, און ער איז אַלץ געגאַנגען. וואוהין איז ער געגאַנגען — דאס האט ער נישט געוואוסט. ער האט אפילו נישט געוואוסט, צי ער איז נאך אין שטאָדט אָדער ער איז שוין אַרויס פון שטאדט. וואָס ווייטער, איז ער אַלץ געדיכטער בעדעקט געוואָרען פון דעם נעפּעל. צום סוף האט אַ בלישטש געטהון פּאַר זיינע אויגען עפּיס אַ טונקעלע, אָהנפאָרעמדיגע מאַסע. ער איז צוגעגאַנגען צו דער דאָזיגער מאַסע נעהנטער, האט אויסגעשטרעקט די האנד און זי גענומען אָנ־טאַפּען. ערשט דערזעהט ער גרויסע, פיערקאַנטיגע, אַרומגעהאַקטע שטיינער. עס איז געווען אַ גאנצע הורבע אַזעלכע שטיינער. ער פּרובט אויפהויבען איינעם פון די דאָזיגע שטיינער, ערשט זיי זענען זעהר גרינגע. און דאָ אויפ׳ן אָרט איז איהם אַרויף דער געדאַנק: צו וואס זאל ער ווייטער געהן אין דער דאזיגער פינסטערניש, און ווען וועט ער בייגאַכט קאָנען אויפזוכען? איז אפשר פּאַר איהם נישט גלייכער איינצוואָרדנען זיך דאָ צווישען די דאָזיגע שטיינער?

נאכדעם ווי ער האָט די זאַך גוט בעטראַכט, איז ער געקומען צום בעשלוס, אז קיין שום בעסערע עצה פון דעם קאן מען שוין גאָר־נישט אָבקלערען. דערצו איז ער צו־לאנג געגאַנגען, איז געוואָרען זעהר מיעד, און אגב איז שוין געווים געווען גאנץ שפּעט.

און פּרוזשאַנסקי האט טאַפּענדיג גענומען בויען פון די שטיינער אַנ׳ארט צום שלאָפען. קיין בעזונדער קונסט האָט זיך צו דעם נישט געפאָדערט, ווייל די שטיינער זענען געווען, ווי געזאָגט, גוט אַרומ־געהאַקט אין דער פאָרם פון לענגליכע קוואַדראַטען, באופן, אז איהם איז אנגעקומען נישט בעזונדערס שווער אויפצולעגען פון זיי ווי אַ מין גרויסען קאַסטען, אין וועלכען מ׳קאָן אַריינקריכען. געטראַכט און — געטהון. פּרוזשאַנסקי איז אַריין אין קאַסטען, האָט אונטער־געלעגט צו קאָפּענס זיין פּעקעל, און איז תיכף איינגעשלאָפען אזוי

לייכט עפּיס ווי ער וואָלט געלעגען נישט אויף שטיינער, נור אויף דער ווייכסטער פּערענע.

אז פּרוזשאַנסקי האט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז שוין געווען טאָג. דער נעפּעל איז נאך אפילו געווען, ער האט שוין אָבער אָנגעהויבען זיך פונאַנדערצוגעהן. פּרוזשאַנסקי איז אַרויסגעקראָכען פון זיין הייל און האט זיך גענומען אַרומקוקען, וואו ער איז אין דער וועלט. פון איין זייט האט זיך אויסגעשפּרייט פאַר זיינע אויגען דער אומבעוועגליכער ים, וועלכער איז געווען בעגאָסען מיט גאָלדענעם זונען שיין, און פון דער אַנדער זייט האָבען זיך, צעוואָרפען באַרגאַרויף, געזעהן אַלערליי הייזער מיט שטראַהלענדיגע גאָלדענע און ברילליאַנטענע פענסטער. ווי עס האט זיך דערנאך אַרויסגעוויזען, האט זיך פּרוזשאַנסקי געפונען נישט ווייט פון האַפען און איבערגענעכטיגט נעבען אַ נישט־פערענדיגטען בנין.

צעדערבוים האט פּרוזשאַנסקי'ן קיין בעזונדערע התקרבות נישט אַרויסגעוויזען, ער האט אפילו זעהר געלויבט זיין שענעם העברעאישען סטיל, האט איהם בעשאָטען מיט קאָמפּלימענטען פאַר זיין אַרטיקעל וועגען די ווילנער רבנים, ער האט איהם אָבער דערביי ערקלערט, אז ערשטענס, האט ער איהם איינגעלאַדען צו אַרבייטען אין „המליץ״, זיצענדיג אין ווילנא, אבער ער האָט איהם נישט גערופען צו קומען צוליעב דעם קיין אדעס, און צווייטענס, און דאָס איז דער עיקר, צאהלט ער בכלל קיינעם קיין האָנאָראַר נישט, און אַלע אַרטיקלען זענען אומזיסטע; ער, צעדערבוים אַליין, האט אויך קוים, קוים חיונה פון „המליץ״. פּרוזשאַנסקי האָט זיך געפיהלט זעהר ענטטוישט; ער האָט אָבער געשוויגען. נור פאַר'ן אַוועקגעהן האט ער זיך געמאַכט מוט און געבעטען ביי צעדערבוים'ן אַ גמילות־חסד פון דריי רובל; צעדערבוים האט איהם אָבער מוסיף געווען נאך צוויי רובל, און איהם געגעבען פינף. אין אַ צייט ארום האָט צעדערבוים ערקלערט פאַר בעקאַנטע, אז ער האט נישט מקרב געווען פּרוזשאַנסקי'ן נור דערפאַר, וואס ער האט זיך שוין איינמאָל מיאוס אָבגעבריהט מיט קאָוונער'ן *), וועלכען ער האט אַראָבגעבראכט קיין אדעס און איהם

---

*) דאס איז דער בעוואוסטער משומד א. קאוונער וועגען וועלכען איך האב מיט אפאר יאהר צוריק פערעפענטליכט אין „מאמענט״ אנ'אויספיהרליכע מאנאגראפיע.

ש. ל. צ.

אַריינגעפיהרט אין די שענסטע און רייכסטע הייזער, וואו ער האט בעקומען אַ גרויסע מאַטעריעלע שטיצע, און צום סוף האט ער איהם פאר זיין גוטס בעצאָהלט מיט שרעקליכער אונדאַנקבאַרקייט, איז איהם געוואָרען אַ דם-שונא און האט איהם געמאכט צו שפּאָט און צו שאַנד דורך די שענדליכסטע פּאַמפלעטען. צעדערבוים'ן האט עפּיס ווי דאס האַרץ געזאָגט, אז פון פּרוזשאַנסקי'ן וועט אַרויסוואַקסען מיט דער צייט אזא מין פּרי ווי קאָוונער...

פאר פּרוזשאַנסקי'ן האט זיך איצט אַוועקגעשטעלט אַ הארבע קשיא: וואס הויבט מען אָן צו טהון אין אַדעס ? פון וואס לעבט מען? ער האט זיך וועגען דעם מישב געווען מיט דעם מאן, צו וועלכען ער האט געבראכט דעם בריעף, און יענער האט פאַר איהם לעת-עתה נישט געפונען קיין אַנדער תכלית ווי נור, צו בעשעפטיגען זיך מיט העברעאישע לעקציעס. דערביי האט ער איהם צוגעזאָגט, אַוועקצו- פיהרען איהם מאָרגען צו זיינעם אַבעקאַנטען, אַ בעוואוסטער העברע- אישער לעהרער, וועלכער האָט אַ מאסע לעקציעס, און עס איז גאַנץ מעגליך, אז ער האָט אויך איבעריגע, וועלכע ער וועט, אפשר, מסכים זיין אָבצולאָזען אַן אַנדערן, וואס נויטיגט זיך אין זיי.

אויף מאָרגען האט דער מאן אַוועקגעפיהרט פּרוזשאַנסקי'ן צו יענעם העברעאישען לעהרער, וועלכער איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי נור דער שפּעטער זעהר בעריהמט און פּאָפּולער געוואָרענער העברעאישער שריפטשטעלער און רעדאקטאר פון'ם ווייט און ברייט בעקאנטען חודש-זשורנאל „השחר“ — פּ ר ץ ס מ אָ ל ע נ ס ק י ן.

ווייל מ'האט נאָך ביי אונז וועגען סמאָלענסקינ'ס לעהרערשע יאָהרען אין אדעס כמעט ווי גאָרנישט געשריבען, ערלויב איך מיר אָבצוּווייכען אַ קליינע ווײלע אָן אַ זייט פון מיין הויפּט-טעמא און איבער- געבען די עטליכע פון פּרוזשאַנסקי'ס זעהר אינטערעסאַנטע איינדריקען וועגען סמאָלענסקינ'ען.

האָבענדיג אַ בעגריף וועגען די העברעאישע לעהרער לויט דעם איינדרוק, וואס זיי האבען אויף מיר געמאכט אין ווילנא — אזוי דער- צעהלט פּרוזשאַנסקי — מוז איך זאָגען, אז דער לעהרער, צו וועמען מיר זענען איצט געקומען, האט מיך ממש איבערראַשט.

ערשטענס, איז דאס צימער, וועלכעס ער האט בעוואוינט. געווען זעהר שען איינגעאָרדענט. אַ גרויס, גערוימיג, ליכטיג צימער, ווייכע

מעבעל, בלומען, ביים בעט, אויף דער פּאָדלאָגע, אַ פּערסישער דיוואַן — אַלץ, אַלץ לגמרי גאָרנישט מעשה לעהרער.

צווייטענס, איז דער לעהרער גופא געווען זעהר נישט עהנליך צו אַ געוועהנליכען העברעאישען לעהרער. ער איז געווען אַ הויכער, שען־געבויטער ברונעט מיט אַ בלאַסליך געזיכט, מיט ברענענדיגע קאַרשען־אויגען און מיט שוואַרצע ווי פּעך געקרייזעלטע האָהר, וועלכע זענען איהם אַראָבגעפאַלען ביז צו די פּלייצעס. אָנהויבענדיג פון דעם שניי־ווייסען אויבער־העמד, דאָס האַלזטוך, דאָס פּיקיינע זשילעט און ענ־דיגענדיג מיט די לאַקירטע קאַמאַשען, — האָט אַלץ אויף איהם געשטימט מיט די שטרענגסטע פאָדערונגען פון דער אמת׳ער עלעגאַנץ.

„היתּכן, אַז דאָס איז אַ העברעאישער לעהרער?״ — האָב איך מיך אַ פרעג געטהון. ס׳האָט אָבער אין דעם נישט געקאָנט זיין קיין שום ספק, ווייל מ׳האָט איינער דעם אַנדערן פאָרגעשטעלט, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער דאָזיגער עלעגאַנטער הערר הייסט: פּרץ סמאָלענסקין!

אַלס מענש האָט סמאָלענסקין געמאַכט אַ בעצויבערנדען איינדרוק. אָהן אַ שום בעזונדערער אַנשטרענגונג פון זיין זייט האָט ער זיינע אַרומיגע ממש ווי פערכאַפּט. ערגיץ און אין קיין זאַך האָט ער נישט געקאָנט שטעהן אין שאָטען. אפילו אין זיין אונטערריכטען די העב־רעאישע שפּראַך האָט ער זיך געקאָנט שטעלען אויף אַ בעזונדער הויך. קיינער פון די אַדעסער העברעאישע לעהרער האָט נישט געקאָנט בעהמען אַזעלכע פּרייזען פאַר זיינע לעקציעס, ווי ער האָט גענומען. און אונטערריכט האָט ער העברעאיש אין אַזעלכע הייזער, וואו מ׳האָט פריהער אָדער גאַנץ ווענינ, אָדער לגמרי גאָרנישט געהערט וועגען דעם דאָזיגען לשון. דער לעהרער אַליין האָט פּאָפּולער געמאַכט זיין געגענשטאַנד, און בעזונדערס אין אַזוינע הייזער, וואו מ׳האָט זיך גע־רעכענט מיט דער מיינונג פון פרויען, וועלכע זענען פון איהם כמעט ווי פון זינען אַראָב.

נאָכדעם ווי סמאָלענסקין האָט דערהערט, צוליעב וואָס מיר זענען צו איהם געקומען, האָט ער מיר אויפמערקזאַם בעטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, און נאָך אַ קליינער פּויזע האָט ער אַ זאָג געטהון מיט אַ שמייכעל:

— שלעכט!

— פאַרוואָס איז שלעכט? — האָט איהם געפרעגט מיין בעגלייטער.

— איהר ווייסט דאָך, מן הסתם, דאס שפּריכוואָרט: לויט'ן בגד בעגעגענט מען און לויט'ן שכל בעגלייט מען. און כּדי צו נעהמען אַ לעקציע, שפּיעלט דאס בעגעגניש די הויפּט־ראָליע. איבריגענס, וועל איך מיך סטארען, איך וועל מיך משתּדל זיין.

און סמאָלענסקין האָט געהאַלטען וואָרט. אין אַ פּאָר טעג ארום האָט ער בעקומען פאר פּרוזשאַנסקי'ן צוויי לעקציעס פאר פופצעהן רובל אַ חודש. ער האָט איהם אויך רעקאָמענדירט אַ קליין האַלבּ־דונקעל צימערל פאר פיער רובל אַ חודש אין דעם הויז, וואו ער האָט אַליין געוואוינט, און אַזוי־אַרום האָט זיך פּרוזשאַנסקי מיט סמאָלענסקינ'ס הילף אָנגעהויבען איינאָרדנען זיך ביסלעכווייז אין אדעס אלס העברעאישער לעהרער, און די ערשטע צייט איז איהם אַוועק גאָרנישט שלעכט.

IX.

אַליין אפילו אַ העברעאישער לעהרער, האט זיך אָבער פּרוזשאַנסקי געגומען מרחיק זיין פון דער העברעאישער ליטעראַטור. פיהלענדיג ביי זיך און הערענדיג אויך פון אַנדערע, אז ער בעזיצט ליטעראַרישע פעהיגקייטען, האָט ער זיי געפּרובט פּערוועגדען פאר דער רוסישער ליטעראַטור, צו וועלכער איהם האָט שטארק געצויגען, נאָך זענענדיג אין ווילנא. ער האט אָנגעשריבען אַ פּאָר קליינע ערצעהלונגען אין רוסיש, וועלכע זענען גערן אויפגענומען געוואָרען, כאָטש אָהן האָנאָראַר, אין דעם דאמאלדיגען „נאָווא־ראָססייסקי טעלעגראַף". שפּעטער אַ ביסעל האט ער אין זיער דאָזיגער צייטונג פּערעפּענטליכט עטליכע פעליעטאָנען אונטער דעם פּסעוודאָנים „דיאָגנעס דער צווייטער". דאן האָט ביי איהם דער רעדאקטאָר בעשטעלט צו שרייבען פאר זיין בלאט זונטאג־פעליעטאָנען, און האט איהם שוין בעשטימט דעם האָנאָראַר פון אנדערטהאלבען קאָפּיקעס אַ שורה. פּרוזשאַנסקי איז ביי זיך געווען ווי אויפ'ן זיעבטען הימעל.

די ערשטע צוויי פּרוזשאַנסקי'ס זונטאגדיגע פעליעטאָנען האָבען געהאט ביים עולם גרויס ערפאָלג. צום דריטען פעליעטאָן איז שוין ביי איהם אַרויס נישט קיין אנגענעהמע היסטאָריע מיט'ן צענזאָר, וועלכער האט איהם אומברחמנות'דיג צושטעקעוועט מיט זיין רויטען בליישטיפט, ווי קרויט. ביים פיערטען פעליעטאָן איז די לאגע געוואָרען נאָך ערגער: די מאכט האָט פון כּעס פערמאכט די צייטונג.

פּרושאַנסקי, וואָס זיינע ערשטע ליטעראַרישע ערפאָלגען האָבען איהם פערדרעהט דעם קאָפּ און האָט בעוויזען אונטער דער צייט אָבצוזאָגען זיך פון זיינע לעקציעס, איז געבליבען ביי גאָרנישט. נעהמען זיך צוריק פאר די לעקציעס, נאָכדעם ווי ער האָט געגלויבט, אז ער איז שוין געוואָרען אַ וועלט-בערימהייט, — דאס האָט ער ביי זיך בשום אופן נישט געקאָנט פועל'ן. דאן האט ער בעשלאָסען אָבצופאָהרען קיין ניקאָלאַיעוו מיט דער האָפנונג, אז איהם וועט געלינגען איינצואָרדנען זיך ביי דעם דאָרטיגען רוסישען בלאַט „ניקאָלאַיעווסקי וויעסטניק”.

פּרושאַנסקי האָט באלד בעקומען אַרבייט אין „ניקאָלאַיעווסקי וויעסטניק”, און גאָר אין קורצען האָט זיין נאָמען אָנגעהויבען קלינגען אין שטאָדט און איז דערגאַנגען צו די העכסטע ביוראָקראַטישע ספערען. אין יענער צייט איז געוועזען אין ניקאָלאַיעוו גענעראַל-גובערנאַטאָר און פערוואַלטער פון פלאָט פון'ם שוואַרצען ים, אַ געוויסער באָגדאַן באָגדאַנאָוויטש גלאָזענאַפּ, וועלכער האט זיך גערעכענט פאר אַ פערזענליכען פריינד פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען. דער דאָזיגער גלאַזענאַפּ איז געוועזען אַ העכסט געבילדעטער מאַן מיט ליבעראַלע איבערצייגונגען און פאַר אַ זעלכע האט געשמ'ט אויך זיין פרוי, אַ געבוירענע דייטשקע. ווען גלאַזענאַפּ האט זיך דערוואוסט וועגען פּרושאַנסקי'ן, האט ער איהם איינגעלאַדען צו זיך, און האט איהם פון דעמאָלט אָן אַרויסגעוויזען גרויס התקרבות. אַ בעזונדער חן האָט פּרושאנסקי בעקומען ביי דער פרוי גלאַזענאַפּ, וועלכע איז געוואָרען אַ הייסע אָנהענגערין פון זיינע קליינע סקיצען און נאָוועלען, וואָס האָבען זיך געדרוקט פון צייט צו צייט אין „ניקאָלאַיעווסקי וויעסטניק”. מיט דער צייט איז ביי איהר פּרושאַנסקי געוואָרען אַ גאנצער בן-בית; שפּעטער אַ ביסעל האט זי איהם אָנפערטרויט די ערציהונג פון איהרען אַ פלימעניק, אַ תלמיד פון דער פלאָט-אַקאדעמיע, וועלכער האט זיך ביי איהר געהאָדעוועט. געפינענדיג פּרושאַנסקי'ן פאר פעדאַגאָגיש בעגאבט, האט זי איהם איבערגעגעבען די השגחה איבער די ניקאָלאַיעווער פאָלקס-שולען, וואס האָבען זיך געפונען אונטער איהר שוץ.

X

אזוי איז פּרושאנסקי אַריין אין דער רוסישער ליטעראַטור, און

אין פערלויף פון אַ פּאָר יאָהר איז ער געוואָרען פּאָפּולער אַלס טאַלענט־פולער שריפטשטעלער אין גאַנצען דרום-קאַנט. דאַן איז שוין ניקאָ־לאַיעוו געוואָרען פאַר פּרוזשאַנסקי׳ן צו ענג, און איהם האָט אָנגע־הויבען שטאַרק ציהען צום צענטר פון דער רוסישער ליטעראַטור, קיין פּעטערבורג. נישט פיעל געקלערט, האָט פּרוזשאַנסקי אין אַ גע־וויסען זומער־טאָג פערלאָזט ניקאָלאַיעוו און איז אָבגעפאָהרען קיין פּעטערבורג.

אין יענער צייט, דאָס איז געווען אין אָנהויב פון די זיעבציגער יאָהרען, האָט זיך דער גייסט פון׳ם ליבעראַלען קייזער אַלעקסאַנדער דער צווייטער שטאַרק געלאָזט פיהלען אין דער רוסישער געזעל־שאַפט. מ׳האָט נאָך דעם יוד געהאַלטען פאַר אַ מענשען, וואָס פער־דיענט בערעכטיגט צו ווערען מיט לייטען גלייך. ביסלעכווייז האָבען געוויסע קלאַסען יודען, בעזונדערס געבילדעטע, סוחרים און בעלי־מלאכות, אָנגעהויבען געניסען פון אַלערליי זכיות און פּריווילעגיעס, און די רוסישע יודען בכלל האָבען פאַר זיך געהאַט אַ פּערספּעקטיוו פון אַ ליכטיגען עתיד.

עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, אַז קומענדיג קיין פּעטערבורג אַלס רוסישער שריפטשטעלער, און דערצו נאָך מיט אַ רעקאָמענדאַציע פון דעם ניקאָלאַיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, האָבען זיך פאַר פּרוזשאַנסקי׳ן באַלד געעפענט די טהירען פון אַלע רעדאַק־ציעס, און אינגיכען האָט זיך אָנגעהויבען דרוקען זיינע אַרטיקלען אין דעם דעמאָלסטיגען פּראָגרעסיווען רוסישען בלאַט „פּעטערבורגסקיא וויעדאָ־מאָסטי״, וואָס איז אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון׳ם בעקאַנטען ליבעראַלען פּראָפעסאָר קאָרש. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און פּרוזשאַנסקי איז אָנערקענט געוואָרען אין די פּעטערבורגער ליטעראַרישע קרייזען אַלס בעגאַבטער נאָוועליסט, און האָט בעקומען אַ נאָמען אויך ביים רוסישען לעזע-פּובליקום.

אַ חוץ זיינע פערדיענסטען אין דער ליטעראַטור, האָט פּרו־זשאַנסקי אין אַ געוויסער צייט אַרום בעקומען, לויט דער רע־קאָמענדאַציע פון דער פרוי גלאַזענאַפּ, די שטעל פון אַ פּער־וואַלטער אין אַ קריסטליכען פּריוואַט מיט אַ היבשען מאָנאַטליכען גע־האַלט. נאָכדעם ווי ער האָט זיך געפיהלט מאַטעריעל געזיכערט, האָט ער זיך גענומען אָניאָגען זיין איבערגעריסענע זעלבסט־בילדונג און

איז געוואָרען אַ פרייער צוהערער אין דער פעטערבורגער אוניווערזיטעט, וואו ער האט זיך אויסגעקליבען די יורידישע פאַקולטעט.

*

די גאנצע צייט, וואָס פּרוזשאַנסקי האָט געוואַנדערט פון שטאָדט צו שטאָדט, האָט ער צו די עלטערן קיינמאָל נישט געשריבען. פרוזשאַנסקי האָט גאַנץ גוט פערשטאנען, אז דערמיט, וואס ער האט אָבגענארט די עלטערן און איז, אנשטאט צו פאָהרען לערנען תורה אין וואָלאָזשין, אָבגעפאָהרען קיין ווילנא און זיך דאָרט מתחבר גע־ווען מיט נישט פרומע, האָט ער זיי פערפאורזאַכט אַ סך עגמת־נפש. ער האָט זיך אָבער געטרייסט מיט דער האָפנונג, אז נאָכדעם ווי ער וועט זיך צום סוף צושלאָגען צו אַ גרויסער בילדונגס־קאַריערע, וועלען איהם זיינע עלטערן מוחל זיין, ווי עס האָבען געטראָפען, פיעל אַזעלכע פאלען. דאס האט איהם ביז אהער אָבגעהאַלטען פון צו שרייבען צו זיי. איצט אין פעטערבורג, האָט גראָד פאסירט, אז ליידענדיג ווי אַמאָל אַ בלאט צייטונג, האט ער זיך גאנץ אומגע־ריכט אָנגעשטויסען אויף אַ קאָרעספאָנדענץ — פון פרוזשין, וועלכע האט, אגב געבראכט די ידיעה, וועגען אָבגעברענטע נאָהנטע דערפער, און איינס פון זיי איז געווען דאס דאָרף, וואו עס האָבען פון תמיד אָן געוואוינט זיינע עלטערן. די דאָזיגע ידיעה האָט פרוזשאנסקי'ן טיעף אָנגעריהרט, און נישט קלערענדיג פיעל האט ער אָנגעשריבען אַ בריעף צו דעם פרוזשינער רב מיט דער בקשה, ער זאָל איהם באַלד מודיע זיין, וואס עס מאכען זיינע עלטערן. עס האט לאנג נישט געדויערט און פרוזשאנסקי האט בעקומען אַ תשובה פון'ם פרוזשינער רב, אז זינט ער איז אנטלאָפען פון די עלטערן, האט זיין פאָטער זיך עס אָנגעהויבען נעהמען שטארק צום הארצען און אין משך פון אַ פאר יאָהר איז ער „אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט". דער פאטער האט פאר זיין טויט איבערגעלאזט אַ צוואה, אז אויב זיין זוהן לעבט און איז געבליבען אַ יוד, זאָל ער נאך איהם אלע יאהר אין דעם טאג פון זיין יאהרצייט „קדיש זאגען און לערנען אַ פרק משניות". די מוטער איז ערשט מיט אַ יאָהר דריי צוריק געשטאָרבען.

דער דאָזיגער בריעף האט דערוועקט ביי פרוזשאנסקי'ן אַ סך אלטע, נאך נישט פערהיילטע וואונדען. אינערליך איז ער תמיד גע־

בליבען אנגעהאנגען מיט גרויס ליעבע צום פאטער, און ווען ער פלעגט זיך נאר אָן איהם דערמאהנען, האט איהם געבלוטיגט דאס הארץ, פאָרשטעלענדיג זיך די שרעקליכע יסורים, וואס ער האט אריבער-געטראָגען צוליעב זיין אנטלויפען. דערוויסענדיג זיך איצט, אז ער האט באמת זיין פאטער מקצר ימים געווען, האט דאס אויף איהם גע-מאכט אנ׳ערשיטערנדען איינדרוק. זיין שמערץ איז געווען אזוי שטארק, אז ער איז עטליכע טעג נאָכאַנאַנד ארומגעגאנגען ווי אַ צומישטער און האט קיין פעדער אין האנד נישט געקאנט נעהמען. דער פועל-יוצא דערפון איז געווען, אז נישט זענענדיג אפילו רעליגיעז געשטימט, האט ער זיך פאָרגענומען אָבצוהיטען שטרענג דעם פאָטערס צוואה. און דער עיקר — צו פערבלייבען כל ימיו אַ טרייער, איבערגעגעבענער זוהן פונ׳ם יודישען פאָלק.

אין יענעם מאָמענט האט פרוזשאַנסקי נישט געוואוסט וואס עס ערוואַרט איהם, ער האט נאך דאן נישט געהאט קיין שום אהנונג אפילו פון דעם שווערען נסיון, וואס לויערט אויף איהם און וועלכען ער וועט נישט קאָנען ביישטעהן.

XI

אין סוף פון די זיעבציגער יאָהרען האט אין דעם ליבעראלען רוסלאנד פון אַלעקסאנדער דעם צווייטען אנגעהויבען גאנץ אומגעריכט צו שמעקען מיט אנטיסעמיטיזם. די התחלה האט געמאכט דאס גרעסטע רוסישע טאָג-בלאט „גאָלאס״, וואס איז ביז אהער געווען גאנץ גוט גע-שטימט צו יודען, און פלוצלונג, ווי דורך נאכט, האט ער אומגעביטען דעם טאָן צום שלעכטען. און אלץ נאך העכסט פּראָגרעסיוו, און אפילו ראַדיקאל, איז ער געוואָרען בנוגע צו יודען עקסט רעאַקציאָנער. פון אלע זייטען האט מען אין דעם דאזיגען בלאט גענומען שיטען אויף יודען פעך און שוועבעל און פון טאג צו טאָג אלץ אין אַ מעהר שטאַרקערער פאָרם. מ׳האט געזעהן בעשיינפערליך, אז די צייטונג ווערט אינספּירירט פון אַ הויף-געשטעלטער פערזאָן; מ׳האט אָבער אַ לאנגע צייט נישט געקאָנט וויסען פון וואַנען דער בייזער ווינד בלאזט, ווייל מצד די „ספערען״ איז קיין זאַך נישט געווען צו בע-מערקען, און לויט די ידיעות, וואס די יודישע עסקנים אין פעטערבורג פלעגען בעקומען פון „הויף״, האט אויסגעוויזען, אז עס ווערט גאָר פּראָיעקטירט צו מאכען נייע הנחות פאר יודען, כדי אָבצוציהען זיי

דורך דעם פונ׳ם ניהיליזם, וועלכער האט זיך דעמאָלט אָנגעהויבען צו פערשפרייטען צווישען דער יוגענד. ערשט אין אַ צייט אַרום האט מען זיך דערוואוסט, אז אויפ׳ן „גאָלאס״ האט אַ השפעה דער שפעטערדיגער, אזוי טרויעריג בעריהמטער פּראָקוראָר פונ׳ם הייליגען סינאד פּאָבעדאָנאָסצעוו, וועלכער איז שוין דעמאלט געווען אַ פערביסענער שונא-ישראל און האט אין דעם גייסט געזיכט צו ווירקען דורך דער פּרעסע אויף דער רוסישער עפענטליכער מיינונג, און ממילא שוין אויך אויף די, וואס שטעהן בראש פון דער מלוכה. ס׳האט לאנג נישט געדויערט און דער „גאָלאס״ האט אין זיין יודען-העצערישער טעטיגקייט געפונען אַ שטארקען קאָנקורענט, דאס איז געווען די „נאָוואָיע ווּרעמיאַ״, וועלכע איז ארויסגעגאַנגען אונטער דער רעדאַקציע פון סובאָרינען, אויך אַ ביז-אַהעריגער ליבעראַל. סובאָרינ׳ס בלאט איז נאָך אין אנטיסעמיטיזם פיעל ווייטער אַוועק פון דעם „גאָלאס״, האט טעגליך אונטערגעטראָגען זיינע לעזער בלבולים אויף יודען און אויף יודישקייט, האט עפענטליך געפאָדערט פון דער רעגירונג צו בעגרעניצען זייערע רעכט און צו בעטראַכטען זיי פאַר פרעמדע, און נור זיין העצע צו פערדאנקען איז אין יאָהר 1879 אַרויפגעשוואומען דער בעוואוסטער קוטאַאיסער בלוט-בלבול, וועלכער האט געהאט אַוועקגעזעצט דאס גאַנצע רוסישע יודענטום אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק.

און די פרוכט פון די דערמאָהנטע צוויי יודענפרעסערישע בלעטער האט אויף זיך לאנג נישט געלאָזט ווארטען. די רוסישע געזעלשאפט איז ביסלעכווייז פערגיפטעט געווארען פון אַנטיסעמיטיזם אויף אזוי פיעל, אז זי האט לגמרי פערגעסען די בעסטע טראַדיציעס פון די זעכציגער יאהרען. די בעציהונגען צו יודען זענען געוואָרען אָנגעשטרענגט, געשפּאַנט. איינגיכען איז דאס אַריבערגעטראָגען געווארען אויך אויפ׳ן באָדען פונ׳ם פּאָליטישען לעבען. אויף דעם גרינעם טיש-טוך פון געוויסע דעפּאַרטאַמענטען האבען זיך מיט אַמאָל בעוויזען שפּאָגעל-נייע פּראָיעקטען וועגען יודען, און אלע מיט איין טענדענץ, שווערער און ביטערער צו מאכען ווי וויית מעגליך זייער לעבען. די ערשטע זאך האט מען זיך גענומען צו בעשרענקען זייער וואוינרעכט אויסער׳ן תחום, און בעזונדערס אין די רעזידענץ-שטעדט, נאכדעם ווי עס האט שוין געהאַלטען, אז גראד די דאָזיגע בעגרענצונג זאל אָבגעשאפט ווערען. עס איז אָבגעגעבען געוואָרען אַ בעפעהל אין

די פּעטערבורגער צירקלען צוזאַמענצושטעלען ביז אַ געוויסען טערמין די רשימות פון די יודען, וואס האבען נישט דאס רעכט צו וואוינען אין דער הויפּט-שטאָדט און אנצוזאגען יעדערן בעזונדער, אז ער מוז ארויספאָהרען אַהין פון וואַנען ער איז געקומען.

אַזא אָנזאָג האט אין אַ „שענעם פריהמאָרגען" בעקומען אויך פּרושאנסקי. די פאָרשטעהער פון דעם קריסטליכען פּריוט, וואו ער איז געווען פּערוואַלטער האבען זיך געפּרובט משתדל זיין פאר איהם ביים אויבערפּאָליציימייסטער אבער אומזיסט — ס'האט נישט געהאָלפען אויך די השתדלות מצד די רעדאקציעס פון די צייטונגען, אין וועלכע ער האט מיטגעארבייט. עס האבען אויך איהם ממליץ געווען איינינגע פון די גרעסטע רוסישע שריפטשטעלער, וועלכע זענען דעמאלט געשטאנען אין דער שפּיץ פונ'ם „ליטעראַרישען פאָנד", וואס האט געשפּיעלט אין זיין צייט אזא בעדייטענדע ראָלע. אלע האבען זיי בעקומען אנ'אָבזאג, און פאר פּרושאנסקי'ן איז איבערגעבליבען נור איין וועג: צו שמד'ן זיך...

דער דאָזיגער אויסוועג איז געווען פאר פּרושאַנסקי'ן, ווי אַ טויט-קלאַפּ. ער איז צו-פיעל געווען אינערליך פערבונדען מיט'ן יודישען פּאָלק, ער זאל נעהמען מיט אמאָל און ווערען איהם אונטריי. אבער וואָס נעהנטער עס איז געוואָרען צו דעם טאָג אין וועלכען ער האט געדאַרפט פערלאָזען די הויפּט-שטאָדט, האט איהם אלץ מעהר געגאגט און געצעבערט דער געדאַנק, אז נישט וואוינענדיג אין פּעטערבורג, איז ער עלול צו פערליערען זיין נאָמען אַלס רוסישער שריפטשטעלער און זשורנאַליסט און וועלכער איז איהם אַזוי טייער; אין דער פּראָווינץ, ווייט פון ליטעראַרישען צענטער וועט געהן לאבוד זיין פון אַלעמען אנערקענטער טאַלענט און אַזוי-ארום וועט פון איהם גאָרנישט ווערען.

פּרושאנסקי האט זיך דאַן אָבגעזאָגט פון זיין שטעל אין פּריוט און זיך געפּרובט בענוצען מיט די אַלטע יודישע סגולות. צו נעכטיגען יעדע נאַכט אין אנ'אנדער אָרט, אַרומצוגעהן איבער די גאַסען ביז אין גרויסען טאג אַריין; אַ פּאר מאל איז ער אַריינגעפאלען און האט איבערגענעכטיגט אין פּאָליציי, און איינמאל האט שוין געהאַלטען, מ'זאָל איהם אַרויסשיקען פון פּעטערבורג מיט'ן „עטאַפּ". אַ האלב יאָהר בערך האט ער זיך אַרומגעוואַלגע־ט אין פערשיעדענע צו פּעטערבורג נאָהנטע קליינע שטעדטלין, נישט וועלענדיג זיך בשום

אופן שיידען פון דער רוסישער רעזידענץ, צו וועלכער איהם האָט געצויגען ווי אַ פיש צו וואַסער. לאַנג האט ער דאס אבער נישט גע-קאָנט אויסהאַלטען, די שטענדיגע שרעק, אז אָט-אט ווערט ער ענט-פּלעקט און אַרויסגעשיקט, האט אויף איהם געדריקט, ווי אַ קאָשמאַר. דאס האט שלעכט געווירקט אויף זיין געזונט; ער איז געוואָרען מעלאַנ-כאָליש און מרה-שחורה'דיג, און איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטען.

אַמאָל, דאס איז געווען אין איינער פון די לעצטע מערץ-נעכט, בעת פּרוזשאַנסקי איז אַרומגעגאַנגען עטליכע שעה נאכאַנאַנד און איז שטאַרק מיעד געוואָרען, איז ער אַריין אין אַ גערטענדעל און האט זיך דארט צוגעזעצט אויף אַ באַנק. אין אַ ווײַלע אַרום איז אַהין אַריין אַ יוד, אין די מיטעלע יאהרען, און האט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק. באַלד האָבען זיי זיך ביידע פונאַנדערגערעדט. ס'האט זיך אַרויסגעוויזען, אז דער יוד, אַליין אַ מינסקער, וואוינט שוין עטליכע יאָהר אין פּעטערבורג, וואו ער פערנעהמט זיך מיט קליינהאַנדעל. מיט אַ געוויסער צייט צוריק האט ער בעקומען אַ פעראָרדנונג פון צירקעל אַרויסצופאָהרען תיכף פון פּעטערבורג אָדער אומבייטען זיין יודישען גלויבען. ביז אהער האט ער דאס ביי זיך בשום אופן נישט געקאָנט פּועל'ן; ער האט זיך אויפגעהאַלטען ביי פרומע עלטערן, און אליין איז ער אויך נישט קיין מופקר. שוין העכער דריי חדשים, ווי ער דרעהט זיך אַרום גאַנצע נעכט איבער די פּעטערבורגער גאַסען, און ביי טאָג שטעהט ער קוים אויף די פיס. אָבער — עד-כאן. נאך היינט געהט ער און מאכט אַ סוף...

— וואס קלערט איהר היינט צו טהון? — האט איהם געפרעגט פּרוזשאַנסקי

— איך געה און שמד זיך אָב — האט איהם געענטפערט דער יוד גאַנץ קאַלט.

— אזוי לייכט איז דאס אייך צו זאָגען: איך געה און שמד זיך אָב? איהר פיהלט דאס גאָר נישט, וואס פאר אַ פערברעכען איהר טהוט דערמיט אָב געגען דעם יודישען פאָלק.

— איך פיהל עס גאַנץ גוט; כ'האָב אָבער קיין אנדער ברירה נישט. דאָ פון פּעטערבורג ציה איך שוין עטליכע יאָהר מיין חיונה. פערלאָז איך פּעטערבורג, מוזען מיין ווייב און קינדער שטאַרבען פון הונגער.

— אגב — האט דאס יודעל מוסיף געווען — פערזיכער איך אייך

בהן שלי, אז דאס, וואס איך וועל אָבטהון, וועט הייסען נור כלומר׳שט גע׳שמדט זיך. אַ פראַוואָסלאַוונער וועל איך זיי ווערען? — לאָ מיט אַ גרויסען אלף! דורך אַ נאכט כאפּ איך מיך אַריבער קיין פינלאנד און קויף פאר עטליכע רובל ביי אַ דאָרטיגען גלח אַ טויף־צעטעל אלס לוטעראַנער, און ווער באלד אַ כשר׳ער פעטערבורגער בירגער און קאן מיר טהון, וואס מיין הארץ גלוסט: דאַווענען און לערנען אַ בלאט־גמרא, און מקיים זיין אַלע מצוות פון דער תורה, ווי אַ יוד פון אַ גאנץ יאָהר; געוועהנליך מוז דאס אלץ געטהון ווערען בשתיקה, איהר האט דאָך אָבער געלייענט, מן הסתם, וועגען די אַמאָליגע „אנוסים״? בין איך אויך אַן „אנוס״! אַזעלכע כלומר׳שטיגע משומדים זענען דאָ אין פעטערבורג אַ סך און צווישען זיי געפינען זיך עטליכע, וועלכע זענען, לכל הדעות, שענערע מענשען פאר מיר און אפשר פאר אייך אויך, דער גוטער יאהר ווייס אייך, ווי דער העברעאישער משורר קאָנסטאנטין שאפּירא, ווי איינער אַ געוויסער סארקין, וועלכען די וועלט האלט פאר אַ גרויסען למדן, און נאך אנ־דערע אזוינע. דאס געשפּרעך מיט דעם אונבעקאנטען יודעל האט ארויסגערופען ביי פּרוזשאַנסקי׳ן נייע געדאנקען.

XII

אך אין דעם זעלבען טאג האט פּרוזשאנסקי אויפגעזוכט דעם אין פּעטערבורג פּאָפּולערען פאָטאגראף קאָנסטאנטין שאפּירא, פאר וועלכען ער האט זיך פארגעשטעלט אלס מיטארבייטער פון יענע און יענע רוסישע בלעטער און זשורנאַלען. שאפּירא, וואס פּרוזשאנסקי׳ס נאמען איז איהם נישט געווען אונבעקאנט, האט איהם זעהר שען אויפגענומען; הערענדיג אָבער פון איהם, אז ער איז אַ נאר־וואס זיך אָבגע׳שמד׳טער יוד, און מחמת וואוינרעכט (פּרוזשאנסקי האט צוליעב אַ וועלכען עס איז טעם געפונען פאר נויטיג נישט צו דערצעהלען שאפּיראַ׳ן, אז ער איז נאך לעת־עתה אַ יוד, וואס קלערט זיך ערשט צו טויפען), האט ער פערצויגען אַ זויערע מינע און האט זיך אבגערופען אויף יודיש:

— ס׳האט זיך, בנאמנות, נישט געלוינט, איהר האט געקאנט זיצען און שרייבען אייער רוסיש ביי אייך אויף דער פּראָווינץ.

שאַפּירא האט אָבער געביטען זיין טאָן נאָכדעם, ווי פּרוזשאנסקי האט איהם איבערגעגעבען אויספיהרליך זיין ביאָגראפיע און אלע

זיינע איבערלעבענישען פריהער אלס פרוזשינער „עילוי”, דערנאך אלס משכיל אין העברעער אין ווילנער ראבינער-שול, און צום סוף זיינע בעקאנטשאפטען מיט אזוינע גרויסע שריפטשטעלער, ווי קלמן שולמאן, צעדערבוים און סמאָלענסקין. אַ בעזונדער רושם האט פרוזשאנסקי געמאכט אויף שאפּירא׳ן, נאכדעם, ווי ער האט איהם בעוויזען א כתב-יד פון זיינעם א העברעאישען ראָמאן אונטער׳ן נאמען „לאחר עשר שנה” (אין צעהן יאָהר ארום). פריינדליך האט איהם שאפּירא געדריקט די האנד, זאגענדיג דערביי:

— אויב אזוי, איז דאך אחינו אתה! א יוד א תלמיד-חכם! און אז א תלמיד-חכם טהוט אנ׳עבירה, טאר מען וועגען איהם קיין שלעכטס נישט קלערען, ווארום ער האט שוין געוויס תשובה געטהון. מיר פערדריסט נור, וואס איהר האט זיך מיט מיר פריהער נישט מישב געוועזן; כ׳וואלט אייך דאַן געראטען אנצונעהמען דעם קאלוויניסטען גלויבען; ערשטענס, שמעקט דאס נישט אזוי מיט (דערביי האט ער זיך בענוצט מיט זעהר א ציניש׳ן אויסדרוק), און, צווייטענס, וואלט אייך דעמאלט קיינער נישט נאכשפיאָנירט, וואס איר טהוט און וואוהין איהר קעהרט אייך, אזוי ווי מען שפיאָנירט נאך, למשל, אזעלכע ווי איך...

אין א פאר טעג ארום איז פרוזשאנסקי געווארען א קאלאניסט... אבער באלד די ערשטע נאכט האבען איהם גענומען פייניגען שרעקליכע געוויסענסביסע, וועלכע האט איהם געשליידערט פון געלעגער. בילדער פון זיינע קינדערשע יאהרען זענען איהם ארויפגעשוואומען אין זכרון, און פערשיעדענע פאָרשטעלונגען, איינער פינסטערער פון דער אנדערער, זענען פאָריבער פאר די אויגען און זיין הארץ האט זיך געפּיהלט, ווי געפרעסען פון בייזע שלאנגען. פארטאָג, אַז ער האט אויף א ווייל׳ע איינגעדרעמעלט, זענען איהם געקומען די עלטערן צו חלום... אז ער האט זיך אויפגעוואכט, האט ער קוים געקאָנט אבציהען דעם אטעם. יענע נאכט, די ערשטע נאכט פון א משומד, האט פרוזשאנסקי שפּעטער אין א צייט ארום געשילדערט קינסטלעריש אין איינער פון זיינע נאָוועלען. אויף מאָרגען האט זיך פרוזשאַנסקי ארייגעכאפּט אין דער סוחר׳ישער שול, האט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעל און אָבגעדאַוונט — דאס ערשטע מאָל זינט ער איז אַוועק פון די עלטערן...

די זעלבע וואָך איז גראד אויסגעקומען פּסח. פרוזשאַנסקי׳ן איז

בעפאַלען אַ שרעקליכער אומעט און אַ מין בענקעניש, פון וועלכער ער האט נאָך קיינמאָל ביז אַהער קיין שום אהנונג נישט געהאט, כאטש איהם איז שוין וויפיעל מאָל אויסגעקומען צו געפינען זיך יום־טוב נישט צווישען יודען. ערב פסח אין דערפריה איז ער אריינגעלאָפען צו שאַפּיראַ׳ן און האט פאר איהם אויסגעגאָסען דאס האַרץ. אויף דעם האָט איהם שאַפּירא געענטפערט:

— איהר האט אייך פערבענקט נאך אַ יודישען פסח? קומט צו מ׳ר היינט אין אווענד, וועט איהר אויפהערען צו בענקען.

פרוזשאַנסקי האט קוים דערלעבט, עס זאָל ווערען פינסטערליך, און איז אריבער צו שאַפּיראַ׳ן. ערשט אין אַ פּאָר שעה אַרום איז מיט איהם שאַפּירא אַוועק אויף סאַראָווע גאַס, דאָרט זענען זיי אַריין אין אַ טויער אויף אַנ׳אויבערשטיבעל פון אַ געמויערט הויז, וואס איז גע-שטאַנען אין עק הויף. שאַפּירא האט מיט דער האַנד אָנגעקלאפּט דריי מאָל אין דער טהיר; באַלד האט זיך דערהערט פון אינוועניג אַ רוק פון אנ׳אייזערנעם ריגעל, און די טהיר האט זיך געעפענט. זיי זענען אַריין אין אַ האַלב-דונקעלען צימער, און פון דאָרט אין אַ העל־בע-לויכטענעם זאַל, וואו ס׳איז געשטאַנען אין מיטען אַ גרויסער שען-סערווירטער טיש, געגרייט מיט אַלע פּיטשעווקעס צום פסח-סדר: מיט מצה און מיט ווין און מיט מרור און מיט חרוסת אין אפילו מיט הגדות... אין זאַל האָבען זיך געפונען ביי אַ פּאָר מנינים מענשען, עלטערע און יונגערע, און צווישען זיי אויך אייניגע פרויען, וועלכע זענען געשטאַנען אין בעזונדערע קופּקעלעך און געשמועסט. דער-זעהענדיג שאַפּיראַ׳ן האָבען זיך אַלע אַ לאז געטהון צו איהם מיט פראגען: פאַרוואס ער איז אזוי שפּעט געקומען און האט אויף זיך געלאָזען אזוי פיעל וואַרטען? —

די אַנוועזענדע, אַלע משומדים האבען אָנגעהערט צו דער העכסטער פּעטערבורגער אינטעליגענץ. צווישען זיי זענען געווען: ביוראָקראַטען, וועלכע האבען פערנומען הויכע שטעלעס אין פערשיעדענע מלוכה־אינסטי-טוציעס, פּערזאָנען, וואס האבען געהאט אַ גרויסען נאָמען אין דער פינאַנסען-וועלט, בעריהמטע ליטעראַטען, זשורנאַליסטען, שוישפּיעלער, מוזיקער און קינסטלער. צוזאַמענגעפיהרט אַהער האט זיי אַלעמען דער אַלגעמיינער אינוועניגסטען דראַנג — אָבצופרישען אין זייער זכרון די אַמאליגע קינדערשע איינדרוקען פון די סדר־נעכט.

נאָכדעם, ווי שאַפּירא האָט פאָרגעשטעלט פאַר׳ן עולם פרו-

זשאַנסקי׳ן, ווען מ׳ען נאָמען ס׳איז כמעט אַלעמען געווען גוט בעקאַנט פון די צייטונגען און די זשורנאַלען, אין וועלכע ער האָט מיטגע־אַרבייט, האָט מען זיך געזעצט צום טיש. איינער פון זיי — דאס איז געווען סאָרקין *) — האט געמאַכט קידוש, און נאַכהער האט זיך אָנגעהויבען דער סדר; מ׳האט געפרעגט די פיער קשיות און זיך גע־פשט׳לט אין דער הגדה. ביים עסען האָט זיך ענטוויקעלט אַ גע־מיטליכער שמועס. מ׳האט דערמאהנט די אַמאָליגע מאַראַנען אין שפאַניען און פאָרטוגאַל, וועלכע פלעגען, אויס מורא פאר דער אינק־וויזיציע, אָבריכטען דעם סדר אין פערבאָרגענע אונטערערדישע הייהלען. דערביי האט איינער דערצעהלט, אז פאַר די צייטען פון ניקאָלאַי דעם ערשטען פלעגט די פעטערבורגער פאָליציי אין דער נאַכט פון „כל־נדרי״ און אין די צוויי סדרים־נעכט אַרומגעהן איבער די הייזער פון די בעוואוסטע משומדים צו קאָנטראָלירען, אויב זיי געפינען זיך אין דער היים... אַנדערע האָבען איבערגעגעבען זכרונות פון זייער לעבען און ביים עפיזאָד פון זייער שמד האָבען זיי זיך פונאַנדערגע־כליפעט, ווי קליינע קינדער... שפעט נאָך האַלבע נאַכט איז מען אויפגעשטאַנען פון טיש פריש און ערמונטערט דורך דעם אַלגעמיינעם בעשלוס, אז יעדערער זאל זעהן פערגלעטען זיין זינד, ווערענדיג אַ מליץ־יושר פאַר׳ן יודישען פאָלק און אַ הייסער פערטיידיגער פון זיינע אינטערעסען.

די דאָזיגע סדר־נאַכט, און אויך די מאָרגענדיגע, וועלכע האט זיך איבערגעחזר׳ט לויט דערזעלבער צערעמאָניע, האט געהאַט אויף פרוזשאַנסקי׳ן אַן׳עטוואס בערוהיגענדע ווירקונג. ער האט זיך אנגע־הויבען טרייסטען מיט׳ן געדאנק, אז ער וועט אויך זעהן אויסנוצען זיין טאַלענט לטובת דעם יודישען פאָלק, כדי ריינצוואַשען זיך דורכ־דעם פון זיין נאַציאָנאַלען פערברעכען.

באַלד איז איהם געקומען צו דער האַנד די ערשטע געלעגענ־הייט דערצו.

עס האבען אויסגעבראָכען די ערשטע יודיש פאָגראָמען אין דרום־רוסלאַנד. אונטער דעם ערשיטערנדען איינדרוק פון די דאָזיגע געשעהענישען האט פרוזשאַנסקי פערעפענטליכט די פאָלגענדע צוויי

---

*) וועגען סארקינ׳ען זעה מיין מאָנאָגראפיע אין „מאמענט״ 1922. — צ.

בראָשורען: 1) „צי מיר טהוען גוט מיט דעם, וואס מיר שלאָגען יודען?" און 2) „צי איז אַ יוד שולדיג אין דעם, וואָס ער איז אַ יוד?". די דאזיגע צוויי בראָשורען, וועלכע זענען געווען געשריבען מיט פיעל זשורנאַליסטישען טאַלענט און טעמפעראַמענט, האָבען אין זייער צייט געהאט גרויס ערפאָלג ביים רוסישען לעזע-פובליקום. אין די פאָר ראַדיקאַלע בלעטער האָבען זיך אַ לאנגע צייט געדרוקט כסדר „בריעף פון פאָלק", וואס האבען שאַרף פערטאַרטיילט די פאָגראמען מיט די העצער. דערנאָך האט פרוזשאַנסקי אַרויסגעגעבען אַ גאנצע רייה ערצעהלונגען, גרעסערע און קלענערע, אין וועלכע ער האט אידעאַליזירט דעם אלטען פאַט-ריאַרכאַלישען יודישען לעבענס-שטייגער און אונטערגעצויגען אונטער אַ שטרענגער, פערניכטענדער קריטיק די פונאַנדערפאַלונג פון דער יודישער משפחה, וואס מערקט זיך צווישען דעם יונגען דור.

פרוזשאנסקי האט זיך נאָך אָבער אַלץ נישט בערוהיגט. ביי געוויסע געלעגענהייטען פלעגט ער אזש אויפציטערן פון גרויס שמערץ, דערמאָהנענדיג זיך אָן זיין פאַלשען טריט... אזא געלעגענהייט האט ער געהאַט, בעגעגענדיג אַמאָל אין גאס דאס יודעל, וואס האט איהם אין יענער מערץ-נאַכט אויפ'ן באַנק אין סעדעל דערצעהלט, אז ער געהט זיך אָב'שמד'ן אלס לוטעראַנער. דאס יודעל, וואס איז גע-גאַנגען צוזאמען מיט אַ יונג בחור'ל, האט אָבגעשטעלט פרוזשאַנסקי'ן און איהם שמייכלענדיג אַ פרעג געטהון:

— נו, וואס מאַכט איהר? ווי האט איהר זיך אויסגעדרעהט?

— און איהר? — האט איהם פרוזשאַנסקי צוריק געפרעגט.

— איך? — האָט איהם דאס יודעל שטאָלץ אָבגעענטפערט — איך האב זיי אָנגעפייפט! שמד'ן וועל איך מיך? אזוי לאנג קרענקען זיי! איך בין געוועזן אַ יוד און בין געבליבען אַ יוד!

— ווי אַזוי לאָזט מען אייך דאָ וואוינען?

— איך וואוין דאָ גאַנץ כשר; כ'בין אַ בעל-מלאכה: איך מאַך טינט. כ'האָב שוין אַהער פאר דער צייט אַראָבגעבראכט מיין פאמיליע, און דער איז מיין עלטסטער זוהן, אַ תלמיד פון דער וואָלאָזשינער ישיבה.

הערענדיג דאס, איז ביי פרוזשאנסקי'ן פערקלעמט געוואָרען דאס האַרץ; נישט זענענדיג ביכולת אויסצורעדען אַ וואָרט, האט ער זיך שטום אָבגעזעגענט מיט דעם יודעל, און איז אוועקגעגאנגען. געה-

ענדיג, האט ער דעם גאנצען וועג געקלערט, ווי גליקליך איז אָט דער יוד, וואָס איז בייגעשטאַנען דעם נסיון, און ווי אומגליקליך איז ער, דער שוואַכער, דער לייכטזיניגער. דורכפאָהרענדיג אין יאָהר 1885 ווילנא, האט זיך פרוזשאַנסקי אויסגעדריקט אין אַ גע-שפּרעך מיט דעם בעוואוסטען רוסיש-יודישען שריפטשטעלער ל. לעוואַנדע, אז זיין שמד הערט איהם נישט אויף אינערליך צו פערפאָלגען, ווי אַ קין-צייכען...

אין יאָהר 1903, נאָכדעם קישינעווער פּאָגראם, האָט פרוזשאַנסקי אַרויסגעלאָזט אַ בראָשור, וועלכע האָט אויפגערודערט די גאַנצע עפענטליכ-קייט און געהאַלטען צו ברענגען פאַר זיין פערזאָן זעהר טרויעריגע רעזולטאַטען. כידוע, איז דער דערמאָהנטער פּאָגראָם געווען אינס-צענירט פון דער דעמאָלט׳דיגער צאַרישער רעגירונג. איינער פון די אויפרייצער צום פּאָגראָם אויפ׳ן אָרט, אין קישינעוו, איז געווען דער בעוואוסטער אַנטיסעמיט פּאַוואָלאַקי קרושעוואַן, אַ גרויסער מקורב פון דעם דעמאָלט׳דיגען רוסישען פּרעמיער-מיניסטער, דער בעוואוסטער צורר-היהודים פּאָן פּלעווע. פרוזשאנסקי׳ס בראָשור האָט געהייסען „קרושעוואַנ׳ס חלום״, אין תוך געבומען איז זי אָבער געווען זעהר אַ שארפע סאַטירע געגען די רוסישע מלוכה-לייט, און בעזונדערס געגען פלעווע׳ן. ווי נור עס איז בע-קאַנט געוואָרען דורך די בלעטער דער אינהאַלט פון דער בראָשור, האט פלעווע באלד אַרויסגערופען צו זיך פרוזשאנסקי׳ן און אין אַ גאנץ שטרענגער פאָרם געפאָדערט פון איהם אנ׳ערקלערונג. מיט גרויס מאַטערניש איז פרוזשאנסקי׳ן דאן געלונגען ארויסצודרעהען זיך פון דער געשיכטע. פרוזשאנסקי׳ס גליק איז דעמאָלט געווען דאס, וואס פלעווע איז דורך דעם קישינעווער פּאָגראם קאָמפּראמיטירט געוואָרען אין דער גאַנצער אויסלענדישער פּרעסע, און האָט דעריבער נישט געוואָלט ארויסרופען אַרום זיין פערזאָן קיין וויטערדיגען טומעל.

נעהמענדיג דאס אַלץ אין אכט, איז פרוזשאַנסקי אין די פּעטער-בורגער יודישע קרייזען נישט געווען פּעררופען אלס משומד, און די אַלגעמיינע בעציהונג צו איהם איז געווען ווי צו אַ הייסען, איבער-געגעבענם יודען-פריינד. אין דער דאָזיגער בעציהונג האט ער פאר זיך געפונען אַ שטיקעל טרייסט, ווארום פּאָלקאָם רוהיג האט זיך זיין געוויסען קיינמאָל נישט געפיהלט. אין זיינע לעצטע יאָהרען איז איהם

אָבער בעשערט געווען, אז זיין אלטע, נישט-פּערהיילטע וואונד זאָל אויפגעוועקט ווערען, און דאס האָט איהם, ווי ס'האָבען שפּעטער דער-צעהלט זיינע מקורבים, מקצר ימים געווען.

דאס איז געווען אין יאָהר 1912. פּרוזשאנסקי איז שוין דאַן גע-ווען אלט און שוואַך, האָט שוין נישט געקאָנט אַרבייטען און זיך געפונען אין זעהר אַ שווערער מאַטעריעלער לאַגע. גראָד אין יענער צייט, האָט לויט דער איניציאַטיווע פון דער „פּעטערבורגער יודישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט", געזאָלט איינגעאָרדענט ווערען אַ גרויסער ליטעראַריש-מוזיקאַלישער אָוועגד לטובת ש ל ו ם-ע ל י כ מ'ן, וועלכער איז דעמאָלט געווען קראַנק אין איטאַליען, און עטליכע פון די מיט-גליעדער האָבען דאַן אויסגעווירקט, אז אַ טייל פון דער הכנסה זאָל אָבגעגעבען ווערען פאַר דעם נויטבעדערפטיגען פּרוזשאַנסקי'ן. ווי דאָס איז נור בעקאנט געוואָרען אין דער עפענטליכקייט, איז באַלד אַרויס איינער אַ בעקאנטער יודישער שריפטשטעלער אין „ראַזסוויעט" מיט אַ שארפען פּראָטעסט געגען דעם וואָס מען שטעלט-אַוועק אין איין מחיצה דעם משומד פּרוזשאנסקי'ן מיט שלום-עליכמ'ן.

„איך בין ווערט דעם שטעקען!" — אזוי זאָל פּרוזשאנסקי דאַן האָבען געזאָגט צו איינעם פון זיינע מקורבים. ער האט אָבער דערפון שרעקליך געליטען.

נאָך אַ לאנגען צובראָכענעם לעבען איז פּרוזשאנסקי, אין די ערשטע מלחמה-יאָהרען, געשטאָרבען אין גרויס עלענד און דחקות.

אַנטאָן רובינשטיין.

I.

אין די לעצטע יאָהרען פונ'ם 18-טען יאָהרהונדערט האָט גע־קלונגען דער גאַנצער רוסישער דרום-מערב געגענד מיט איינעם אַ בערדיטשעווער עושר, וועלכער איז געווען דערצו אַ איד אַ למדן און אַ גרויסער מיוחס.

דער דאָזיגער עושר, ר׳ ראובן רובינשטיין האט ער געהייסען, האָט געהאַלטען אין אַרענדע עטליכע גיטער ביים פירשט ראַדזיוויל, צו וועלכען ס'האָט דאַן געהערט בערדיטשעוו, און ער איז דערפון געוואָרען זעהר רייך. אין זיינע געשעפטען האט רובינשטיין אַרויס־געוויזען פיעל פראַקטישקייט און געניטקייט, און דורכדעם האט ער שטארק נושא חן געווען ביי ראַדזיוויל'ן, וועלכער האט איהם אָנגע־הויבען אריינצוציהען אין זיינע פערשיעדענע עסקים און האט זיך מיט איהם בעזונדערס בענוצט צו רעגולירען זיינע פינאנס-אנגעלעגענהייטען, וואס האָבען זיך דאס רוב געפונען אין אַ שווערען און פער־פּלאָנטערטען מצב.

רובינשטיין האָט פערשטאַנען ווי צופרידענצושטעלען ראַדזיוויל'ן און צו געווינען זיין צוטרוי. ראַדזיוויל, וועלכער האָט תמיד פער־בראכט אין פאריז, פלעגט צו זיך אַ פּאָר מאָל אין יאָהר אויסשרייבען רובינשטיינ'ען, אום אָפּצונעהמען ביי איהם דין-וחשבון וועגען אלערליי געלט אָפּעראציעס, וואס ער האט איהם אָנגעטרויט, און ארויסגעבען איהם אינסטרוקציעס און פולמאַכטען אויף דער צוקונפט.

די דאָזיגע אָפטע נסיעות קיין אויסלאַנד האָבען געבראכט דער־צו, אז רובינשטיין, וועלכער איז געווען שטרענג אָרטאָדאָקסיש גע־

זאָנען און ווייט פון וועלטליכער בילדונג, האָט זיך איצטער ביסלעכ־ווייז גענומען צוגעוואוינען צום פּראָגרעסיווען לעבענס־שטייגער. ער האט געלאָזט לערנען זיינע קינדער אַלגעמיינע למודים, און האָט בכלל די גאנצע פיהרונג פון זיין הויז אומגעאַנדערשט און עס אַוועקגעשטעלט אויף אַנ׳אייראָפּעאישען אופן.

צוליב זיין עשירות און בעזונדערס צוליב זיין התקרבות צו ראַדזיוויל׳ן, האָט ראובן רובינשטיין בעקומען אין בערדיטשעוו גרויס חשיבות. ער איז געוואָרען אויסגעקליבען אלס ראש־הקהל און האָט אָנגעפיהרט מיט אלע שטאָדטישע אינטערעסען.

זייענדיג פון דער נאַטור גוט און ווייכהאַרציג, האט ער מיט לייטען פיעל חסדים געטהון, האט איינגעפיהרט ניצליכע תקונים לטובת די אָרימע פּאָלקסשיכטען, האט זיך משתדל געווען יעדעס מאָל, וואו מען האט בעדאַרפט וועגען פערשיעדענע קהל׳שע ענינים, און תמיד גע׳פועל׳ט וואס ער האט נאר פערלאנגט פאַר׳ן כלל און פאר יחידים. דערמיט האט זיך רובינשטיין געמאַכט אין דער שטאָדט און אין דער גאַנצער געגענט געאַכט און געליעבט.

רובינשטיינ׳ס געשעפטען האָבען זיך אלץ מעהר פערברייטעט און פערצווייגט, און צולעצט איז איהם שווער געווען צו פיהרען זיי איינער אליין.

נישט וועלענדיג זיך פערלאָזען אויף פרעמדע מענשען, האָט ער אָפּגעריסען פון לערנען זיין עלטערן זוהן, זעהר אַ פעהיגער 18־יעהריגער בחור׳ל, הירשל, און צוגענומען איהם פאר אַ מיטהעלפער אין זיינע עסקים.

הירשל האט שוין דאַן בעזעסען אַ היבש ביסעל בילדונג. אויסער זיינע גרויסע ידיעות אין די אידישע למודים, האָט ער נאָך אויך גוט גערעדט און געשריבען דייטש און פראַנצויזיש — אַ זעלטענע ער־שיינונג אין יענער צייט, בעזונדערס צווישען די רוסישע אידען. שפּעטער האט איהם דער פאָטער אָנגעהויבען שיקען, אנשטאט זיך, קיין אויסלאנד, און דאס רוב קיין פאַריז צו ראַדזיוויל׳ן, וועלכער האָט פונ׳ם יונגען רובינשטיין שטארק געהאלטען און בעשאָנקען איהם פון צייט צו צייט מיט פערשיעדענע מתנות.

איינמאָל, בשעת אַ געשעפטליכער נסיעה קיין אויבערשלעזיען, איז הירשלען אויסגעקומען אויפצוהאלטען זיך אַ פּאָר טעג אין בויטען — אַ פּראָווינציעלע שטאָדט נעבען דער רוסיש־פּרייסישער גרעניץ. צו־

פעליג האט ער זיך דאָרט בעקענט מיט דער טאָכטער פון אַ רייכער פאַבריקאנט, אַ געוויסער לעווענשטיין, וועלכע איז געווען אַ בילד-שעהנהייט און מוזיקאַליש זעהר בעגאַבט, און זיי האָבען זיך איינער אין אַנדערען פערליבט ביז „איבער די אויערן".

דער אלטער רובינשטיין האט דעם שידוך נישט געשטערט. ער האט נאָך געגעבען דעם זוהן עטליכע טויזענד רובל נדן און אַ בעזונדער חלק אין די רווחים פון אלע זיינע געשעפטען.

גאנץ שווער איז אָנגעקומען די ערשטע צייט רובינשטיינ'ס יונגער שנור זיך איינצולעבען אין בערדיטשעוו. די הילצערנע הייזלעך מיט די שמוציגע גאַסען און דער גאנצער ארט לעבען פון די בערדיטשעווער אידען, האָבען אויף איהר געמאַכט אנ'אָבשטויסענדען איינדרוק. עס האט איהר נישט צופרידענגעשטעלט אפילו איהר שווער'ס הויז, וואו עס האט זיך שוין געפיהרט „אייראָפּעאישליך". ביי איהרע עלטערן איז זי געווען געוואוינט צו אַנ'אנדער סאָרט לעבען און צו אנ'אנדער געזעלשאַפט.

דאס האָט איהר בעוואויגען צו נעהמען זיך פאר דער איבעראַנדערשונג פון דער ביזהעריגער הויזליכער אָרדנונג, אויף נייע, מאָדערנע יסודות.

אָנגעהויבען האָט זי עס פון דעם, וואָס זי האָט גע'פועל'ט ביים אַלטען רובינשטיין, ער זאָל זיך אויסבויען אַ נייע הויז אין אן עק שטאָדט, ווייט פונ'ם אידישען צענטער, וואו ער האָט פון שטענדיג אָהן געוואוינט. נאכדעם ווי דאס הויז איז פערטיג געוואָרען האָט זי עס געזעהן איינאָרדנען אויפ'ן „פּריצישען" אופן.

פון דעמאָלט אָן האט זי אָנגעהויבען אויסמיידען, ווי ווייט מעגליך, די בערדיטשעווער אידישע געזעלשאַפט און שליסען בעקאַנטשאַפט מיט דער שטאָדטישער קריסטליכער ביוראָקראטיע און מיט די אַרומיגע גוט-בעזיצער, פאר וועלכע זי האָט ביי זיך איינגעאָרדענט פון צייט צו צייט פערשיעדענע פערוויילונגען און זשור-פיקסען.

באלד איז אַרונטערגעפאַלען אונטער איהר השפעה די גאַנצע שטוב. פאר אַלעמען האָט איהר וואָרט געגאָלטען ממש ווי אַ בעפעהל, און זי האָט עס פערשטאנען גוט אויסצונוצען און אַוועקשטעלען דאס הויז עכט-אַריסטאָקראטיש.

דער אלטער רובינשטיין האָט געגען דעם נישט פּראָטעסטירט. ער איז נאָך, פערקערט, געווען דערפון שטארק צופרידען, האַלטענדיג

אז דער אַלץ מעהר וואקסענדיגער פרעסטיזש פון זיין הויז איז אַ גרויס געווינס פאר דעם ערפאָלג פון זיינע געשעפטען.

דערווייל האט זיך ביים אלטען רובינשטיינ׳ען אַ דרעה געטהון דאָס רעדעל און זיינע געשעפטען האָבען אָנגעהויבען צו געהן באַרג-אַראָפּ. דער גורם דערצו איז געוועזן פירשט ראַדזיוויל, וועלכער האָט געפיהרט אין פאריז אַ פערשווענדעריש לעבען, וואס האָט פערשלונגען יאָהר-אויס, יאָהר-איין קאָלאָסאלע קאפּיטאלען, אייגענע און פרעמדע. דער פירשט האָט אויפגעהערט צאָהלען זיינע וועקסלען, און די בעלי-חובות האָבען איבערגעשריבען געריכטליך זיינע גיטער, און צווישען זיי אויך די שטאָדט בערדיטשעוו, וועלכע האָט זיך געפונען אין אַרענדע ביי די רובינשטיינס. אויסערדעם זענען געוועזן מאַנכע פון ראַדזיוויל׳ס וועקסלען זשירירט דורכדעם אלטען רובינשטיינ׳ען, וועלכער האָט געמוזט פאר זיי ענטפערען פון זיין פערמעגען און האט צוליב דעם געליטען גרויסע געלט-שאָדענס.

דערצו האָט זיך נאָך דער אַלטער רובינשטיין אָנגעהויבען אַרומזעהן, אז די „פּריצישע״ הנהגה פון זיין הויז קאָסט איהם אָפּ פיעל איבעריגע טויזענדער רובל, און אויב דאָס זאָל נאָך אַזוי לאנג דויערען, איז ער אויך עלול צו ווערען יעדען טאָג באַנקראָט.

אין אַ געוויסען טאָג האָט ער אויף דעם אויפמערקזאם געמאכט דעם זוהן, און נאָך אַ לאנגען שמועס וואס ער האָט מיט איהם געהאט, האָט ער איהם אָבגעטיילט פון זיין געשעפט אליין.

הירשל (ער האָט שוין איצט געהייסען „גריגאָרי״) האָט דאן פערלאָזט בערדיטשעוו און זיך בעזעצט אין דעם גוט וויכוואטינעץ, וואס געפינט זיך נעבען דער גרעניץ פון פּאָדאָליער און בעסאַראַבער גובערניעס, ביים ברעג פונ׳ם דניעסטער, אַ וויאָרסט פופציג פון באַלטע.

דאָרט האט איהם דער פאָטער אָבגעטראָטען די וואַסערמיהל מיט דעם ברויז, וועלכע ער האָט געהאַלטען יאָהרענלאַנג אין אַרענדע ביים פירשט ראַדזיוויל.

דאָ אין וויכוואַטינעץ האָט אינגיכען (דאָס איז געווען אין יאָהר 1829) הירשל׳ס פרוי געבוירען איהר בכור, דעם שפּעטערדיגען וועלט-בעריהמטען פּיאַניסט אנטאָן גריגאָרעוויטש רובינשטיין, וועגען וועלכען עס וועט דערצעהלט ווערען אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלען.

II.

פערבלייבענדיג ביי זיינע געשעפטען אליין, האט זיך דער מצב פון דעם אלטען רובינשטיינ׳ען נישט בלויז נישט פערבעסערט, נאר זיי האבען זיך נאך פיעל פערערגערט. ער איז פערטרונקען געווארען אין חובות און האט זיך בשום אופן נישט געקאנט ארויסדרעהען, ווייל ער האט פערלוירען דעם קרעדיט. ער האט זיך דאן געווענדעט מיט דער בקשה צו פראלאנגירען איהם זיינע וועקסלען, אבער אלע האבען איהם אבגעזאגט.

זינט רובינשטיין האט זיך מיט זיין פאמיליע אריבערגעקליבען וואוינען הינטער דער שטאדט און זיינע בעציהונגען צו זיינע געוועזענע בעקאנטע פון די פני העיר האבען אנגעהויבען ווערען קאלט און אינדיפערענט, האט ער זיך דורכדעם ערווארבען אין בערדיטשעוו פיעל שונאים. און דאס איז געווען די סבה פון דעם, וואס געפינענדיג זיך אין דער קלעם, האט ער כיי קיינעם נישט דערוועקט צו זיך קיין שום מיטלייד און ביי קיינעם נישט געפונען קיין הילף. ער, וועלכער האט אויף זיין לעבען קיינעם אין קיין זאך ניט אבגעזאגט, וועלכער האט כסדר געטראגען אויף זיינע פלייצעס די גאנצע שווערע לאסט פון קהל און האט זיך פון דעם אנדערענס טובה וועגען נישט אבגעשטעלט פאר קיין שום קרבן — ער האט אין דער נויט דערזעהן פאר זיך טויב-שטומע מענשען, אהן הארץ, אהן געפיהל.

דאס האט איהם זעהר פערביטערט און צוגלייך נידערגעשלאגען. פון טאג-צו-טאג איז ער אלץ געווארען מעהר אויפגערעגט און דענער-ווירט, ביז ער האט ענדליך בעשלאסען צו מאכען א שריט, וועלכער האט מיט זיין אויסטערלישקייט אויפגערודערט די אידישע בעפעלקערונג פון דער גאנצער געגענד:

אין א „שעהנעם פריהמארגען" האט ער זיך אליין געטויפט און האט אבגעז׳שמד׳ט מיט זיך אויך זיין גאנצע פאמיליע.

III.

בכלל זענען די אמת׳ע סבות, וועלכע האבען אין זייער צייט בעוואויגען דעם אלטען רובינשטיינ׳ען אבצושמד׳ען זיך מיט זיין גאנצער פאמיליע, געבליבען פארנעבעלט ביז אויף היינטיגען טאג. אין בערדיטשעוו זענען וועגען דעם ארומגעגאנגען די פאלגענדע ווערסיעס,

וועלכע איך ציטיר דאָ לויט די ערצעהלונגען פון בערדיטשעווער זקנים אין „וואָסכאָד״ :

„דער שטאָלצער און דער עהרגייציגער ר׳ ראובנ׳טשע רובינשטיין — אזוי האט איהם דער המון גערופען — האט נישט געקאָנט רוהיג אַריבערטראָגען די בעליידיגענדע גזזעץ-בעגרעניצונגען און דעם שפל׳ן מצב פונ׳ם אידען, און איז מחמת דעם אריבער צום קריסטענטום צוזאַמען מיט זיינע קינדער, מיט זיין אייניקעל און מיט אַ טייל פון זיינע הויז-דינער, און אפילו מיט דעם טויב-שטומען וואַסער-טרעגער.

„אלס קלוגער און רייכער מאַן (פאר אַזעלכען האָט מען איהם געהאַלטען) און גרויסער תלמוד׳יסט, איז דער אלטער רובינשטיין געווען ביי אידען געאַכט און געשעצט, און זיין גאַנץ אומגעריכטען איבערגאנג צום קריסטליכען גלויבען מיט אַלע מיטגלידער פון זיין פאַמיליע, האָבען זיי בעטראכט אלס שטראָף פון גאָט און אלס אומגליק, וואס האט געטראָפען דעם גאנצען אידישען פאָלק.

„אפילו די צייט האט נישט פערגלעט דעם איינדרוק, וואס דער שמד פון רובינשטיינ׳ס משפחה האט געמאַכט אויף דער אידישער בעפעלקערונג און בערדיטשעוו, און אַ סך יאָהרען שפעטער פלעגען זיך נאָך אידען יעדעס מאָל אָבשטעלען פאר דעם קליינעם שוהלכעל, וואס ר׳ ראובנ׳טשע האָט אַמאָל אויסגעבויט, און פלעגען דערמאנען מיט ביטערע קרעכצען דעם טרויעריגען צופאל וואס האט פאַסירט.

„נאָכדעם שמד האָבען די אידען אָנגעהויבען עפיס אזוי ווי מורא האָבען פאר די רובינשטיינס אָדער זיך האַלטען ווייט פון זיי. זייער גאַנצען צאָרן האָבען זיי אָבער אויסגעלאָזט צו דעם טויב-שטומען וואַסערטרעגער. איך אליין האָב זיך אַ פאָר מאָל בעטייליגט אין אַ פיינדליכער דעמאָנסטראציע פון קליינע אינגלעך, וועלכע זענען איהם נאָכגעלאָפען מיט זידלערייען און געשרייען: „קוגעל! קוגעל!״.

„מיר פערזענליך האט דער דאָזיגער לעבעדיגער מיך אזוי שטארק פעראינטערעסירט, אז איך האָב אַלע שבת, בעת איך בין געווען פריי פון חדר, שפּאַצירט נעבען רובינשטייג׳ס הויז און האב זיך געפיהלט זעהר גליקליך יעדעס מאָל, ווען עס האָט זיך מיר איינגעגעבען צו כאַפּען אַ קוק אויף דעם דאָזיגען העלד אין צילינדער-הוט מיט די צוויי מעדאַלען אויף דער ברוסט. אין יענער צייט האָבען אין בערדיטשעוו געטראָגען צילינדערס נאָר פירשט ראַדזיוויל און ר׳ ראובנ׳טשע רובינשטיין.

„שפּעטער, בעת די רובינשטיינס זענען אַראָפּ פון מצב, האָבען זיי אָנגעהויבען פּערדינגען זייטיגע מענשען וואוינונגען אין אַ טייל פון זייער גרויסען און רייך־געבויטען הויז. אַ געוויסע צייט האָט דאָרט איינער פון מיינע קרובים פּערנומען דעם אונטערשטען גאָרן, און אויף דעם אויבערשטען עטאַזש האָבען נאָך געוואוינט די רובינשטיינס. דאָס האט מיר געגעבען די געלעגענהייט זיי גענויער צו בעטראכטען".

בערדיטשעווער זקנים דערצעהלען, אז אפילו נאָכדעם ווי רובינשטיין האט זיך שוין געהאט אָבגע׳שמד׳ט, האט ער תמיד זיך שטארק גענומען צום הארצען די אידישע אינטערעסען און האט זיך זעהר געפרעהט ווען ס׳האבען זיך געעפענט די ראַבינער־שולען.

אין פאָלק זענען פערבליבען וועגען דעם „אַלטען רובינשטיינ׳ען", ווי אידען האבען איהם גערופען, פיעל לעגענדעס און סימפּאטישע צראינערונגען, אין וועלבע ער ווערט געשילדערט אלס גוטהארציגער מענש און גרויסער בעל־צדקה.

כאראקטעריסטיש איז אויך פאָלגענדער פאקט:

תיכף ווי עס איז בעקאנט געוואָרן די ידיעה וועגען דעם שמד פון ר׳ ראובנ׳טשע רובינשטיין, האט איהם דער אין יענער צייט בע־ריהמט געוועזענער אלטער משכיל ר׳ לייבוש לאנדסבערג פון קרעמעניץ, אַריינגעשיקט אַ גרויסען העברעאישען מוסר־בריעף, וואו ס׳איז צווישען אנדערעס געזאגט געוואָרען:

„. . . . לשמע אזן שמעתי כי באת במסורת ברית החדשה אתה ובנך ובתך ואשתך ויען שידעתיך מעודך כי לא שלטה בך יד אגוש לעקבך, הן במסחר וקנין והן בחליפין ותמורה, לכן אומר אני: „זאת חליפתך, זאת תמורתך"!...

„אכן לא נוסיף לדבר מזה והיה כאשר נפגוש איש את אחיו בחוצות יהודה וירושלים, אתה כאשר תבוא להשתחוות על קבר משיחך ואני בבואי להתפלל לקדושים אשר בארץ המה, אז נדבר על הגאולה ועל התמורה" *)...

אין אידיש הייסט עס אזוי:

---

*) עס דארף דא בעמערקט ווערען, אז רובינשטיין איז געווען אויך אַ „חלפן" און האט געהאט אין בערדיטשעוו א בעלט־וועקסעל־הויז.

„ . . . איך האָב געהערט, אז דו האָסט דיך מיט דיין ווייב און קינדער אָבגע׳שמד׳ט. ווייל איך האב דיך פון תמיד אָן געקאָנט פאר אַ מענשען, וועמען קיינער האט נישט געקאָנט אָבנאַרען, סיי אין געשעפט און סיי ביי וועקסלען, דעריבער זאג איך: „זאת חליפתך, זאת תמורתך!"...

„מיר וועלען אָבער דערפון נישט רעדען. אז מיר וועלען זיך אַמאָל ביידע בעגעגענען אין די גאַסען פון יהודה אין ירושלים, דו קומענדיג אַהין זיך בוקען אויפ׳ן קבר פון דיין משיח, און איך קומענדיג בעטען צו מיין גאָט, דאַן וועלען מיר שמועסען וועגען דער ערלייזונג און וועגען דעם אומבייט"...

IV.

נאָך פאר׳ן פאָטערס לעבען האָט זיך דער יונגער רובינשטיין, גריגאָרי, אַריבערגעצויגען מיט זיין גאַנצער פאַמיליע פון וויכוואַטינעץ קיין מאָסקווע, וואו ער האט געעפענט אַ פאַבריק פון בליי-שטיפטען און שפילקעס, און ס׳איז איהם אַוועק בעזונדערס גוט די ערשטע צייט.

אין מאָסקווע האט זיך גריגאָרי׳ס פרוי גענומען מיט גרויס פלייס צו דער מוזיקאַלישער אויסבילדונג פון איהר עלטסטען זוהן, אַנטאָן, וועלכען ס׳איז דאַן געגאַנגען ערשט דאָס זעקסטע יאהר און האט שוין אַרויסגעוויזען זעלטענע פעהיגקייטען צו מוזיק. גראָד האט געטראָפט פאַסירען, אז אין יענער צייט איז געקומען פון פרייסען קיין מאָסקווע אַ געוויסע מאַדאם גרינבערג, אַ געוועזענע יוגענד-פריינדין פון פרוי רובינשטיין, און די דאָזיגע מאַדאם גרינבערג האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ יונג טעכטערל פון אַ יאָהר צעהן, וועלכע איז שוין געווען אזוי שטארק אין מוזיק, אז זי האָט אָנגעהויבען געבען אין מאָסקווע קאָנצערטען. די גרויסע ערפאָלגען פון דער קליינער גרינבערג האט אַרויפגעבראכט די פרוי רובינשטיין אויפ׳ן געדאַנק צו נעהמען זיך נאָך ערנסטער פאר דער מוזיקאַלישער אויסבילדונג פון איהר אַנטאָן. זי האָט דאַן געזוכט און אויסגעפונען פאר איהם אַ בעריהמטען מוזיקאַלישען פעדאַגאָג, אַ געוויסען פראַנצויז ווילואַן, וועלכער האט באַלד ביי דער ערשטער לעקציע ענטפלעקט אין זיין קליינעם תלמיד אַ גרויסע מוזיקאַלישע קראַפט, און ער האָט זיך אָנגעשלאָגען צו לערנען מיט איהם אָהן אַ שום האָנאָראר.

אַכט יאָהר איז רובינשטיין אַלט געווען בעת ווילואַן האָט אָנגעהויבען מיט איהם צו לערנען, און צו דרייצעהן יאָהר האָט ער זיין מוזיקאַלישען שטודיום פערענדיגט. אַחוץ ווילואַנ׳ען — אַזוי דערצעהלט רובינשטיין אין זיינע זכרונות — האָט ער קיין אַנדער לעהרער נישט געהאַט, אויסער אין דער טעאָריע פון מוזיק. אויפ׳ן צעהנטען יאָהר האָט רובינשטיין געגעבען דעם ערשטען עפענטליכען קאָנצערט אַלס פּיאַניסט. דאס איז געווען אין מאָסקווע, דעם 11טען יולי, 1839, אין פּעטראָווסקי-סאַד. נאָכדעם האט רובינשטיין דריי יאָהר כסדר בעררייזט מיט זיין לעהרער גאַנץ אייראָפּע, און אומעטום געגעבען קאָנצערטען, וועלכע האבען ארויסגעריפען גרויס פוראָר. רובינשטיין אליין האָט שפּעטער דערצעהלט וועגען די דאזיגע קאָנצערטען פאָלגענדעס: „אַריינגעטהון אינגאַנצען אין מוזיק, געדענק איך נישט, ווען און וואו איך האָב זיך געלערענט שרייבען. אויפ׳ן עלפטען יאָהר האָב איך שוין אַרומגערייזט אייראָפּע. אומעטום און שטענדיג פלעג איך ארויף אויף דער עסטראַדע אָהן דעם קלענסטען פּחד: איך האב געקוקט אויף מיינע קאָנצערטען, ווי אויף אַ שפּיעל, און האב זיך בעצויגען צו זיי ווי אַ קינד, וואס איך בין נאך דאַן באמת געווען, איבעריגענס האָבען אַזוי אויף מיר אַלע געקוקט. ווי היינט געדענק איך, אז אין יאהר 1838, בעת ווילואַן האָט מיך גלייך פון אויסלאַנד געבראכט קיין פּעטערבורג, וואו איך האב געגעבען אין קייזערליכען פּאַלאַץ אַ קאָנצערט צוליעב אַוואוילטעטיגען צוועק, האט מיר די קייזערין אַלעקסאַנדרא פיאָדאָראוונא אַרויסגעוויזען פיעל סימפּאטיע, זי האט מיר כסדר געגלעט און, לויט איהר פערלאנג, האט מען מיך אָוועקגעשטעלט אויף אַ טיש”.

אין יאָהר 1841, האט ווילואַן געבראַכט דעם קליינעם רובינשטיין קיין פּאריז, וואו ער האט געגעבען דעם ערשטען קלאַוויר-קאָנצערט אין דער אנוועזענהייט פון די גרעסטע מוזיקאלישע קאָריפייען ווי ליסט, שאָפּען און אנדערע, וועלכע האבען דעם יונגען מוזיקער זעהר בעוואונדערט און איהם פּאָראויסגעזאָגט אַגלענצענדע צוקונפט אלס וועלט-ווירטואז. זיין נאמען האט גענומען קלינגען און ער האט בעקומען איינלאַדונגען כמעט פון אלע אויסלענדישע קייזערליכע הויפען. ער האט געשפּילט פאר אלע קיסרים פון אייראָפּע, און ביי אלעמען שטארק נושא חן געווען.

נאך אַ פּיער יעהריגער אויסלענדישער נסיעה איז רובינשטיין געקומען צוריק קיין פּעטערבורג.

V.

מיט דעם נאמען פון אַ פענאָמענאלען מוזיקער איז דער קליינער רובינשטיין געקומען צוריק צו זיינע עלטערן קיין מאסקווע. מען איז דאַן געלאָפען אויף חדושים אָנקוקען די טייערע מתנות, וואס ער האט מיטגעבראכט מיט זיך פון קייזערליכען הויף, ווי פינגערלעך געפאסט מיט דימענטען און בריליאנטען, און גאָלדענע קייטעלעך, מיט עמבלעמען פון שמאַראַגדען. רובינשטיינ׳ס עלטערן, וועלכע זענען דאַן געווען זעהר געדריקט, האבען די מתנות פערזעצט אין אַ לאָמ-באַרד, און האבען זיך פאר דאס געלד דורכגעלעבט. די מתנות זענען שוין, זעלבסטפערשטענדליך, געבליבען ליגען אין לאָמבאַרד לעולם ועד און זענען קיינמאל נישט אויסגעקויפט געוואָרען.

רובינשטיינ׳ס מוטער איז דאָך געבליבען אומצופרידען פון איהר זוהנ׳ס מוזיקאלישע ערפאלגען. זי האט געוואָלט, ער זאל זיך נאך מעהר אויסבילדען, און געפינענדיג, אז די קאָנצערטען שטערען איהם אין לערנען, האט זי בעשלאָסען אוועקפיהרען איהם קיין בערלין, וואס האט זיך אין יענער צייט גערעכענט פאר אַ צענטער פון די וועלט-בעריהמטע מוזיקער און קאָמפּאָזיטארען. דארט האט איהם די מוטער ארייגעפיהרט צו די דאַמאָלסדיגע מוזיקאלישע קאָריפייען, מענדעלסאָן-בארטאָלדי און מאַיר-בער, וועלכע זענען געבליבען דער-שטוינט איבער דעם טאלאנט פון דעם יונגען מוזיקער, און האבען זיך אליין אָנגעשלאָגען איבערצונעהמען די השגחה אויף זיין ווייטער-דיגער מוזיקאלישער אויסבילדונג. כאָטש רובינשטיין האט דאַן אויס-געמיטען, ווי ווייט מעגליך, ארויסצוטרעטען אויף עפענטליכע קאָנ-צערטען, האט ער דאָך געמוזט שפּילען פאר די מיטגלידער פון דער רוסישער פאמיליע יעדען מאל, ווען זיי האבען פערבראכט אין בערלין. די ווערטפולע מתנות, וועלכע ער האט פון זיי בעקומען, האט די מוטער פערקויפט און פערברויכט דאס געלד אויף זייער חיונה.

אין יאהר 1846 איז רובינשטיין, אַ זעכצעהן-יעהריגער בחור׳ל, שוין אליין, זעלבסטשטענדיג, אוועק קיין ווין, וואוהין עס האט איהם געצויגען צום „מוזיקאלישען גאון" ליסט, וועלכער האט דארט געוואוינט און פון וועלכען ער האט געהאפט צו האבען שטיצע און

פראטעקציע. אנפאנגס אבער האט איהם אויסגעוויזען, אז זיינע האָפנונגען האלטען נישט ביים ערפילט ווערען, ווייל ליסט האט איהם אויפגענומען זעהר קאַלט, און איהם געזאגט, אז אַ פעהיגער מענש דארף דערגרייכען אלץ אליין, נישט אַרויסקוקען אויף קיינעמ׳ס אונטערשטיצונג. דאס האט רובינשטיינ׳ען אַ ביסעל דערוויטערט פון ליסט׳ן.

וועגען זיין לעבען אין דער ערשטער צייט אין וויען האט שפעטער רובינשטיין אליין איבערגעגעבען די פאָלגענדע אינ־טערעסאַנטע פרטים:

„איך האב מיט זיך געבראכט קיין וויען ביי אַ טוץ רעקאָמענ־דאציעס פון דעם דאמאלסדיגען רוסישען באָטשאַפטער אין בערלין און פון זיין פרוי. מאַכענדיג וויזיטען, האב איך אומעטום איבערגע־לאָזט די דאָזיגע בריעף... איך וואַרט אויף אַ תשובה אדער אן איינ־לאדונג, און עס איז נישטא: אלע שווייגען. אזוי האָט פאסירט מיט די ערשטע פיער בריעף. דאס האט מיך איבערראַשט, און איך האב בעשלאָסען צו זעהן, וואס אזוינס מען שרייבט וועגען מיר אין די רעקאמענדאציעס פון די הויכגעשטעלטע פערזאנען. איך האב געעפענט אַ בריעף און שטויס זיך אין איהם אָהן אויף אזא נוסח: „ליעבע גרעפין! מיט דעם פאָסטען, וועלכען מיר, דער באָטשאַפטער און זיין פרוי, פערטרעטען, איז פערבונדען די לאנגווייליגע פליכט צו געבען פראָטעקציעס און צו רעקאָמענדירען פערשיעדענע מענשען פון אונזערע לאנדסלייט. אויף דעם סמך רעקאָמענדירען מיר אייך דעם דאזיגען יונגענמאַן, אַ געוויסער רובינשטיין". דאן איז מיר ערשט קלאָר גע־וואָרען פאַרוואס קיינער האט מיר אויף די בריעף נישט געענטפערט, און האב גענומען דאס רעשט ביסעל רעקאָמענדאציעס און האב זיי אַריינגעוואָרפען אין אויוועז...

„אין וויען האב איך געהאט לעקציעס, דאס רוב זענען זיי גע־ווען גראשענע. געוואוינט האב איך אין דער הויך אויף אַ בוידעם־שטיבעל; נישט זעלטען האט געטראפען, אז צוויי־דריי טעג האב איך נישט געהאט צו בעצאהלען פאַר׳ן מיטאג אין דעם נאָהענטען וואלוועלען רעסטאָראן און בין געבליבען נישט געגעסען. אין מיין קוואַרטיר האט זיך נישט געפונען קיין שום מעבעל, דערפאר זענען אבער אלע ווינקלען, ווי אויך די פאָדלאגע, געווען פערזייט מיט מיינע מוזיקאַ־לישע שאפונגען, וועלכע זענען בעשטאנען פון אלערליי מעגליכע

פּיעסען: אַ זעטאריעס, סימפּאָניעס, אָפּערעס, ראָמאַנסען. און דער הונגער האט מיך געפּייניגט אומ׳ברחמנות׳דיג. אזוי האט זיך געצויגען אַ משך פון אנדערהאלבן יאהר.

„אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען — דערצעהלט רובינשטיין ווייטער — האט זיך ליסט מיטאמאל דערמאנט, אז ער האט מיך שוין לאנג נישט געזעהן, און נישט קלערענדיג פיעל, איז ער ארויפגעקראָכען צו מיר אין דער הויך, אום צו דערוויסען זיך, וואס איך מאַך. און געקומען צו מיר איז ער נישט אַליין, נאר אין דער בעגלייטונג פון זיין גע-וועהנליכער סוויטע, אָהן וועלכער ער האט זיך קיינמאל ערגעץ נישט בעוויזען: איינער עפּיס אַ פירשט, דער צווייטער אַ גראף, אַ דאקטאר, אנ׳ארטיסט — אלע זיינע ענטוזיאַסטישע פערעהרער, וואס זענען איהם תמיד נאָכגעגאנגען, ווי אַ שאָטען. ווען ליסט איז צו מיר אַריין, איז ער געבליבען שטעהן פערבליפט פון דער אַרומיגער אָרימקייט. ער האט גערעכענט, אז איך בין פערזאָרגט מיט חיונה, ווייל זייענדיג אַמאָל אין מאָסקווע, האט ער בעזוכט מיינע עלטערן און גע-זעהן, ווי עס לעבט אונזער פאַמיליע. און מיט אַמאל אזא דלות! ליסט האט מיך תיכף איינגעלאַדען צו זיך אויף מיטאג, און פון דעמאָלט אָהן האט ער מיר ארויסגעוויזען גרויס התקרבות, און מיין מצב האט זיך פערבעסערט״.

אונטער ליסט׳ס ווירקונג האט זיך שטאַרק אנטוויקעלט אויך רובינשטיינ׳ס קאָמפּאָזיטאָרישער טאלאנט, און מ׳האט געזעהן בע-שיינפערליך, אז דא געהט אויף אַ נייער גרויסער שטערן אין דער מוזיקאַלישער וועלט. זיינע קאָמפּאזיציעס האבען בעקומען אַ גרויסען אָבגאַנג, אַנדערע פון זיי זענען איבערגעגאַנגען, געשריבענע, פון האַנד צו האַנד, און אזוי ארום איז ער געוואָרען זעהר פּאָפּולער.

אין יאהר 1848, איז רובינשטיין איבערגעפאָהרען פון וויען קיין בערלין וואו עס האבען זיך דאַן קאָנצענטרירט די מעהר בעוואוסטערע קאָמפּאזיטארען. אין דייטשלאַנד האט אבער באַלד אויסגעבראכען די רעוואָלוציע. קיינעם איז שוין דאן קיין מוזיק נישט געלעגען אין זינען. אלע קאנצערטען האָבען אויפגעהערט, און די מוזיקער זענען געבליבען אהן פּרנסה. דאס האט געצוואונגען רובינשטיינ׳ען אבצו-פאהרען קיין רוסלאַנד.

VI.

באַלד ביים אַריינפאָהר קיין רוסלאַנד האט רובינשטיינ׳ען דער־וואַרט אנ׳אומאנגענעהמער סיורפריז: גאַנץ אומגעריכט האט מען איהם דערמאנט דאס, וואס ער האט שוין לאנג פערגעסען. מען האט איהם דערמאנט, אז ער איז אַ בערדיטשעווער און דעם געוועזענעם ר׳ ראובנ׳טשע רובינשטיינ׳ס אנ׳אייניקעל.

אָנקומענדיג אויף דער רוסישער גרעניץ האט מען צו איהם אַ זאָג געטוהן:

— וויזט, זייט אזוי גוט, אייער פּאַס.

— וואס פאַר אַ פּאַס? — האט רובינשטיין אויף דעם געענטפערט גאַנץ ערשטוינט.

— וואס הייסט, וואס פאַר אַ פּאַס? היתּכן, אז איהר ווייסט נישט, אז יעדערער, וואס פאהרט אַריין צו אונז קיין רוסלאַנד, דאַרף האבען אַ דאָקומענט?

רובינשטיין האט דאָס ליידער פערגעסען. אָדער ריכטיגער גע־זאגט, ער האט עס אפילו נישט געוואוסט... בעת די מוטער האט איהם אַוועקגעפיהרט קיין בערלין איז ער נאָך געוועזען אַ קינד און געוועזען פערשריבען אין איהר פּאַס. נאָכדעם, אז ער איז אליין אָב־געפאָהרען קיין וויען און האט בעזוכט בערלין און אנדערע שטעדט, האט מען ביי איהם אין ערגעץ נישט געפאָדערט קיינע דאָקומענטען. ער האט עס דערקלערט דעם בעאַמטען. דערביי האט ער איהם בע־וויזען אַ וויזיט־קאַרטע פון אַ הויכען רוסישען שררה, וואס האט זיך פערוואַלגערט ביי איהם אין קעשענע, און גע׳פועל׳ט ביי איהם אויף דעם סמך, ער זאל איהם לאָזען פאהרען קיין פּעטערבורג.

אין פּעטערבורג האט מען רובינשטיינ׳ען אין קיין האָטעל נישט געוואָלט אַריינלאָזען; פון אומעטום האט מען איהם געטריבען, און איהם איז אזוי אויסגעקומען צו נעכטיגען אויף דער גאַס. נישט האבענדיג קיין אַנדער ברירה איז רובינשטיין אוועק צום אָבער־פּאָליצמייסטער — אַ געוויסער גאלאכאוו — און האט איהם דערצעהלט, אז ער איז געקומען קיין פּעטערבורג אָהן אַ פּאַס און אַלע טירען זענען פאַר איהם פערשלאָסען. דערהערענדיג דאס, האט זיך גאלאכאוו ארויפגעוואָרפען אויף רובינשטיינ׳ען מיט ווילדע קולות:

— סטייטש אָהן אַ פּאַס? דו, אַזוינער און אַזוינער, ווי האסטו

זיך געוואַגט אַהער צו קומען? ווער ביזטו? אַ בערדיטשעווער „שאכער־מאַכערטשיק!" מען זאָל די מינוט דערגעהן וואו ער האט זיך אָבּ־געשטעלט און ביי וועמען, און אַלעמען שטרענג בעשטראָפען.

רובינשטיין האט זיך גענומען בעטען:

— מיך קענען דאָ אין פּעטערבורג אַ סך גרויסע לייט, מיך קען פירשט לוואָוו, גראַף סטראגאנאוו, גראף וועלגאָרסקי.

גאַלאכאָוו האט פערהאַלטען רובינשטיינ'ען און האט תיכף אַוועק־געשיקט זיין פּערזענליכען אַדיוטאנט חוקר ודורש זיין וועגען איהם ביי גראף וועלגאָרסקי.

דער אַדיוטאַנט איז באַלד צוריקגעקומען פון גראַף מיט אַ בריעף, וועלכער בעשטעטיגט, אז ער קען שוין רובינשטיינ'ען פון לאַנג און פער־לאנגט ארויסגעבען איהם אַ דאָקומענט.

גאלאכאָוו האט זיך נאך אָבער נישט בערוהיגט.

— דאס טויג נישט! — האט ער זיך פאַנאנדערגעשריען — דאס איז אַ בריעף, און דו מוזט האָבען אַ פּאס. צוויי וואָכען גיב איך דיר צייט צו בעקומען פון בערדיטשעוו אַ פּאס. דו הערסט?

VII.

רובינשטיינ'ען איז נישט אָנגעשטאַנען די גאַנצע מעשה; סטייטש, ער, וועלכער איז געוועזן קינדווייז דער ליבלינג פון די הויף־ספּערען און שוין אַ האלבער „מקורב למלכות", זאָל דאַרפען אויסהערען אזעלכע גראָבע רייד, און נישט פון אַ הויכגעשטעלטען שרה, נאָר פון אַ געוועהנליכען בעאַמטען. אזוי טראַכטענדיג האָט ער בעשלאָסען צו בעקלאָגען זיך אויפ'ן אָבער־פּאָליציי־מייסטער פּאַר'ן גענעראַל־גובערנאַטאר, — שולגין האט ער געהייסען. אָבער גאנץ אומ־געריכט האָט רובינשטיין געכאַפּט פון שולגינ'ען אַ מיאוס'ן אָבשניט. ווי נאָר ער האט דערהערט וועגען וואס דאָ האַנדעלט זיך, איז ער אַרויפגעפאלען אויף רובינשטיינ'ען מיט קולות:

— אין קייטען וועל איך דיך פערשמידען! קיין סיביר וועל איך דיך אַוועקשיקען!

„איך געדענק נישט — אזוי דערצעהלט רובינשטיין — ווי איך בין אַרויס פון שולגינ'ען. איך ווייס נישט פארוואָס ער האט זיין בּראָהונג נישט פערווירקליכט. אבער אז ער האט דאס געקענט טהון —

דאס איז זעלבסטפערשטענדליך... איך געדענק נאָר, אז מיר איז דאַן געווען שרעקליך שווער אויפ׳ן האַרצען״.

עס זענען אַריבער עטליכע וואָכען און רובינשטיין האט נאָך אלץ קיין פּאַס נישט ערהאלטען. דערווייל האט ער זיך אויפגעהאַלטען ביי בעקאַנטע, וואו אַ טאָג, וואו אַ נאכט. אינגיכען האָט פּאסירט, אז אין „הויף״ איז פּאָרגעקומען אַ קאָנצערט מיט רובינשטיינ׳ס אנטייל. מיט דער געלעגענהייט האָט זיך רובינשטיין בענוצט, און האט דערצעהלט עטליכע פון די אָנוועזענדע שררות וועגען דעם קבלת-פּנים, וואס ער האט געהאט ביים אָבער פּאליצמייסטער און נאָכדעם ביי דעם גענעראַל-גובערנאַטאָר. אויף מאָרגען איז געוואָרען אַ רעש: „ס׳טייטש, וואס טהוט איהר דאָ מיט רובינשטיינ׳ען? מיר קענען איהם אַלע. ער איז געווען אנ׳אנגעלעגטער גאסט אין „הויף״ ער האט געגעבען קאָנצערטען ביי דער קייזערליכער פאַמיליע, און ווי באַגעהט מען זיך דאָס אזוי מיט איהם?״...

אויף מאָרגען איז רובינשטיין אַוועק צו גאָלאַכאָוו׳ן. דאָרט האט מען איהם געלאָזט וואַרטען, שטעהענדיג אויף די פיס אַ צוויי-דריי שעה. ענדליך האט מען איהם אַריינגערופען אין קאַבינעט. דאָרט האָט זיך צו איהם אָבגערופען דער אָבער-פּאָליצמייסטער:

— נו, ברודער, מען דערצעהלט עפּעס וועגען דיר, אז דו ביסט אַ גרויסער מוזיקער. איך האָב דערין נישט קיין שטארקע אמונה. ווייסטו וואָס? אָט נעהם און געה שוין אַריבער צו דעם פּערוואלטער פון מיין קאַנצעלאַריע, טשעסנאָקאָוו, און שפּיעל איהם עפּעס אויף, כדי מיר זאָלען וויסען, אז דו ביסט באמת אַ מוזיקער. אָט דער טשעסנאַקאָוו איז אַ גרויסער ידען אין מוזיק!

„מ׳האט מיך אַריינגעפיהרט צו טשעסנאָקאָוו׳ן—אזוי האט רובינשטיין אַליין שפּעטער געשילדערט זיין עקזאַמען—ביי וועלכען עס איז געשטאַנען אַ מיזערנע פּיאַנינע. ער האָט זיך אַ וועקגעזעצט און איך נעבען איהם, און אַלץ, וואס עס האָט בשעת מעשה אויפגעקאָכט ביי מיר אויפ׳ן האַרצען, דאָס דאָזיגע ביטערניש און פּערדרוס, און צאָרן, און טיפער שמערץ, וועלכע האבען מיר גענאָגט און געעגבערט, האָב איך אויסגעדריקט מיט די קלאַווישען פונ׳ם דאָזיגען אינסטרומענט. איך האָב אזוי פּיעל געדונערט, אז די פּיאַנינע איז שיער נישט אַוועק טאַנצען אונטער מיינע קלעפּ און ס׳האט זיך געדוכט, אז אָט, אָט צעפאַלט זי זיך אין שטיקלעך. איבריגענס, איז

דאס געווען אנ׳אינסטרומענט פונ׳ם ערגסטען סאָרט, וואס קאָן נאָר געבען, און ער האט מיך דענערווירט ביז צו משוגעת. טשעסנאָקאָוו האט אָבער גאַנץ געדולדיג אויסגעהערט און איז מיט מיר אַוועק צום אָבער-פּאָליצמייסטער.

— ס׳איז ריכטיג — האָט ער אָבגערעפּאָרטירט גאלאכאָוו׳ן — רוביני-שטיין איז באמת אַ מוזיקער, ער שפּילט...

— נו, אויב אַזוי—האט אַ דונער געטהון דער אָבער-פּאליצמייסטער— טאָ גיב איהם אַרויס אַ פּראָלאָנגאַציע אויף דריי וואָכען!

אין פערלויף פון די דריי וואָכען האט רובינשטיין בעקומען פון דער בערדיטשעווער קהלה אַ פּאַס מיט דער בעמערקונג, אז דער נכתב געהערט צו דער פּראַוואָסלאוונער יעפּאַרכיע. ערשט פון דעמאָלט אָהן האָט מען רובינשטיינ׳ען געלאָזט צורוה...

אין רובינשטיינ׳ס לעבען האָבען זיך דאַן אָנגעהויבען טריאומפען נאך טריאומפען. צוערשט האָט איהם אַרויסגעויזען גרויס התקרבות די גרויס-פירשטין יעלענאַ פּאַוולאָוונאַ, וועלכע איז געווען אַ גרויסע ליבהאָבערין פון מוזיק און פון קונסט בכלל. זי האט איינגעלאַדען רובינשטיינ׳ען צו זיך אלס לעהרער פון קלאַוויר און צוליעב דעם האט זי איהם אָבגעגעבען אַ וואוינונג ביי איהר אין פּאַלאץ. דאָרט האט ער געהאט די געלעגענהייט נעהנטער בעקאַנט צו ווערען מיט די מיטגלידער פון דער קייזערליכעה פּאַמיליע און ווערען ביי זיי אַ בן-בית. ער האט בעגלייט די גרויספירשטין אויף אַלע איהרע נסיעות קיין אויסלאנד און דורכדעם איז ער אריינגעצויגען געוואָרען אין דעם קרייז פון גרויסע אייראָפּעאישע בעריהמטקייטען. ניקאָלאי דער ערשטער פלעגט גאנץ אָפט אַנגאַזשירען רובינשטיינ׳ען צו שפּילען מיט איהם קלאַוויר אין פיער הענט. און פלעגט איהם מאכען דערביי גרויסע קאָמפּלימענטען.

בעזונדערס בעריהמט איז רובינשטיין געווארען דורך זיינע היסטאָרישע אָפּערעס, וועלכע זענען געשטעלט געוואָרען אויף די גרעסטע וועלט-ביהנעס און האָבען איהם זעהר פּאָפּולער געמאכט. אָנפאנגס די זעכציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט איז לויט רובינשטיינ׳ס איניציאַטיוו געעפענט געווארען אין רוסלאנד די ערשטע קאָנסערוואטאָריע, וועלכע האט איהם אויסגעקליבען אלס איהר דירעקטאר. אויף דעם געביט האט זיך רובינשטיין קונה-שם געווען אלס ערציהער און מדריך פון אַ גאנצער רייה מוזיקאלישע קאָריפייען.

אין די ערשטע זעכציגער יאָהרען האט רובינשטיין אונטער־נומען אַ קאנצערטען־טור איבער איירא‌פא און אַמעריקא, און איז אומעטום אויפגענומען געווארען מיט גרויס ענטוזיאַזם און בע־גייסטערונג. די דאזיגע קאנצערטען האבען איהם דאן אריינגעטראגען אַ קאלאסאלען קאפיטאל. צוריקקעהרענדיג זיך קיין פעטערבורג, האט ער זיך געקויפט א פראכטפולע ווילע אין פעטערהאף, נישט ווייט פון קייזערליכען פאלאץ, און האט זיך דארט בעזעצט. רובינשטיינס ווילע אין פעטערהאף איז געווארען א מין „מעקא" פאר די מוזיקאלישע קינסטלער פון דער גאנצער וועלט, וועלכע פלעגען קומען צו איהם, כדי צו געפונען זיך אונטער זיין השפעה און בעאיינפלוסט צו ווערען פון זיין גרויסען זשעני.

די רוסען, וועלכע האָבען שטאָלצירט מיט דעם גרויסען קינסטלער, האבען איהם געהאלטען פאר „זייערען", און פלעגען תמיד זאגען און שרייבען: „א ו נ ז ע ר ר ו ב י נ ש ט י י ן". ער אַליין אָבער האָט זיך תמיד גערעכענט פאר אַ אידען, און האָט קיינמאָל נישט פערלייקענט זיינע געפיהלען, וועלכע ער האָט אַמאָל בשעת אַ געשפרעך אויסגע־דריקט אין דעם פאָלגענדען איראָנישען ווערטעל: „די דייטשען זעהען אין מיר אַ רוס, און די רוסען — אַ דייטש, די אידען האַלטען מיך פאר אַ קריסט, און קריסטען אנ׳ערקענען מיך אין דער שטיל פאר אַ איד, און זאָגען דאס נישט ארויס".

איינער, אַ רוסיש־אידישער שריפטשטעלער, וואס איז געשטאנען באָהענט צו רובינשטיינ׳ען, גיט איבער וועגען איהם די פאָלגענדע אינטערסאַנטע פרטים: רובינשטיין איז תמיד געווען פעסימיסטיש גע־שטימט. דאס איז געקומען פון דעם, וואס ער האט זיך קינדווייז אָנ־געזעהן די צרות פון זיין פּעאָרימטער, פריהער רייך געוועזענער משפחה און די ערנידערונגען און בעליידיגונגען, וועלכע אידען זענען אויסגעשטאַנען אויף יעדען שריט און טריט. די דאָזיגע קינדערשע ערהינערונגען האבען אַוועקגעלייגט אנ׳אייביגען שטעמפעל אויף רובינשטיינ׳ען. ווען אפילו בשעת זיין כבוד האט דערגרייכט דעם העכסטען אַפּאָגיי, בעת זיין גורל האָט איהם געשאָנקען מיט אלע ערדישע גליקען, עפעס אזוי ווי ער וואָלט אויסען געווען צו בע־לוינען איהם פאר די געברענטע ליידען, וואס ער איז אויסגעשטאַנען אין דער יוגענד, האט ער נישט אויפגעהערט צו זיין מעלאַנכאָליש און טראָגען אין זיך יענעם טראַדיציאָנעלען אידישען אומעט, וועלכער האט

געפונען אזא בולט'ען אויסדרוק אין זיינע אומשטערבליכע מוזיקאַ-לישע ווערק.

„רובינשטיין האָט קיינמאָל נישט געלייקענט, אז זיין אומעט איז אַ טיעף אידישער, וועלכער איז איהם געקומען בירושה. עס האט פיעל מאָל פּאסירט, אז בשעת זיינע קאָנצערטען, בעת מען האט איהם פון אלע זייטען געמאַכט שטורמישע אָוואציעס, פלעג איך איהם גע-פינען זיצענדיג אין ארטיסטען-צימער אַ פערצאָרנטען אויף די אומ-אויפהערליכע דונערנדיגע ארויסרופען פון דעם פער'כשופ'טען עולם.

„איינמאָל, געדענק איך, — דאס איז געווען אין דעם צירקעל פון זיינע פעטערבורגער היסטאָרישע קאָנצערטען, — בין איך צו איהם אריין אין צימער, וועלכער איז געווען בעשטימט פאר די ארטיסטען, וואו ער איז געזעסען ארומגערינגעלט פון אַ גרופּע יונגע און שעהנע הויף-דאַמען צוזאמען מיט די גרעסטע שררות און הויכגעשטעלטע ביוראָקראטען, וועלכע האָבען איהם כסדר געזאָגט אַלערליי קאָמפּלי-מענטען און איהם ממש פערגעטערט. דער „העלד פון אָווענט" איז געזעסען אנ'אומעטיגער און אַ פערצאָגטער און האט גאַנץ צושטרייט אויסגעהערט די זיסע רייד מיט די קאָמפּלימענטען און זעהר אומגערן געענטפערט אויף די פראגען, וועלכע מ'האָט איהם געשטעלט. נישט קוקענדיג פון דעם גלענצענדען ערפאָלג פון דעם קאָנצערט, האט ער זיך געפונען אין זעהר אַ געדריקטער שטימונג און בעת עס האָט זיך דערהערט דער צווייטער קלונג צום צייכען, אז עס דאַרף זיך באַלד אָנ-הויבען דער אנדער טייל פון קאָנצערט און די גרופּע פון זיינע פערע-עהרער איז זיך פאַנאנדערגעגאַנגען, האָט ער צו מיר אַ זאָג געטהון מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל:

— איהר זייט מיך מקנא? אַ יאָ? וואס פאר אנ'ענטוזיאַזם! וועלכע שטורמישע אָוואַציעס! און איהר וואָלט אָבער געוואוסט, ווי עס נאָגט מיך אַ וואָרים און ווי איך קאן נישט לויז ווערען פון דעם טרויעריגען בילד, וואס פערפאָלגט מיך! וואס פאר אַ פאלשען גלאַנץ דאס האט אַלץ און ווי מיזערנע דאס איז! איהר וואָלט געוואוסט, ווי דאס האָט מיך אַלץ דערעסען! איך וואָלט געוואָלט אַנטלויפען, פערגראָבען זיך ערגעץ אין אַ ווייטען פערבאָרגענעם אָרט, וואו איך זאָל קיינעם נישט זעהן.

„און דעם קינסטלער'ס סעמיטישער פנים האָט אַ ציטער געטהון בערוועאיש-וויבּרירענדיג".

VIII.

דער רוסיש-אידישער שריפטשטעלער ר. איליש, וועלכער איז געווען אַ גרויסער „יודע נגן" און איז דעריבער געשטאַנען אין פריינדליכע בעציהונגען מיט די פעטערבורגער מוזיקאַלישע בעריהמט-קייטען, גיט איבער אין זיינע זכרונות וועגען רובינשטיינ'ען די פאָל-גענדע זעהר אינטערעסאַנטע פּרטים:

אין די לעצטע אַכציגער יאָהרען האָט זיך אמאָל אין דעם הערליכען סאַלאָן פון האָטעל „בעלוויו" צוזאמענגעקליבען אַ קליינע געזעלשאַפט, וועלכע איז בעשטאַנען סך-הכל פון פיער פערזאָן, וואָס דריי פון זיי זענען געווען וועלט-בעריהמט: קודם-כל די בילד-שעהנע בעל-הבית'טע פון דעם פּרעכטיגען סאַלאָן, מאדאם סאָפיא מענטער, וועלכע האָט גע'שמ'ט אלס געניאַלע פּיאַניסטקע און געהייסען די „גייסטיגע טאָכטער" פון פראַנץ ליסט. אין יענער צייט איז זי געווען פּראָפעסאָר אין דער פעטערבורגער קאָנסערוואטאָריע און זעהר פּאָפּולער אין די העכסטע ספערען פון דער רעזידענץ.

נעבען איהר איז געזעסען אַ מאנספערזאָן פון אַ יאָהר פופציג מיט אנ'אויסערגעוועהנליך שעהנעם סעמיטישען געזיכט. דאס איז גע-ווען דער בעריהמטער וויאָלאָנטשעליסט ק א ר ל ד אַ ו ו י ד אָ ו ו. דער דריטער אין דעם דאָזיגען קינסטלערישען טריאומוויראַט איז געווען אַנטאָן רובינשטיין, און דער פערטער מיטגליעד — שוין אַ גאנץ איינ-פאכער בן-אדם — בין איך געווען, דער שרייבער פון די ווייטערדיגע צייליען. מאַדאם מענטער האט מיך איינגעלאדען אויף אַ גלעזעל טיי, און איך בין גלייך פון שוהל, נאָך „נעילה" — דאס איז פּאָרגעקומען אום יום-כפור — אהין אוועק, וויסענדיג, אז איך וועל מיך דאָרט בעגעגענען מיט די צוויי וועלט-בעריהמטע פאָלקס-ברידער, וועלכע זענען שוין אפילו לאַנג אַריבער אין אנ'אנדער לאַגער, אָבער זיי האָבען זיך פונדעסטוועגען נישט אויפגעהערט צו פיהלען אלס אידען און צו אנערקענען דעם אייביגען באנד, וואס פערבינדט זיי מיט דעם הויז ישראל.

דאַווידאָוו איז געווען פרעמדער צום אידענטום אלס רובינשטיין. דער דאָזיגער קורלענדישער איד האט זיך ערצויגען אין אַ סביבה, וואס האט זיך תמיד פערהאלטען אינדיפערענט צו אידישקייט, פון וועלכער דאווידאָוו האָט געהאט אַ גאנץ שוואכען בעגריף. ער האט זיך אפילו

בעמיהט אויסצומיידען יעטווידען רמז אויף זיין אידישער אבשטאמונג, און נאָר אין אנ׳אינטימען קרייז, בעזונדערס אין זיינע שמועסען מיט רובינשטיינ׳ען און מיט מיר, פלעגט ער דערמאָהנען זיינע קינדערשע יאָהרען אין „געטא״, און אָפט האט ער ליעב געהאט צו דערצעהלען גוזמאות וועגען די רדיפות, וועלכע ער זאָל דאָרט האָבען אויסגעשטאַנען.

באמת האָט אין מיטאווע — דאווידאָוו׳ס געבורטס-שטאָדט — קיינמאָל נישט עקזיסטירט קיין אידישער קווארטאל, קיינמאָל זענען דאָרט קיין ערנסטע רדיפות אויף אידישע קינדער נישט פאָרגעקומען. און די אידישע פראַגע האָט דאָרט נישט אָנגענומען אַזא שאַרפען כאַראקטער ווי אין די אַנדערע טיילען פון רוסלאנד און איבעריגען אייראָפּע.

קורלאַנד האט נישט געקענט קיין „קינדער פון דער געטא״, מיט וועלכע ס׳איז אזוי גוט בעקאנט געווען רובינשטיין, אַ בערדיטשעווער אידיש אינגעל, וואָס זיינע עלטערן האָבען געהאט אזוי פיעל אויסצושטעהן פון די אלע מיני רוסישע סאַטראַפּען. דערין איז בעשטאַנען דער אונטערשיעד צווישען די דאָזיגע צוויי בעריהמטע סעמיטען.

דאַווידאָוו האט זיך אויסגעהאָדעוועט אין אַ רייכער אידישער פאַמיליע אין קורלאַנד, וואו ס׳האָבען זיך נאָך פון אַלטע צייטען אָהן איינגעשטעלט גאנץ דערטרעגליכע געגענזייטיגע בעציהונגען צווישען דער קריסטליכער און דער אידישער בעפעלקערונג און וואו די אידען זענען שוין דאַן בכלל געשטאַנען אויף אַ סך אַ העכערער קולטורעלער מדרגה איידער זייערע ברידער אין בערדיטשעוו און אין אַנדערע ערטער פון ליטע און פוילען, וואו אידען זענען געווען פערהאַסט און פעראכט. מיט דעם דערקלערט זיך אויך די לעבענס-לוסט פון דאַווידאָוו׳ן און די פעסימיסטישע שטימונג פון רובינשטיינ׳ען.

סאָפיאַ מענטער האט נאָר-וואס געהאַט פערענדיגט שפּילען אויפ׳ן ראָיאַל גלענצענד און מיט וואונדערבאַרער קונסט איינע פון ליסט׳ס שווערסטע אונגאַרישע ראַפּסאָדיעס און איז פון אַלעמען שטורמיש אַפּלאָדירט געוואָרען.

מיט אַמאָל האָט זיך רובינשטיין אַוועקגעזעצט ביים ראָיאַל און האָט אָנגעהויבען צו פאַנטאַזירען. פון אָנפאנג איז שווער געווען

צו פערשטעהן וואס אייגענטליך שפּיעלט ער. דאס זענען געווען אומ־בעשטימטע אַקאָרדען, פון וועלכע ס׳האט זיך עפּעס געוועזן אַרויס־געריסען אַ וועלכע ס׳איז מעלאָדיע. אָבער תיכף איז זי פּערטויבט געוואָרען דורך אַ שטורמישען אויסברוך פון קלאַנגען. ביסלעכווייז איז אָבער רובינשטיין אַריבער אויף אַ מעלאַנכאָליש־זיסען מאָטיוו, און פלוצלינג האָבען זיך — צו אונזער אלעמענס וואונדער אין בע־גייסטערונג —געגומען הערען די ערשטע, מיט אומענדליכען אומעט און ריהרענדען געבעט אָנגעפילטע נאָטען פון „כל נדרי״.

נאָכדעם ווי רובינשטיין האָט אָבגעשפּילט די גאנצע מעלאָדיע אין איהר וואונדערליכע פּשטות און בעצויבערענדער שעהנקייט, האט ער זיך אויף דער זעלבער טעמא אַוועקגעלאָזט אין אלערליי רייכ־פאַרביגע פאַנטאַזיעס. דאס איז געווען אַ צוזאַמענפלעכטונג פון הימלישע קלאַנגען; אַ מין סאָמפּאָניע, וועלכע איז אויסגעפיהרט גע־וואָרען פון דעם גרויסען מייסטער, מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין אומפערגלייכליכען טאַלענט, און אין וועלכער ס׳האָבען זיך האַרמאָניש צונויפגעגאָסען אַ קינדיש פּיפּטשען, זיפצען פון מענער מיט געוויין פון פרויען, התלהבות׳דיגע געבעטען צער און פּיין, מיט פרייד און האָפנונג — די געשיכטע פון׳ם אומגליקליכען אידישען פאָלק אין קלאַנגען, אויסגעפיהרט מיט דער גוואַלדיגער קראַפט פון דעם גרעסטען מוזיקאַלישען וועלט־גאון.

די צוהערער זענען געבליבען זיצען ערשיטערט. ביי דאַווידאָוו׳ן האָבען זיך געשטעלט טרערען אין די אויגען, און סאָפיא מענטער האט אויסגעוויזען זעהר שטאַרק אויפגערעגט.

איך בין צוגעגאַנגען צו רובינשטיינ׳ען און האב צו איהם געזאגט:

— צי ווייסט איהר, אַנטאָן גריגאָראָוויטש, אז היינט איז יום־כפור; אז נעכטען אין אָווענד האט מען געזאָגט „כל נדרי״, וואס איהר האט נאָר־וואס אַזוי וואונדער־שעהן אָבגעשפּילט איהר מעלאָדיע? איך קום איצט גלייך פון שוהל און האב זיך גאָר קיינמאָל נישט גע־קאָנט ריכטען, אז איך וועל דאָ הערען דאס, וואס איך האָב געהאַט דאס גליק צו הערען.

רובינשטיין האט מיך אָנגעקוקט העכסט ערשטוינט.

— היתכן! היינט איז יום־כפור? — האט ער זיך אָבגערופען אין אַ מעלאַנכאָלישען טאָן. — גלויבט מיר, אז איך האָב דאס גאר־נישט געוואוסט, און אויב איך האָב פאר אייך אויסגעשפּילט מיין

פאנטאזיע, וועלכע איז געווען אַן׳אימפּראָוויזאַציע אויף דער מעלאָדיע פון „כל נדרי", האט דאס פּאַסירט נאָר צופעליג. אָבער עס איז נישטאָ קיין צופעליגעס אויף דער וועלט. דאס איז אַטאַוויזם, מיין פריינד, די פרוכט פון ירושה... עפּעס אַן אינסטינקט האט מיר אונטער־געזאָגט צו שפּילען „כל־נדרי" היינט, גראָד איצט, אין דער מינוט, ווען איהר זייט געקומען פון שול. ס׳איז באמת וואונדערבאַר! איך האָב נישט געוואוסט, אז היינט איז יום־כפור, און פּלוצלינג איז מיר איינגעפאַלען צו שפּילען דעם מאָטיוו פון „כל־נדרי". עראינערונגען פון מיינע קינדער יאָהרען האָבען זיך אין מיר דערוועקט גאַנץ אומ־געריכט און האָבען מיך בעגייסטערט. נאָכאַמאָל זאָג איך אייך, אז ס׳איז נישטאָ קיין צופעליגעס.

אין דעם מאָמענט זענען אויך סאָפיא מענטער און דאַווידאָוו צוגעגאַנגען צום ראָיאַל, פאר וועלכען עס איז נאָך אַלץ געזעסען רובינשטיין און האט פאָרטגעזעצט ארויסצובעקומען פון איהם וואונדערפולע אַקאָרדען.

— וואָס, מייסטער, האט איהר דאס געשפּילט? — האט איהם גע־פרעגט מאַדאם מענטער. — דאס איז עפּעס אַ מערקווירדיגע זאַך, וועלכע איך הער היינט דעם ערשטען מאָל. וועמענס קאָמפּאָזיציע זאָל עס זיין?

— טייערע סאָניטשקע, — האט איהר רובינשטיין געענטפערט מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל, — עס וואָלט מיך צו־וויט פערפיהרט, ווען איך וואָלט דיר גענומען דערקלערען די בעדייטונג פון דער דאָזיגער פּיעסע, וועלכע איז שוין אַלט טויזענד יאָהר, און אפשר נאך מעהר, און וואס איהר מחבר איז געווען אזא גרויסער עניו, אין געגענזאַץ צו אונזערע היינטיגע קאָמפּאָזיטאָרען, אז ער האָט בעהאַלטען זיין נאמען. דאס פארשטייסטו נישט, מיין קינד. און ווייסטו, סאָניטשקע, פאַרוואס? ווייל דו ביזט אַ גויע, און אלס אזעלכע איז דיר נישט צוגענגליך פיעל פון דעם, וואס פאר אונז דרייען (דערביי האט ער אנגעוויזען אויף זיך, אויף דאַווידאָוו׳ן און אויף מיר) איז עס זעהר קלאָר. ס׳איז אפילו אמת, מיין טייערע, אז דו האָסט חתונה געהאַט מיט אַ אידען, אָבער דער דאָזיגער זיווג איז דיר נישט אוועק מיט נוצען, און דו האסט וועגען אידישקייט קיין שום בעגריף נישט. ערשטענס, האסטו דיך מיט דיין אידישען מאַן געג׳גט און, צווייטענס, האָסטו דאס טעכטערל, וואס דו האסט פון איהם געהאט, אָבגע־

געבען ערציהען אין אַ קאַטוילישען מאָנאַסטיר, דאס האַטט נישט געדאַרפט טהון.

— מיר טהוט זעהר לייד, — האב איך מיך אָנגערופען צו רובינ־שטיינ'ען, — וואס איך קען נישט קיין סטענאגראפיע, אום צו פער־שרייבען אייער וואונדערליכע אימפּראוויזאַציע אויף דער מעלאָדיע פון „כל־נדרי״. איך בין זיכער, אז זי וואלט ארויסגערופען גרויס פוראר, בעזונדערס וואלטען די אידען פון איהר אַריין אין התפעלות. ס'איז אייך נאך קיינמאל נישט ארויף אויפ'ן זינען אויפצושרייבען עפּעס אידיש־נאַציאָנאַלעס?

— אין מיינע מוזיקאַלישע שאַפונגען — האט מיר רובינשטיין גע־ענטפערט, — וועט איהר געפינען זעהר פיעל אידישע מאָטיווען און מעלאָדיען וועלכע איך האב געהערט קינדוויז און וואס האבען אויפגעלעבט אין מיין זכרון אין אַ יאהר דרייסיג ארום. עס טרעפט, אז איך אליין וואונדער מיך זעהר, פון וואנען נעמען זיך דאס צו מיר די דאזיגע טראַדיציאָנעלע מאָטיווען און מעלאָדיען, וועלכע פערפאלגען מיך און גיבען מיר נישט קיין רוה. שטענדיג זשוזשען זיי מיר אין מוח, און הערען נישט אויף, און גיבען מיר נישט קיין רוה, ביז איך נעהם זיי נישט ארויף אויפ'ן פּאַפּיר. אייגענטליך, האט זיך דאך געדארפט דוכטען, אז צווישען מיר מיט'ן אידענטום איז דא אַ גאַנץ קנאַפּע שייכות, ווייל איך האב נאך זייענדיג אַ קליין קינד פערלאזען מיין געבורטס־דארף אין בין אריבער מיט דער מוטער וואוינען קיין מאסקווע, וואו איך האב מיט אידען קיינע בעציהונגען נישט געהאט. אזוי איז אויך שפּעטער געשעהן, באופן, אז די אידישקייט איז מיר געוואָרען אלץ מעהר פרעמדער. פונ־דעסטוועגען האב איך נישט געקאנט מיך בעפרייען לגמרי פון די טראַדיציעס פון עבר, און די אידישקייט איז מיר ווידער גע־ווארען טייער דוקא פון דער צייט אהן, ווען מיינע קינדערשע זכרונות האבען שוין אין מיר געהאלטען אינגאַנצען פערוועלקט צו ווערען. די דאזיגע קינדערשע ערינערונגען האבען אין מיר אויפגעלעבט מיט אַ בעזונדער קראפט אין אָנהויב פון די אַכציגער יאָהרען, בעת ס'האָבען אויסגעבראָכען די ערשטע פּאָגראָממען אין דרום־רוסלאַנד.

IX.

ביי דער ערינערונג פון די פּאָגראָמען האָט רובינשטיין

געזיכט צו בעקומען אַ בעזונדער אויסדרוק, און ער האט פאָרטגעזעצט:

— איך האב קיינמאָל אזוי נישט געפיהלט מיין נאָהענטקייט צו אידען, ווי דאַן, אין יענע טעג, בעת זיי האָט געטראָפען אזא גרויס אומגליק. איך האָב מיך אויך דערפיהלט דערנידעריגט און בעליידיגט, און מיין האַרץ איז געוואָרען אָבגעגאָסען מיט בלוט, בשעת איך האָב געלייענט אין די צייטונגען וועגען יענע טרויעריגע געשעהענישען... וואָס איך בין עלטער געוואָרען, האָבען אַלץ מיינע סימפּאַטיעס צו מיינע פאָלקס-ברידער מעהר געוואַקסען. איך מוז זאָגען, אז זיי האָבען זיך תמיד בעצויגען צו מיר מיט מיטגעפיהל, און שטענדיג האָבען זיי מיך געהאַלטען פאַר „זייערן".

— יאָ, — האט רובינשטיין נאָך אַ קליינע פּויזע מוסיף געווען, — דאס איז אַ וואונדערבארער פאקט, און תמיד דערמאַן איך זיך די געשיכטע פון די שפּאַנישע אנוסים, וועלכע האָבען זיך אין פערלויף פון פיעל דורות אָפיציעל גערעכענט פאר קאַטוילִיקען, אלס אַזעלכע זענען זיי אויך געבוירען געוואָרען און אין פערבאָרגעניש האָבען זיי געהיט אידישקייט און ביי דער ערשטער מעגליכקייט האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט צום אידישען גלויבען. אויך מיין בלוטיגער בונד מיט אידען איז קיינמאָל נישט איבערגעריסען געוואָרען. גערן האב איך בעזוכט די סינאַגאָגע ראש-השנה און יום-כפור. איך געדענק אפילו, אז איינער פון די דאָזיגע בעזוכען אין דער סינאַגאָגע האט מיר ארויפגעבראַכט אויפ'ן געדאַנק צו בעשאפען אַ מוזיקאַליש ווערק, וואָס איז שפּעטער זעהר פּאָפּולער געוואָרען אונטער'ן נאָמען: „עפענט מיר די תפיסה".

אונז האָט עס אַלעמען זעהר פּעראינטערעסירט, און מיר האָבען געבעטען רובינשטיינ'ען, ער זאָל אונז דערצעהלען, ווי אזוי איז דאָס פאָרגעקומען.

רובינשיין האט ממלא געווען אונזער רצון, און האט אונז דערצעהלט דעם פאָלגענדען אינטערעסאַנטען עפּיזאָד.

— איך האב יעדעס יאָהר בעזוכט מיין מוטער אין אדעס. איינמאָל, דאס איז געווען מיט פיעל יאָהר צוריק, האָט פּאַסירט, אַז איך בין געקומען קיין אדעס אויף די „ימים נוראים".

אַ קליינע בעמערקונג: רובינשטיין האָט די ווערטער „ימים נוראים" ארויסגערעדט אין העברעאיש, ער האָט בכלל געוואוסט פיעל העבּרעאישע ווערטער, מיט וועלכע ער פלעגט זיך ביי יעדער גע-

לעגענהייט גאַנץ גערן בענוצען, עפּעס ווי ער וואָלט געוואָלט שטאָלצירען מיט דעם, וואס ער קען די העברעאישע שפּראַך. ער האט אויך גאַנץ גוט געקאָנט רעדען אידיש, און האט עס זעהר געליבט; ער פלעגט תמיד זאגען אז אידיש איז זעהר אַנ'אויסדרוקספולע אידיאָמאַטישע שפראך.

— אין אָווענד פון יום-כפור בין איך אַוועק צו „כל-נדרי״ אין דער גרויסער סינאַגאָגע, וואו עס האָט געדאַווענט פאַר'ן עמוד אַ בעריהמטער חזן. די תפלה פון „כל-נדרי״ איז מיר תמיד געווען זעהר סימפּאַטיש, הן צוליב איהר אויסטערלישען אינהאַלט, וועלכער האָט נישט זעלטען געדינט אַלס אויסרייד פאַר פערשיעדענע בעשולדיגונגען געגען די אידען, און הן צוליעב דער וואונדערשעהנער מעלאָדיע, וואס מ'ווייסט נישט פון וואַנען זי שטאַמט, כאָטש ס'איז קיין ספק נישט, אז זי געהערט צו זעהר אַ וויטען פעריאָד, ווייל זי האָט נישט איהר גלייכען אפילו צווישען די מוזיקאַלישע שאַפונגען פון די נאָהענסטע דורות. דאס איז עפּעס אייגענאַרטיגעס, אָריגינעלעס און צוגלייך מיט דעם אויך זעהר מעלאָדיש און מוזיקאַליש. ס'איז קיין צווייפעל נישט, אַז דער מחבר פון דער דאָזיגער מעלאָדיע, ווער ער זאָל נישט זיין, האָט בעזעסען אויסערגעוועהנליכע מוזיקאַלישע פעהיגקייטען מיט אַ גרויסען קאָמפּאָזיטאָרישען טאַלאַנט.

אויפ'ן אַנדער'ן טאָג, אַזייגער זעקס אין אָווענט, בין איך אַ צווייטען מאָל אַוועק מיט מיינעם אַ קרוב אין דער סינאַגאָגע. מיר זענען אַריין אין סינאַגאָגע, איז זי געווען פול איבער די קעפּ מיט מתפללים, וואס אויף זייערע געזיכטער איז געווען צו מערקען, צוזאמען מיט אַ רעליגיעזען עקסטאַז אויך אַ פיזישע מידקייט, אַנ'אויסגעמאַטערטקייט צוליעב דעם פיער-און-צוואנציג-שעה'דיגען תענית.

עס האָבען געברענט אַ מאַסע וואַקסענע, סטעאָרינאָווע און חלב'נע ליכט, וועלכע האָבען נאָך מעהר פערגרעסערט די ריין-אַפריקאַנישע טעמפּעראַטור, וואס האט געהערשט אין דער סינאַגאָגע. דאס אינוועניגסטע אויסזעהן פון דער סינאַגאָגע האָט געמאַכט זעהר אַ שטאַרקען איינדרוק. אלע מתפללים זענען געווען אָנגעטהון אין שניי-ווייסע קיטלען, און איבער זיי טליתים מיט זילבערנע עטרות. אין סינאַגאָגע האבען זיך געהערט כסדר קרעכצען און געוויינען. וואס מעהר דער גרויסער טאג האט זיך דערנעהנטערט צו זיין סוף, אלץ מעהר איז ביים עולם געוואַקסען די רעליגיעזע התלהבות, וועלכע האָט

דערגרייכט צו איהר אַפּאַניי אין דער צייט פון דער לאַנגער לעצטער תּפילה, וועלכע איז געווען, אַזוי צו זאָגען, דאס רעזיומע פון אַלע יום־כּפּור׳דיגע השתדלות׳ן און בקשות וועגען דאס פערגעבען די זינד, וועגען אַ נייעם גליקליכען יאָהר און אַ מעהר פרעהליכערע צוקונפט. פיעל האבען געוויינט אויפ׳ן קול, ווי קליינע קינדער, האָבען זיך געשלאָגען אין האַרצען און אויסגעבעטען פאר זיך סליחה און רחמים. האַרצרייסענדיגע קולות האבען זיך געהערט פון דער ווייבערשער שול, און נאָך זיי האָבען געענטפערט מיט ביטערע בכיות די מאַנסבילען, און הייסע, זודיגע טרעהרען האָבען אָהן אויפהער געשטראָמט איבער זייערע באַבערדעלטע פנים׳ער.

פאַר דעם אומגעוועהנליכען צושויער איז דאס געווען זעהר אַ שווערע און אַ דריקענדע סצענע. אויך אויף מיר, כאָטש איך האָב זיך שוין אָנגעזעהן פיעל אַזעלכע יום־כּפּור׳דיגע תּפילות, האבען די דאָזיגע טרעהרען, זיפצען און יללות געמאכט אַ טיפען ער־שיטערענדען איינדרוק.

ס׳איז שוין געקומען צו סוף „נעילה". די טרעהרען האָבען זיך אויסגעטריקענט, דאס געוויין האט אויפגעהערט און בעת דער חזן האט פערענדיגט איבערצוזאָגען די שמונה־עשרה, האט די שטימונג פונ׳ם גאַנצען עולם אָנגעהויבען ווערן מונטערער, האָפערדיגער און פרעהליכער.

מיט אַמאָל איז דער עולם, ווי עפּעס דורך דער בעריהרונג פון אַ צויבער־שטעקעלע — געבליבען שטיל. עס האט זיך געהערט נאָר דעם חזנ׳ס שעהנע שטים; דאס האט ער געזונגען די פּרעכטיגע, ריהרענדע תּפילה „פּתח לנו שער", וועלכע איז איבערגע׳חזר׳ט גע־וואָרען פון די דאַווענער חרוז ביי חרוז מיט גרויס געפיהל.

בעת איך האב דערהערט די דאָזיגע שעהנע מעלאָדיע און איבערגעלייענט אין דער איבערזעצונג די הערליכע ווערטער פון דעם טעקסט, האט מיך מיט אַמאָל בעהערשט די שאַפונגס־קראַפט. איך האב דערפיהלט די נאָהענטקייט פון גאָט און, שטאַרק עקזאַלטירט, בין איך שנעל אַוועקגעלאָפען אַהיים און האָב גיך אָנגעוואָרפען אויפ׳ן פאַפּיר אַ מוזיקאַלישע שאַפונג, פערפאַסט אונטער דעם איינדרוק פונ׳ם „פּתח לנו שער"... אָט אַזוי האט זיך ביי מיר אויסגעפיקט דאס בעוואוסטע: „עפענט מיר די תּפילה".

— אַזוי?! — האט אויסגערופען דאַווידאָוו אין גרויס התפעלות.—

אייער דעמאָלטדיגער בעזוך אין דער סינאַגאָגע האבען מיר דאס צו פערדאַנקען פאר דעם דאָזיגען פערל, פאַר דער דאָזיגער פראַכטפולער קאָמפּאָזיציע, וועלכע ווערט געזונגען נישט בלויז אין רוסלאַנד, נאר אין דער גאַנצער קולטור-וועלט?

אויף דעם האט רובינשטיין געענטפערט:

— איך האב שוין לאַנג געטראַכט צו פערנעמען זיך מיט דער סינאַגאָגאַלער מוזיק און בעאַרבייטען אייניגע פון די מעהר אָריגינעלסטע נאַציאָנאַלע מאָטיווען, און בעזונדערס פון די ראש-השנה'דיגע און יום-כפור'דיגע תפלות. בעת איך האב איבערגעלייענט היינע'ס וואונדער-שעהנע ליעד „די פּרינצעסין שבת", האב איך דאַן בעשלאָסען אנצו-שרייבען אַ מעלאָדיע צו „לכה דודי" און אויך צו עטליכע בעזונדערס פּאָעטישע קאַפּיטלעך פון „הלל", וועלכע האָבען מיך ממש בעצויבערט. ביי מיר געפינען זיך אפילו מעהרערע עסקיזען און בעמערקונגען, וועלכע איך האב צונויפגעקליבען אין פערשיעדענע סינאַגאָגען אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד. איך האב מיר אַלץ צוגעקליבען צו ברענגען זיי אין אָרדנונג, נאָר איך האב אַלץ קיין צייט נישט. אָבער ווי נאָר איך וועל איינאָרדנען מיינע געשעפטען, וועל איך מיך באַלד פאר דעם נעמען, און האָף עפּעס אויפצוטהון פאר מיינע פאָלקס-ברידער.

X.

זעהר נאָהענט צום האַרצען זענען רובינשטיינ'ען תמיד געלעגען די אידישע אינטערעסען. ער האט זיך געלאָזט קאָסטען בעדייטענדע געלט-סומען לטובת פערשיעדענע ספּעציעל-אידישע הצטרכות'ן, און בע-זונדערס אויף בילדונגס-צוועקען. רובינשטיין איז געווען פון די ערשטע מיטגלידער פון דער פּעטערבורגער חברה „מפיצי-השכלה". אין יאָהר 1889, בעת די גאַנצע מוזיקאַלישע וועלט האט געפייערט דעם פופציג-יעהריגען יובילעי פון זיין קאָמפּאזיטארישער טעטיגקייט, האט איהם דער קאָמיטעט פון דער דערמאַנטער בילדונגס-געזעלשאַפט אונטער-געטראַגען אַ זעהר וואַרעם אָנגעשריבענעם אדרעס, אין וועלכען ער האט איהם אויסגעדריקט זיין דאנק פאר זיינע גרויסע אויפטוהען צום בוצען פון דער השכלה-דורשטיגער אידישער יוגענד. זייענדיג דירעקטאָר פון דער פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע, האט רובינשטיין ארויס-געוויזען אַ בעזונדער התקרבות די אידישע תלמידים, פאר וועלכע ער איז געווען אַ „פאטער און אַ וועגווייזער". פועל אידישע יונגעלייט

מיט מוזיקאַלישע טאַלאַנטען האָט ער געהאָלפען צו דערגרייכען די גרעסטע מדרגות אַלס קינסטלער-ווירטואָזען.

אין די זעכציגער יאָהרען האָט מען אין די קרייזען פון די פעטערבורגער געלד-אַריסטאָקראַטען פיעל גערעדט וועגען דעם פאָלגענדען אנעקדאָטישען אָבער העכסט-כאַראַקטעריסטישען צופאַל:

אין אַ געוויסען טאָג האָט זיך געמאַלדען ביים בעוואוסטען מיליאָנער, סאַמואיל פּאָליאַקאָוו, אַ אידישער יונגערמאַן פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג, וועלכער איז געקומען קיין פעטערבורג אַריינצוטרעטען אין דער דאָרטיגער געזאַנג-אַקאַדעמיע. מיט גרויס מאַטערניש האָט זיך דער יונגערמאַן קוים דערשלאָגען, מ׳זאָל איהם אריינלאָזען אין פּאָליאַקאָוו׳ס אויפנאַהמס-צימער, און דאָרט איז צווישען דעם קליינשטעדטעלדיגען בחור מיט דעם מולטי-מיליאָנער פאָרגעקומען דער דאָזיגער אינטערעסאַנטער געשפּרעך:

—וואָס פערלאַנגסטו? — האָט איהם פּאָליאַקאָוו געפרעגט אויף רוסיש.

דער בחור איז געוואָרען רויט איבער די אויערען און האָט אָנגעהויבען צו שטאַמלען רוסיש; באַלד האָט ער זיך אָבער אָבגעשטעלט און אַ זאָג געטהון אויף אידיש:

—איך בין אייערער אַ בן-עיר, אַנ׳אָרשער, מיין פאָטער איז דאָרט דער שטאָדט-חזן, און איך בין ביי איהם געווען אַ משורר. מבינים זאָגען, אַז איך בעזיץ אַ גוטען טענאָר און עס קאָן פון מיר אַרויסקומען אַ לייט... בין איך אַהער געקומען לערנען געזאַנג. איך האָב דאָ אָבער נישט פון וואַנען צו לעבען. אָט האָט אייך מיין פאָטער געשיקט אַ בריעף.

רעדענדיג האָט דער בחור אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו דער בוזים-קעשענע, פון וועלכער ער האָט אַרויסגעצויגען דעם בריעף, און האָט איהם געוואָלט איבערגעבען דעם מיליאָנער.

פּאָליאַקאָוו האָט אָבער אויף איהם געגעבען אַ געשריי:

— איך דאַרף קיין בריעף נישט! מיר דאַרפען אין פעטערבורג קיין שנאָרערס נישט האָבען.

דאָס רעדענדיג איז ער אַרויס אין צווייטען צימער, און דער אָרשער יונגערמאַן איז, נעבּיך, געבּליבען שטעהען אַ צעטומעלטער. אַ קליינע ווייל איז ער אַזוי געשטאַנען, און איז אַוועק אין גאַנצען אַ דערשלאָגענער.

ער יונגערמאַן האט זיך צום סוף דערשלאָגען צו רובינשטיינ׳ען, וועלכער האט איהם אויפגענומען ווי אנ׳אבן-טוב.

אין אַ צייט ארום האט זיך פּאָליאַקאָוו צוזאמענגעטראָפען מיט רובינשטיינ׳ען אויף זיינעם אַ קאָנצערט. בשעת דער הפסקה איז פּאָליאַקאָוו צוגעגאַנגען צו רובינשטיינ׳ען און האט איהם געבעטען צו רעקאָמענדירען איהם עפּעס אנ׳אויסגעצייכענטען געזאַנג-לעהרער פאַר זיין טאָכטער.

— איך האב גראָד פאר אייך אַ לעהרער, אנ׳אויסנאַהם — האָט רובינשטיין געענטפערט, — אָבער איך בין מסופק, צי איהר וועט איהם נעמען.

— פאַרוואָס מיינט איהר אַזוי? — האָט איהם פּאָליאַקאָוו געפרעגט פערוואונדערט.

— ווייל דאס איז אַ יונגערמאַן, וועלכער לאָזט זיך צו-טייער בעצאָהלען.

— ווי טייער, למשל, הונדערט רובל פאַר אַ שעה.

— נאָך טייערער!

— צוויי הונדערט, דריי, פיער, פינף הונדערטער!

נאָך טייערער!

— וויפיעל-זשע?

— נישט וועניגער פון טויזענט רובל פאַר אַ שעה!

— איך גיב! — האָט פּאָליאַקאָוו אויסגעשריען פול אַמביציע.

אויף מאָרגען האט רובינשטיין אַריינגעשיקט צו פּאָליאַקאָווען דעם אָרשער יונגערמאַן.

— — — — — — — — — — — — — —

עקיבא'לע גרינשטיין.

I.

אין די פערציגער יאָהרען פונ'ם פאָריגען יאהרהונדערט האט גאנץ ליטא געקלונגען מיט אַ פופצעהן-יעהריגען יונגעל, וואס איז גע-ווען בעקאנט אונטערן נאָמען „דער טראַסקונער עלוי". טראַסקון, אַ קליין שטעדטעל ביי פּאָניעוועזש אין דער אַמאָליגער קאָוונער גו-בערניע, האט דאַן געהאט פאר אַ רב אַ געוויסען ר' אַבא'לע גרינשטיין, וואס אויסער זיין גרויסקייט אין לערנען, האט ער נאך גע'שמ'ט פאַר אַ פייערדיגען חסיד, וועלכער איז געזעסען כל ימיו על התורה והעבודה, און מעהר ווי די ד' אמות פון בית-המדרש האט ער נישט געקענט. אָט דער ר' אבא'לע איז אַ לאנגע צייט געווען אַ חשוך-בנים, און האט דערפון געהאט גרויס צער, האַלטענדיג עס פאר אַ שטראָף פון אויבערשטען. אבער שוין צו דער עלטער האט איהם זיין ווייב געבוירען אַ יונגעל, מיט וועלכען ער האט זיך זעהר דער-פרעהט. און ער האט זיך, באמת געהאט פאַרוואס צו פרעהען, ווייל דאָס יונגעל האט זיך פון קינדווייז אָהן אַרויסגעוויזען פאר זעהר אַ געראָטענעם, הן פיזיש, הן גייסטיג. ער האט געהאט אַ שען פנים'ל מיט גרויסע שווארצע אויגען און מיט אַ ברייטען למדנישען שטערן, און אין לערנען איז דאס געווען אַ „כלי נפלא", אַ פענאָמען, פאר וועלכען אלע זענען געבליבען שטעהן גאַנץ ערשטוינט. דער פאָטער האט איהם אין אַ חדר נישט אָבגעגעבען, נור איהם געהאלטען ביי זיך און אליין מיט איהם געלערנט. צו „בר-מצוה" האט דאָס יונגעל גע-זאָגט אין טראַסקונער בית-מדרש אַ חילוק, אין וועלכען ער האט בע-וויזען ממש וואונדער, און וויפיעל די שטעדטעלדיגע וואוילערנערישע

יונגע-לייט האבען זיך פאר קנאה נישט צומאַטערט אונטערצושטעלען איהם דורן׳ אַלערליי קשיות אַ פּיכעל, כדי אַראָצופיהרען איהם פון וועג, האט עס זיך זיי נישט איינגעגעבען. דער פּאָטער האט דאַן בעקומען מורא, מ׳זאָל נאָך, חלילה, זיין מוזיניקעל קיין עין-הרע נישט געבען, און האָט איהם דעריבער אַוועקגעשיקט אין וואָלאָזשינער ישיבה. דאָרט — אזוי האט ער געקלערט — זענען געוויס דאָ בעסערע יונגלעך פאר זיין קיווקען (אַ נאָמען נאכדעם וועלט-בעריהמטען גאון ר׳ עקיבא אייגער, דעם רב׳ס אַ ווייטער קרוב), און ער וועט זיך קיינעם אזוי נישט וואַרפען אין די אויגען. דאס איז אָבער געווען אַ טעות. אין וואָלאזשין האָט מען קיווקען באַלד דערקענט און איינגיכען איז ער דאָרט נתעלה געוואָרען פאר דעם בעסטען תלמיד, און פון דער ערשטער מינוט אָהן האט מען איהם אָנגעהויבען רופען „דער טראסקונער עלוי״.

אין וואָלאָזשין האט זיך אַמאָל קיווקע צוגעקוקט צו צוויי חברים ישיבה-בחורים, וועלכע זענען זיך אין אַ זומער׳דיגען פרייטאג נאך מיטאג געזעסען און געשפּיעלט אין שאַחמאט. קיווקען האט דאס שפּיעל זעהר פּעראינטערעסירט. און אין ווניג צייט אַרום האט ער עס אזוי דערלערנט, אז ער האט דאָרט אלעמען דערין אַריבערגעשטיגען און האט בעקומען אַ נאָמען פאר דעם בעסטען שאַחמאטיסט. פון דעמאָלט אָהן האט ער בעקומען אזא גרויסע תשוקה צום שאַחמאַט, אז דאס שפּיעלען איז ביי איהם געוואָרען אַ לעבענס-בעדערפעניש, אָהן וואס ער האט נישט געקאָנט אויסקומען. קומענדיג אויף דעם ערשטען יום-טוב אַהיים קיין טראַסקון, וואו ער האט נישט געהאַט מיט וועמען צו שפּיעלען, איז ער זיך אַליין געזעסען און געגריבעלט עטליכע שעה אין טאָג אין דעם שאָך-ברעטעל. פון אָנהויב האט עס דעם פאָטער שטאַרק פערדראָסען; ער האט עס געהאַלטען פאַר ביטול תורה, און האָט עטליכע מאָל קיווקען געפּרובט אויסרעדען, פאַרוואס ער איז מבטל פון לערנען און פערנעהמט זיך מיט אַזעלכע נאַרישקייטען. דאס האט אָבער נישט געהאָלפען; קיווקען האט געצויגען צום שאָך-ברעט ווי מיט אַ מאַגנעטישער קראפט, און זיצענדיג אין בית-מדרש איבער דער גמרא, פלעגט ער אינמיטען אַוועקלויפען אהיים און זיך נעהמען פאר׳ן שאָך. ס׳איז געקומען אזוי ווייט, אז ער האָט זיך איינמאָל צובייזערט און געדראָהט די עלטערן, אז אויב זיי וועלן איהם שטערן אין שאָך, וועט ער אויפהערען עסען און

טרינקען. דאס האָט געווירקט. דער פאָטער האט בעקומען רחמנות אויף זיין בן־יחיד, און האָט איהם געלאָזט צו־רוה. ער האָט נור געפּועל׳ט ביי איהם, אז פאַר די פּאָר שעה אין טאָג, וואס ער צורייבט אויפ׳ן שאָך, זאָל ער אבזיצען אין אָווענד איבעריגע צוויי, דריי שעה איבער דער גמרא. דאַן האט זיך קיווקע אויסגעזוכט און געפונען אַ שטעדטעלדיגען בחור אין זיינע יאָהרען, וועמען ער האט אויסגעלערנט שפּיעלען שאָך, און האט איהם געמאַכט פאַר זיין פּאַרטנער. אזוי האט ער זיך שוין נוהג געווען יעדעס מאָל די גאנצע צייט פון די „בין־הזמנים׳ס״, ווען ער פלעגט אַראָבפאהרען פון וואָלאָזשין צו פערברענגען ביי זיינע עלטערן.

II.

טראַסקין האט דעמאָלט געהערט צו אַ פּוילישען גראַף, וועלכער האט געוואוינט אין זיין שלאָס נישט ווייט פון שטעדטעל. האט געדאַרפט פּאַסירען, אז געפינענדיג זיך אַמאָל אויף יאַגד צוזאַמען מיט נאך עטליכע פּריצים פון די נאָהענטע הויפען, איז איינער פון זיי נישט געווען גענוג פּאָרזיכטיג און האָט אויסגעשאסען אזוי נישט געלונגען, אז די קויל האט געטראָפען דעם גראַף, וועלכער איז געפאַלען טויט אויפ׳ן אָרט. אין דער לעצטער מינוט האָט נאך דער גראף קוים בעוויזען אַרויסצורעדען, אז מ׳זאָל גלייך דעפּעשירען נאָך יאַנען. יאַן איז געווען דעם גראַפ׳ס איינציגער זוהן, וועלכער האט שוין פון עטליכע יאָהר שטודירט אין פּאריז. דער זוהן, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג, איז געקומען און האָט, לויט דעם פאָטער׳ס צוואה, איבערגענומען די ירושה. צוליב דעם האט ער שוין געמוזט פערבלייבען אין הויף אַ לאַנגע צייט. די ערשטע צייט איז דער יונגער גראַף געווען שטאַרק פערנומען מיט איינאָרדנען די ווירטשאַפט, און איז גאנצע טעג כסדר אָבגעזעסען מיט דעם פערוואַלטער און אָבגעהאַלטען מיט איהם בעראַטונגען וועגען פערשידענע עקאָנאָמישע ענינים. שפּעטער, נאָכדעם ווי ער האָט שוין די וויכטיגסטע זאַכען געהאַט ערלעדיגט, האט ער אנגעהויבען זוכען אַלערליי ערהאָלונגען: ער פלעגט אָפט אָבשטאַטען וויזיטען ביי די אַרומיגע גוט־בעזיצער, אמאל פלעגט ער איינלאַדען געסט צו זיך און איינאָרדנען פאר זיי קאָנצערטען. אליין איז ער געווען אַן אויסגעצייכענטער פּיעדעל־שפּיעלער, און זיין שוועסטער, אַ בילד־שענע פריילין, האט

איהם פּרעכטיג בעגלייט אויפ'ן קלאַוויר. ער וואָלט זיך אזוי בּיי זיך אין גוט גאַנץ גוט אַמוזירט און נישט געדאַרפט בּעזונדערס בּענקען נאָך פּאַריז, האָט איהם אָבער געפעהלט איין זאַך, צו וועלכער ער איז געוועזן אַזוי שטאַרק צוגעוועהנט, אַז ער האָט אָהן דעם נישט גע-קאָנט אויסקומען. ער איז געוועזן אַ ליידענשאַפטליכער שאָך-שפּיעלער, און צווישען זיינע נאָהענטע בּעקאַנטע האָט ער נישט געפונען קיינעם, מיט וועמען צו שפּיעלען: אין דער גאַנצער געגענד איז נישט גע-ווען קיינער, וואָס זאָל קאָנען שפּיעלען אין שאָך. דער גראַף האָט פון דעם געהאַט שטאַרק עגמת-נפש, און האָט בּיי יעדער געלעגענ-הייט געבּעטען דעם פערוואַלטער, ער זאָל זיך נאָכפרעגען, אפשר גע-פינט זיך ערגעץ-וואו אין דער סביבה עמיץ, וואָס האָט אַ ידיעה אין שאָך-שפּיעל.

אַמאָל אין אַ מאַרק-טאָג — דאָס איז גראָד געוועזן אַ וואָך פאַר פּסח — איז דער פערוואַלטער פון גראַפ'ס הויף געקומען קיין טראַסקון, און איז ווי תמיד פערפאָהרען אויף דער איינציגער יודישער אַכסניא. דער בעל-אכסניא, וועלכער האָט זיך נאָך גוט געקענט מיט'ן אַלטען, פערשטאָרבּענעם גראַף, האָט זיך אין אַ שמועס נאָכגעפרעגט בּיים פערוואַלטער, וואָס עס מאַכט זיין יונגער יורש און ווי עס געהען זיינע געשעפטען. דער פערוואַלטער האָט איהם געגעבּען די געהעריגע ערקלערונגען, און דערבּיי פערענדיגט מיט אַ שמייכעל:

— עס וואָלט אַלץ גוט געווען, ווען נישט איין אומשטאַנד...

— וואָס איז? — האָט איהם דער בעל-אכסניא געפרעגט.

— אָט גיט אונזער גראַף עמיצען, מיט וועמען צו שפּיעלען אין שאָך, וועט ער זיך פיהלען איבּער-גליקליך...

דער בעל-אכסניא האָט זיך אַ קליינע ווײַלע פערטראַכט, און נאָכדעם אַ זאָג געטהון:

— שאַ! איך האָבּ פאַר'ן יונגען גראַף אַ טייערן שאָך-שפּיעלער, אָבער...

— וואָס אָבער?

— ער איז אַ יוד: אונזער רב'ס בן-יחיד קיווקעלע, וועלכער איז גראָד ערשט נעכטען געקומען צופאָהרען.

— דאָס שאַדט נישט — האָט דערויף בעמערקט דער פערוואַלטער — אונזער פּאַניטש איז אַזוי פערקאָכט אין דעם שפּיעל, אַז ער וועט אויך שפּיעלען אפילו מיט'ן טייוועל...

באַלד ווי דער פּערוואַלטער האָט זיך צוריקגעקערט אין הויף, האָט ער וועגן דעם געמעלדעט דעם גראַף. דער גראַף האָט זיך זעהר דערפרעהט, און נאָך דעמזעלבען טאָג האָט ער אַוועקגעשיקט אין שטעדטעל אַ שליח מיוחד אין אַ בריטשקעלע מיט אַ שריפטליכער איינלאַדונג צו קיווקעלען, ער זאָל קומען צו איהם אין הויף.

ביים רב אין שטוב האָט די דאָזיגע איינלאַדונג אַרויסגערופען אַ גרויסע מהומה. אַלע האָבען זיך געבראָכען די קעפּ און נישט געקאָנט פאַרשטעהן, וואָס פאַר אַ שייכות דער יונגער גראַף קאָן האָבען צו קיווקעלען. אויפ׳ן רב איז אַנגעפאַלען אַ מורא, אַז דאָס איז עפּיס נישט קיין גלאַטע מעשה, און ווער ווייסט, צי עס שמעקט נישט דערין עפּיס אַ סכנה; די רבי׳צין האָט שיער נישט פאַרבראָכען די הענד, און קיווקע אַליין איז אויך געוואָרען, ווי האַלב-צומישט. אָבער וועגען נישט לאָזען קיווקען אין הויף אַריין, ווען דער גראַף אַליין פאַרלאַנגט עס, האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין. טראַסקונער יודען האָבען פון שטענדיג אָהן געהאַט גרויסע טובות פון הויף. דער פאַרשטאָרבענער גראַף האָט זיי תמיד ווי נור אַ שרפה — און שרפות האָבען זיך געטראָפען אין שטעדטעל גאַנץ אָפט — אַריינגעשיקט האָלץ פון זיינע וועלדער אויף אָבצובויען צוריק די אָבגעברענטע הייזער, און אָרימע-לייט פלעגען פון איהם בעקומען אויף אַלע יום-טוב קאַרטאָפעל און אַמאָל מעהל אויך. דעריבער האָבען זיך אַלע אין שטעדטעל תמיד בעמיהט צו לעבען בשלום מיטן הויף, און ווען דער רב וואָלט איצט געפּרובט איינרייסען מיט׳ן גראַף און נישט ממלא זיין זיין רצון, וואָלט ער דערמיט געוויס אויפגעבראַכט געגען זיך דעם גאַנצען טראַסקונער קהל. בעהמענדיג דאָס אין אכט, האָט זיך דער רב געמאַכט הארץ און געהייסען דעם זוהן פאָהרען אין הויף אַריין און זיך נישט שרעקען. נאָכדעם ווי די רבי׳צין האָט איהם איינגעבונדען אין זיין אַרבע-כנפות אַ ביסעל זאַלץ פון עין-הרע וועגען, האָט זיך קיווקעלע אַריינגעזעצט אין בריטשקעלע וועלכע האָט איהם אין אַ האַלבע שעה אַרום געבראַכט אין הויף אַריין.

III.

געקומען אין הויף, האָט מען קיווקען גלייך אַריינגעפיהרט אין דעם גראַפס קאַבינעט. אין דער לאַנגער קאַפּאָטע מיט זיינע לאַנגע פּאות, און מיט זיין גאַנצען הילוך בכלל, האָט קיווקע געמאַכט

אַ קאָמישען איינדרוק; דאָך האט איהם דער גראַף דערלאנגט פריינדליך די האנט און געבעטען איהם זיך זעטצען. קיווקע, וועלכער איז פער־בלענדעט געוואָרען פון דעם ארומיגען אויסזעהען, איז די ערשטע עטליכע מינוט געזעסען גאנץ פערבליפט, זיינע אויגען האָבען טעמפּ ארומגעבלאָנדזשעט איבער דעם חלל פון דעם פּרעכטיג מעבלירטען צימער, און פון גרויס פערלעגענהייט האט ער קיין מויל נישט גע־קאָנט עפענען. אגב האט ער זיך אויך געשעמט מיט זיין געבראָכענעם פּויליש. דער גראַף האט עס גוט פערשטאַנען, און נישט מאַטערענדיג איהם מיט שאלות, האט ער איהם גענומען אונטער'ן אָרעם און איז מיט איהם אַריין אין אַ נאהנטען חדר, וואו ער האט איהם אנגעוויזען צו זעטצען זיך ביי אַ קליין טישעל, אויף וועלכען עס האט זיך גע־פונען אַ הערליך־שענער מאַרמאָרנער שאָך־ברעטעל מיט די געהעריגע פיגורען. ביי'ם אָנבליק פונ'ם שאָך איז קיווקע מיט אַמאָל רויט גע־וואָרען איבער די אויערען. דאס איז נישט געווען קיין רויטקייט פאַר בושה, נור פון גרויס התפעלות און אנגענעמער איבערראַשונג; זיינע אויגען האָבען בעקומען אַ זוניגען גלאַנץ, און זיין גאַנצער מהות איז עפּיס ווי איבערגעאַנדערשט געוואָרען. ער האָט זיך, מיט אַמאל, דער־פיהלט אין זיין ספערע, און דער נישט לאנג אזוי איינגעבויגען און איינגעהויקערט יודיש יונג בחור'ל, האט שטאָלץ פעררייסען דעם קאָפּ. ער האט פערשטאַנען צוליעב וואס דער גראַף האט עס איהם אַהער אַראָבגעבראכט, און האט זיך אין האַרצען זעהר געפרייט אויף זיין באַלדיגען נצחון, אין וועלכען ער איז געווען גאנץ זיכער.

דער גראַף האָט צושטעלט אויפ'ן ברעטעל די פיגורען, און שטום האט זיך אָנגעהויבען צווישען זיי דאס שפּיעל. דער גראַף, אַנ'אַלטער און געניטער שפּיעלער. איז פון זיין זייט אפילו אויף אַ רגע נישט געווען מסופק אין זיין זיעג. געשפּיעלט האט ער גאנץ רוהיג מיט אַ האוואניא־ציגאר אין מויל, וואַרפענדיג פון אונטער די גאָלדענע ברילען פאָרשענדע בליקען אויף זיין פּאַרטניאָר, וועלכער איז געזעסען אָנשפּאַרענדיג דעם צוקנייטשטען שטערען אויףביידע הענט, אונטער־ברומענדיג מינוטענווייז אַ וואָלאָזשינער גמרא־ניגון. מיט יעדען גאנג איז אָבער דעם גראַפ'ס געזיכט געוואָרען אַלץ מעהר ערנסטער און פינסטערער: ער האט דערזעהן, אז מיט זיין נצחון האַלט זעהר שמאָל. און כך הוה: באַלד האט ער בעקומען מאַט. נישט רעדענדיג אַ וואָרט, האט דער גראַף ווידער צושטעלט די פיגורען, צו שפּיעלען

אַ צווייט מאָל. דאָסמאָל האט קיווקע די ערשטע מינוטין געשפּילט לכתחילה פוּיל און אונפאָרזיכטיג, כדי אויפצומונטערן דורכדעם דעם גראַף און לאָזען איהם גלויבען אין זיין נצחון. און באמת איז דער גראַף ווי האָפּערדיג געוואָרען, נאָכדעם ווי זיינע ערשטע געגג האָבען זיך ארויסגעוויזען פאר געלונגען. אין מיטען שפּיעל האט אָבער קיווקע מיט אמאָל „פּערקירעוועט דעם דישעל", און קייענדיג די האָר פון זיין שיטער בערדעל, האט ער גענומען אָבגעווינען ביים גראַף אַ פיגור נאָך אַ פיגור, ביז ער האט ביי איהם אוועקגערויבט דהס לעצטע, און האט איהם געגעבען מאַט. דער גראַף איז געבליבען זיצען אויף זיין אָרט, ווי מרוּלבל. דאָך האט ער זיך נאָך אזוי גיך נישט געוואָלט אונטערגעבען, און קוים האָט זיך געענדיגט איין פּאַרטיע, און ער האט, ווי געוועהנליך, בעקומען מאַט, האט ער באַלד אַ זאָג געטהון: „מיר שפּיעלען ווייטער"!" און אַזוי האָבען זיי אָבגעשפּיעלט אַ פינף שעה אנ׳ערך. וויפיעל שפּיעל-מיטלען דער גראַף האָט נישט אָנגעוואָמען כּאָטש איין מאָל מנצח צו זיין, זיין געגנער, האט זיך דאס איהם נישט איינגעגעבען. פון מאָל צו מאָל האט קיווקע ארויסגעוויזען אַלץ מעהר חריפות און שאַרפזיניגקייט, וועלכע האָבען דעם גראַף ממש איבערראַשט, און כאָטש ער האט זיך דורך זיינע מפּלות געפיהלט זעהר טיעף אָנגעריהרט אין זיין אמביציע, האט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען און, אויפשטעהענדיג פון טיש, האט ער קיווקען אַ קוש געטהון אין שטערן.

דער גראַף האָט אַ קלונג געטהון און בעפוילען דעם אריינקומענדיגען לאַקיי צו דערלאַנגען „פּערבייסענס". קיווקע האט זיך אָבער צו קיין זאַך נישט צוגעריהרט; ער האָט אפילו דאס אָנגעגאָסענע גלאָז טיי געלאָזט קאַלט ווערען און נישט געטרונקען. ווען דער גראַף האָט איהם אויפמערקזאַם געמאַכט, אז אָבזיצענדיג דאָ שעהנע עטליכע שעה, האָט ער זיך געוויס געמוזט גוט אויסהוּנגערן, האָט איהם קיווקע געענטפערט אין זיין צעקאַליעטשעטען פּויליש:

— צי ווייסט נישט דער פּאַן, אז איך בין אַ יוד?..

— יאָ, איך ווייס; כ׳ווייס אויך, אז איהר זענט דעם שטעדטעלדיגען רב׳ס זוהן, אָבער אַלץ האָט דאָך אַ שיעור.

קיווקע האט אויף דעם נישט געפונען וואס צו זאָגען; ער האט אפשר זיכער נישט געוואוסט ווי צו זאָגען. איהם האט זיך שוין זעהר געוואָלט אַוועקגעהן, ער האָט אָבער נישט געוואַגט זיך אויפ-

צהויבען פון אָרט. דער גראַף האט פערשטאנען, וואס אין איהם קומט פאָר, און כדי אַרויסצופיהרען איהם פון פערלעגענהייט, האט ער זיך אָבגערופען:

— איך האב געמיינט, אז איהר וועט איבערבייסען, און מיר וועלען ווייטער שפיעלען. איך קאן אייך אָבער נישט לאָזען פערהונגערן... איך הייס אייך שוין, די מינוט אָבפיהרען אין שטעדטעל; מאָרגען שיק איך נאָך אייך ווידער; איהר זאָגט מיר צו צו קומען? אַ יאָ? — דערביי האט איהם דער גראַף אָנגענומען פאר דער האַנט.

—יאָ — האט קיווקע אַרויסגערעדט און דאָסמאָל שוין אויפ׳ן קול, מיט אנ׳איגעוועניגסטער צופרידענהייט.

.IV

ביים רב אין שטוב האט מען די גאַנצע צייט נישט געוואוסט, וואס איבערצוקלערען וועגען דעם דאָזיגען אומגעוועהנליכען געשעהעניש, און אז ס׳איז אַוועק אַ שעה, און קיווקע איז נאָך אַלץ נישט געקומען צוריק, זענען זיינע עלטערן געוואָרען אויסער זיך. דער רב איז דאס מאָל געגען זיין געוועהנהייט נישט געגאַנגען אין בית-מדרש, און שוין געבליבען זיצען אין שטוב, און צוזאמען מיט דער רבי׳צין האָט ער כסדר אַרויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער. פערשיעדענע געדאנקען, איינס טרויעריגער פאר׳ן אנדערן, זענען זיי ארויף אויפ׳ן זינ: זיי האָבען עס אָבער מורא געהאַט אַרויסצוברענגען פון מויל, און זענען געזעסען ביידע שטום ווי די וואַנט. פלוצלונג האט זיך די רבי׳צין געגעבען אַ כאפ מיט אנ׳אויסרוף:

— אַבאַ, ס׳איז עפעס נישט גלאַט, דאס הארץ זאָגט מיר... מ׳מוז לויפען אין הויף!

און בעת דער רב מיט דער רבי׳צין האָבען שוין געמאכט הכנות צו לאָזען זיך אין הויז אַריין, איז צוגעפאָהרען צום שטוב קיווקעלע אין דעם גראַפס קאַרעטע.

מיט אַ לייכטענדיגען פנים און גאנץ פרעהליך געשטימט איז קיווקע אריין אין שטוב. זיצענדיג ברייטליך אין דער פאראדנער הויפישער קארעטע און אונטערציהענדיג אַ סך-הכל פון זיינע אויסטערלישע איבערלעבונגען ביים גראף, האָט איהם די גאנצע מעשה שטארק הנאה געטהון. דערמאָהנענדיג זיך אָהן די פיעל מאטען,

וואס ער האט געגעבען דעם גראף, האָט ער אזש אָנגעקוואָלען פון נחת. עטליכע מאָל, בעת איהם זענען אַרויס אויפ׳ן זין די פערשיעדענע קאָמבינאַציעס, דורך וועלכע דער גראף האט איהם געגלויבט צו שטרויכלען, האט ער זיך אזוי פונאַנדערגעלאַכט, אז דער קוטשער האט אָבגעדרעהט זיין קאָפּ אַ הינטער, אָנצוקוקען אין פנים אריין דעם לאַכעדיגען „זשידעק״... נור איין טרויעריגע נאָטקע האט זיך אַריינ־געגנב׳עט אין זיין פרעהליכער שטימונג. איהם האט זעהר באַנג געטהון, וואָס ער קען קיין פויליש נישט רעדען; ער האט זיך בעדאַכט, ווי וויט לעכערליך עס האָבען געמוזט קלינגען די עטליכע ווערטער, וואס ער האט אויסגערעדט מיט׳ן גראף, און האט דערפון גרויס צער געהאט. וועט ער זיך אָבער צוליעב דעם אָבהאַלטען און נישט געהן צום גראַף, בעת ער וועט נאָך איהם שיקען? ניין, דאס וועט ער ביי זיך נישט פועל׳ן. צו שפיעלען אין שאָך ביי אַזעלכע בעדינגונגען, — דערצו דארף מען האָבען אַ בעזונדער זכיה, און אז איהם האט זיך שוין איינמאָל אונטערגערוקט אונטער דער האנט אזא געלעגענהייט, וועט ער זי בשום אופן נישט ארויסלאָזען. אַי זיין פויליש? — ער וועט זיך אויסלערנען!

ביי די געדאנקען איז קיווקע אַראָבגעשפּרונגען פון דער קארעטע און אַריין אין שטוב. דערזעהן זיין אויפגעלעגטקייט און זיין פרעהליכע מינע, האבען די עלטערן נישט געגלויבט זייערע אויגען, און האבען איהם גענומען אויספרעגען וואס מיט איהם איז אין הויז געשעהן, און וואָס עס בעטייט זיין בעזונדערע אויפגעראמטקייט, און די שטאַרקע הנאה, וועלכע לייכט זיך ארויס פון זיינע אויגען.

קיווקע האָט זיי איבערגעגעבען אויספיהרליך אלץ, וואס מיט איהם האָט פאַסירט אין הויף, און האָט פערענדיגט:

— היינטיגס מאָהל איז געווען נור אַ התחלה; דער גראַף פערלאַנגט, איך זאָל צו איהם קומען אָפטער.

— ניין, מיין זוהן! — האט דער פאָטער געזאָגט — צו אזא בטול תורה וועל איך דיך נישט דערלאָזען. איך וועל דערקלערען דעם גראַף, אז דאס שאָך־שפּיעלען שטערט דיר אין לערנען; טאָמער וועט ער זיך איינעקשע׳נען, וועל איך זיך ביי איהם בעטען, איך וועל פאר איהם וויינען, און ער וועט רחמנות האָבען.

— דאס רופט ער איהם נור כלומר׳שט צו שפּיעלען אין שאָך — האט אונטערגעהאַלטען די רבי׳צין — אין אמת׳ן האט דער גראף אין

דעם גאָר אַנדערע מחשבות. שוין-זשע האָט דער גראַף נישט געפונען קיין אַנדערן, מיט וועמען צו שפּילען אין שאָך, נור דוקא דיר, אַ בחור אַ בית-מדרש'ניק; ניין, ווערט מיר נישט איינשמועסען, ער האָט אין דעם גאָר אַנדערע כוונות, און גאַנץ שלעכטע כוונות.

קיווקע האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט. ער איז געווען זיכער, אַז אויב דער גראַף וועט שטאַרק פערלאַנגען פון די עלטערן, זיי זאָלען איהם לאָזען געהן אין הויף, וועלען זיי איהם סוף-כל-סוף נישט קאָנען מעיז זיין, און טאָמער יאָ, וועט ער, קיווקע, אָננעהמען זיינע אייגענע מיטלען; אויף דעם איז ער דאָך עפּיס אַ בן-יחיד...

V.

אויף מאָרגען אַ זייגער צוועלף בייטאָג, בעת דער רב איז געזעסען אין בית-המדרש און האָט פאָרגעטראָגען דעם שטענדיגען שיעור פאַר אַ מנין בחורים, צווישען וועלכע עס האָט זיך געפונען אויך קיווקע, איז מיט אַמאָל אַהין אריינגעלאָפען אַ פערסאָפּעטער דער שמש, און האָט אויסגעשריען ווי נישט מיט זיין קול:

— רבי! דער גראַף איז צו אייך געקומען; ער פרעגט זיך נאָך אויך אויף קיווקען. די רבי'צין האָט מיך איהם געהייסען געהן רופען, און האָט געזאָגט, אַז איהר אליין זאָלט אויך מיט איהם קומען.

דערהערענדיג דאָס, האָט קיווקע באַלד צוגעמאַכט די גמרא און זיך אויפגעהויבען פון אָרט; דער רב האָט, ווי נישט ווילענדיג, איבערגעריסען דעם שעור, איז אַרויס גלייך נאָך איהם; דערביי האָט ער איהם נאָכגערופען:

— היינט זעהסטו שוין מיט וואָס פאַר אַ ביטול תורה דאָס שמעקט — נישט בלויז פאַר דיר, נור אויך פאַר מיר? צו וואָס האָט מען עס געדאַרפט?

קיווקע, וועלכער איז אין יענע מינוטען געווען אריינגעטהון אין גאַנץ אַנדערע געדאַנקען, האָט זיך צום פאָטערס רייד כלל נישט צוגעהערט; איהם איז דאַן נור געגאַנגען דערין — וואָס צום גיכסטען צו זיין אין שטוב.

אין שטעדטעל האָט מען זיך באַלד דערוואוסט וועגען דעם גראַפ'ס בעזוך ביים רב, און דאָס האָט אַרויסגערופען ביי אַלעמען גרויס ערשטוינען, ווייל ביז אַהער האָט נאָך קיינמאָל אַזא פאַל נישט

פּאַסירט. דער אלטער גראַף איז אפילו תמיד געווען גוט צו יודען, האָט זיך יעדעס מאָל וואַרים אָבגערופען אויף זייערע נויטען, אָבער שטענדיג האָבען זיי בעקומען זיינע טובות נור דורך די הויפּישע אָנגעשטעלטע און פערוואַלטערס. ער אַליין האט בלויז זעלטען־ווען בעזוכט דאס שטעדטעל, און טאָמער איז ער אַמאָל אין אַ יובל דורכגעפאָהרען טראַסקון, האט ער מיט די דאָרטיגע יודישע איינוואוינער קיין שום מגע־ומשא נישט געהאט. וועגען דעם איצטיגען יונגען גראַף, וועלכער איז דערצויגען געוואָרען אין דער פרעמד, האָט מען נאָך בכלל נישט געוואוסט, ווי אזוי ער בעציהט זיך צו יודען, דעריבער האָט די ידיעה, וועלכע איז פערשפּרייט געוואָרען בליץ־שנעל איבער׳ן שטעדטעל, אז דער יונגער גראַף איז געקומען קיין טראַסקון און איז אַריינגעפאָהרען גלייך צום רב, אַלעמען שטאַרק פערחדוש׳ט. ס׳האָבען זיך געבילדעט אויפ׳ן מאַרק גרופּקעס מענשען, וועלכע זענען געשטאַנען און געשמועסט צווישען זיך וועגען דעם דאָזיגען אויסטערלישען געשעהעניש. איטליכער פון זיי האָט אַרויסגעזאָגט מכּוח דעם אַ בעזונדער השערה און אלע האָבען זיי איינגעשטימט דערויף, אז דאָ מוז עפּיס שטעקען זעהר אַ וויכטיגער ענין, וועלכער איז אפשר נוגע נישט בלויז טראַסקונער יודען, נאָר דעם גאַנצען כּלל ישראל. אַ היבשער עולם נייגיריגע מאַנסביל און ווייבער האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען נעבען דעם רב׳ס שטוב. זיי האָבען געוואָלט זיין פון די ערשטע, וואָס תיכף ווי נור דער גראַף וועט אַוועקגעהן, וועלען זיי דערגעהן ביים רב, אין וואס דאָ האט זיך געהאַנדעלט.

אַ פערטעל שעה אנ׳ערך איז אויסגעקומען דעם גראַף צו וואַרטען אויף קיווקען. דערווייל האט ער בעטראכט די אַרומיגע סביבה, דאס קליינע הייזעל מיט׳ן נידעריגען פּולאָפּ מיט די האלב־צובראָכענע מעבעל, וואוהין ער האָט נור זיין בליק געוואָרפען, האָט פון דאָרט אַרויסגעקוקט אַ שרעקליכער דלות, וואָס האָט אויף איהם געמאכט אנ׳ערשיטערענדען איינדריק. ער האט נאָך אזוינס קיינמאָל אין זיין לעבען נישט געזעהן און האָט זיך עס אויך נישט געקאָנט פאָרשטעלען. דער ערשטער געדאנק זיינער איז געווען: ווי אזוי האָט זיך עס אונטער אַזעלכע שווערע, אומערטרעגליכע לעבענס־בעדינגונגען געקאָנט אויסשלייפען אזא דימענט, ווי קיווקע? און ווער ווייסט, צי ער וועט סוף־כּל־סוף אין דער דאָזיגער פיזיש־דעגענערירענדער ספערע נישט ווערען פערזשאַווערט? מ׳טאָר עס אָבער

אויף קיין פאַל נישט דערלאָזען, מ׳טאָר איהם דאָ נישט האַלטען, מ׳מוז איהם פון דאַנען ארויסשלעפּען; אזעלכער דארף האָבען צו זיין ענטוויקלונג וואָס מעהר ליכט, וואָס מעהר זוניגקייט; ערשט דאַן וועט ער אליין קאָנען ווערען אַ זון...

אין דער מינוט איז מיט גרויס אימפּעט אָנגעקומען קיווקע און תיכּף נאָך איהם איז אַריין דער רב. דער רב האט זיך טיעף פאַרבויגט פאַר׳ן גראַף, וועלכער האט דערלאַנגט די האַנד פריהער איהם און דערנאָך קיווקען; דערביי האט דער גראַף געזאָגט:

— איך בין אייך געקומען אויסדריקען מיין טיעפען דאנק פאַר דעם גרויסען נחת־רוח, וואָס איהר האט מיר פערשאַפט, ערלויבענדיג אייער וואוילען זוהן צו בעזוכען מיך; גלייכצייטיג בעט איך אייך, איהר זאָלט איהם די דאָזיגע ערלויבניש געבען טעגליך. איך וועל אייך דערפאַר בעלוינען מיט אַלץ, וואס איהר וועט פון מיר פערלאַנגען.

עטליכע מינוט האט דער רב געשוויגען. דערפאַר איהם אזוי אומגעריכטער וויזיט פון גראַף האָט איהם איבערראַשט און ער האט זיך שווער געקאָנט פאַסען. מיט גרויס אנשטרענגונג און מיט דעם פּנים אַראָבגעלאָזט צו דער ערד האט ער אין אַ קוים פערשטענדליכען לשון געענטפערט:

— וואס טויג דעם גראַף מיין בחור? דער גראַף קאָן געפינען אַ סך אַזעלכע, ווי ער.

— קיין סך ווי אייער זוהן איז נישטאָ — האט געזאָגט דער גראַף — ער איז איינער אין זיין אַרט.

— דאס איז אָבער פאַר איהם קיין צוועק נישט; ער דאַרף זיצען און לערנען; אנדערש וועט ער נישט קאָנען ווערען קיין „ראַבּין״.

דאָ האט זיך אַריינגעמישט די רבי׳צין. מיט אַ וויינענדיגען קול האָט זי זיך אָבגערופען:

— זאָל דער גראַף רחמנות האָבען און אונזער זוהן לאָזען צו־רוה; מיר האָבען איהם קוים דערלעבט, ער איז ביי אונז אַ בן־יחיד...

קיווקע, וועלכער איז ביז אַהער געשטאַנען שווייגענדיג אין דער זייט, עפּיס ווי נישט איהם מיינט מען עס, האט זיך איצט נישט גע־קאָנט איינהאלטען, און אַ זאָג געטהון:

— איך ווייס נישט, וואס איז דאָ שייך רחמנות: צי דער גראַף

טהוט מיר עפיס דאָ? פערקעהרט, ער איז דאָך צו מיר אזוי פריינדליך און איז מיך אזוי מקרב.

פון דעם ווייטערדיגען געשפּרעך, וואס איז פאָרגעקומען צווישען איהם מיט קיווקעס עלטערן, האָט דער גראף ארויס געטראָגען די איבערצייגונג, אז דאָ האַנדעלט זיך ביי זיי נישט אזוי אין דעם עצם שאַך-שפּיעל, ווי דעריך, ער זאל נישט פערברענגען צו-פיעל אין הויף, פאַרוואס זיי האָבען עפּיס מורא געהאַט. נאָך אַ קליינער פויזע האט ער זיי אפרעג געטהון מיט אַ שמייכעל:

נו. אין מיר צו אייער זוהן וועט איהר ערלויבען קומען?

די דאָזיגע פראַגע האט דעם רב אריינגעבראכט אַ ווײלע אין פערלעגענהייט, און ער האָט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערען. אָבּ-זאָגען איינגאנצען דעם גראף, האט ער זיך נישט געוואַגט. טרייסטענדיג זיי מיט דעם געדאנק, אז דאס האָט איהם דער גראף נור געוואָלט פּו.בען, און באמת וועט איהם גאָרנישט אָנשטעהן צו קומען אַהער, האט ער אין עטליכע מינוטען ארום שטיל אַ זאג געטהון:

—אויב דעם גראף איז נור ניחא, טאָ פארוואָס נישט?

— אַשאָך האָב איך ביי מיר — האָט זיך קיווקע אָבגערופען — נישט ווי אייערער, נור אַ גאַנץ איינפאַכער, פון פראָסטען האָלץ; אָבער שפּיעלען קאָן מען.

— לאָמיר נור זעהן ווי עס ווייזט אויס אייער שאָך, — האט דער גראַף געזאָגט אלץ מיט דעמזעלבען זיסען שמייכעל.

קיווקע האָט פון ערגיץ אַ ווינקעל אַרויסגענומען דעם שאָך און האָט איהם אַ וועקגעשטעלט אויפ'ן איינגעהויקערטען טישעל, נעבען וועלכען עס איז געזעסען דער גראף.

— אַנו — האט זיך אָבגערופען דער גראף — לאָמיר נור זעהן, ווי עס שפּיעלט זיך דאָ ביי אייך.

קיווקע האָט, אנ'אויפגערעגטער פון פרייד, פונאַנדערגעשטעלט די פיגורען, און דער גראף איז אוועק דעם ערשטען גאנג. דער רב איז אַ ווײלע געבליבען שטעהן פון דערווייטען און האט בעטראכט די שפּיעל. נאָכדעם האָט ער זיך אַרויסגעמאכט און איז ארויס פון שטוב: איהם האָט געצויגען צוריק אין בית-המדרש צו פערענדיגען דעם איבערגעריסענעם שיעור. ביי דער טהיר האָבען איהם פון אלע זייטען ארומגערינגעלט די שטעדטעלדיגע בעלי-בתים, און ער האט זיי, לויט זייער פערלאנג, אויספיהרליך דערצעהלט אלע פרטים וועגען

דעם גראפ׳ס בעזוך. כמעט אלע בעלי־בתים זענען געבליבען אונצופריעדע פון דעם, וואס דער רב האָט געבראכט דערצו, אז דער גראף זאָל זיך צוליעב אזא קלייניגקייט דארפען מטריח זיין און קומען אליין אין שטעדטעל. אנדערע האבען איינגעפונען, אז דער רב האט געקאָנט אויסנוצען די געלעגענהייט, אום אויסצופועל׳ן ביים יונגען גראף, ער זאל געהן אין די דרכים פון זיין פאָטער און אזוי מיטיב זיין מיט די שטעדטעלדיגע יודען, ווי ער. עס זענען אויך געווען אזעלכע, וואס האָבען געראטען דעם רב, ער זאָל תיכף זעהן פעררי׳כטען דעם פעהלער און זאָל אריין צוריק אין שטוב און מודיע זיין דעם גראף, אז ה׳ות ווי ערלויבט זיך נישט איהם צו בעמיהען, איז ער מוכן ומזומן צו שיקען קיווקען צו איהם אין הויף אריין, ווען ער וועט עס נור פער־לאנגען. דער רב האָט זיך אָבער לאנג געקווענקעלט דאס צו טהון. ער האט גע׳טענה׳ט, אז דאָ געהט איהם נישט אין דעם שאָך־שפיעל, נור ער זעהט אין דעם מעשה־שטן, עפיס ווי פערבאָרגענע כוחות וואָלטען דאָ גע׳ארבייט, אוועקצורו׳בען פון איהם זיין בן־יחיד.

און אינעווענינ אין שטוב איז די רבי׳צין דערווייל געשטאנען אויף דער וואך, און האט אויף אַ מינוט נישט אראָבגענומען איה־ע בליקען פון קיווקען, און זעהענדיג ווי שפילענדיג ווערען זיינע אויגען גרעסער און טיעפער און זיין פנים לייכט מיט גלאנציג ליכט, האט זיך אין איהר געשטארקט דער גלויבען, אז דאס איז אלץ אַ פערבלענדעניש. אז דער גראף איז קיין גראף נישט און דער שאָך איז קיין שאָך נישט, נור פערשטעלטע כשוף־מאכער, און די מענשלעך, וואס דרעהען זיך אום אויפ׳ן ברעטעל, זענען קליינע שדימ׳לעך, און אלע צוזאמען ווילען זיי אומברענגען איהר זוהן.

VI

צום סוף האט זיך דער רב אַרומגעזעהן, אז זין יעדער היי־זיכט איז פאר איהם קיין פלאַן נישט צו האבען ביי זיך יעדען טאָג דעם גראף פאַר אַ גאַסט. און האָט ערלויבט קיווקען צו געהן טעגליך אויף אַ פּאָר שעה אין הויף. דערביי האט ער בעשלאָסען אָבשיקען קיווקען גלייך אויף מאָרגען נאָך פסח צוריק קיין וואָלאָזשין, און האַלטען איהם דאָרט אזוי לאנג ביז וואַנען דער גראף וועט ווידער אָב־פאָהרען קיין אויסלאַנד און וועט אן איהם פערגעסען.

קיווקע האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען אין הויף אַלץ מעהר

היימישער. ער האט זיך שוין אויפגעהערט שעמען און איז געוואָרען אַ סך ריידעוודיגער. אין איין זאך איז ער אָבער געבליבען פעסט: וואס דער גראַף און זיין שוועסטער האָבען זיך ביי איהם נישט געבעטען, צו נעהמען עפּיס אין מויל אַריין, האָבען זיי דאס ביי איהם בשום אופן נישט געקאָנט פּועל'ן; תמיד האט ער זיך געהאַלטען ביי דאָס זייניגע: איך בין אַ יוד, און טאָר ביי קריסטען קיין זאַך נישט פערזוכען.

איינמאָל נאָכ'ן שפּיעלען האט דער גראַף אַריינגעפיהרט קיווקען אין דער ביבליאָטעק, וואס זיין פאטער האט איהם געלאָזט בירושה, און איהם געוויזען צווישען די מאַסען ביכער אין פערשיעדענע שפּראַכען אויך ווערק פון יודישע געלעהרטע ווי שפּינאָזא, מענדעלסאָן און אַנדערע. ביי דער געלעגענהייט האט ער מיט איהם פערפיהרט אַ שמועס וועגען בילדונג און איהר בעדייטונג פאַר דער מענשהייט, און פערענדיגט, אז די יונגע מענשען וועלכע בעזיצען גרויסע פעהיגקייטען, דאַרפען זעהן, אז זייערע טאַלענטען זאָלען נישט געהן לאבוד, נור אויסגענוצט ווערען לטובת דער וויסענשאַפט. קיווקע האט אויסגעהערט דעם גראַף גאנץ אויפמערקזאַם: די פונ'ם גראַף ארויסגעזאָגטע געדאנקען זענען פאַר איהם געווען גאנץ ניי און האבען אויף איהם געמאַכט אַ שטארקען איינדרוק, וואס האט זיך אָבגעשפּיגעלט אויף זיין געזיכט. נאָך מיט מעהר קראפט האט דער דאָזיגער איינדרוק אין איהם אויפגעלעבט אויפ'ן צווייטען טאָג, בעת דער גראף האט זיך אויף דאס ניי צוריקגעקעהרט צו דערזעלבער טעמע, און האָט שוין מיט איהם דאסמאָל גערעדט וועגען דעם ענין אין אַ פּיעל קאָנקרעטערער פאָרם. ער האט איהם אַרויסגעזאָגט גאַנץ דייטליך, אז איהם טהוט זעהר לייד, צוקוקענדיג זיך ווי אַזא גרויסער און שטאַרקער טאַלענט ווי ער, וועלכער וואָלט געקאָנט בעררייכערן די וויסענשאַפט און ווערען אַ ציהרונג פאַר דער וועלט, ווערט אויסגעבראַכט אויף גאָרנישט. די דאָזיגע געשפּרעכען, וועלכע האבען זיך צווישען זיי איבערגע'חזר'ט כמעט טעגליך, זענען קיווקען אַריין טיעף אין זין, ביז זיי האָבען איהם אָנגעהויבען ביסלעכווייז עגבערן דעם מוח. דאס בעוואוסטזיין, אז ער איז מסוגל צו ווערען אַ וועלט-געלעהרטער האָט איהם האָפערדיג געמאַכט; ער איז אָבער תיכף געוואָרען ביי זיך אַראָבגעפאַלען, נעהמענדיג אין אַכט זיין הילפלאָזיגקייט ביי די בעדינגונגען, אין וועלכע ער געפינט זיך. ער האט גאנץ גוט געוואוסט,

אז ווען ער פרובט נור אַרויסברענגען פון מויל, אז ער וויל זיך בילדען, וועט עס זיין פאר זיינע עלטערן ווי אַ טויט-קלאַפּ. זייגע האָפען און גלויבען פעסט, אז דאס וואַקסט אַ רב און אַ גדול-בישראל, און מיט אַמאָל — בילדונג, וויסענשאַפט! די דאָזיגע גע-דאַנקען האָבען איהם נישט געלאָזט צו-רוה, און בעזונדערס האט ער זיך דורך זיי געפיהלט געפייניגט בעת זיין פאָטער, אָדער די מוטער, פלעגען איהם דערמאהנען ווענען זיין באַלדיגען צוריקפאָהרען קיין וואָלאָזשין.

אין אַ געוויסען טאג, בעת דער גראף האט, ווי זיין שטייגער איז, גענומען אַגיטירען קיווקען פאַר בילדונג, האט זיך קיווקע אָבגערופען:

— נו, גוט; איך בין שוין גרייט צו בילדען זיך. אָבער ווי אזוי מאַך איך עס? איהר ווייסט דאָך, אז מיין פאָטער וויל מיך ערציהען דוקא פאַר אַ רב, און וועט אויף זיין דאָזיגען ווילען בשום אופן נישט מוותר זיין.

דערויף האט איהם דער גראף געענטפערט:

— דאָס זאל אייך נישט אַרען; איך נעהם עס אויף זיך. דער עיקר איז, אז איהר זאָלט נור וועלען.

— איך וויל! — האט קיווקע אויסגעשריען.

VII.

ס'איז אַריבער פסח. אויף מאָרגען, אסרו-חג, האָט קיווקע גע-דאַרפט אָבפאָהרען קיין וואָלאזשין. די הבי'צין האט שוין בעשטעלט אַ בעל-עגלה אויף אין אָוועגד. ביי טאָג איז קיווקע אַוועק אין הויף געזעגענען זיך מיט'ן גראַף. דאסמאל האט איהם דער פאָטער אַליין דערצו מזרז געווען. דערביי האָט ער קיווקען פערזאָגט, אז ביים גע-זעגענען זיך זאל ער, למען השם, נישט פערגעסען אויפמערקזאַם צו מאַכען דעם גראַף, אז די אַרומיגע גויערים לאָזען נישט צו די שטעדטעלדיגע יודען צו פיטערן זייערע בהמות אויף דעם פלאַץ... וואס זיין פאָטער, דער פערשטאָרבענעת גראַף, האָט זיי אַמאָל אָבגעגעבען.

קיווקע איז אוועק, און איז שוין מעהר צוריק נישט געקומען.

ערשט שפעט אין אָוועגד, בשעת עס איז צוגעפאָהרען דער

בעל-עגלה מיט דער בויד, האָט מען זיך געכאַפּט, אַז קיווקע איז בישטאָ. מ׳האט געמיינט, אפשר איז ער אַוועק נעהמען אָבשיעד פון חברים, און מ׳האט איהם אויסגעזוכט אין גאַנץ שטעדטעל. מ׳האָט איהם אָבער אין ערגעץ נישט געפונען. מ׳האָט אַוועקגעשיקט שליחים אין הויף, וועלכע האָבען זיך מיט גרויס מיה דערשלאָגען צום גראַף, און בעקומען פון איהם אַ תשובה דורך זיין קאַמערדינער, אַז פון בעכטען אָהן האט ער קיווקען אין די אויגען נישט אנגעזעהן. די ידיעה, אַז קיווקע איז גאָר אין הויף נישט געווען, האָט די עלטערן ערשיטערט. זיי האָבען שוין אַ גאַנצע נאַכט מיט אַן אויג נישט צוגעמאַכט, און האָבען קוים דערלעבט, עס זאל ווערען טאָג און זיי זאָלען זיך קאָנען מישב זיין מיט לייטען, וואס צו טהון.

אויף מאָרגען פריה איז זיך צום רב צוזאַמענגעלאָפען דאס גאַנצע שטעדטעל. עטליכע בעלי-בתים פון דעם רב׳ס נאָהענטע פריינד זענען גאָר פון דאָסניי אַוועק אין הויף, האָבען דאָרט אַלעמען חוקר ודורש געווען, האָבען אויך אָבגעשטעלט יעדען פויער, וועמען זיי האָבען נור אנגעטראָפען, און נאָכגעפרעגט זיך אויף קיווקען. די אלע אויספאָרשונגען האבען אבער נישט געבראכט קיין שום ממשות׳דיגען רעזולטאט: קיווקע איז נעלם געווארען און איז אריין ווי אין וואסער.

און אין דערזעלבער נאַכט איז קיווקע געזעסען אין איינעם פון די אינעווענינגסטע שלאָס-אַפּארטאמענטען, אויג אויף אויג מיט׳ן גראַף, וועלכער האט מיט איהם איינגע׳טענה׳ט וועגען זיין קינפטיגען גורל. דער גראף האט זיך אָנגעבאטען אויסצוריכטען איהם אויף זיינע הוצאות קיין אויסלאנד און געבען איהם דארט די נויטיגע מאַטעריעלע מעגליכקייטען צו שטודירען. פון אנהויב האט זיך קיווקע שטארק געקווענקעלט. ער האט ביי זיך נישט געקאנט פועל׳ן צו אנטלויפען פון די עלטערן, וועמען ער האט אינערליך זעהר געליעבט; ער האט זיך געשראקען, אז זיין פלוצלינגער נעלם-ווערען וועט זיי מקצר זיין די יאהרען. אויסערדעם איז איהם אויסגעקומען אַ ביסעל פערדעכטיג דאס, וואס דער גראף אינטערעסירט זיך אזוי מיט איהם, און ביי איהם האט אויך אויפגעבליצט דער געדאנק, אפשר האט ער דערביי נישט קיין גוטע כוונות. אַ היבשע ווייל׳ע איז ער געבליבען זיצען שטיל, נאכדעם האט ער זיך געמאכט הארץ און אַרויסגעזאגט זיינע ספקות פאר׳ן גראף. דערויף האט ער

נאך צוגעצט מוסיף געווען, אז ער האט מורא, טאמער וועט ער נישט קאנען אבהיטען אין דער פרעמד די יודישע רעליגיע, מיט וועלכע ער איז אזוי פעסט צוגעפיגעבונדען.

דער גראף האט אָבער מיט זיין גרויסער בערעדזאמקייט געמאכט אויף קיווקען א סוגגעסטיווען איינדרוק, וועלכער האָט דערלאנגט אזוי וייט, אז ער האט אויסגערופען: „אלץ, וואס איהר וועט מיר נור הייסען, וועל איך טהון!"

יענע נאכט איז געווען פאר ביידען, פאר'ן גראף מיט קיווקען, א ליל-שמורים. דער גראף האט ענטוויקעלט פאר קיווקען זיין פלאן מיט אלע איינצעלהייטען: שיקען וועט ער איהם קיין פאריז מיט א רעקאמענדאציע צו זיינעם א גוטען פריינד, א לעהרער פון דער הויכער מאטעמאטיק, וועלכער איז אנ׳עלזאסער יוד. דער דאזיגער מאן, צו וועלכען ער וועט פאר איהם צושיקען רעגולער א מאנאטליכע פענסיע, וועט אלץ טהון, אום איינצואָרדנען ווי געהעריג זיין שטודיום; האבענדיג א זעלכען פאר א בעקאנטען, וועט ער שוין נישט זיין אָבגעריסען פון יודען. איבעריגענס גיט ער איהם די פולע פרייהייט צו פיהרען זיך ווי ער פערשטעהט און ווי ער פערלאנגט.

דעם גאנצען מאָרגענדיגען טאָג האט נאך קיווקע פערבראכט ביים גראף אין הויף. לויט א בעזונדער פעראָרדנונג פון גראף האט מען קיווען בעזאָרגט מיט שפייז לכתחילה פאר איהם צוגעגרייטע ביים יודישען פאקטער פונ׳ם נאָהענטען דאָרף. א לאקיי האט אריינגעפיהרט קיווקען אין דעם גראפ׳ס גארדעראָב-צימער. דאָרט האט ער פון איהם אראָבגענומען זיינע לאנגע בגדים און איהם דערלאנגט צו דער מאָס א פערכטיג-שענעם אנציג. אז קיווקע איז שפעטער אריין אין נייעם קאָסטיום, האט ער מיט זיינע געקרויזטע האר, און מיט זיינע גרויסע קארשען-אויגען אויסגעוויזען בלענדענד-שען. דאס איז שוין נישט געווען דער שעמעוודיגער, אין זיין גאנצען הילוך אָבגעלאָזענער ישיבה-בחור מיט די לאנגע פאות, נור א היבשער, עלעגאנטער קאוואליער, פון וועלכען דאס אכצעהן-יעהריגע פריילין, דעם גראפ׳ס שוועסטער, האט נישט אראָבגענומען איהרע בליקען אפילו אויף א מינוט, ווי זי וואלט צו איהם צוגעשמידט געוואָרען.

שפעט אין אָוועגד האָבען דער גראף מיט זיין שוועסטער בעגלייט קיווקען ביז פאָניוועזש. דאָרט האט איהם דער גראף בעזאָרגט מיט אנ׳אויסלענדישען פאס און איהם אָנגעצייכענט דעם מארשרוט

פון זיין נסיעה קיין פאריז. קיווקע וואָלט זיך געפיהלט העכסט גליקליך פון דער פערספעקטיוו, וואס ערוואַרט איהם; ער האט זיך אָבער בעדאַכט, אז אין דער צייט זיצען זיינע עלטערן און בעווייגען איהם, און אונטער דעם איינדרוק פונ׳ם דאָזיגען געדאנק האט ער זיך פונאַנדערגעכליפּעט אויפ׳ן קול, ווי אַ קליין קינד.

VIII.

דער עלזאַסער יוד, צו וועלכען קיווקע האָט געבראַכט די רעקאָמענדאַציע פונ׳ם טראַסקונער גראַף, איז געווען — ווי מיר האָבען שוין דערצעהלט — פּראָפעסאָר פאַר מאַטעמאַטיק אין אַ פּאַריזער הויכשול, און אויסערדעם אויך דער פּרעזעס פונ׳ם אָרטיגען שאַכמאַטיסטען-קלוב. דאָרט האָט זיך מיט איהם דער גראַף אַמאָל בעגעגענט, און פון דעמאָלט אָהן האָבען זיי ביידע געשלאָסען בעקאַנטשאַפט, וואס האט זיך מיט דער צייט פערוואַנדעלט אין אַ נאָהענטער, אינטימער פריינדשאַפט. קומענדיג קיין טראַסקון, האט דער גראַף גאנץ אָפט קאָרעספּאָנדירט מיט׳ן פּראָפעסאָר, און אין איינעם פון זיינע בריעף האט ער בעשריבען די גרויסע התפעלות, אין וועלכער ער קומט אריין יעדעס מאָל פון קיווקעס קינסטלערישען שאָך-שפּיעל. אין אַ שפּעטערדיגען בריעף האט זיך דער גראַף אויסגעדריקט וועגען קיווקע׳ן, אז ער וואָלט אַרויסגערופען מיט זיין שפּיעלען גרויס פוראָר אפילו צווישען די פּראָמינענטע פּאַריזער שאַכמאַטיסטען. דאס האט געפיהרט דערצו, אז דער פּראָפעסאָר האָט זיך שטארק פעראינטערעסירט מיט קיווקע׳ן, און ער האט עס פאָרגעלעגט דעם גראַף צו זעהן ווירקען אויף איהם, ער זאָל קומען קיין פּאַריז.

דער פּראָפעסאָר האט אויפגענומען קיווקע׳ן זעהר פריינדליך, און האָט צו איהם פון דער ערשטער מינוט אָהן ארויסגעוויזען גרויס התקרבות. נאָך דעמזעלבען אָוועגד האָט ער קיווקע׳ן אַוועקגעפיהרט אין שאַכמאַטיסטען-קלוב, וואו ער האָט איהם פאָרגעשטעלט פאר די חברים אלס אויסגעצייכנעטען שאָך-שפּיעלער. באַלד איז קיווקע געוואָרען איינגעלאַדען צו אַ שאָך-פּאַרטיע. דער גאַנצער עולם האט זיך אַרומגעשטעלט קוקען מיט גרויס נייגיריגקייט ווי אַ קליינשטעדטעלדיגער פּויליש-יודישער יונגערמאַנטשיק נעהמט זיך אונטער צו שפּיעלען אין שאָך מיט איינעם פון די בעוואוסטע פּאַריזער שפּיעלער. נאָך האַלב מיעד און נישט אין גאַנצען אויסגערוהט פונ׳ם לאַנגען וועג, האט

זיך קיווקע אוועקגעזעצט פאַר׳ן שאָך-ברעטעל. תיכף, נאָך די ערשטע פּאָר געגג, האט ער דערקענט, אז ער האט דאָ צו טהון נישט מיט קיין געוועהנליכען שפּיעלער, און זיין ברייטער, גלאַנצענדיגער שטערן האט זיך גענומען קנייטשען אזוי לאנג ביז ער האט דערזעהן די ערשטע סימנים פון זיין נאָהענטען נצחון, וועלכער איז בעגעגענט געוואָרען מיט אַ שטורם פון אַפּלאָד׳סמענטען. עס האָבען זיך באלד געפונען אַסך בעלנים, וועלכע האָבען אַנגאַזשירט קיווקע׳ן אלס פּאַרטנער, מ׳האט איהם געריסען ממש פון האַנד צו האַנד, און אלע זענען פון איהם געוועזן העכסט ענטציקט. זיין שאָך-שפּיעלען האט אַרויסגערופען אַלגעמיינע בעוואונדערונג.

שוין אויף מאָרגען זענען אין אלע פּאַריזער בלעטער געוועזן געדרוקט גרעסערע נאָטיצען וועגען דעם יודישען געניאַלען שאָך-שפּיעלער, און די ערשטע צייט איז דעם פּראָפעסאָר׳ס הויז געוועזן בעלאַגערט פון שאַכמאַטיסטען, וועלכע זענען געקומען דריקען די האַנד פונ׳ם יונגען חבר און אַרויסזאָגען איהם זייער בעוואונדערונג. בעזונדערס בעריהמט איז קיווקע געוואָרען אין דער פּראַנצויזישער הויפּט-שטאָדט, נאָכדעם ווי ער האט זיך אַרויסגעוויזען אלס דער איינציגער, וועלכער האָט געפונען דעם פּתרון פון דער קאָנקורס-אויפגאַבע, וואס דער פּאַריזער שאָך-זשורנאַל האט פּערעפענטליכט.

די ערשטע עטליכע טעג האט זיך אָבער קיווקע געפיהלט ביים פּראָפעסאָר נישט בעזונדערס גוט. ער האָט געוואוסט, אז דער פּראָ-פעסאָר איז אַ יוד; ער האָט אָבער געזוכט און נישט געפונען ביי איהם אין שטוב קיין סימנים פון יודישקייט, באופן, אז ער איז נישט געוועזן זיכער, צי די מאכלים, וואס ער עסט ביי איהם זענען נישט קיין טריפה׳נע, און די דאָזיגע אונזיכערקייט האט איהם זעהר שטאַרק דענערווירט. צום סוף האט ער זיך נישט געקאָנט איינהאלטען און זיך אמאַל אבגערופען צום פּראָפעסאָר:

— דער גראף האט אייך דאך געוויס געשריבען, אז כ׳בין אַ פרומ-געזאָנענער יוד, און היט מיך אב פון טרפות? אפשר קאנט איהר מיר אנווייזען אַ שטרענג יודישע אכסניא?

דער פּראפעסאר האט קיווקע׳ן גלייך נישט געענטפערט. ער האט איהם נור אַריינגעפיהרט צו זיך אין קאבינעט, וואו ער האט איהם אנגעוויזען אויף אַ גרויסען ספרים-אַלמער, און אַ זאג געטהון:

— קוקט נור אַהער אַריין!

קיווקע האט אריינגעקוקט און דערזעהן דורך די גלעזערנע שויבען אַ ש״ס, מיט אלפס׳ן און מיט יורה-דעה׳ס און חושן-משפט׳ס און מיט נאָך פיעל אַזעלכע ספרים פון דער תלמודיש-רבנישער ליטעראַטור. קיווקע איז אַ ווײַלע געבליבען שטעהן ערשטוינט און דערנאָך האט ער ווי צו זיך ארויסגערעדט:

— אזוי ווי ביי מיין טאַטען...

— דער גראף האט מיר געשריבען וועגען אייך — האט געזאָגט דער פראָפעסאר — אז איהר זייט אַ רב׳ס אַ זוהן; מיין פאָטער איז אויך געווען אַ רב אין מעטץ, און מיין זיידע האט דאָרט געלערנט אין דער ישיבה פון „שאגת-אריה". איהר האט דאָך געהערט, מן הסתם, פונם „שאגת-אריה"?

— איך האב נישט בלויז געהערט — האט קיווקע געענטפערט — נאָר אויך געלערנט דעם „שאגת-אריה", געלערנט אויף אויסווענינ.

— און איך האב איהם אַמאָל אויך געלערנט, און אויך אויף אויסווענינ, און, ווי איהר זעהט, האבען מיר זיך, אייגער פאר׳ן אנדערן נישט וואס צו שעמען.

— איהר ווילט דערמיט זאָגען, אז איהר זייט אזוי פרום ווי איך?

— כמעט...

קיווקע איז אָבער פון דער דאָזיגער תשובה געבליבען אומצופרידען, און פון דעמאָלט אָן האָט ער נישט אויפגעהערט זוכען, ביז ער האט צום סוף געפונען אַ פוילישען יוד, אַ קירזשנער לויט זיין פראָפעסיע, וועלכער האט איהם אַריינגענומען צו זיך אויף קוואַרטיר מיט קעסט.

IX.

אין פאַריז האט זיך קיווקע גענומען פאר בילדונג מיט גרויס התמדה. דער פראָפעסאר האט איהם בעשטעלט לעהרער, וועלכע האבען איהם געגעבען אינטעררים אין פראַנצויזיש און אנדערע וועלטליכע למודים. די לעהרער האָבען איינגעפונען, אז לויט זיינע פעהיגקייטען דארף ער זיך אָבגעבען בעזונדערס מיט פיזיק און מאַטעמאַטיק. און ווירקליך, האט זיך באַלד אַרויסגעוויזען, אז אויף די

דאָזיגעביידע געביטען שאַפט ער ממש וואונדער. אין אַ משך נאָך וועניגער פון אַ יאָהר האט ער פערענדיגט זיין מיטעלע בילדונג און איז אויפגענומען געוואָרען אויף די קורסען פון דער העכסטער מאַטעמאַטיק. באַלד האט ער גענומען שרייבען אַרטיקלען וועגען זיין ספּעציאַליטעט אין די גרעסטע פראַנצויזישע וויסענשאַפטליכע זשורנאַלען, און מ׳האט געזעהן בעשיינפערליך, אז דאס וואקסט אַנ׳אויסערגעוועהנליכער געלעהרטער.

די גאַנצע צייט האט נאָך קיווקע געוואוינט ביים קירזשנער און אָבגעהיט יודישקייט, ווי ווייט מעגליך. עס פלעגען ביי איהם פאָרקומען אויך אזוינע מאָמענטען, ווען ער האט זיך שטארק פערבענקט נאָך דער גמרא. אין די דאָזיגע מאָמענטען פלעגט ער אַוועקגעהן צו דעם עלזאַסער פראָפעסאר, דאָרט פלעגט ער אַרויסנעהמען פון אַלמער אַ ש״ס גמרא און אין איהר אַריינקוקען, און בשעת-מעשה פלעגט בעלויכטען ווערען זיין פּנים און פון זיינע אויגען פלעגט אַרויסשיינען גרויס צופרידענהייט. נישט איינמאָל האָט געטראָפען, אז ס׳איז אינמיטען אַריין דער פראָפעסאָר, און די ביידע רבנישע קינדער האָבען זיך אַריינגעלאָזט אין אַ פּלפּול וועגען אַ וועלכען עס איז דבר-תורה...

צייטענווייז פלעגט זיך קיווקע דערמאהנען אָהן זיינע עלטערן. אין יענע מינוטען פלעגט ער ווערען זעהר טרויעריג געשטימט. דאס רוב פלעגט עס איהם פאַסירען ביינאַכט אויף זיין געלעגער. דאן פלעגט זיך איהם פאָרשטעלען ווי דער פאָטער זיצט און קלאָגט און ווי די מוטער ברעכט די הענד און ווי זיי פערשילטען זיך ביידע די יאָהרען, פאַרוואָס זיי האָבען איהם געלאָזט געהן אין הויף אריין צום גראף. אונטער דעם איינדרוק פון דער דאָזיגער פאָרשטעלונג פלעגט זיך קיווקע אַרומוואַרפען די גאנצע נאכט פון איין זייט אויף דער אנדערער, און אויף מאָרגען פלעגט ער געפינען זיין קישען אויסגעווייקט פון טרעהרען. וויפיעל מאָל האָט ער שוין געהאט געפאסט דעם ענטשלוס אַריינצושרייבען זיינע עלטערן אַ בריעף און צו בעטען ביי זיי מחילה פאר דעם עגמת-נפש, וואס ער האט זיי אָנגעטהון; ער האט זיך אָבער אָבגעשראָקען פאר דעם געדאַנק, אז זיין פאָטער קאָן נאך קומען צו לויפען קיין פאַריז און אוועקפיהרען איהם פון דאָרט אַהיים מיט גוואַלד, און האָט דעריבער זיין בעשלוס נישט פערווירקליכט. ער האט נור יעדעס מאָל אָנגעפרעגט ביים גראַף, וואס

עס מאכען זיינע עלטערן, און האט תמיד פון איהם בעקומען די תשובה, אז זיי האָבען זיך שוין בערוהיגט און האָבען שלום געמאַכט מיט זייער גורל.

אזוי זענען אַריבער אַ יאָהר דריי-פיער. קיווקע האט שוין גע-האַלטען ביים פערענדיגען זיין שטודיום. קורץ פאר דעם האָט ער בעקומען פון דער פראנצויזישער רעגירונג אַ מעדאַל פאַר זיינס אנ-אויסטערלישע ערפינדונג אין דער פיזיק, וועלכע האט אַרויסגערופען אַמין איבערקעהרעניש אין די ביזאַהעריגע אָנגענומענע אמת׳ן. מיט קיווקע׳ס געלעהרזאַמקייט האט געקלונגען אין די קרייזען פון די וועלט-געלעהרטע. ווי מ׳האט שפעטער דערצעהלט, איז זיין נאָמען דערגאנגען אין קייזערליכען הויף, און נאַפּאָלעאָן דער דריטער האט אויסגעדריקט זיין ווונש, זיך מיט איהם צו בעקענען. מ׳האָט דאַן קיווקע׳ן איינ-געלאדען אין קייזערליכען שלאָס, און דאָרט האָט ער פאַר נאַפּאָ-לעאָנ׳ען אין די אויגען געשפּיעלט אַ פּאַרטיע שאָך מיט צוואַנציג פון די פּראָמינענטסטע פּאַריזער שאַכמאַטיסטען, און האָט זיי אַלעמען געגעבען מאַט. אויף נאַפּאָלעאָנ׳ען האט דאס געמאַכט אזא שטאַרקען איינדרוק, אז ער האט קיווקע׳ן אַרומגענומען און דערלאַנגט איהם אלס מתנה אַ זילבערנעם פּאָרטסיגאַר מיט דער קייזערליכער עמבלעמע.

אין יענער צייט זענען אין אַ שענעם פריהמאָרגען געקומען צו-פאָהרען קיין פאריז דער טראַסקונער גראף מיט זיין שוועסטער, און פון דעמאָלט אָהן האט זיך אָנגעהויבען אין קיווקעס לעבען אַ נייע תקופה.

X.

דער גרויסער פרסום, וואס קיווקע האט זיך ערוואָרבען אין פאריז, און די חשיבות, וועלכע ער האָט דאָרט בעקומען אין די העכסטע געזעלשאַפטליכע קרייזען, האָבען איהם נישט פערדרעהט דעם קאָפּ. ער איז פערבליבען דערזעלבער בעשיידענער טראַסקונער יודישער יונגערמאַנטשיק, ווי געווען. ער האָט נאָך אַלץ געוואוינט ביים קירזשנער, אָבגעהיט טריי יודישקייט און געלעבט זעהר שפּאָר-זאַם. זינט ער האט אָנגעהויבען ביסלעכווייז צו פערדיענען פון זיינע וויסענשאַפטליכע ארבייטען, האט ער זיך אָבגעזאָגט פון צו נעהמען זיין מאָנאַטליכע שטיצע ביים גראף. פיעל מאָל האט דער פּראָפעסאר, דורך וועלכען ער פלעגט בעקומען פון גראף דאס געלד,

איהם אויפמערקזאם געמאַכט, אז ער וואלט זיך געמעגט פערגינען צו לעבען ברייטער, מיט מעהר רחבות, זיך שענער צו קליידען, וואוינען אין אַ מעהר פּאַראדנע דירה און עסען אַ בעסערן ביסען. קיווקע פלעגט איהם תּמיד דערויף ענטפערן, אז כּל-זמן זיינע עלטערן פייניגען זיך און טרויערן נאָך איהם, טאָר ער זיך נישט ערלויבען צו לעבען אַ גוטען טאָג. און אין דערזעלבער צייט איז קיווקע אַרומגעגאַנגען מיט'ן געדאנק, אז ווי נור ער וועט האָבען דערגרייכט דאָס ציעל, צו וועלכען ער שטרעבט — און געשטרעבט האט ער דעמאָלט צו פערפולקאָמען זיינעם אנ'ערפונדענעם מעכאַניזם צו פערלייכטערן דאס גראָבען קאַנאלען, אויף וואָס ער האט געלעגט גרויסע האָפנונגען — וועט ער זעהן אָנווענדען אלע קרעפטען איבערצובעטען זיך מיט זיין פאָטער, און צו מאַכען מיט איהם שלום.

אָבער מיט'ן אָנקומען פונ'ם טראַסקונער גראף קיין פּאַריז, זענען אַוועק אין רויך אלע זיינע געדאַנקען און האָפנונגען. ווי אנ'איבערקעהרעניש איז פון דעמאָלט אָהן פאָרגעקומען אין זיין גאנצען ביזאהעריגען לעבענס-שטייגער. האָבענדיג פּאַר'ן גראף דעמזעלבען אַראָבפאַל מיט דעמזעלבען אָבשיי, וואָס אַמאָל, און פיהלענדיג צו איהם גרויס דאַנקבארקייט פאר די מעגליכקייטען, וואס ער האט איהם פערשאַפט זיך אויסצובילדען, איז ער באַלד, פון דער ערשטער מינוט אָהן, צוריק אַרונטערגעפאַלען אונטער זיין השפּעה. אויסגעדריקט האט זיך עס צו-ערשט אין דעם, וואס ער איז געוואָרען אַנ'אָפטער בעזוכער אין די קרייזען פון דער פּוילישער העכסטער אַריסטאָקראַטיע, וואוהין דער גראף האט איהם אַריינגעפיהרט, צוליעב דעם האט ער געמוזט אַרויסגעהן פון דעם קירזשנערס וואוינונג, צו לעגען מעהר אכט אויף זיין טואַלעט און אויף זיין גאַנצען הילוך בכלל. צוזאַמען מיט'ן גראף האט ער זיך בעטייליגט אין אלערליי בעלער און פּיקניקס און סתם פייערליכקייטען, וועלכע זענען פון צייט צו צייט איינגעאָרדענט געוואָרען דורכדעם פּאַריזער פּוילישען אַדעל. דער גלאַנץ און דער שיק פון דעם איהם ביז אַהער אומבעקאנטען אַריסטאָקראַטישען לעבען, האט איהם ביסלעכווייז, אָנגעהויבען פערבלענדען די אויגען. ער האט זיך געגלויבט צו געפינען אין אַ נייער פאַנטאַסטישער וועלט, און די דאָזיגע וועלט האט איהם ממש בעצויבערט. די אַריסטאָקראַטישע הייזער, אין וועלכע מ'האט איהם תּמיד אויפגענומען גאַנץ גערן, זענען פאר איהם געוואָרען אַ מאַגנעט, וואס האט איהם צו זיך צוגעצויגען מיט

גרויס קראפט. דאס האט אין גיכען געבראכט דערצו, אז ער האט געגומען איבעראַנדערשען זיין גאַנצע הנהגה. יודישקייט האט ער שוין פערבויגען לגמרי, האט געגעסען און געטרונקען ביי קריסטען, אָהן שום געוויסענס-ביסע, און האט אויך געזוכט אויסצומיידען יעדעס בעגעגעניש מיט די עטליכע בעקאנטע יודען, אויסער מיט דעם עלזאַסער פראָפעסאר, וועלכער האָט, ווי ער, געהאָט אַנ׳אַריינטריט אין די פוילישע סאַלאָנען, און צו וועלכען ער פלעגט אָפטערס קומען איינ-איינעם מיט׳ן גראף צו שפיעלען אין שאָך.

דאס איז נאָך אָבער נישט גאָר. אין אַ שענעם פריהמאָרגען האָט קיווקע אין זיך ענטפלעקט דעם סוד, אז ער איז נישט גלייכ-גילטיג צו דעם גראַפ׳ס שוועסטער. דאס איז געווען דאס ערשטע מאָל אין זיין לעבען, וואס ער האט זיך דערפיהלט פערליעבט, און ער האט זיך דעם געפיהל איבערגעגעבען מיט זיין גאַנצען יוגענד-פייער. ענוות׳דיג, ווי ער איז פון דער נאַטור געווען, האט ער זיך נישט געוואַגט אפילו צו טראכטען, אז זיין ליעבע זאָל פיהרען ווען-עס-איז צו ממשות׳דיגע רעזולטאַטען. ס׳האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און דעם גראַפ׳ס שוועסטער, וועלכע האט, קענטיג, בעמערקט, וואס אין איהם קומט פאָר, האט זיך אָנגעהויבען בעציהען צו איהם מיט אזא בעזונדערער אויפמערקזאַמקייט, אז ער האט בעקומען דעם איינדרוק, אז פרובט ער נור אַרויסזאָגען פאר איהר זיינע געפיהלען, וועט זי איהם גלייך בעצאָהלען מיט דערזעלבער מטבע... ער האט דאס אָבער נישט געטהון און עס אָבגעלעגט אויף אַ פאַסענדע געלעגענהייט, וועלכע האט איהם לאַנג אויף זיך נישט געלאָזט וואַרטען דערווייל איז ער אַרומגעגאַנגען, ווי פערשכור׳ט. אַלץ האט ער פערגעסען, אלץ איז איהם אַרויס פון זין, זיין יודישקייט, זיין פאָטער און אַלץ, וואס עס האט איהם נאָך ביז אַהין צוגעבונדען צו זיין פאָלק...

XI.

ס׳איז געווען סוף יאָהר 1862. צווישען דעם פוילישען פאָלק אין רוסלאַנד האט שוין דאַן געווירט. אומעטום האָט מען שוין גע-האַלטען ביים פערענדיגען די הכנות, וועלכע זענען געמאכט געוואָרען אין דער שטיל אַראָבצוואַרפען דעם שווערען רוסישען יאָך. שטארק איז געווען די בעוועגונג אויך אין ליטא. אין אַלע שטעדט און שטעדטליך האָבען געהיימע אַגיטאַטאָרען אין פייערדיגע רעדעס גע-

רופען דעם עולם צו שטעלען זיך צום קאַמף געגען דעם צאַרישען רעזשים. אין די הויפען און דערפער האָבען פערבאָרגענע הענד פערטיילט צווישען די פויערים פערשיעדענע מינים געוועהר מיט די געהעריגע אָנווייזונגען וועגען די אַלערליי סטראַטעגישע פונקטען, וואוהין די „פּאָווסטאַנצעס” וועלען זיך דאַרפען צוזאמענקומען ביים ערשטען רוף וועלכען מ׳האָט ערוואַרט פון טאָג צו טאָג. די פּאַראָלען צו דער „פּאָווסטאַניע” און די וויכטיגערע דירעקטיווען זענען ארויס־געגעבען געוואָרען פון פּאַריז, וואוהין עס האָבען זיך דעמאָלט צונויפ־געקליבען די פּראָמינענטסטע פיהרער פון די פּאָליאַקען.

פון די יודען, בעזונדערס אין די ליטווישע קליינשטעדטליך, האָבען נור ווענינע געוואוסט פון דעם, וואס עס קומט-פאַר צווישען די פּאָליאַקען, וועלכע האָבען די ערשטע צייט די בעוועגונג גע־האַלטען בסוד. עס זענען אָבער געווען אויך אַזעלכע שטעדטליך, וועלכע האָבען נאָך איידער־וואס-ווען שטאַרק גענומען ליידען פון דער „פּאָווסטאַנישער” שטימונג. די פויערים, וועלכע האבען זיך גערעכט צו ווערען אין גיכען די מושלים פון דער געגענד, האָבען דאס בע־צייטענס געגעבען צו פיהלען די יודען און זיי אָנגעטהון געברענטע צרות. בעזונדערס האָבען פון זיי געליטען די יודען אין די קלענערע פונקטען און אין די דערפער. די יודען, וועלכע האבען זיך מורא גע־האט צו בעקלאָגען אויף די פויערים פאר די רוסישע מאכט, פלעגען געוועהנליך אַפּעלירען אין אזעלכע פאלען צו די פּריצים פון די הויפען, און דאס רוב מיט ערפאָלג.

אויך די טראַסקונער יודען האָבען געהאט צו „זינגען און צו זאָגען” פון די אַרומיגע רעוואָלוציאָנעריש-געשטימטע פויערים. קומענדיג צום מארק-טאָג, פלעגען די פויערים אָננעהמען גאנצע פוהרען מיט סחורה ביי די יודישע קרעמער און נישט בעצאָהלען זיי קיין גראָשען; דערצו פלעגען זיי זיך נאָך אָנזויפען און אָנפרעסען אומ־זיסט אין די יודישע קרעטשמעס, און טאָמער האט ווער געהאט די העזה צו בעטען ביי זיי געלד, האבען זיי געמאכט די גרעסטע סקאַנ־דאלען. די געליטענע יודען זענען וויפיעל מאל געלאָפען מיט אַ געוויין צום אָרטיגען גלח, אָבער ער האט זיי גאָרנישט געקאָנט העלפען. זיי וואָלטען זיך געוויס אין אזא עת צרה געווענדט צום גראף, האט ער זיך אָבער נישט געפונען צו יענער צייט ביי זיך אין דערהיים, נור אין פאריז. דערווייל ווערט די לאַגע אלץ ערגער און

צרגער, די פּויערים ווערען אלץ דרייסטער און העזה׳דיגער, און קיין הילף זעהט זיך פון ערגיץ נישט ארויס.

די טראסקונער יודען האָבען אָבגעהאַלטען אין בית־המדרש עטליכע זיצונגען, אויף וועלכע זיי האָבען בעטראַכט און אַרומגערעדט די געשאַפענע לאַגע אַלזייטיג; נאָך לאנגע וויכוחים זענען זיי גע־קומען צום בעשלוס, אז זיי זעהען נישט פאר זיך קיין אנדער אויס־וועג, ווי נור אויסצוריכטען אַ דעפּוטאַציע צום גראַף קיין פּאריז און צו בעטען איהם, ער זאָל זעהן אָננעהמען מיטלען צו ווירקען אויף די פּויערים, וועלכע שטעהען אין זיין רשות, נישט צו בערויבען מעהר די קרעמערס מיט די שענקערס. אַלס ערשטען מיטגליעד פון דער דעפּוטאַציע האט מען געהאט פאָרגעלעגט דעם רב פון שטעדטיל; ער האט זיך אָבער דערפון אָבגעזאָגט, ווייל ער האט גאָר קיינמאָל אויף זיין לעבען נישט געפּרובט אפילו ארויסשטעלען זיין פוס מחוץ פון טראסקון, און אגב איז ער אַ גרויסער חלוש, און זינט איהם האט פּאַסירט דאס אומגליק מיט דעם אנטלאָפענעם זוהן, איז ער יעדע מינוט עלול אנידערצופאַלען פון עגמת־נפש אויפ׳ן אָרט און שטארבען. מ׳האט דאַן אויסגעקליבען אלס ממלא מקומו דעם שטעדטילדיגען נגיד׳ס איידעם, וועלכער האט געשמ׳ט פאר אַ וואויל־לערנער און דערצו אויך אלס קענער פון פּויליש. דאס איז געוועזן יענער יונגער־מאַן, וואס בחורוויז האט איהם אמאל קיווקע, צוריקקעהרענדיג זיך פון וואָלאזשין אויסגעלערנט שפּיעלען שאָך, כדי צו האָבען אַ פּארט־נער. דער דאָזיגער בחור איז דעמאָלט באַלד געוואָרען קיווקעס נאָהנטסטער, אינטימסטער פריינד, פאַר וועלכען ער פלעגט תמיד אויסגיסען זיין האַרץ. בעת קיווקע האט זיך אונטער דעם גראַפ׳ס השפּעה גענומען אַרומטראָגען מיט׳ן געדאַנק וועגען בילדען זיך, האט ער עס באַלד פערטרויט דעם בחור. נאָכדעם ווי קיווקע איז נעלם געוואָרען פון טראַסקון, האָט זיך דער בחור, אונטער זיין ווירקונג, גענומען אין דער שטיל בילדען, און צוזאַמען מיט ש״ס און פּוסקים האט ער שטודירט די פּוילישע שפּראַך. שפּעטער האָט איהם דער גביר פון שטעדטיל גענומען פאר אַב׳איידים, און דאַן האט ער זיך ארויס געוויזען מיט זיינע פּוילישע ידיעות. נעהמענדיג דאס אין אכט, האט מען איהם אויסגעקליבען פאר אַ שליח צום גראַף. צו איהם האט מען נאָך צוגעגעבען אלס צווייטען דעפּוטאט דעם טראַסקונער ראש־הקהל.ביידע זענען זיי ארויס אין וועג אַ פּאָר וואָכען פאר די

ערשטע סליחות, און קיין פאריז זענען זיי אנגעקומען אַ טאָג פאַר ערב ראש-השנה.

XII

דער גראף, וועלכער האט גוט בעמערקט די וואַרימע, שוין האלב אינטימע בעציהונגען מצד זיין שוועסטער צו קיווקען, האט עס נישט געזוכט צו שטערען; ס׳האט נאר אויסגעוויזען עפּיס אזוי ווי ער וואָלט דערויף געגעבען זיין שטומען הסכם אין אנ׳אנדער צייט וואלט ער עס אפשר נישט געטהון, ווייל ער איז געוועז, אויך נישט קיין פאַנאטישער קאַטאָליק, אָבער אַ גרויסער מקפיד אויף דעם אַריסטאקראטישען יחוס פון זייער גרעפישער משפחה. אבער אין יענעם מאָמענט האָבען אלע זיינע געדאנקען אנגעהערט דעה גרויסער בעוועגונג, וואס האט דעמאָלט ארומגענומען דאס פוילישע פאָלק, און צו וועלכער ער האט געזוכט צוצוציהען אויך קיווקען. ער האט ערווארט צו האבען פון קיווקען אַ פיעלזייטיגען נוצען לטובת דער זאך — ערשטענס, דורך זיינע פערבינדונגען אין די העכסטע פראַנצויזישע קרייזען, וועמענס סימפּאטיע די פּאָליאקען האבען דאן געוואָלט געווינען; צווייטענט, וואָלט ער געקאָנט ערפינדען טעכנישע הילפסמיטלען צום קאַמף, און אַ חוץ דעם קאן נאָך גראד פּאסירען, מ׳זאל דארפען אָנקומען צו דער יודישער בעטייליגונג. און ווער נאָך ווי קיווקע, אליין אַ וואוילגעלערנטער און אַ רב׳ס אַ זוהן, וועט זיין ביכולת צוווירקען אויף יודען, בעת עס וועט שלאָגען די געהעריגע שעה?

די דאָזיגע אלע ארגומענטען האבען געווירקט אויפ׳ן גראף צו שטעהן מן הצד און נישט אַריינמישען זיך אין דער ענטוויקלונג פון די געשעהענישען, אָבער דאס, וואס ער, דער גראף, האט צוליעב די אויבענדערמאָהנטע פּאָליטישע טעמים געפונען פאר נויטיג נישט צו טהון, — דאס האט זיין שוועסטער יאָ געטהון. ערצויגען שטרענג קאטוליש מיט טיעף איינגעוואָרצעלטע רעליגיעזע נויגונגען, האט זי נאָכדעם, ווי קיווקע האט זיך איהר סוף-כל-סוף ערקלערט אין ליעבע, איהם קאַטעגאָריש געמאָלדען, אז זי וועט איהם נישט געבען איהר האנד, וואו ער וועט פריהער נישט אָננעהמען דעם קריסטליכען גלויבען. קיווקע, אינגאנצען פער׳שכור׳ט פון זיינע געפיהלען, האָט זיך לאנג נישט געלאָזט בעטען, און אָהן אַ שום

אינערליכען קאמף האט ער ערפילט דעם וואונש פון זיין געליעבטער און זיך אָבגע׳שמד׳ט. ער האָט נור פערלאַנגט און גע׳פּועל׳ט, אז די טויף־צערעמאָניע זאָל פּאָרקומען אין דעם שטיל און אז ס׳זאָלען פון דעם וויסען בלויז געצעהלטע מענשען. אין אַ פערבאָרגען ווינקעל פון זיין האַרץ האט אין איהם אַ פּליה געטהון דער געדאנק, טאָמער ווערט מען פון זיין שמד געוואויר אין טראַסקון און דאָס דערגעהט נאָך, חלילה, צום פאטער...

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט קיווקע חתונה געהאַט מיט דער גרעפין, און איז באלד נאָכדעם אַריבער וואוינען צוזאַמען מיט׳ן גראף אין זיין אייגענער ווילע ביי פּאַריז.

XIII

אין יענער צייט האבען נאך די איבער פּאַריז צעוואָרפענע פּוילישע יודען נישט געהאט קיין בעזונדערן רב. אָנגעפיהרט מיט זייערע קהל׳שע אינטערעסען האט דעמאָלט אַ פאניעוועזשער יוד, שוין אַ זקן, וועלכער האט פון אַ גאַנץ לאַנגער צייט געוואוינט אין פּאַריז, וואו ער האט אָנגעפיהרט מיט גרויסע געשעפטען. צו דעם דאָזיגען מאן האבען זיך, אָנקומענדיג קיין פאריז געווענדעט די צוויי טראַסקונער שליחים, דעם שטעדטעלדיגען נגיד׳ס איידים מיט׳ן דאָרטיגען ראש־הקהל, מיט דער בקשה, ער זאָל פאר זיי זעהן אויפזוכען דעם גראף, צו וועלכען זיי זענען געשיקט געוואָרען פונ׳ם כּלל. דער פּאָניעוועזשער האט די שליחים זעהר שעהן אויפגענומען, און שוין אויף מאָרגען האט ער פאַר זיי בעקומען דעם אַדרעס פונ׳ם טראַסקונער גראף, און האט זיי אויך אָנגעוויזען, ווען און וואו זיי קאָנען זיך זעהן מיט איהם.

ווען ס׳איז אריין דער שווייצער און האט געמאָלדען דעם גראף, אז עס זענען געקומען צוויי טראַסקונער יודען, וועלכע ווילען איהם זעהן האט ער זיי תחלת נישט געוואָלט אויפנעמען, און נישט פון שלעכטסקייט, ווייל זיין בעציהונג צו יודען איז תמיד געוועזען אַ טאָלעראנטע און אַ גוטע, און בעזונדערס צו בעקאנטע, צו אייגענע. איהם האט בלויז אָבגעשראָקען דער געדאנק, אז זיי קאָנען זיך נאָך דאָ צוזאַמענטרעפען מיט קיווקען, וואס דאס וואלט געוויס געשמעקט מיט גרויסע אונאנגענעהמליכקייטען פארביידע צדדים. דעריבער האט ער זיי געשיקט זאָגען, אז ער איז גרייט אנצונעהמען זיי, אָבער נור אין

שטאדט. דערביי האט ער זיי בעשטימט די צייט און דאס ארט, וואוהין זיי האבען צו קומען.

האט אבער געדארפט פאסירען, אז בעת די שליחים זענען צו־ריק אראב פון די טרעפ, איז זיי גראד אנטקעגען אנגעקומען קיווקע, וועלכער האט זייביידען גלייך דערקענט, און איהם האט אבגעריסען פון הארצען. ער האט אבער געפונען אין זיך גענוג שטארקייט נישט צו בלייבען שטעהן, נור פארבייצופליהען זיי ווי א וויכער און אריינ־צוכאפען זיך אין שטוב. אין שטוב איז ער אבער אריינגעפאלען בלאס ווי די וואנד, ער האט זיך א ווארף געטהון אויף א סאפע, און האט לאנג נישט געקאנט כאפען דעם אטעם...

דערזעהן פאר זיך זיין אמאליגען חבר, זענען איהם גלייך ארויפגעשוואומען אין זכרון זיינע איבערלעבענישען אין עלטערן־הויז און אין דער וואלאזשינער ישיבה. ער האט זיך דערמאהנט אן זיין טאטע־מאמען און זיך פארגעשטעלט זייער צער און טרויער, און ער האט אויף זיי בעקומען שטארק רחמנות. זענענדיג פון דער נאטור א גרויסער רך־לבב און געפיהלפול, האבען איהם די דאזיגע אלע גאנץ אומגעריכט אויפגעוועקטע זכרונות געבראכט צו טרעהרען, וועלכע ער האט אבער באלד געכאפט און אבגעווישט, כדי נישט ארויסצוגעבען זיך פאר די שטוביגע.

אין קיווקען האט זיך אבער דערוועקט א שטארקער וואונש, וועלכען ער האט בשום אופן נישט געקאנט גובר זיין, צו זעהן זיך מיט זיין יוגענד־חבר. ווי שווער איז איהם געווען צו פערפיהרען וועגען דעם א געשפרעך מיט׳ן גראף האט ער זיך דאך צום סוף נישט געקאנט איינהאלטען און האט איהם אויף מארגען א פרעג גע־טהון, צוליעב וואס די טראסקונער יודען זענען דאס צו איהם גע־קומען. דאס איז געווען נאכדעם, ווי דער גראף האט זיך שוין אין דעם פון איהם בעשטימטען ארט געזעהן מיט די טראסקונער שליחים און האט פון זיי אויסגעהערט זייער בקשה. דער גראף, וועמען ס׳איז פיעל געלעגען דערין, אז קיווקע זאל אריינגעצויגען ווערען אין דעם שטראם פון דער „פאוסטאניע״, האט געפונען פאר גלייכער צו פער־הוילען פון איהם דעם אמת, כדי נישט צו ווארפען אין זיינע אויגען א שאטען אויף דער רעוואלוציאנערער שטימונג פון די פויערים, און האט איהם געזאגט, אז די יודען זענען צו איהם אראבגעפאהרען בעטען, ער זאל זיי הייסען ארויסגעבען פון זיין צעגעלניע עטליכע

צעהנדליג טויזענד ציגעל אויף אויסצובויען פאר פעראָרימטע קרעמער געמויערטע קראָמען, אנשטאט די הילצערנע, די אָבגעברענטע. דער־ביי האט איהם דער גראף געזאָגט, אז ער האט תיכף ממלא געוועזן זייער בקשה, און אז זיי זאָלען נאָך היינט האָבען פערלאָזען פאַריז.

קיווקען האָבען דעם גראפ'ס תשובות נישט צופריעדען גע־שטעלט. ער האט פערשטאנען, אז צוליעב ציגעל, אין וואס פאר א צאהל מ'זאָל זיי נישט דארפען, וועט קהל נישט אויסריכטען קיין ספעציעלע שליחים קיין פאַריז. דאס הארץ האט איהם געזאָגט, אז די זאך איז עפּיס נישט אזוי. ליעגענדיג בײנאכט אויף זיין גע־לעגער, האָט ער אויך אויסגערעכענט, אז אַ פּאָר טעג פאר יום־כפור וועלען טראַסקונער יודען נישט ארויס אין וועג, און געוויס האַלטען זיי זיך נאָך אויף אין פאַריז. באלד האט אין איהם אויפ־געבליצט דער געדאנק, אז ער וועט זיי יום־כפור געוויס טרעפען אין דער פוילישער קלויז, און האט פעסט בעשלאָסען אַהין אריבערצוגעהן, מיט'ן דאַזיגען בעשלוס איז ער איינגעשלאָפען.

XIV

אין דער נאכט פון „כל־נדרי" האט זיך קיווקע געלאָזט געהן אין דער פוילישער קלויז. ער איז שוין גאַנץ לאַנג אין אַ יודישער שוהל נישט געווען און ווי ער איז נור אריבערגעטראטען די שוועל און האט דערזעהן דעם עולם מתפללים אין די טליתים און אין די ווייסע קיטלען, האבען פאר איהם אָבגעלעבט אלטע, פערגעסענע היימישע בילדער, און ער איז געבליבען שטעהן אויף זיין ארט נידערגעשלאָגען און ערשיטערט. ער איז געוואָרען בעהערשט פון אַ מעכטיגען חרטה־געפיהל, וואס האט איהם גענומען דריקען ווי אַ קאָש־מאר. לייכטער איז איהם ערשט געוואָרען, נאָכדעם ווי ער האט אויסגעשאָסען מיט אַ גרויס געוויין, וואָס האָט זיך צוזאמענגעמישט מיט דער אַלגעמיינער חליפעריי פון די דאַווגער. זיינע בליקען האבען גענומען זוכען די טראַסקונער שליחים, ער האט זיי אָבער נישט גלייך געפונען. ביידע זענען זיי געשטאנען אין אַ ווינקעל, פערדעקט מיט די טליתים איבער די קעפּ.

ערשט נאָכ'ן דאַווגען, בעת דער עולם האט זיך אָנגעהויבען פונאנדערגעהן, האט קיווקע פון דערווייטען דערזעהן זיין חבר. נישט

פיעל קלערענדיג איז ער צו איהם צוגעגאַנגען, געגעבען איהם „שלום־עליכם“ און געפרעגט: — דו האסט מיך דערקענט?

דער חבר האט זיך אין איהם גוט אייגעקוקט, און האט איהם אָבער באַלד נישט דערקענט. ס׳איז פאר איהם געשטאנען אַ גלאַט־אָבגעראַזירטער עלעגאנט־געקליידעטער אַריסטאָקראַטישער יונגערמאַן, וועלכער איז ווייט נישט געווען ענליך אויף קיווקע דעם רב׳ס מיט די לאנגע פאות און אין דעה ביז צו דער ערד אַראָבהענגענדיגער ראַצעמארענער קאַפאטע, ווי ער איז איהם געוועהנט געווען צו זעהן ביז׳ן לעצטען טאג פאַר זיין פערשווינדען פון טראַסקון.

— דו דערקענסט מיך טאַקי נישט? — האט איהם קיווקע איבערגעפרעגט.

ערשט איצט האט איהם דער חבר דערקענט לויט׳ן קול, און ער האט אויסגעשריען:

— קיווקע!

און די ביידע חברים זענען זיך געפאַלען אין די אָרעמס.

באַלד האט דער חבר גענומען פערשיטען קיווקען מיט פראַגען:

— קיווקע, ווי קומסטו אהער אזש קיין פאַריז? דיין טאטע וואָלט עס געוואוסט! וואס איז מיט דיר? ביזט כאָטש אַ יוד?

דאָ האָט זיך אין געשפרעך אַריינגעמישט דער צווייטער שליח, דער טראַסקונער ראש־הקהל, און אַ זאָג געטהון:

— וואס איז דאָס פאַר אַ שאלה? אז ער וואָלט נישט געווען קיין יוד, וואָלט ער דאָך היינט נישט געקומען אין שוהל.

XV.

קיווקע האָט דערצעהלט זיינע בני־עיר אַלץ, וואָס מיט איהם האָט פאַסירט, ווי ער האָט זיך אונטער דעם גראַפ׳ס השפעה בע־שלאָסען צו נעהמען פאַר בילדונג, און ווייל אין דער היים ביי זיין פאָטער איז דאָס איהם אונמעגליך געווען אויסצופיהרען, איז ער אַוועק אַהער קיין פאַריז, וואו ער האָט בעקומען די נויטיגע מיטלען צו דערגרייכען זיין ציעל. דערווייל דאַרף נאָך אָבער דער פאָטער נישט וויסען, וואָס מיט איהם איז און וואו ער געפינט זיך; אינגיכען וועט ער איהם אַליין וועגען דעם מודיע זיין און וועט איהם נאָך אפשר אַראָבברענגען צו זיך, כדי ער זאָל זעהן מיט די אויגען זיין גליקליך לעבען און זאָל פון איהם נחת האָבען. וועגען

דער געשיכטע פון זיין שמד און וועגן זיין חתונה מיט דעם גראַפ׳ס שוועסטער האָט ער געוועהנליך געמאַכט אַ שוויג.

תמימים ווי די טראַסקונער זענען געווען, האבען זיי קיווקען אין קיין זאך נישט פערדעכטיגט: זיי האָבען איהם אלץ געגלויבט און נישט געפונען פאר נויטיג צו מאַכען וועגען איהם אַ ווענלכע-עס-ס׳איז חקירה ודרישה. מיט דעם דאָזיגען איינדרוק זענען זיי אָבגעפאהרען צוריק קיין טראַסקון, וואו זיי זענען געבליבען טריי זייער צוזאָג, און האבען דעם רב, אויך קיין אנדערן אין שטעדטעל, נישט דערצעהלט וועגען זייער בעגעגעניש מיט קיווקען.

אָבער נישט לאנג האט זיך קיווקע געפונען אונטער דער ווירקונג פון דעם דאָזיגען בעגעגעניש. שוין די ערשטע עטליכע טעג נאָך זיין טרעפען זיך מיט זיין חבר האט מען אָן איהם לייכט געקאָנט בעמערקען, אז ער האט פערלוירען זיין גלייכגעוויכט און איז געקאנט באמערקען, אז ער האט פערלוירען זיין גלייכגעוויכט און איז ווי עפּיס נישט ביי זיך. צוערשט זענען אויף דעם געוואָרען אויפמערקזאם זיינע ארומיגע פריהער די גרעפין, דערנאָך דער גראף און צום סוף אויף אלע איבריגע שטוב-מענשען. מ׳האָט דערקענט אָן זיין פנים, וואָס האָט נישט ארויסגעוויזען זיין געוועהנליכע אויפגעלעגטקייט, אן זיין מינע און אָן זיין נאנצען בענעהמען, אז עס בפאונרוהיגט וואס דריקען אויף איהם ווי אַ בליי. אָבער, ווי געזאָגט, האט זיין דאָזיגער אינערליכער צושטאַנד ווייניג געדויערט. נאָך אַין קנאַפּער פון אַ וואָך איז שוין פון זיין געדריקטער שטימונג אפילו קיין זכר נישט געבליבען. עפּיס ווי דורך אַ צויבער-שטעקעלע איז פערשוואונדען געוואָרען פון זיין פנים יעדער סימן פון אונרוהע, פון אונצופרידענהייט, און באלד האט ער זיך צוריק אַריינגעצויגען אין דעם שטראָם פון זיין אַלטעגליכען לעבען. ס׳האט אויסגעוויזען, אז די יום-כפור׳דיגע איינדרוקען זענען אין איהם געוואָרען אויסגעלאָשען, אז די בעגעגעניש מיט׳ן יוגענד-חבר האט, אין איהם נישט איבערגעלאָזט קיין רושם, און ווי ער וואָלט ווידער אלץ פערגעסען צוזאַמען מיט׳ן פאָטער און מיט כל ישראל.

אזוי איז אַוועק אַ געוויסע צייט. קיווקע האט זיך נאָך אלץ בעשעפטיגט מיט זיינע וויסענשאַפטליכע אַרבייטען, און זיינע חדושים אויפ׳ן טעכנאלאגישען געביט האָבען ארויסגערופען ביי ספעציאַליסטען גרויס בעוואונדערונג. ווי מ׳האט דערצעהלט, האט ער שוין געהאַלטען

בײַ פערענדיגען שרײַבען אַ ספר, װעלכער װאָלט געבראַכט צו אַן איבערקערעניש אין פיעל ביז אַהער פון די גרעסטע װעלט-געלעהרטע אָנגענומענע װיסענשאַפטליכע אמת'ן. ער האט זיך געריכט, און אזוי האָבען ערװאַרט אויך אַנדערע, אז דער ספר װעט פעראײביגען זײַן נאָמען, און ער האָט זיך צו איהם איבערגעגעבען מיט דעם גאַנצען פײַער פון זײַן נשמה. דאס האט עטליכע מאָל געבראַכט צו געשפרעכען צװישען איהם מיט דעם גראַף. דער גראַף האָט קיװקען געװאָלט פעראינטערעסירען מיט דער „פּאָװסטאַניע", און ער האט אָנגעװענדט פיעל קרעפטען צו װירקען אויף איהם, ער זאָל זיך בעטייליגען אין דער בעװעגונג. אָבער קיװקע, װעלכער האָט געהאט בכלל װעניג זין פאַר פּאָליטיק און האט זיך, אגב, נישט געװאָלט אָברײַסען פון זײַן װיסענשאַפטליכער טעטיגקײַט, האָט זיך נישט געלאָזט בעאײַנפלוסען פונ'ם גראַף און געפונען פאַר גלײַכער צו בלײַבען שטעהן פון װײַטען. ער איז פערבליבען פעסט בײַ זײַן מײַנונג אויך אפילו נאָכדעם, װען מיט דעם גראַף האָט גענומען האַלטען די שװעסטער, און בײַדע האָבען זײ איהם געטריבען נישט אַנדערש, אז ער דאַרף זיך צײַטװײַליג אָבזאָגען פון לערנען און צושטעהן צו דער בעװעגונג. ער האט זיך געהאַלטען בײַ זײַן טענה, אז כל זמן ער װעט נישט פערענדיגען זײַן ספר, קאָן איהם קײַן זאַך נישט קריכען אין קאָפּ. און ער האט נישט געענדערט זײַן מײַנונג אויך נאָכדעם, װי דער גראַף האט איהם געפרובט געבען אָנצוהערענישען, אז ער איז עלול דורך זײַן עקשנות אַרויסצורופען פאַמיליען-רײַבונגען...

XVI

שענע עטליכע חדשים זענען שוין אריבער זינט די טראַסקונער שליחים האָבען זיך צוריקגעקעהרט פון פאַריז אין זײער שטעדטיל. די גאַנצע צײַט האָט דעם נגיד'ס אײדים ערװאַרט פון טאָג צו טאָג, אז אָט, אט װערט זײער גרײַז-גראַהער רב דערפרעהט מיט קיװקעס אַ בריעף, און אפשר נאָך אויך מיט דער בשורה טובה װעגען אַראָפּברענגען צו זיך דעם פאָטער. אז ס'איז אַװעק אַ חודש און צװײ, און פון קיװקען איז נישט אָנגעקומען קײַן שום ידיעה, האט עס איהם שטאַרק פערדראָסען. און נישט אײנמאָל האט ער שוין געהאַט בעשלאָסען אַריבערצוגעהן צום רב און מגלה זײַן איהם דעם סוד

וועגען זיין זוהן. ער האָט עס אָבער נישט געטהון. ער האָט אלץ גע־קלערט: ווער ווייסט? אפשר קומט מאָ־גען אָן דער בריעף?

ס'האָט אָבער פּאסירט, אז דעם נגיד'ס איידעם, האָט קומענדיג אמאָל אין דער פריה אין בית־המדרש צום דאַווענען, בעמערקט ווי דער רב געהט אַרום בעזונדערס פערצאָגט און פערטרויערט. ער איז צו איהם צוגעגאַנגען און האט איהם געפרעגט:

— רבי, וואס זעהט איהר עפּיס היינט אויס אזוי אומעטיג? איז אייך עפּיס וואס געשעהן?

דערויף האט דער רב איהם געענטפערט:

— איך האָב געהאט אַ פערשטערטע נאַכט. די רבי'צן האט זיך אויפגעכאַפּט אינמיטען רעכטען שלאָף מיט אַ געוויין: „מיין זוהן! מיין זוהן!" איהר האָט זיך עפּיס גע'חלומ'ט נישט קיין גוטס וועגען קיווקען. וואס און ווען, — האָט זי זיך נישט געקאָנט דערמאָהנען. איך האָב איהר קוים בערוהיגט, אָבער איינשלאָפען ווידער האב איך שוין נישט געקענט. דאָס האַרץ האָט מיר אזוי פערקלעמט, אז מיר איז שוין שווער געווען צומאַכען מיט אַנ'אויג.

דעם רב'ס ערקלערונג האָט געמאַכט אויף קיווקעס חבר אַנ'ער־שיטערענדען איינדרוק. ער האָט קוים דערלעבט, עס זאָל שוין זיין נאָכ'ן דאָווענען. און דאַן האָט ער אָבגערופען דעם רב אָהן אַ זייט און איהם דערצעהלט אלץ, וואס ער האָט געוואוסט וועגען קיווקען. דערביי האָט ער געבעטען דעם רב, ער זאָל איהם מוחל זיין, פאַרוואס ער האָט איהם די זאַך נישט מגלה געווען ביז אַהער.

ביים רב אין שטוב, וואוהין עס איז זיך שפּעטער צונויפ־געקומען דאס גאַנצע שטעדטיל, האָבען ביידע טראַסקינער שליחים איבערגעגעבען וועגען זייער גאַנץ אומגעריכטען בעגעגעניש מיט קיווקען מיט אַלע פּרטים. דאָס ערשטע, וואס דער רב האָט געפרעגט מיט אנ'אויסגעשריי, איז געווען:

— איז ער אָבער כאָטש געבליבען אַ יוד?

— נאָך וואס פאַר אַ יוד! — האָט געענטפערט דעם נגיד'ס איידעם — אַ פרומער, עהרליכער יוד! איהר האָט געדאַרפט זעהן, ווי ער האט גע־וויינט צו „כל־נדרי".

— אַ דאנק און אַ לויב דיר, גאָט! — האט אויסגערופען דער רב, פונאַנדערווייבענדיג זיך פון גרויס שמחה.

אויף מאָרגען האָט מען אין שטעדטיל גענומען רעדען, אז דער

רב קלויבט זיך קיין פאַריז. קהל האט אפילו געפּונען, אז א.ז.ג ווייטע נסיעה איז פאַר איהם צו רוזיקאַליש, און האָט איהם געוואָלט אָפּ־האַלטען דערפון. ער האָט אָבער געטענה'ט מיט איין קול, אז ער מוז זעהן זיין בן־יחיד, כל זמן איהם איז נאָך בעשערט צו לעבען. דאַן איז געבליבען ביי קהל, אז הות ווי דעם נגיד'ס איידים איז שוין אַמאָל געוועזען אין פאַריז, זאָל ער איצט אַהין בעגלייטען דעם רב.

אָנגעקומען קיין פאַריז, איז דער רב פערבליבען אויף דער קוואַרטיר, און דעם נגיד'ס איידים האט זיך געלאָזט געהן אויפזוכען קיווקען. ער האָט אָבער בשום אופן נישט געקאָנט דערגעהן זיין אַדרעס, ווייל ער האָט זיך די גאַנצע צייט, זינט ער האט זיך בעזעצט אין פאַריז, אָנגערופען אויף אַן׳אנדער פערפוילישטען נאָמען, אונטער וועלכען ער איז אַלעמען געוועזען בעקאַנט. דער חבר האט זיך אָבער דערמאנט, אז לויט ווי קיווקע האָט איהם דאָס לעצטע מאָל דערצעהלט, בעזוכט ער אָפט אין די אווענדען דעם שאַכ־מאַטיסטען־קלוב. ער איז אַהין אַוועק, און האָט איהם דאָרט געפונען ערשט אויפ׳ן דריטען אָוונד, אין וועלכען עס איז פאָרגעקומען אַ וועט־שפּיעל צווישען די גרעסטע פאַריזער שאַכמאַטיסטען מיט קיווקעס אנטייל. ער האָט אָבגעוואַרט ביז דאָס שפּיעל האָט זיך פערענדיגט, און בעת דער עולם האָט זיך גענומען פונאַנדערגעהן, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביים אַרויסגאַנג, אָבצוהיטען קיווקען. קיווקע איז אָבער אַרויס אונטער'ן אָרעם מיט אַ יונגער עלעגאַנטער דאַמע, מיט וועלכע ער האָט זיך אַריינגעזעצט, קענטיג, אין אַן׳אבגעוואַרטער קאַרעטע, און זענען באלד פערשוואונדען געוואָרען פון זיינע אויגען. אַן׳ענטטוישטער איז ער געבליבען שטעהן ביי דער טיר. פּלוצלונג האָט איהם אַ בליץ געטהון דער געדאַנק, אז די דאַמע, מיט וועלכע קיווקע איז אַרויס געאָרימט, קומט איהם עפּיס אויס נישט פרעמד, ער געדענקט אָבער נישט וואו ער האָט זי געזעהן. קלערענדיג אזוי, האָט ער זיך מיט אַמאָל געגעבען אַ כאַפּ, אז ער ווייסט ווער זי איז, ער האָט זיך דערמאָהנט, אז דאס איז דעם טראסקונער גראַפ׳ס שוועסטער, וועלכע פלעגט אָפט אַראָבפאָהרען אין שטעדטיל און פלעגט מאַכען ביי זיין שווער אין קלייט פערשיעדענע איינקויפונגען. ווי קומט זי אָבער צו קיווקען?...

XVII

ביסלעכווייז איז דעם נגיד׳ס איידים אויסגעקומען אַלץ מעהר געוויסער, אַז די דאַמע, וועלכער ער האָט געזעהן אַרויסגעהענדיג פון שאַכמאַטיסטען-קלוב געאָרעמט מיט קיווקען, איז נישט קיין אנדערע, ווי נור דעם טראַסקונער גראַפ׳ס שוועסטער. ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז אין טראַסקון האט מען שוין לאַנג דערצעהלט, אַז די יונגע גרעפין געפינט זיך פון אַ געוויסער צייט אין פּאַריז, וואו זי האט חתונה געהאַט מיט אַ גרויסען געלעהרטען. קיווקע איז אפילו אַ מלומד, אָבער אַ פּוילישע גרעפין וועט דאָך נישט חתונה האָבען מיט אַ יודען. אז קיווקע זאָל זיך האָבען גע׳שמד׳ט, — דאס האט זיך זיין חבר בשום אופן נישט געקאָנט לעגען אויפ׳ן זין. ער האָט צוגוט געקענט קיווקען און זיין צוגעבונדענקייט צו די עלטערן, ער זאָל איהם חושד זיין, אז ער האט ביי זיך גע׳פּועל׳ט צו טהון אזא טריט, וועלכער וואָלט פאַר זיי געווען אַ טויט-קלאַפּ. ווי קומט ער אָבער פּאָרט צו דער גרעפין? אויף דער פראַגע האָט זיך זיין חבר לאַנג געבראָכען דעם מוח, ביז ער האָט זיך צום סוף אָנגעכאַפּט אן דעם געדאַנק, אז אפשר וועט ער עפּיס קאָנען דערגעהן וועגען דעם ענין ביי דעם פּאָניעווזשער זקן, דער גבאי פון דער פּוילישער קלויז אין פּאַריז, וועלכער האט איהם דאס פּאָריגע מאָל געהאָלפען אויסגעפונען דעם אַדרעס פונ׳ם טראַסקונער גראַף.

קומענדיג צוריק אויף דער סטאַציע, האט קיווקעס חבר דעם רב קיין שום מעשה נישט דערצעהלט. ער האט איהם נור געגעבען אנצוהערעניש, אז אין אזא מיליאָנען-שטאָדט ווי פּאַריז איז נישט אזוי לייכט אויסצוגעפינען אַ מענשען, בעזונדערס פון אַ פרעמד לאַנד, און אז דאס קאָן, אפשר, געדויערן שענע עטליכע טעג. אָבער אויף מאָרגען גאַנץ פריה, באַלד ווי ער איז אויפגעשטאַנען, איז ער אַוועק צום פּאָניעווזשער און האָט איהם פערטרויט די גאַנצע געשיכטע און ביי איהם געבעטען אַן עצה, וואס צו טהון. נור איין זאך האט ער דעם פּאָניעווזשער נישט דערצעהלט: ער האָט איהם נישט געזאָגט, אז דער רב אליין איז מיט איהם אויך מיטגעקומען קיין פּאַריז, אום צו זעהן זיך מיט זיין זוהן.

דער פּאָניעווזשער זקן, וועלכער איז געווען אַ יוד אַ פּקח, מיט אַ סך לעבענס-פּראַקטיק, האט אויסגעהערט די געשיכטע מיט

גרויס אינטערעס און צוגעזאָגט דעם טראַסקונער יונגעמאַן מיטצוהעלפען איהם, ווי ווייט ער וועט נור קאָנען, אויפצוזוכען קיווקען און צו דערגעהן וועגען איהם דעם גאַנצען אמת. דערביי האט ער איהם אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אז אין אַזעלכע זאַכען דאַרף מען האַנדלען זעהר פּאָרזיכטיג און מיט גרויס בעדאַכט, און בעזונדערס נישט צו מאַכען קיין ליארים, וואָרום טאָמער האָט זיך קיווקע באמת דערוויטערט פון יודענטום, וואָס דאָס האָט מיט אַזא מענשען זעהר געקאָנט פּאַסירען, וועט ער זעהן מיט אלע מעגליכקייטען נישט צו טרעפען זיך מיט יודען בכלל און מיט זיינע בני־עיר בפרט, און וועט זיך דערצו בענוצען מיט אלע מיטלען. דעריבער איז זיין עצה, צו פיהרען די חקירה ודרישה וועגען קיווקען אין דער שטיל און צוצוקוקען צו איהם אומגעריכט באופן, ער זאָל זיך נישט קאָנען אַרויסמאַכען. אַרומרעדענדיג אַלזייטיג דעם ענין, איז ביי זיי געבליבען צו אָבסערווירען קיווקען אין דעם טראַסקונער גראַפ׳ס ווילע, ווארום טאָמער האט ער עפּיס יאָ אַ שייכות צו דער גרעפין, וועט מען איהם דאָרט געוויס געפינען.

דעם וועג צו דעם טראַסקונער גראַפ׳ס ווילע האט קיווקעס חבר געוואוסט נאָך פון דעם פאָריגען מאָל, וואָס ער איז געוועזן אין פּאַריז. ער איז אַהין אוועק און האָט זיך אַוועקגעשטעלט נישט ווייט פון אַריינגאַנג. עטליכע שעה איז ער אזוי אָבגעשטאַנען, אָבער אָהן אַ שום רעזולטאַט. שפּעטער האָט ער בעמערקט אַרויסגעהענדיג דעם גראַף, אין אַ ווייל אַרום האָט ער דערזעהן די יונגע גרעפין. קיווקע האָט זיך אָבער נישט בעוויזען. אַזוי זענען אַריבער עטליכע טעג. דאָס זענען געווען גראָד יענע טעג, ווען קיווקע איז געוועזן איינגעשלאָסען ביי זיך אין קאַבינעט און האָט פערענדיגט שרייבען זיין ווערק. דער חבר האָט שוין געוואָלט גלויבען, אז ער איז אַוועק אויף אַ פאַלשען וועג, און אז ס׳איז באמת נישטאָ קיין שום צוזאמענהאנג צווישען דעם גראַף מיט קיווקען, און מען דאַרף איהם דעריבער זוכען נאָר ערגעץ-וואו אַנדערש. ס׳האָט שוין געהאַלטען נאָהענט דערביי, ער זאָל אינגאַנצען אויפגעבען דעם פּלאַן וועגען אָבהיטען קיווקען ביי דעם טראַסקונער גראַפ׳ס ווילע. אויף מאָרגען ביי-טאָג האָט ער זיך אָבער געפּרובט און איז ווידער אוועק צו דעם גראַפ׳ס ווילע, און דאָסמאָל איז זיין גאנג נישט געוועזן אומזיסט, און איז געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג. ער איז נאָך

נישט אָבגעשטאַגען ביים אריינגאַנג קיין גאַנצע פערטעל שעה, האָט ער דערזעהן קיווקע אַרויסגעהענדיג מיט א טעקע אונטער׳ן אָרעם.

נישט פיעל קלערענדיג, האָט דער חבר אויסגעשריען ווי נישט מיט זיין קול:

— קיווקע!

ביים חבר׳ס אָנבליק איז קיווקע געוואָרען בלאַס ווי קאַלך. ער האָט זיך אזוי פערלוירען, אז ער איז עטליכע מינוט נאָך דער רייה געבליבען שטעהן, אויף זיין ארט שטום ווי די וואַנט. דאָסמאָל האָט ער זיך שוין נישט געוואָרפען אין דעם חבר׳ס אָרעמס, נור אָנגעקוקט איהם שטאַר און פערגליווערט.

דער חבר, ווי אויפגערעגט און דערנערווירט ער איז אין יענע מינוטען געווען, האָט זיך דאָך באַלד געשטאַרקט און אַ פרעג געטהון:

— ווי קומסט דו עפּיס אַהער צום טראַסקונער גראַף? ווי איך זעה, שיינסט דו מיט איהם צו זיין אַ נאָהענטער קרוב?...

נישט אזוי גיך איז נאָך אָבער קיווקע געקומען צום לשון. ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען פערשטיינערט. אין אַ ווײַלע ארום האָט ער זיך, אַרומקוקענדיג זיך אין אַלע זייטען, אָבגערופען:

— דו ווילסט מיט מיר עפּיס רעדען, איז נישט דאָ דאס אָרט, קום מיט מיר!

קיווקע האָט אָבגעשטעלט אַ פערבייפאָהרענדיגע לעדיגע קאַרעטע, אין וועלכער ער האט זיך אַריינגעזעצט צוזאמען מיט׳ן חבר, און האט זיך געהייסען פיהרען אין אַ געוויסען בולוואַר. דעם גאַנצען וועג האָט קיווקע געשוויגען; ער האט זיך, קענטיג, געקליבען אין זיינע געדאַנקען, נישט וויסענדיג מיט וואָס אָנצוהויבען. קומענדיג אויפ׳ן בולוואַר האט ער זיך קוים געפאסט מוט און געפרעגט דעם חבר:

— צוליעב וואס ביזטו איצט ווידער אַהער געקומען?

— איך בין אַהער געקומען צוליעב דיר — האט איהם דער חבר געענטפערט — און נישט אזוי צוליעב דיר, ווי צוליעב דיינע אומגליקליכע עלטערן וועלכע הערען נישט אויף צו טרויערן נאָך דיר. דו האָסט זיי, ווי עס ווייזט אויס, גאָר אין זינען נישט. דאָס פאָריגע מאל האסטו מיר מבטיח געווען, אז באלד וועסטו וועגען זיך געבען צו וויסען די עלטערן, און אז דו קלערסט זיי אַראָבברענגען אין גיכען צו זיך אום צו פערשאַפען זיי אַ זיסע עלטער, און צום סוף האָסטו נישט געהאַלטען קיין וואָרט, און האָסט זיי ביז אַהער נישט דער-

פרעהט מיט איין גוט וואָרט. דיין פאטער איז שוין פון גרויס צער געווען נאָהענט אויסצוגעהן ווי אַ ליכט, האָט ער זיך אָבער דערוואוסט, אז דו געפינסט זיך דאָ אין פּאַריז און — — —

— דער טאטע ווייסט, אז איך בין דאָ אין פּאַריז? — האט איהם קיווקע אין גרויס אויפרעגונג איבערגעריסען.

— יאָ, ער ווייסט; איך האב דאס איהם דערצעהלט. איך האב שוין מעהר נישט געקאָנט צוזעהן זיין שמערץ, און ער, אַ קראנקער, אַ נויטה-למות׳ער, איז געקומען אַהער צו לויפען, אום צו זעהן זיך מיט דיר!

— דער טאטע איז דאָ? דאָ אין פּאַריז? — האט קיווקע אויסגעשריען און זיך געכאַפּט פאַר׳ן קאָפּ-פּיהר מיך די מינוט צו איהם!

פון דעם בולוואר ביז דער אכסניא, אין וועלכער דער רב איז איינגעשטאַנען, איז געווען אַ היבשער מהלך. די גאַנצע צייט איז קיווקע געגאנגען אַ פערטראכטער, און דער חבר האט איהם נישט געוואָלט שטערען אין זיינע געדאַנקען, און האט אויך געשוויגען. פּלוצלונג האָט זיך קיווקע אָבגעשטעלט און זיך אָבגערופען צום חבר:

— אָט וואַרט דאָ אויף אַ קליין ווײַלע: איך געה דאָ נור ארויף צו אַ בעקאַנטען איבערצולאָזען ביי איהם מיין טעקע.

דאס איז געווען נעבען אַ גרויסען דורכגאנגס-הויף, וואס האט מיט זיינע פיעלע בנינים אויסגעוויזען ווי אַ לאבירינט. קיווקע איז אַריין אין הויף, אין וועלכען ער איז תיכף פערשוואונדען געוואָרען.

דער חבר, וועלכער איז געבליבען שטעהן דרויסען, האט לאַנג געוואַרט און געוואַרט. ערשט ווען ער איז אָבגעשטאנען נעבען הויז עטליכע שעה, און קיווקע איז נאך אַלץ נישט ארויס, האט ער פערשטאנען וואס דאָ איז געשעהן, און ער האט זיך מיט אַ צובראכען האַרץ צוריקגעקעהרט אויף דער אכסניא.

דער סוף איז געווען, אז וויפיעל קרעפטען אַלע, דער חבר מיט׳ן רב מיט דער הילף פונ׳ם פּאַניעוועזשער זקן, האבען נישט אוועקגעלעגט אויפצוזוכען קיווקען, און וויפיעל מיטלען זיי האָבען דערביי נישט אָנגעווענדט, איז אַלץ געווען אומזיסט. מ׳האט אויסגעזיכט גאנץ פּאַריז, און מ׳האט קיווקען נישט געפונען. ער איז אריין ווי אין וואַסער. — —

— — — — — — — — — — — — — — —

ביז אַהער דערגרייכען די ידיעות, וועלכע איך האב צוזאמענגעקליבען פון פערשיעדענע מקורים וועגען דעם טראסקונער עלוי עקיבה'לע גרינשטיין, מיט וועלכען ס'האט אין זיין צייט גע'רעשט גאנץ ליטא. דאס ווייטערדיגע וועגען איהם האט שוין אַ לעגענדאַרישען כאַראקטער, און קורסירט נאך עד היום ארום אין מאנכע ליטווישע שטעדט און שטעדטליך אין אלערליי ווערסיעס. לויט איין ווערסיע איז קיווקע, נאָכדעם ווי ער איז נעלם געוואָרען פון פאַריז, אַוועק קיין ליטא, וואו ער האט זיך אויס גרויס פערצווייפלונג אַריינגעוואָרפען אין דער „פּאָוסטאניע”, און זיין סוף איז געווען, אז ער איז מיט אַ גרופּע „פּאָוסטאַנצעס” אַריינגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט צו די רוסען, וועלכע האָבען איהם, וויסענדיג זיין יחוס, דערשאָסען אויפ'ן אָרט. לויט אַ צווייטער ווערסיע האט קיווקע פערלאָזט ווייב און קינד און איז געוואָרען אַ בעל-תשובה: ער האט אַ לאנגע צייט אַרומגעוואַנדערט איבער דער וועלט און אבגעריכט גלות, ביז מ'האָט איהם אין אַ געוויסען טאָג געפונען ליגענדיג אַ טויטען אין פּאָליש פון דער טראַסקונער קאַלטער שול...

אַ פאקט איז נור, אז דער רב האָט זיך שוין מעהר קיין טראסקון נישט צוריקגעקעהרט. נאכדעם ווי ער איז דערגאנגען, אז קיווקע האט זיך גע'שמד'ט און חתונה געהאט מיט דעם גראפ'ס שוועסטער, האט ער געריסען „קריעה” און זיך אַוועקגעזעצט נאך איהם „שבעה”. אין אַ צייט ארום איז ער, לויט דער רעקאמענדאציע פון דעם פּאָניעוועזשער גבאי אויסגעקליבען געוואָרען אַלס רב אין דער פאַריזער פּוילישער שול. ער האט שוין אָבער נאכדעם לאנג נישט געלעבט און איז געשטאָרבען.

טעוועלע מלאדעצכי.

I.

אין די ערשטע זעכציגער יאָהרען פונם פאָריגען יאָהרהונדערט האָט מען פיעל גערעדט אין סלוצק, מינסקער גובערניע, וועגען אַ יונגעל אַנ'עילוי, דער זוהן פון אַ דאָרטיגען מלמד־דרדקי. מען האָט דערצעהלט וועגען דעם דאָזיגען יונגעל נפלאות: אַז צו זעקס יאָהר האָט ער געקענט אויף אויסווענדיג אַחוץ גאַנץ תנ"ך, אויך אַ פּאָר מסכתות גמרא, אַז נאָך פאַר „בר־מצוה" איז ער שוין געווען קלאָר אין האַלב ש"ס און האָט מיט זיין חריפות אַריבערגעשטיגען די גרעסטע שטאָדטישע לומדים. אין סלוצק האָט דאַן געוואוינט דער וויט־ און ברייט־בעריהמט געוועזענער לאַנד־גביר ר' יונה איסערלין, אַ יוד אַ למדן און א מוקיר־רבנן, וועלכער האָט געהאט אַנ'אייגענעם בית־מדרש, וואו יונגע־לייט וואויל־לערנער זענען געזעסען יום ולילה און האָבען געלערנט. צו דעם דאָזיגען ר' יונה איסערלין האט דער מלמד אין אַ געוויסען זומערדיגען שבת נאָכמיטאָג אַריינגעפיהרט זיין טעוועלען — אַזוי האָט געהייסען דער עלוי — ער זאָל איהם פערהערען. בשעת דער פערהערעניש זענען געזעסען גראָד ביי ר' יונה'ן עטליכע אורחים פון פערשיעדענע שטעדט, יודען סוחרים און גרויסע למדנים, און אַלע זענען פון דעם יונגעל נתפעל געוואָרען און כמעט נישט געגלויבט זייערע אויגען. פון דעמאָלט אָן האָט זיך ר' יונה פעראינ־טערעסירט מיט טעוועלעס ערציהונג. קודם כל האָט ער איהם אריינ־גענומען צו זיך אין בית־מדרש, און בעשטעלט איינעם פון די דאָרטיגע פרושים, א יונגענמאַן א מוסמך, ער זאָל מיט איהם צוזאַמען לערנען. זיין פלאן איז געווען אָבצוהאַלטען דאָס יונגעל אין סלוצק נאך א פּאָר

יאהר און אוועקצושיקען איהם נאָכדעם קיין וואָלאָזשין, וואו ער וועט זיך צוגרייטען צו רבנות. ס׳איז ביי קיינעם גאָר קיין ספק נישט געוועזן, אז פון דעם יונגעל וועט אַרויסוואקסען א וועלט־גאון, א ציהרונג פאַר׳ן פאָלק ישראל.

די ערשטע צייט איז אַוועקגעגאַנגען אַלץ „ווי געשמירט״, טעוועלע האָט געלערנט מיט גרויס התמדה, האָט שוין אליין אויפגעטהון חדושים אין תורה. איז געווען אַ שטענדיגער איינגעהער ביים רב און זיך כסדר מיט איהם געפלפול׳ט. אין אַ יאָהר אַרום האָט איהם ר׳ יונה איסערלין בעקליידט און בענייט און אַוועקגעשיקט איהם מיט די בעסטע רעקאָמענדאַציעס קיין וואלאזשין. דאָרט האָט טעוועלע באלד פערנומען אַ בכבוד׳יגען אָרט צווישען די ישיבה־בחורים. און אין גיכען האָבען איהם שוין אַלע גערופען: „דער סלוצקער עלוי״.

האָט אָבער געדארפט פאַסירען, אז טעוועלע זאל אַריינפאלען אויף א״ין קוואַרטיר צוזאמען מיט א באָברויסקער בחור׳ל, וועלכער איז שוין צו יענער צייט געווען „געכאַפּט אין דער מעשה״, דאָס הייסט, געפאנגען פון דער אזוי־גערופענער „השכלה״, וואס האָט אין דער וואָלאָזשינער ישיבה נישט געטאָרט האבען קיין דריסת־הרגל. דער דאזיגער ישיבה־מאַן האט געלייענט אין דער שטיל די נייע העברעאישע ביכלעך און זיך אויך געלערנט די רוסישע שפראך און אנדערע אַלגעמיינע ידיעות. די ערשטע עטליכע וואכען האט ער זיך געהיט פאר דעם סלוצקער חבר און עוסק געווען אין זיינע למודים שפעט אין דער נאכט, בעת יענער האט פעסט געשלאפען. ענדליך האט ער זיך אבער מעהר פון איהם נישט געקאָנט איינהיטען, און אין אַ געוויסער נאכט האט געטראפען, אז טעוועלע האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף און געפאַקט דעם באָברויסקער, ווי ער האט זיך געשאקעלט איבער גאוואָראוו׳ס גראמאטיק... ווילענדיג נישט ווילענדיג האט דער באָברויסקער אויף מארגען געמוזט פערטרויען טעוועלען זיין סוד, און דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז אין אַ קורצער צייט אַרום האָבען זיי שוין ביידע צוזאַמען געלייענט בעהאַלטענערהייד ספרים חיצונים און געלערנט זיך רוסיש. גראָד איז טעוועלע נישט אויסגעוואַקסען קיין ווילדער פאַנאַטיק, ווי דאָס רוב פון די דעמאלדיגע קלויזניקעס; אין ד[illegible] האָט אויף איהם משפיע געווען ר׳ יונה איסערליג׳ס הויז, וואו די קינדער האָבען געלערנט פרעמדע שפראַכען און געלייענט רוסישע גאַזעטען. דעריבער איז דעם באָברויסקער נישט

בעזונדערס שווער אָנגעקומען צו ווירקען אויף איהם, ער זאָל זיך נעהמען פאַר „השכלה". ביסלעכווייז האָבען זיי ביידע אָנגעהויבען בויען גאַנץ פערטרויליך פלענער ועגען זייער צוקונפט. לכתחלה איז פון זיי גאַנץ ווייט געווען דער געדאַנק אָבצורייסען זיך אינגאַנצען פון לערנען; זיי האָבען אפילו נישט געטראַכט וועגען שטודירען. לויט זייער פלאַן האָבען זיי געדאַרפט פערבלייבען אין דער ישיבה ביז זיי וועלען בעקומען סמיכה, און אויפטרעטענדיג פאַר דער וועלט אַלס געבילדעטע רבנים, וועלען זיי דאַן דערמיט דערווייזען, אַז אמונה מיט השכלה קאָנען זיך גאַנץ לייכט פערטראָגען...

זיי איז אָבער נישט בעשערט געווען צו פערווירקליכען זייער אידעאַל. עס האָט זיך געמאַכט, אַז דער מינסקער איז נישט געווען גענוג פאָרזיכטיג, און זיצענדיג אַמאָל שפעט נאָך האַלבער נאַכט אַ „משמור" אין דער ישיבה, האָט ער אַוועקגעלעגט אויף דער גמרא אַ השכלה ביכעל צו לייענען עס, און איז איבער איהם איינגעשלאָפען; אַ פרוש, וועלכער איז געזעסען געגען איהם, האָט עס בעמערקט, איז צוגעגאַנגען און שטילערהייט אַרויסגעצויגען פון אונטער איהם דאָס ביכעל און עס איבערגעגעבען אויף מאָרגען צום דאַוונען דעם ראש-ישיבה. עס איז געוואָרען אַ טומעל, אַ רעש. עס האָט זיך געפיהרט אַ חקירה ודרישה. דער סוף איז געווען, אַז דער מינסקער האט גע-מוזט פערלאָזען די ישיבה. ער איז דאַן אָבגעפאָהרען קיין מינסק, וואו ער האָט געהאַט חברים, נעהמענדיג מיט זיך אַהין אויך טעווע-לען, וועלכער האָט זיך פון איהם בשום אופן נישט געקאָנט שיי-דען. זיי האָבען זיך נור געגעבען איינער דעם אַנדערן די הענד, אַז אויך אויף זייער נייעם אָרט זאָלען זיי בלייבען טריי זייער ערשטען בעשלוס: צו צוגרייטען זיך אַלס רבנים מיט וועלטליכער בילדונג, כדי צו זיין אַ מוסטער פאַר אַנדערע וואויל-לערנער, און אַזוי אַרום זאָל די רבנות נישט טראָגען ביי יודען קיין לעכערליך פנים.

פאַר זיין אָבפאָהרען פון וואלאזשין האט טעוועלע מודיע גע-ווען זיינע עלטערן און אויך ר' יונה איסערלינ'ען, אז ער האָט געפונען פאַר נויטיג צו פערלאָזען די גרויסע, קאָכעדיגע ישיבה מיט איהרע עטליכע הונדערט בחורים, וועלכע שטערען איהם נור פון זיין התמדה, און אויסקלויבען זיך אַן אַנדער מקום-תורה, אַ שטילערן, וואו ער וועט האָבען די מעגליכקייט צו לערנען ביחידות מיט מעהר נוצען פאַר זיך. דעם אמת'ן טעם האָט ער פון זיי פאַרבאָרגען, וויל ער

האָט געוואוסט, אַז די זאַך וועט זיי זעהר נישט שמעקען און זיי וועלען דערפון האָבען גרויס עגמת־נפש.

אין מינסק זענען דיביידע חברים גלייך אָנגעקומען אין דער ישיבה פון דער „שואבי־מים"־שוהל. מ'האָט זיי דאָרט ביידען באַלד דערקענט פאַר גוטע יונגלעך, און מ'האָט זיי בעזאָרגט מיט „טעג" ביי רייכע בעלי־בתים. אין גיכען האָט דער באָברויסקער אויפגעזוכט זיינעם אַנ'אַלטען חבר, וועלכער איז שוין געוועזן אַ האַלבער „משכיל", און יענער האָט אים פאַרטרויט אַ סוד, אַז אין שטאָדט געפינט זיך אַ גרויסער גביר, וואָס איז אַליין זעהר אַ געבילדעטער מאַן, און וויל, אַז אַלע יודען זאָלען זיין געבילדעט, דעריבער זוכט ער כסדר פעהיגע יונגע־לייט, בעזונדערס וואויל־לערנער, און לאָזט זיך קאָסטען געלד צו מאַכען זיי פאַר „קענער". דערביי האָט איהם דער חבר געזאָגט, אַז ווען ער בעגעהרט, איז ער גרייט אַריינצופיהרען איהם צו דעם דאָזיגען מאַן. דער באָברויסקער האָט זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט און צוזאַמען מיט טעוועלען האָט ער זיך שוין אויף מאָרגען געלאָזט דורך דעם מינסקער חבר פאָרשטעלען פאַר דעם גביר.

דער דערמאָהנטער גביר האָט געהייסען ר' דוד לוריא און האָט אין יענער צייט גע'שמ'ט אַלס איינער פון די גרעסטע השכלה־טהוער אין צפון־מערב־קאַנט. זיין הויז איז געוועזן אַ בית־ועד פאַר אַלע מינסקער משכילים, אָפענע און פאַרבאָרגענע. די לעצטע זענען בעשטאַנען דאָס רוב פון קלויזניקעס און ישיבה־בחורים, וועלכע האָבען זיך באַהאַלטענערהייד אָבגעלעגט אויף בילדונג. די דאָזיגע יונגע־לייט האָבען פון דוד לוריאַ'ן בעקומען אַלערליי מיני שטיצעס; ער האָט זיי געגעבען לעהרער און די נויטיגע ביכער, און אַנדערע האָט ער אַריינגעבראַכט אין פערשיעדענע שולען.

טעוועלע האָט באַלד פון דער ערשטער מינוט אָן שטאַרק נושא חן געוועזן ביי לוריאַ'ן, און ער האָט זיך תיכף מיט איהם פעראינטערעסירט. ער האָט איהם בעשטעלט אַ גימנאַזיסט פון די העכערע קלאַסען, וועלכער האָט איהם אונטעררייכט די רוסישע שפּראַך און אַנדערע למודים. אין גיכען האָבען זיך אַרויסגעוויזען זייער בעגלענצענדע פעהיגקייטען; בעזונדערס איז מען אין לוריאַ'ס הויז געוועזן איבערראַשט פון טעוועלעס שאַרפזין, פון זיין גרויסער חריפות. אַרויסגעוויזען האָט זיך עס אין זיינע מאַטעמאַטישע קענטעניש. מ'האָט געזען, אַז מ'האָט דאָ צו טהון מיט אַנ'„עילוי", וועלכער איז עלול

אויפצוטהון וואונדער פאר דער מענשליכער וויסענשאפט. פון דעמאָלט אָן האט איהם לוריא צו זיך זצהר מקרב געווען, און דורך כסדר׳־דיגע געשפּרעכען האט ער מיט איהם אַריינגע׳טענה׳ט, אז ער זאָל אויפגעבען זיינע ביז־אַהעריגע פּלענער ווענען רבנות און זיך ווידמען אינגאַנצען דער וועלטליכער בילדונג. נאָך אַ גרויסער ראַנגלעניש מיט זיך האט טעוועלע דערצו מסכים געווען. ער האָט געוואָרפען די ישיבה, און איז געוואָרען אנ׳עקסטערן. אין פערלויף פון אַ האַלב יאָהר האט ער זיך אזוי פערפערטיגט אין זיינע למודים, אז ער האט גלענ־צענד אויסגעהאַלטען דעם מאַטורא־עקזאַמען. גאַנץ מינסק האט דאן גע־קאָכט מיט דעם קלויזניק, וואס האט ווי איבער נאַכט דורכגעמאַכט דעם קורס פון אַ גאנצער גימנאַזיע. אין יענער צייט איז דאס נאָך געווען אַ זעלטענהייט, און מ׳איז געלאָפען אויף חדושים איהם אָנקוקען.

די מעשה איז דערגאַנגען קיין סלוצק, און ס׳איז דאָרט געוואָרען אַ געוויין, אַ יללה. דער אלטער פאָטער, דער מלמד, איז שיער נישט אראָב פון זינען; ווי אַ צומישטער איז ער אומגעגאַנגען און האָט אַלץ געשריען, אז ער וועט בשום אופן נישט ערלויבען אָבצו׳שמד׳ן זיין זוהן, און די גאַנצע שטאָדט האט גע׳טענה׳ט מיט איין קול, אז מ׳טאָר דאס בשום אופן נישט דערלאָזען, און אַלע האבען זיי פער־שאָלטען דוד לוריא׳ן, דעם שטן המשחית, וואס האט אזוי שרעקליך פערפיהרט אַ יודיש קינד, וואס האט געזאָלט זיין אַ רב, און מיט אמאָל האט ער זיך אריינגעלאָזען אין גוי׳אישקייט.

אַ בעזונדער שרעקליכען צער האט די זאך פערשאפט ר׳ יונה איסערלינ׳ען. ער האט אָבער געטראָגען זיין עגמת־נפש אין זיך און האט מיט קיינעם וועגען דעם נישט גערעדט. ער האט נור געהייסען זיין קוטשער שפאנען די פערד און איז אוועקגעפאָהרען קיין מינסק.

II

א לאנגע צייט נאָכדעם האט מען אין מינסק דערצעהלט גאנצע פעק מעשיות וועגען דער מלחמה, וואס איז פאר־געקומען צוליעב טעוועלע מלאָדעצקי׳ן צווישען די צוויי גרויסע יודישע פערזענליכקייטען ר׳ יונה איסערלין און ר׳ דוד לוריא. דאס איז געווען א קאמף פון ווערטער, א שארפער ויכוח

צווישען אַ מאמין מיט אַ משכיל מכוח דעם, וואס פאר אַנ'ערציהונג אַ יודישער פאָטער דאַרף געבען זיינעם אַ געראָטענעם זוהן, פון וועלכען עס קאָן אַרויסוואַקסען עפיס רעכטס. ר' יונה איסערלין האט גע'טענה'ט אַז אזא בחור, ווי טעוועלע, וועלכער האט זיך כל ימיו אָבגעגעבען דער תורה און עס פעהלט איהם שוין גאַנץ וועניג צו ווערען אַ מוסמך, האט מען נישט געטאָרט אָברייסען פון לערנען אפילו אויף אַ מינוט, און דער, וואס האט עס געטהון, איז דערמיט בעגאַנגען אַ גרויס פער-ברעכען, פאַר וועלכען ער וועט זיך קיינמאָל נישט קאָנען אויסלייטערן. ר' דוד לוריא, פון זיין זייט, האָט זיך בעמיהט צו דערווייזען, אַז דוקא אַזעלכע פעהיגע יונגע-לייט, ווי טעוועלע, וואס זענען מסוגל צו ווערען אַ צירונג פאר דער וועלט, טאָרען נישט פערבלייבען קיין „באנק-קוועטשער" און בית-מדרש'ניקעס. טעוועלע אַליין, וועלכער האָט בעקומען פון ר' יונה'ן אַ גרויסע פאָרציע מוסר, פאַרוואס ער האָט זיך, אזוי לייכט געלאָזט איבעררעדען, האָט נישט געוואַגט אָבענטפערן איהם אַ קרום וואָרט, און געשוויגען. נאָכדעם אָבער ווי ר' יונה האָט איהם געזאָגט, אז ווען ער וועט זיך נישט אַרויסשלאָגען פון קאָפּ די אַלע שטותים מיט די ביכלעך, וועלען דאס זיינע עלטערן נישט איבער-לעבען, — האט עס איהם גענומען פאַר'ן הארצען, און צום סוף האט ער זיך אָבגערופען:

— איך וואס פערלאַנגט איהר פון מיר?

— איך פערלאַנג פון דיר, — האָט איהם ר' יונה געענטפערט — אז דו זאָלסט מיט מיר פאָהרען אַהיים קיין סלוצק.

— וואס וועט פון מיר דאָרט ווערען? — האט טעוועלע קוים אַרויסגערעדט.

— וויל נור, וועט פון דיר ווערען אַ צווייטער „שאגת-אריה", און אפשר גאָר אַ צווייטער ווילנער גאון.

טעוועלע האט זיך אויף אַ ווײלע פערטראַכט. נאָך אַ קליינער פויזע האָט ער אַ זאָג געטהון:

— גוט; איך פאָהר מיט אייך.

זיי האָבען געזאָלט אָבפאָהרען פון מינסק אויף מאָרגען גאַנץ פריה. אָבער אין אָוונד האט טעוועלען מיט אַמאָל אַ ציה געטהון אַריינצוגעהן צו דוד לוריאַן.

ביי לוריאַן האט זיך טעוועלע צונויפגעטראָפען מיט עטליכע פון די מינסקער משכילים, וועלכע ער האט שוין געקענט פון לאַנג.

ער איז אַהין אַריין גראָד אין מיטען אַ שמועס, וועלכען זיי האָבען געפיהרט מיט לוריא׳ן וועגען דער בעדייטונג פון השכלה פאר יודען. אַזוינע שמועסען ביי לוריא׳ן זענען פאַר טעוועלען קיין נייעס נישט געווען, נור דאָסמאָל האט ער זיך צוגעהערט צו דעם געשפרעך מיט אַ בעזונדער אויפמערקזאמקייט. לוריא האָט שאַרף קריטיקירט די חדרים מיט די ישיבות, פון וועלכע עס געהען אַרויס מענשען טויגע־ניכטסען, קאַליקעס, וואס פאַלען צו לאַסט דער געזעלשאַפט. דערביי האָט ער זיינע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען אילוסטרירט מיט פאַקטען פון לעבען. דער עולם יונגע לייט האָט געהערט און געלאַכט און זיך שטארק לוסטיג געמאַכט איבער די „פלעדערמייז, די שונאים פון ליכט". מיט אמאָל האָט לוריא אַ פרעג געטהון טעוועלען איראָניש, שמייכלענדיג:

— האָט דיר אייער סלוצקער גביר עפיס גוט אָנגעסטראָשעט מיט דעם „שבט-מוסר"? און האָסטו כאָטש שכל געהאט, וואס איהם צו ענטפערן און מיט וואס איהם אָבצושלאָגען?

דא האט טעוועלע איבערגעגעבען די פּרטים וועגען זיין לעצטען געשפרעך מיט ר׳ יונה איסערלין, און וועגען זיין בעשלוס צו פאהרען מיט איהם צוריק קיין סלוצק.

אַלע אנוועזענדע האבען אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער. לוריאַ אַליין, און נאך איהם אויך אַלע איבעריגע, האבען זיך איבער איהם גענומען וויצלען. טעוועלע איז געזעסען שטום ווי די וואנד, און ס׳איז געווען צו מערקען, אז ס׳קימט אין איהם פאר אַ שטארקער גערַאנגעל.

דעם גאנצען מאָרגענדיגען טאג האט ר׳ יונה איסערלין אומזיסט געווארט אויף טעוועלען. ער איז נ י ש ט געקומען. אבער אויך אין מינסק איז ער שוין נישט פערבליבען. ער איז פון דארט צופוס אַוועק קיין ווילנא.

III.

אין ווילנא האט מען דעמאָלט נאר-וואס געהאט פערמאכט די ראבינער-שול. עס האבען זיך נאך דארט געפונען עטליכע צעהנדליג יונגע-לייט, וועלכע זענען גאנץ אומגעריכט פערבליבען אין מיטען פון זייער בילדונג, נישט זעהענדיג פאר זיך קיין אויסוועג, וואוהין צו קעהרען זיך, כדי צו פערענדיגען זייער שטודיום. מיט אייניגע

פון די דאזיגע תּלמידים האט זיך טעוועלע בעקענט און בעפריינדעט.
דאס זענען אלע געווען מענשען מיט זיך און מיט דער וועלט אונ-
צופריעדענע און פערביטערטע, און די דאזיגע פערביטערטקייט האט
זיי צווישען זיך פעסט פערבונדען. אונצופריעדען מיט זיך איז גע-
ווען אויך טעוועלע. ער האט זיך געפיהלט, ווי צווישען צוויי
מאגנעטען, וואס יעדערער פון זיי האט איהם געצויגען צו זיך מיט
אַ גרויסער קראפט, און ער האט נישט געוואוסט, וואס צו טהון און
איוף וואס זיך צו בעשליסען. פון איין זייט האט ער נישט גע-
קאנט שלום מאַכען מיט דעם געדאנק, אז ווען ער שטעהט שוין
כמעט אויף דער שוועל פון רבנות און האט פאר זיך בכלל גרויסע
אויסזיכטען צו שפּיעלען אַ ראלע אין דער יודישער וועלט און זיין
אַ טרייסט טאַטע-מאַמע אויף דער עלטער, זאָל ער נעהמען און זיך אָבּ-
זאָגען פון אלץ און שטעלען זיך גאָר אויף אַ נייעם דרך, וועלכער קאָן
איהם פערפיהרען גאָט ווייס וואוהין. פון דער אנדער זייט, האט נישט
אויפגעהערט צו קלינגען אין זיינע אויערן דאס, וואס איהם איז כמה
מאָל אויסגעקומען צו הערען פון דוד לוריא'ן, אז אָבּגעזעהענדיג זיך די
וועלטליכע וויסענשאַפטען און בעזונדערס דער מאַטעמאַטיק, צו וועלכער
ער ווייזט אַרויס אַזעלכע ערשטקלאַסיגע פעהיגקייטען, איז ער מסוגל
צו ווערען מיט דער צייט איינער פון די גרעסטע געלעהרטע און דער-
גרייכען צו אַ פּראָפעסאָרען-קאַטעדרע. דער דאָזיגער אינעווייניגסטער
געראנגעל האט טעוועלען געמאכט פעסימיסטיש געשטימט. דאס פּראָבּלעם
פון זיין קינפטיגער קאריערע האט זיך איהם געשטעלט אין וועג, ווי
אַ בארג, וועלכען ער קאָן נישט אַריבּער. די דאָזיגע שטימונג האט איהם
נעהנטער צוזאַמענגעפיהרט מיט די געוועזענע ראַבּינער-שילער, וועלכע
זענען, ווי ער, געהאָנגען אין דער לופט, און ער האָט זיך געשפּירט
צוליעב דעם געדריקט און נידערגעשלאָגען.

אין גיכען איז אין דעם קרייזעל פון די דאָזיגע יונגע-לייט פּאָר-
געקומען אַ מין איבּערברוך. אנשטאט די ביז-אַהעריגע לאנגע געשפּרעכען
און בעראַטונגען, ווי אזוי צוצושלאָגען זיך צו אַ וועלכער-עס-איז
בילדונגס-אינסטיטוציע, אַ מיטעלער צי אַהעכערער, איטליכער לויט
זיינע קענטעניש, האט מען דאָרט איצט אָנגעהויבען בעהאנדלען גאר
אנדערע טעמעס, וואס האָבען לגמרי קיין שייכות נישט מיט לערנען,
מיט בילדונג. מ'האט זיך גענומען בעקלאָגען כסדר אויף דעם נישט-
ריכטיגען סדר-העולם, אויף דער נישט-יושר'דיגער איינטיילונג פון די

וועלטליכע גיטער. מ׳האט נישט אויפגעהערט שמועסן וועגן אַרבייט און קאפיטאל, וועגן עקספלואַטאטאָרען און עקספלואַטירטע, וועגן נוצליכע עלעמענטען און פּאַראזיטען, וועגן קייטען פון דער געזעלשאַפט און פון דער פאמיליע. באלד האט מען שוין מיט דעם שמועסן אַליין נישט געוועז יוצא, און מ׳האָט שפּעה׳ן־לאנג אַרויסגעלייענט די זעלבע געדאַנקען פון פערשיעדענע רוסישע ביכלעך, וועלכע מען פלעגט געוועהנליך האלטען בעהאלטענערהייד, אַ פּרעמד אויג זאָל נישט שאַדען. עס האט לאנג נישט געדויערט און דער גאנצער קרייזעל איז געוואָרען סאָציאַליסטיש געשטימט, מ׳האט שוין אויפגעהערט צו רעדען אויפ׳ן קול, נור אלץ אין דער שטיל, אלץ זיך גע׳סוד׳עט... דער עולם האט אַוועקגעוואָרפען לערנען, האט אפילו אויפגעהערט קלערען וועגן אַ תכלית; מ׳האט בעקומען גראָשענע לעקציעס און מען איז אוועק „אין פאָלק“...

טעוועלע איז לכתחילה נישט ווילענדיג אויך אַריינגעצויגען געוואָרען אין דעם דאָזיגען שטראָם. ער האט זיך אַרויסגעשלאָגען פון קאָפּ אי די רבנות, אי די פּראָפעסור, און האט מיט גרויס פלייס שטודירט דעם סאָציאַליזם. אין קורצען איז ער געוואָרען אַ גרויסער בקי אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. זענענדיג פון דער נאטור נישט אַקטיוו, איז ער געווען מעהר טעאָרעטיקער, אלס טהוער, און דעריבער האט ער זיך קיינעם נישט געוואָרפען אין די אויגען, און קיינער האט פון איהם נישט געוואוסט. בשעת די ווילנער זשאַנדארמעריע האט זיך דערוואוסט פון דעם קרייזעל, און אין שטאָדט זענען געמאכט געוואָרען פיעל רעוויזיעס און אַ סך יונגע־לייט האָט מען אַרעסטירט, איז טעוועלע געבליבען אומבעמערקט. מען האט דערנאָך דערצעהלט, אז די גאנצע צייט פון די רעוויזיעס האט ער זיך אויפגעהאלטען אין גאונ׳ס קלויז וואו ער איז געזעסען יומם ולילה און האט געלערנט.

באלד ווי דאס קרייזעל איז זיך צופאלען, איז טעוועלע נעלם געוואָרען פון ווילנא. ער איז דאן אַוועק קיין פּעטערבורג, וואו ער האט געוואָלט אַריינטרעטען אין טעכנאָלאָגישען אינסטיטוט. דאס איז איהם אָבער נישט אזוי לייכט אָנגעקומען. מען האט דערצו געדארפט האָבען גרויס פּראָטעקציע, און ער, אַ פרעמדער און אַנ׳עלענדער, האט דאס נישט געהאט. נישט אָנקומענדיג אין קיין הויכשול, האט ער, אלס יוד, בעקומען א בעפעהל פון דער פּאָליציי צו פערלאָזען פּעטערבורג.

אין פיער און צוואַנציג שעה. חברים האָבען איהם געראַטען, ער זאָל טהון ווי פיעל אנדערע, און זיך שמד'ן, כדי ער זאָל, ערשטענס, קאָנען פערבלייבען אין פעטערבורג, און, צווייטענס, האָבען די האָפנונג אַריינצוטרעטען אין אינסטיטוט. טעוועלע האט אָבער די עצה אָב־געוואָרפען מיט גרויס עקעל. צו־פעסט איז ער נאָך דעמאָלט געווען צוגעבונדען צו יודען און יודישקייט, ער זאָל ביי זיך פּועל'ן צו טהון אַזא שריט.

IV

שווער און ביטער איז געוואָרען פאר טעוועלען דאס לעבען אין פעטער־בורג. אויס מורא, מ'זאל איהם נישט ארעסטירען, האט ער זיך אויפ־געהאלטען כסדר אין אנדערע ערטער, וואו א טאג, וואו א נאכט. א פאר נעכט איז איהם שוין אויסגעקומען צו נעכטיגען אויף בולווארען. צופעליג האט ער זיך דערוואוסט, אז אין פעטערבורג עקזיסטירט א יודישע געזעלשאפט, וועלכע אינטערעסירט זיך מיט דעם מצב פון דער אָרימער שטודירענדער יוגענד. דאס איז געווען די בעוואוסטע חברה „מפיצי־השכלה”. ער האט זיך נאָכגעפרעגט און איז דערגאנגען, אז מיט די געשעפטען פון דער חברה פיהרט־אָן דער סעקרעטאר, דער שוין דאן בעריהמט געוועזענער העברעאישער דיכטער, י ה ו ד ה ל י ב ג אָ ר ד אָ ן, און איז צו איהם באלד אַוועק. טעוועלע האט גראד ביי זיך געהאט א בריעף, וואס ער האט זענענדיג אין ווילנא בעקומען פון דוד לוריא'ן, וועלכער האט אויף אַיהם גוזר געווען נישט צו קוקען אויף קיין זאך און נור פאָרטזעצען זיין בילדונג, און האט איהם געוויזען גאָרדאָנ'ען. דערביי האט ער דערצעהלט גאָרדאָנ'ען זיין ביאָ־גראפיע און וועגען דער מחלוקת, וואס האט אויסגעבראָכען צוליעב איהם צווישען ר' יונה איסערלינ'ען מיט דוד לוריא'ן. גאָרדאָנ'ען איז טעוועלע זעהר געפעלען געוואָרען, און ער האט איהם פון דער ערשטער מינוט אָן ארויסגעוויזען גרויס התקרבות. קודם־כל האט ער איהם געגעבען א רעקאָמענדאציע צו איינעם פון זיינע בעקאנטע, א יוד, וועלכער האט פערטראַטען א גרויסע שטעלע אין אייזענבאהן־מיניסטעריום, און יענער האט זיך פאר איהם משתדל געווען און גע'פּועל'ט, מ'זאל איהם אָננעהמען אין טעכנאָלאָגישען אינסטיטוט. ווערענדיג שוין א סטודענט, האט איהם די בילדונגס־געזעלשאפט בע־שטימט, לויט גארדאנ'ס השתדלות, א מאנאטליכע פענסיע, אויסערדעם

האט ער איהם נאך רעקאָמענדירט אַ פּאָר לעקציעס אין רייכע הייזער, באופן, אז ער האט זיך געקאָנט לעבען אין פּעטערבורג גאנץ בהרחבה׳דיג.

אין פּעטערבורג איז שוין אין יענער צייט געוועזן גאנץ שטארק פערשפּרייט צווישען דער ראַדיקאלער יוגענד די סאָציאַליסטישע בעוועגונג, וועלכע איז געוואָרען אָנגעפיהרט דורך דעם אונטערערדישען קאָמיטעט פון די „נאַראָדאָוואָלצעס״. די בעוועגונג איז אַריינגעדרונגען אויך אין די הויכשולען, און בעזונדערס אין טעכנאָלאָגישען אינסטיטוט און אויף די בעסטוזשעווער קורסען פאַר פרויען. אומעטום האָבען זיך געבילדעט געהיימע קרייזלעך פון סטודענטען און סטודענטקעס, וועלכע זענען „אַוועק אין פאָלק״ און האָבען אַגיטירט פאר׳ן סאָציאַליזם צווישען דער מאַסע. די ערשטע פּאָר יאָהר איז טעוועלע געבליבען שטעהן פון ווייטען. פונ׳ם איינפלוס פון די ווילנער חברים האט ער זיך שוין לאנג בעפרייט. איצט האט ער געוואָלט לערנען, און האט טאקע געלערנט מיט גרויס החמדה, און ווי אַמאל די לומדים, אין סלוצק, אזוי האָבען איצט די פּראָפעסאָרען פונ׳ם טעכנאָלאָגישען אינסטיטוט איהם פּאָראויסגעזאָגט אַ גלענצענדע צוקונפט אלס וויסענשאַפטסמאַן. אגב האט ער זיך דאן געליעבט אין זיינער אַ שילערין, אַ טאכטער פון אַ פאבריקאנט, און ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז קוים געהט ער איבער צום סאָציאַליזם, קאן ער שוין מעהר ביי איהם אין הויז קיין דריסת-הרגל נישט האָבען. לאנג האט אבער טעוועלע נישט געקאָנט איינשטעהן געגען שטראָם, און אין אַ געוויסען טאג האט ער זיך שוין געפונען אין די רייהען פון די גרעסטע סאָציאַליסטישע טהוער. ער האט אָנגעהויבען פערבויגען דאס לערנען און מאנקירען מיט׳ן שטודיום, און האט זיך אַריינגעוואָרפען מיט זיין גאַנצען ברען אין דער סאָציאַליסטישער אַרבייט. באַלד האט ער זיך אַרויסגעוויזען פאר זעהר אַ פעהיגען אַגיטאַטאָר, און ער האט די דאזיגע פעהיגקייטען אָבגעגעבען אינגאַנצען דער בעוועגונג. ס׳איז נישט געווען קיין הויז, וואו ער האט געהאט אנ׳אריינגאַנג, ער זאל דאָרט נישט האָבען אַגיטירט פאר זיינע אידעען, און תמיד מיט גרויס ערפאָלג. צווישען אנדערן האט ער צוגעצויגען צו דער בעוועגונג די קינדער פון דעם רייכען פאַבריקאנט, וועלכער האט איהם אַריינגענומען צו זיך אַלס הויז-לעהרער אויפ׳ן סמך פון גאָרדאָנ׳ס רעקאָמענדאציע. אין שטוב האט זיך עס באַלד גענומען מערקען; די עלטערן זענען אויפמערקזאַם געוואָרען אויף דער

געענדערטער פיהרונג פון די קינדער, און האבען אזוי לאנג געפּאָרשט, ביז זיי זענען ענדליך דערגאַנגען, וואס דא טהוט זיך. זיי האָבען זיך נור די ערשטע צייט נישט דערוואוסט, אז טעוועלע איז דאס ד ע ר, וועלכער האט — לויט זייער אויסדרוק — „אַריינגעבראכט דעם סם" צו זיי אין שטוב. האלטענדיג איהם פאַר אַ טרייען הויזפריינד, האט מען זיך נאָך מיט איהם מישב געווען, וואס צו טהון, און ווי אזוי צו פערניכטען דעם „סם"... ענדלעך, האט זיך אָבער דער סוד ענטפּלעקט.

אויף מאָרגען האט טעוועלע בעקומען צוגעשיקט דורך דער שטאָדט-פּאָסט צוויי בריוועלעך. אין א י י ן בריוועל האט איהם געשריבען דער פאַבריקאַנט, ער זאָל מעהר נישט דערוועגען צו בעטרעטען זיין הויף, און דאס צווייטע איז געווען פון גאָרדאָנ'ען, וועלכער האט איהם איינגעלאַדען צו זיך. גאָרדאן, וועלכער איז געווען אנ'אָפּטער איינגעהער ביים פאַבריקאנט, האט זיך נאך אין דעמזעלבען טאָג דערוואוסט פון דער גאַנצער געשיכטע, און האט געהאט דערפון גרויס צער. ער האט זיך אזוי נישט מצער געווען פון דעם, וואס זיין פּראָטעזשע האט געמאַכט דעם פאַבריקאַנטס קינדער פאר סאָציאַליסטען, ווי פון דעם, וואס טעוועלע אַליין, איז אַוועק אין אַ שלעכטען וועג. גארדאן, וואס דער אידעאַל פון דער יודישער ערציהונג איז ביי איהם תמיד געווען „אַ וואוילערנער אין זילבערנע קנעפּלעך", ד. ה. אנ'עילוי מיט הויכער בילדונג, האָט אויף טעוועלען געלעגט גרויסע האָפנונגען. דערוויסענדיג זיך, אין וואס טעוועלע האט זיך אַריינגעלאָזט האט ער זיך דערפיהלט ענטטוישט, און דאס האט איהם זעהר געקרענקט. איינער פון די עלטערע סלוצקער משכילים, וואס האט די לעצטע יאָהרען געוואוינט אין ווילנא, אַ געוויסער ר' א ה ר ן ה ו מ ע נ ע ר, וועלכער איז געווען זעהר גוט בעקאַנט מיט מלאָדעצקי'ס לעבענס-געשיכטע, האט מיר איבערגעגעבען די פאָלגענדע, זעהר אינטערעסאַנטע פּרטים וועגען דעם דעמאָלט פאָרגעקומענעם שמועס צווישען איהם מיט גאָרדאנ'ען.

גארדאן, וועלכער האט זיך די גאַנצע צייט בעצויגען צו טעוועלען פאַמיליאריש, כמעט אינטים, האט זיך ערלויבט איבערלייענען איהם אַ גאנצע נאָטאַציע, וואס האט געקלונגען מיט שאַרפען מוסר. פון פערשיעדענע שטאנדפּונקטען האט ער איהם געזוכט אויפוויזען, אז ער האט זיך נישט געדארפט לאָזען פערפיהרען פון זיינע אידעען,

וועלכע וועלען סוף־כל־סוף צושטערען זיין קאריערע, אויסער וואס זיי זענען עלול צו פעראורזאכען געברענטע ליידען דעם גאנצען יודישען פאלק. דערביי האט ער איהם אנגעוויזען אויף דער אנטיסעמיטישער פרעסע, וועלכע האט אויסגענוצט די לעצטע סטודענטישע דעמאנסטראציעס נעבען דער קאזאנער קירך, אום צו בעשולדיגען יודען אין דער פערברייטערונג פון דער סאציאליסטישער בעוועגונג. נאכדעם האט ער געפרובט פארלעגען טעוועלען, ער זאל ארויסטרעטען פון טעכנאלאגישען אינסטיטוט, און די בילדונגס־געזעלשאפט וועט איהם אויסריכטען אויף איהרע הוצאות קיין דייטשלאנד און אריינברענגען איהם אין ברעסלויער ראבינער-סעמינאר. אין יענער צייט האט די חברה „מפיצי־השכלה" ווירקליך אוועקגעשיקט קיין אויסלאנד אויף איהר חשבון עטליכע יונגע־לייט, וועלכע האבען געהאט סמיכה אויף הוראה, און האט זיי דארט געלאזט שטודירען דאקטאר־ראבינער. אזוינער איז געוועז א געוויסער ווילנער יונגערמאן, א מוסמך, דראבקין, וועלכער איז שפעטער געווארען ראבינער אין פעטערבורג, און נאך איינינע אזעלכע, און פון אזא וואויללערנער, ווי טעוועלע, וואלט געוויס ארויסגעוואקסען מיט דער צייט א ראבינער, מיט וועלכען עס וואלט געקלונגען די וועלט.

טעוועלע איז אבער פון דער גלענדצענדער פערספעקטיוו, וואס גארדאן האט איהם אבגעמאהלט, קנאפ-וואס נתפעל געווארען, ער האט אויסגעהערט זיין לאנגע טיראדע גאנץ רוהיג, און אנשטאט איהם צו ענטפערן זאכליך, האט ער איהם גענומען אגיטירען פאר'ן נאציאליסטישען געדאנק און אויפווייזען איהם, אז דוקא יודען, די מעהר בעצולה'טע און עקספלאאטירטע, דארפען שטיצען די בעוועגונג, און אז מיט דער פערווירקליכונג פון דעם סאציאליסטישען אידעאל וועט ערשט פערענטפערט ווערען די אזוי אנגעוועהטאגטע יודען־פראגע. דער שמועס האט אבער נישט געבראכט צו קיין שום רעזולטאטען, און דער סוף איז געוועזען, אז אין גיכען האט די בילדונגס־געזעלשאפט אויפגעהערט ארויסגעבען טעוועלען די מאנאטליכע געלט־פענסיע, און האט שוין אויך מעהר נישט איינגעצאהלט פאר איהם דעם שכר-לימוד אין דעם טעכנאלאגישען אינסטיטוט. אין א קורצער צייט ארום נאכדעם האט ער פערלוירען די עטליכע לעקציעס, וועלכע ער האט געהאט אויפ'ן סמך פון גארדאנ'ס רעקאמענדאציעס. אזוי איז טעוועלע מיט אמאל געבליבען אהן חיונה און אהן א הויכשול.

אַ שטיקעל האפנונג האט ער נאך געהאט, אז זיין געליעבטע, דעם פאבריקאנטס טאָכטער, וועט איהם אַרויסראַטעווען פון אלע צרות. אָבער עס האט גראד פּאַסירט, אז דאס מיידעל איז אויף אַן׳אומלעגאלער זיצונג פון קורסיסטקעס אַרעסטירט געוואָרען, און עס האבען זיך פערשפרייט קלאנגען, אז זי וועט צוזאמען מיט איהרע חבר׳טעס אַוועקגעשיקט ווערען קיין סיביר.

טעוועלע איז ווידער געבליבען אויף דער גאס אין דער גרויסער רוסישער רעזידענץ-שטאָדט. ער איז אָבער געווען אזוי פערשלונגען אין דער סאָציאַליסטישער טעטיגקייט, אז ער האט די ערשטע צייט זיין עלענט, ווי נישט געשפירט. געצוואונגען צו פערלאָזען פעטערבורג האט איהם די ידיעה, וואס ער האט בעקומען פון חברים, אז די זשאַנדארמעריע האלט איהם פאר פערדעכטיג און שפּיאָנירט איהם נאָך. ערשט דאן האט מלאָדעצקי פערלאָזט פעטערבורג, און איז געקומען צוריק קיין ווילנא, וואו ער האט געהאט אַלטע בעקאנטע. דארט האט ער זיך אין אַ געוויסען טאג דערוואוסט פון אַ חבר, אז ס׳איז אַהין אַראבגעפאָהרען אַ רייכער יוד פון אַ גוט אַרום ראָסלאַוול, סמאָלענסקער גובערניע, וועלכער זוכט אַ לעהרער, וואס זאל בעזיצען מיטעלע בילדונג מיט יודישע קענטענישען פאר זיינע צוויי דערוואקסענע קינדער, אַ בחור מיט אַ מיידעל. מלאָדעצקי׳ן איז תיכף איינגעפאלען אָנצונעהמען, אויב ס׳וועט נור מעגליך זיין, ביז-וואס-ווען, די דאָזיגע שטעל, כדי אנצוקלויבען זיך אַ ביסעל געלד און בעזעצען זיך דאן אין אַן׳אנדער אוניווערזיטעטס-שטאדט. ער איז באלד געגאנגען און האט אויפגעזוכט דאס גאסט-הויז, וואו דער ראָסלאַוולער גביר איז איינגעשטאנען, האט זיך פאר איהם פאָרגעשטעלט און געוויזען איהם זיין אַטעסטאט פון גימנאזיע און דערצעהלט איהם, אז ער איז אַ געוועזענער וואָלאָזשינער ישיבה-בחור. דער עושר, וועלכער איז אַליין געווען אַ יוד אַ למדן און אַ גרויסער העברעער, איז, נישט פיעל קלערענדיג, באלד מושוה געוואָרען מיט מלאָדעצקי׳ן, און נאָך דעמזעלבען אָוועגד איז ער מיט איהם אָבגעפאָהרען צו זיך אהיים.

V

אויף דער קאָנדיציע ביים גביר אין שטוב איז מלאָדעצקי געווען געצוואונגען צו ענדערען זיין הנהגה. ווילענדיג נישט ווילענדיג, האט ער געמוזט היטען שטאט און אויפפיהרען זיך יודישליך. ער האט

יעדען טאָג געמוזט דאַווענען און לייגען תפילין און וואַשען זיך ביים עסען און שבת געהען צום „מנין” אין נאָהענטען דאָרף און האַלטען זיך בכלל רעליגיעז. און אָנהויב האָט עס איהם זעהר נישט געשמעקט; ער איז שוין לאַנג אָבגעוועהנט געוואָרען פון די דאָזיגע אַלע „זאַבאַ־באָנעס”, ווי דאָס האָט ביי איהם געהייסען. ער האָט דאָס נור געטהון אויס נויט, וואָרום ווען נישט, וואָלט ער פערלוירען זיין שטעלע, ווייל דער גביר, וועלכער איז אפילו אַליין געווען נישט שטרענג פרום, האָט געוואָלט, אַז די קינדער זאָלען, כל־זמן זיי זענען נאָך יונג, ערצויגען ווערען אין אָרטאָדאָקסישען גייסט. ביסלעכווייז האָט זיך אָבער מלאָ־דעצקי אַזוי צוגעוועהנט צו דעם דאָזיגען אַרט לעבען, אַז ער האָט אין איהם אָנגעהויבען צו פיהלען אַ געוויסע ראָמאַנטיק און פּאָעטישע מאָמענטען, וועלכע האָבען ביי איהם אַרויסגערופען שוין לאַנג פער־געסענע עראינערונגען פון זיינע קינדערשע יאָהרען, און צייטענווייז אויך אַ גרויס בענקעניש נאָך זיין אַמאָליגער היים. בעזונדערס פלעגט דאָס מיט איהם פּאַסירען אין די פרייטאָג־צונאַכטען, בעת ער פלעגט זיצען ביים טיש צווישען דעם גביר׳ס פאַמיליע. אין יענע מינוטען פלעגען איהם אַרויפשווימען אין זיין זכרון היימישע, סלוצקער ביל־דער פון דעם קליינעם, בלאָטיגען שטיבעל, וואו דער פאָטער, אַ שווינד־זיכטיגער מלמד, איז געזעסען אַ גאַנצען טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט און געקנעלט מיט קליינטשינקע עופ׳לעך, און די מוטער, אַ יאַדישליווע יודענע, האָט געפּליקט פעדערן, און ביידענס אייניציגע נחמה איז געווען ער, טעוועלע, מיט וועמען טאַטע־מאַמע האָבען זיך געבענטשט און געוואונשען זיך אַזעלכע קינדער, ווי ער, אַ פרייד פאַר גאָט און פאַר לייט. בלייבענדיג שפּעטער אַליין ביי זיך אין צימער, אויף זיין געלעגער, פלעגט זיך שוין ביי איהם אַזוי ווייטער שפּינען דער פאָדים פון זיינע זכרונות און פערענדיגען זיך מיט אַ טרויעריגען סך־הכל...

ביים גביר אין הויז איז מען פון מלאָדעצקי׳ן געווען זעהר צופריעדען. אַלע האָבען איהם געשעצט און געליעבט. די עלטערן האָבען זיך נישט געקאָנט אָבוואונדערן פון דער פעולה, וואָס ער טהוט אויף מיט די קינדער הן אין די וועלטליכע, הן אין די יודישע למודים, און האָבען זיך בעמיהט אַרויסצווייזען איהם זייער דאַנקבאַרקייט ביי יעדער געלעגענהייט. אַזוי איז אַוועק אַ האַלב יאָהר בערך.

מיט אַמאָל האָט זיך אין מלאָדעצקי׳ן גענומען מערקען אַ געוויסע

אונרואיגקייט; מ'האט געזעהן בעשיינפערליך, אז אין דעם מענשען ווירט עפּיס. בעזונדערס אויפפאַלענד איז ער געוואָרען זינט ער האט אַרויפגענומען צו זיך אויפ'ן אויבער-שטיבעל דעם גביר'ס ש"ס און אָוועקגעזעצט זיך לערנען מיט גרויס התמדה. שפּעט נאָך האַלבער נאכט פלעגט זיך טראָגען דורך די אָפענע פענסטער פון שאַלקע איבער'ן גאַנצען הויף מלאָדעצקי'ס מתיקות'דיגער גמרא-ניגון, און אַזוי אהן אַנ'אויפהער ביז'ן סאמע בעגינען.

דער גביר, וועלכער האט געוואוסט, אז מלאָדעצקי טראכט נאר וועגען פּאַרטזעצען ביי דער ערשטער מעגליכקייט זיין איבערגעריסענעם שטודיום, האט דאס זעהר געוואונדערט. ער האט בשום אופן נישט געקאנט פערשטעהן, וואס עס האט איהם, דעם סטודענט, געבראכט דערצו, ער זאָל זיך מיט אַמאָל נעהמען צו דער גמרא מיט אזא ברען, עפּיס אזוי ווי ער וואָלט זיך מכין געוועזן צו רבנות. אין אַ געוויסען טאָג האט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען און אַ פרעג געטהון מלאָדעצקי'ן, וואס דאס בעדייט.

— קיין ריכטיגע תשובה — האָט איהם מלאָדעצקי געענטפערט — קאָן איך אייך אויף דעם נישט געבען, ווייל פאַר מיר אַליין איז נאך אויך די זאַך נישט אזוי קלאר. דאס איינציגע, וואס איך ווייס און וואס איך פיהל, איז, אז עס בענקט זיך מיר שטאַרק נאך דער גמרא. הייגט אז בענקען בענק איך און צייט האָב איך, טאָ פאַרוואָס זאָל איך נישט לערנען?

און ווירקליך, האט ער די ערשטע צייט זיך אַליין נישט געקאָנט אָבגעבען קיין דין וחשבון דערפון, וואס ער טהוט. ער האָט נור געשפּירט, אז אַ פערבאָרגענער כּוח שטויסט איהם צו דער גמרא; אָבער צוליעב וואס און צו וועלכען צוועק, — דאס האט ער נאך דאַן נישט געוואוסט. שפּעטער, נאכדעם ווי ער האט זיך טיעפער אַריינגעטראַכט אין דעם, וואס עס קומט אין איהם פאָר, האט ער זיך אָבגעשטעלט אויף דעם געדאַנק, אז דער דראנג צו דער גמרא, וואס האט איהם בעהערשט מיט אזא קראַפט, איז נור דער פּועל-יוצא פון זיין שטארקען בעגעהר צו פערגיטיגען זיינע עלטערן, כאָטש אונטער די אויגען, פאר דעם צער און עגמת-נפש, וואס ער האט זיי פעראורזאַכט, אַוועקרויבענדיג ביי זיי זייער איינציגע טרייסט צו האָבען אַ זוהן אַ רב.

און אזוי האט ער כסדר געלערנט און געלערנט, נישט קלערענדיג דערביי וועגען רבנות און אנדערע עהנליכע תכליתים, נאָר מעהר נישט ווי כדי צו טהון די עלטערן אַ נחת־רוח און אויסקויפען דערמיט דאס, וואס ער האט געגעבן זיי געטהון. אויב זיי לעבען און קאָנען זיך נאָך אַמאל דערפון דערוויסען, איז אַודאי גוט, און ווען נישט, איז פאר איהם גענוג דאס בעוואוסטזיין, אז ער האט דאס זייניגע געטהון, און דעם פלעק פון עובר זיין אויף כבוד־אב פון זיך אַראָבגעוואַשען.

אויף דעם געדאנק האט זיך מלאָדעצקי בערוהיגט.

VI

אין סמאָלענסקער גובערניע איז געוואָרען אונרוהיג. אין אַ סך הויפען האבען זיך צובונטעוועט די פויערים; זיי האָבען אויפגעהערט געהאָרכזאַם צו זיין די „פריצים" און אַריינטראָגען דעם יעהרליכען בעשטימטען אָבצאָהל. אין אזעלכע ערטער, וואו מ'האט זיי דער... געוואָלט נויטען, האָבען זיי פערברענט די הויפישע פולע שייערן מיט תבואה, אָדער אנגעטהון אנדערע הזיקות. מען האט דערצעהלט, אז עס זענען אין דעם פערמישט סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרען וואס פאָהרען ארום איבער די דערפער און בונטעווען די אָרימע פויערים געגען די רייכע גוט־בעזיצער, און ממילא אויך געגען דער מלוכה, וועלכע שטיצט זיי און מאכט מיט זיי „יד אחת".

די דאזיגע אַלע ידיעות האבען אַריינגעדרונגען צו דעם גביר אין הויף און אויף איהם אָנגעוואָרפען אַ פחד. ער האט אפילו ביי זיך גאַנץ גוט געוואוסט, אז די אַרומיגע פויערים האָבען צו איהם גארנישט און אז זיי בעציהען זיך, פערקעהרט, צו איהם מיט גרויס פריינדליכקייט, ווייל ער קומט זיי תמיד אַנטגעגען און איז מיט זיי מיטיב, ווי ווייט מעגליך. דאך האט ער זיך געשראָקען און האט ביי זיך געקלערט: אַ קשיא אויף אַ מעשה, צו וואס גיפטיגע צינגער קאָנען פערפיהרען דעם אומוויסענדען און פינסטערן פויער. און ווי ס'האט זיך אין גיכען אַרויסגעוויזען, איז זיין שרעק נישט געווען אומזיסט. ער האט אָנגעהויבען מערקען, אז די בעציהונגען פון זיינע פויערים צו איהם זענען עפיס נישט די זעלבע, וואס געווען; זיי טהוען איהם אפילו נישט קיין שלעכטס, זיי ריידען אויך נישט געגען איהם קיין בייז וואָרט, אָבער ער געפינט שוין ביי זיי נישט די פריהערדיגע אכטונג; זיי נריסען איהם נישט ביים בעגעגענען, און מאַנכע

פון זיי קוקען איהם פינסטער אָן. ער האט באלד פערשטאַנען, אז דאָ איז עפּיס נישט גלאַט, אז דאָ גרייט זיך עפּיס געגען איהם. ער האט גענומען חוקר ודורש זיין דורך זיינע יודישע אָנגעשטעלטע און איז דערגאַנגען, אז די לעצטע צייט זעהט מען אַרומדרעהענדיג זיך איבער די נאָהענטע דערפער אַ יונגענמאן, קענטיג — אַנ׳אינטעליגענט, וועלכער טענה׳ט עפּיס איין דאָ מיט דעם, דאָ מיט יענעם פּויער. דער גביר האט טס גלייך מודיע געווען אין „סטאַן" און דער „פּריסטאַוו" האט באַלד אַרויסגעשיקט פּאָליציאַנטען אויספאָרשען דעם ענין, און שוין אויפ׳ן צווייטען טאָג האט מען דעם יונגען מענשען געפּאַקט בעת ער איז געשטאַנען און גע׳דרשנ׳ט אויף אַ פרייען פעלד פאר אַנ׳עדה פויערים און פויערטעס.

ביים גביר האט קיינער פון די שטוביגע מענשען נישט בעמערקט, אז זינט מ׳האט אָנגעהויבען שמועסען וועגען די פויערשע אונרוהען אין דער אַרומיגער געגענד, איז מלאָדעצקי אַריינגעפאַלען אין אַ נערוועאישער שטימונג. צו יעדען איבערגעגעבענעם פאקט האט ער זיך צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, און אַנדערע פּרטים האט ער זיך געבעטען איבערדערצעהלען איהם עטליכע מאָל. אזוי שטארק איז געווען זיין אינטערעס צו די לעצטע געשעהענישען. בעת דער גביר האט דעמזעלבען טאָג דערצעהלט ביים טיש אויספיהרליך די געשיכטע וועגען דעם ארעסט פונ׳ם אַגיטאַטאָר, און האט אויף דעם מוסיף געווען, אז לויט די פּאַפּירען, וואס מ׳האט ביי איהם געפונען, איז ער אַ גראפס אַ זוהן און אַ תלמיד פון פּעטערבורגער טעכנאָלאָגישען אינסטיטוט, האט זיך מלאָדעצקי אַ טרייסעל געטהון און איז שיער נישט אויפגעשפרונגען פון אָרט. לויט אַלע סמנים האט ער דערקענט, אז דער אַרעסטירטער איז זיינער אַ גאַנץ נאָהענטער, אינטימער חבר, מיט וועלכען ער האָט צוזאַמען געלערנט און געאַרבייט פאר דעם סאָציאַליסטישען געדאנק. מלאָדעצקי האט קוים דערלעבט, מ׳זאָל פערענדיגען דעם מיטאג איז באלד אַרויף צו זיך אויף דער שאלקע, און האט זיך אַ ווארף-געטהון ווי אַ סנאָפּ אויף דער סאָפע. ער האט בעקומען שטאַרק רחמנות אויף זיין חבר, וועלכער לייד פאר דער אידעע, און ער האט גענומען בעטראַכטען און זיכען פּלענער, אפשר וועט ער איהם קאָנען אַרויסראַטעווען נאָך איידער ער וועט אָבגעשיקט ווערען מיט׳ן עטאפּ אין פּאָוויאַט. פאר דער צייט, וואס ער האט געאַרבייט אין די פּראָווינצער און

פעטערבורגער סאָציאַליסטישע קרייזלעך, האט ער זיך אָנגעהערט געננוג מעשיות, ווי אזוי מ'האט דאָ און דאָרט פאַר געלד אונטער-געקויפט די וואך און בעפרייט אַרעסטירטע חברים, און דאס האט איהם אַרויפגעבראַכט אויפ'ן געדאַנק צו פּרובען זיך, אפשר וועט זיך איהם אויף אַזא אופן איינגעבען אַרויסצובעקומען זיין חבר פון תפיסה. אויסגעלאָזט האט זיך אָבער, אז מלאָדעצקי האט זיך גאָר פערשפּאָרט צו ברעכען דעם מוח, ווייל זיין חבר האט שוין אַליין געוואוסט, ווי זיך צו העלפען. עס איז געבליבען אומבעקאַנט, ווי אזוי אין וואס פאר אנ'אופן עס איז געשעהן, אז מיט אַ נאכט פריהער, איידער מ'האט געזאָלט אָבפיהרען דעם אַגיטאַטאָר אין פּאָוויאַט איז ער נעלם געוואָרען, און אַלע אַרומזוכענישען און נאָכ-פאָרשונגען זענען פערבליבען אָהן אַ רעזולטאַט. דער אַרעסטאנט איז אַריין, ווי אין וואַסער.

אויף מלאָדעצקי'ן האט די געשיכטע געמאַכט אַ גוואַלדיגען רושם, און אינטער איהר איינפלוס האט זיך אין איהם ווידער דערוועקט דער איינגעשלאָפענער סאָציאַליסטישער טהוער. ער האט שוין מעהר אויף דער קאָנדיציע ביים גביר נישט געקאָנט איינזיצען. מיט אַ מעכטיגער קראפט האט איהם געצויגען צוריק צו זיינע חברים. ער האט געזוכט און געפונען אנ'אויסרייד און איז אבגע-פאָהרען פון הויף.

VII

מיט די עטליכע צעהנדליג רובל פון זיין אָבגעשפּאָרטען שכר-לימוד אין טאש, האט זיך מלאָדעצקי געלאָזט אין וועג אריין. ער האט זיך ערגיץ נישט אָבגעשטעלט און איז געפאָהרען גלייך קיין פעטערבורג. דאָרט האט ער זיך געטראָפען און זיך צונויפ-גערעדט מיט אַלטע חברים, און יענע האָבען איהם געראַטען, און אויך געגעבען איהם די נויטיגע אינסטרוקציעס, אַרומצופאָהרען איבער די דערפער און אַגיטירען די פּויערים פאר'ן סאָציאַליזם. מלאָדעצקי האָט די מיסיע אָנגענומען און איז אָבגעפאָהרען אויפ'ן דרום, ווייל דאָרט, אזוי האט מען איהם דערקלערט, וועט ער שוין געפונען פאר די רעוואָלוציאָנערע אידעען אַ צוגעגרייטען באדען. די ערשטע צייט האט מלאָדעצקי געהאט גרויסע ערפאָלגען. אין זיינע בעריכטען צו די פעטערבורגער פריינד האָט ער מודיע געווען

בסדר וועגען אויסטערלישע נצחונות און טריאומפען. שפעטער איז זיין גליק ווי אָבגעהאקט געוואָרען. ער האט זיך אָנגעשטויסען אָן פערשיעדענע שטערונגען; עס זענען געווען פאַלען, ווען די שמירה מצד דער מאכט איז געווען אזוי שטארק, אז ער האט נישט געוואגט א מויל צו עפענען; עס האט אויך פאַסירט, אז די פויערים האָבען איהם געדראהט, אז אויב ער וועט באַלד נישט אָבפאָהרען, וועלען זיי איהם איבערגעבען אין די הענד פון דעם „אוריאַדניק". אין אנדערע ערטער האט מען איהם שוין געהאַלטען ביים ארעסטירען, און ער האט זיך דורך אַלערליי מיטלען מיט המצאות קוים אַרויסגעראַטעוועט. עס איז געקומען אזוי ווייט, אז ער האט געפונען זיין שליחות פאַר צו-געפעהרליך, און ער האט זיי איבערגעריסען אין מיטען און האט זיך צוריקגעקעהרט קיין פעטערבורג.

דאס איז געווען אין יאָהר 1879. אין יענער צייט האט זיך די אונטער-ערדישע אַרבייט פון די „נאַראָדאָוואָלצעס" זעהר שטארק ענטוויקעלט. זיי האָבען דאַן געהאט בעשלאָסען איבערצוגעהן צו טעראָר. אין אייניגע ערטער זענען דורך זייער איניציאטיוו ערמאָרדעט געוואָרען הויכגעשטעלטע ביוראָקראַטען. זיי האָבען שוין אויך געמאכט עטליכע נישט-געלונגענע אַטענטאַטען געגען דעם קייזער אַלעקסאַנדער דעם צווייטען. נישט אַלע אָנפאַלער זענען אַריינגעפאַלען אין די הענד פון דער מאכט, אָבער די, וועלכע מען האט געכאפט, זענען געוואָרען פער'משפט צום טויט. דאך האט עס די טעראָריסטען נישט אָבגעשראָקען, און זייער צאָהל איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג. דאס האט בעוואויגען די רעגירונג אָנצונעהמען גרויסע פּאָרזיכטס-מיטלען. בעזונדערס איז פערשטאַרקט געוואָרען די השגחה אויף דער שטודירענדער יוגענד, וועלכע מ'האט אָבגעהיט אויף יעדען שריט און טריט. ווי פון אונטער דער ערד האבען אומעטום אַרויסגעשפּראָצט שפּיאָנען און געהיימע אַגענטען, וועלכע האבען נאָך איטליכען נאָכגעקוקט און נאָכגעשפּירט, און ביים קלענסטען חשד אַרעסטירט און אַריינגעוואָרפען אין געפענגניש.

עס האט זיך געדאפּפּט מאכען, אז אין איינעם פון יענע טעג איז מלאדעצקי געגאנגע פארביי דעם קייזערליכען ווינטער-פּאַלאַץ. ס'איז פערבליבען אומבעוואוסט, צי עס האט איהם אַהין געפיהרט א געוויסע בעהאלטענע כוונה, אָדער ס'איז געווען מעהר נישט ווי א געוועהנליכער צופאַל, א געהיים-אַגענט האט איהם אָבער דערזעהן

און געוואָרפן אויף איהם אַ פערדאכט און אַרעסטירט באלד אויפ׳ן אָרט. ס׳האָבען זיך דאן געפונען אין פעטערבורג פיעל אַזעלכע אַרעס-טירטע, ווי מלאָדעצקי, און דעריבער האט ער זיך אָבגעוואַלגערט אין תפיסה שענע עטליכע וואָכען ביז ס׳האט זיך וועגען איהם פער-ענדיגט די אויספאָרשונג. דער חשד האט זיך אפילו אַרויסגעוויזען פאר אומבעגרינדעט, דאָך האט אָבער דער גענעראל-גובערנאטאר גירקא געפונען פאר גלייך אַרויסצושיקען איהם פון פעטערבורג. דערוייל האט מען זיך אין פּאָליציי צופעליג ארומגעזעהן, אז מלאָדעצקי׳ן האט מען שוין אַמאָל פערבאָטען צו וואוינען אין פעטערבורג, צוליעב זיין יודישקייט, און נישט קוקענדיג אויף דעם האט ער זיך אַהין אונלעגאל צוריקגעקעהרט. נעהמענדיג דאס אין אכט, האט מען איהם אָבגעשיקט קיין סלוצק אונטער אַ בעזונדער שמירה. אין אַ קרעטשמע פאר מינסק האט ער זיך אָבער אַרויסגע׳גנב׳עט פון עטאפּ און איז אנטלאָפען, פערכאַפּענדיג מיט זיך אַ רעוואָלווער, וועלכען ער האט צוגענומען בשתיקה ביי איינעם פון דער קאמענד. אין וועג האט ער פאר עטליכע רובל בעקומען אַ פּאס אויף אַ פאלשען נאָמען, און אַ האַלב יאָהר אנ/ערך האט ער זיך אומגעדרעהט איבער שטעדט און שטעדטליך און שטענדיג אין גרויס פחד טאָמער כאפּט מען איהם. דאס האט איהם אראָבגעשלאָגען פון מוט און זעהר דענערווירט. דערצו האט נאך געדאַרפט פּאַסירען, אז ערגיץ אין אַ שטעדטיל הינטער באָברויסק האט ער זיך גאנץ אומגעריכט געטראָפען מיט אַ סלוצקער יודען, פון וועלכען ער איז דערגאַנגען, אז זיינע עלטערן זענען נאָך מיט עטליכע יאָהר צוריק געשטאָרבען, און דערביי האט ער מוסיף געווען, אז אין שטאדט האט מען דאן גערעדט, אז זיי זענען אַוועק פון דער וועלט מחמת גרויס קלעמעניש, וואס זיי האָבען געהאט פון זייער בן-יחיד, וועלכער האט זיך געשניטען אויף אַ רב, און איז אַוועק אויף אַ שלעכטען וועג. די דאזיגע ידיעה האט נאָך מלאָדעצקי׳ן מעהר צובראָכען. ער איז אַרומגעגאַנגען, ווי אַ צודולטער און איז אריינגעפאלען אין גרויס פערצווייפלונג.

ביז אַ האַלב יאהר האט מלאָדעצקי אזוי געוואָגעלט פון אָרט צו אָרט. צום סוף האט ער איינגעפונען, אז זיכער וועט ער זיך ערגיץ נישט קאָנען פיהלען, ווי נור דוקא אין פעטערבורג; דארט, אין דעם גרויסען מענשען-ים, וועט ער זיך לייכט פערליערען. ער איז אָבער אהין געקומען אַ נידערגעשלאָגענער און אַ פערביטערטער.

ציטענוווייז האט זיך ביי איהם דערצו צוגעמישט אויך אַ געפיהל פון נקמה — נקמה אָן די, וואס צוליעב זיי איז ער אויסגעשטויסען געוואָרען פון דעם וויסענשאַפטס-טעמפעל און געבליבען שטעהן אין מיטען וועג אָהן אַ צוועק, און אָהן אַ קאריערע. פון איהם וואָלט שוין לאנג געקאנט אַרויסוואַקסען אַ גרויסער געלעהרטער, וועלכער וואָלט בערייכערט די וויסענשאַפט און וואָלט געווען אַ ליכט פאר דער מענשהייט. און איצט ? !..

ער מוז זיך מאכען אַ נאָמען, כאטש פאר וועלכען פרייז עס איז, — דאס איז געווען מלאָדעצקי'ס לעצטער בעשלוס, און אין אַ געוויסען טאָג האט אין איהם אויפגעבליצט דער געדאנק אָבצורוימען פון וועג איינעם פון די גרעסטע רוסישע שררות. אויסגעקליבען פאר זיין קרבן האָט מלאָדעצקי דעם דעמאָלטיגען דיקטאַטאָר פון רוסלאנד, גראַף לאָריס מעלניקאָוו. לאָריס-מעלניקאָוו, וועלכער איז געווען דער גאנצער בעל-יועץ ביי אַלעקסאנדער דעם צווייטען, האט געשפּילט די ראָלע פון אַליבעראל און אין אמת'ן האט ער געשטיצט די רעאַקציע אין איהרע פערשיעדענע פאָרמען, און דעריבער האט איהם די ראַדיקאַלע יוגענד אינערליך געהאסט. מלאָדעצקי האט מודיע געווען זיין בעשלוס דעם אויספיהר-קאָמיטעט פון די „נאַראָדאָוואָלצעס”, און נאָכדעם ווי זיי האבען איהם אזוי גיך נישט געענטפערט, האט ער בעשלאָסען אויצופיהרען דעם אַטענטאט אויף זיין אייגענער אָחריות.

פון דעמאָלט אָן האט מלאדעצקי אָנגעהויבען נאכשפּיאנירען דעם גראף לאריס-מעלניקאָוו, אבהיטען די צייטען, ווען ער פערלאָזט זיין וואוינונג און ווען ער קומט צוריק. דעם 20-טען פעברואַר, 1880, בעת דער גראף האט זיך צוריקגעקעהרט צו זיך אַהיים און איז אַראָב פון זיין עקיפּאזש, האט אין איהם מלאָדעצקי אויסגעשאסען פון אַ ברוינינג. מלאדעצקי האט זיך אבער נישט גיט געציעלט, און די קויל האט געטראפען נישט דעם גראַף, נור זיין פאנצער. מלאדעצקי'ן האט מען תיכף געכאפּט. די חקירה ודרישה וועגען דעם דאזיגען אטענטאט האט מען אבגע'פטר'ט אין צוויי שעה, און דאס מיליטערישע געריכט האט פעראורטיילט מלאדעצקי'ן צום טויט דורך הענגען.

דער דאזיגער פסק-דין האט ארויסגערופען אין פעטערבורג אַ שטארקע פערביטערונג. דאס איז געווען ביז אהער אַן'אונגעהערטער

פאקט, מען זאל אַ מענשען פער׳משפט׳ן צום טויט כמעט אהן אַ שום אויספאָרשונג, און דעריבער איז געווען דער טומעל אַרום דעם פראָצעס אזוי גרויס. זעהר אינטערעסאנטע פרטים וועגען דער דעמאָלדיגער שטימונג צווישען דער פעטערבורגער אינטעליגענץ האט שפעטער איבערגעגעבען אין זשורנאַל „בילאָיע" (1906) א געוויסער שריפטשטעלער ר ו ס א נ אָ וו, וועלכער דערצעהלט אונטער אנדערן פאָלגענדעס:

„צוויי טעג איידער מ׳האט אויסגעפיהרט דעם פסק-דין אויף מלאָדעצקי׳ן, איז מיר אויסגעקומען צופעליג צו נעכטיגען ביי דעם בעוואוסטען טאַלאנטפולען בעלעטריסט ווסעוואָלאָד גאַרשין. איך האב מיך שוין לאנג געלעגט, און גארשין איז נאך אַלץ געווען אויף די פיס; ער איז נערוועאיש אַרומגעלאָפען איבער׳ן צימער, ער האט עפּיס געשריבען און געריסען, און ווייטער געשריבען, ער האט געטרונקען וואַסער אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז, ער האט געבראָכען אין פערצווייפלונג די הענט, איינהאלטענדיג זיך קוים פון וויינען, און צום סוף האט ער אויף זיך שנעל אַרויפגעכאַפּט דעם מאנטעל מיט׳ן הוט און איז אַרויסגעלאָפען...

ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום איז מען דערגאנגען וואוהין גארשין איז דאס אַוועקגעלאָפען אין מיטען דער נאכט. נאכדעם ווי ער האט זיך דערוואוסט, אז איבערמאָרגען דארף מען מלאָדעצקי׳ן הענגען, האט ער בעשלאָסען אַפריהער צו בעטען לאָריס-מעליקאָוו׳ן אין אַ בריעף, ער זאל דעם אַטענטאטער מוחל זיין און איהם שענקען דאס לעבען. איהם האט זיך אָבער אַלץ געדיכט, אז דער בריעף געהט ביי איהם אַרויס עפּיס נישט אזוי שען-מליצה׳דיג, און ער האט געריסען אַ בלעטעל נאך אַ בלעטעל. צום סוף האט ער געפונען פאר גלייכער אליין אַריבערצוגעהן צום גראף און איבערצייגען איהם פערזענליך, אז דאס געוויסען פאָדערט פון איהם, ער זאל ענטשולדיגען דעם פערברעכער. און ווירקליך איז גארשין זייגער זעקס אין דערפריה אַוועק און האט שטאַרק געבעטען דעם דעזשורני אָפיציר, ער זאך תּיכף איבערגעבען זיין וויזיט-קאַרטע דעם אַלמעכטיגען דיקטאטאָר, וועלכער האט נאך דעמאלט געשלאָפען. לאָריס-מעליקאָוו, וועלכער האט ליעב געהאט אַרויסצושטעלען זיך פאר אַ געבילדעטען מאן, וואס איז בעהאווענט אין דער פּאָטערלענדישער ליטעראַטור, האט זיך דערמאהנט, אז עס איז באמת דאָ אויף דער וועלט אַ שרייבער גארשין; אויסער דעם האט ער זיך אויך עראינערט, אַז ער האט דעם דאָזיגען גאַרשינ׳ען

געקענט נאָך פריהער אלס פרייוויליגער אנטיילנעהמער אין דער צייט פונ׳ם רוסיש-טערקישען קריעג; גארשין איז אפילו דאָרט פערוואונדעט געוואָרען, און האט, דוכט זיך, דאן בעקומען דעם ראנג פון אַ „פּאָדפּאָ-רוטשיק״ פאר העלדישקייט. לאָריס-מעלניקאָוו האט זיך פעראינטערעסירט מיט דעם אזוי פריהיגען, גאַנץ אונערווארטעטען בעזוך פון גארשינ׳ען, און האט איהם אויפגענומען נישט אין דער בעשטימטער צייט.

פון אָנפאנג האט זיך גארשין געפרובט דערווייזען מיט גרויס התלהבות דעם דיקטאַטאָר, ווי הומאניש און טאקטיש און אפילו נוצליך אין געזעלשאפטליכען זין עס וואָלט געוועזען פון זיין זייט צו בעגנעדיגען מלאָדעצקי׳ן, בעזונדערס נאכדעם, ווי דער אַטענטאט האט זיך נישט איינגעגעבען. אָבער לאָריס-מעלניקאָוו האט גענומען אויפ-ווייזען גאַרשינען, אז עס איז נויטיג לטובת דעם קיום פון דער מלוכה עוקר צו זיין מן השורש אַזעלכע פערברעכער; נאָכדעם האט ער געזאָגט, אז מוחל זיין מלאָדעצקי׳ן קאן נישט ער, נור דער קייזער. טיעף אויפגערעגט איז גארשין געפאַלען אויף אַ מיליטערישען שפיצעל און ער האט אַ געשריי געטהון: „גראף! וואס וועט איהר זאָגען, ווען איך וועל מיך אויף אייך אַרויפווארפען און וועל אייך אַ צאראפּע טהון; איך האב אונטער יעדען נאָגעל אַ קליינעם פוזיריק׳ל מיט טויטליכען גיפט, פון דעם קלענסטען שטאָך שטארבט איהר באַלד!״. דער גראף האט, נאטירליך, געזעהן אויסגעצייכענט זיין געפעהרליכען שונא, אָט דעם סימפאטישען יונגענמאַן, וועלכער האט זיך פון אויפרעגונג קוים געהאלטען אויף די פיס און האט גוט פערשטאנען, ווי נאַאיוו עס איז זיין דראָהונג. פונדעסטוועגען האט ער געפונען פאר נויטיג צו שפיעלען דאָ די ראָלע פון אַ גרויסען גבור. ער האט זיך צו איהם אָבגערופען:

— גאַרשין! איהר זייט געוועזען אַ סאָלדאט, און איך בין אויך איצט, לויט׳ן ווילען פון קייזער, אַ זעלנער אויפ׳ן פּאָסטען; ווי איז דאס אייך גאָר איינגעפאַלען צו סטראשען מיך מיט׳ן טויט, וויפיעל מאל האב איך מיט אייך איהם געקוקט אין די אויגען!

דער נאַאיוועה גאַרשין איז געבליבען גערירהט פון לאָריס-מעלניקאָוו׳ס תשובה. מיט אַמאָל האט ער זיך פונאנדערגעוויינט און האט זיך ווידער גענומען בעטען ביים דיקטאַטאָר, ער זאל בעגנעדיגען מלאָדעצקי׳ן, און האט שיער נישט גע׳חלש׳ט. צום סוף האט ער גע׳-פועל׳ט ביי לאָריס-מעלניקאָוו׳ן כאטש אָבצולעגען אויף אַ געוויסער

צייט דעם אויספיהר פון פסק-דין, און איבערקוקען דעם משפט גאר־ אויף דאס-ניי... ווי מ׳האט געדאַרפט דערוואַרטען, איז אָבער די הבטחה נישט געווארען דערפילט. לאָריס-מעלניקאָוו האט אפילו וועגען דעם קיין פאָרשלאג נישט געמאכט.

VIII

מלאָדעצקי האט אויפגענומען די ידיעה וועגען זיין פסק-דין גאנץ רוהיג און אפילו מיט אַ שמייכעל.

אז מ׳האט איהם געפרעגט נאָך זיין לעצטען פערלאנג, האט ער געבעטען, מ׳זאל צו איהם שיקען אַ — — גלח.

דער ערשטווינטער נאטשעלניק פון טורמע האט זיך צו איהם אָבגערופען:

— איהר האט געמוזט האָבען אַ טעות; איהר האט געוויס גע־וואָלט בעטען, מ׳זאל אייך שיקען אויף ווידוי-זאָגען אַ ר ב...

— ניין! — האט איהם מלאָדעצקי געענטפערט קורץ און שארף — איך פערלאנג מ׳זאל מיר ברענגען אַ פ ר א וו אָ ס ל אַ וו נ ע ם ג ל ח.

אז דער גלח איז געקומען, האט איהם מלאָדעצקי געבעטען, ער זאָל איהם אָבשמד׳ן.

נאכדעם ווי זיין בקשה איז געוואָרען ערפילט, האט מלאָדעצקי אַ זאָג געטהון הויך אויפ׳ן קול פאר אלע, וואס האבען זיך געפונען בעת מעשה ביי איהם אין טורמע-צימער:

— אויב די טהאט, פאר וועלכער איך בין פער׳משפט צום טויט, איז אַ חרפה און אַ שאנד, נעהם איך די חרפה און די שאנד אויף זיך. צו יודען, צום יודישען פאָלק, האט עס קיין שייכות נישט!

דער גלח האט מלאָדעצקי׳ן פאָרגעשלאָגען צו זאָגען ווידוי. מלאָ־דעצקי האט זיך אבער אבגעזאגט.

נאָך דעמזעלבען טאָג האט מען מלאָדעצקי׳ן געהאנגען.

ניסקע שלעפיאַן

I

ביז עטליכע און פערציג יאהר איז ער געווען אין מינסק אַ מלמד, און האט געלערענט מיט קינדער חומש מיט רש״י. תּלמידים האט ער געהאט בלויז פון די אָרימסטע פאָלקס-שיכטען, ווייל ער האט נישט געשמ׳ט אין שטאָדט פאַר אַ צו-גרויסען למדן. דערצו איז ער נאָך געווען אַ בעל-מום: ער האט אַ ביסעל צוגעשטאַמעלט און צו-ליעב דעם האט מען איהם געוועהנליך גערופען. ניסן דער „כבד-פּה״. נישט געקוקט אויף דעם, וואס ער האט געהאָרעוועט ווי אַנ׳אייזעל פון פריה ביז שפּעט אין דער נאַכט, האט איהם דאָך זיין פערדיענסט פונ׳ם שכר-לימוד נישט געקלעקט אפילו אויף ברויט מיט וואסער, ווייל ער איז געווען אַ מטופל מיט קינדער. דאס האט געפיהרט צו אָפטע מחלוקת צווישען איהם מיט׳ן ווייב וועלכע האט ביי איהם כּסדר געמאהנט „מזונות״ פאַר זיך און פאַר די קינדער, און ער האָט איהר נישט געקאָנט צופריעדענשטעלען. נישט זעלטען האט זיך ביי זיי דער ווארט-קאמף פערוואנדעלט אין מעשים, אין בלוטיגע מלחמות, און פארגעקומען איז עס על-פּי-רוב פאַר די תּלמידים אין די אויגען. אין יענע מינוטען פלעגט ווערען דער חדר ווי אַ גיהינום, און דער סוף פלעגט זיין, אז דער מלמד, אין גאַנצען אַ צושלאָגענער און אַ צובייזטער, פלעגט זיך אַרויסרייסען אינמיטען לערנען פון שטוב און אַנטלויפען אין בית-המדרש. אזוי האט זיך עס געצויגען אַ גע-וויסע צייט, ביז עס האָבען זיך דערוואוסט וועגען די אַלע זאַכען די שכנים פון דער גאַס, וועלכע האָבען אויס רחמנות אויף דעם מלמד צונויפגעקליבען עטליכע רובל און עס אָבגעגעבען דער „רבי׳צין״,

זי זאָל זיך פאַר דעם מאַכען אַנ׳אייגענע פּרנסה ביי דער זייט און נישט דאַרפען אויסקוקען כסדר אויף דעם מאַנ׳ס פעֶרדיענסטען. פאַר דעם געלט האָט די רבּי׳צין ביי זיך אין קיכשטיבעל אַ קעסעל און פערקויפט די אָרומיגע אונפערמעגליכע איינוואוינער גע־קאָכט וואַסער צו טיי. פון דעם דאָזיגען „עסק״ האָט זי געצויגען עטליכע גילדען אַ וואָך, וואָס עס האָט אויסגעמאַכט ביי אַ העלפט פון זייער חיונה, און דאָס האָט געבראַכט צו דעם אַז די מלחמות צווישען מאַן און ווייב האָבען זיך אויף אַ צייט איינגעשטעלט.

גראַד האָט געדאַרפט פּאַסירען, אַז פּונקט געגענאיבער דעם מלמד׳ס וואוינונג האָט זיך געפונען דער סעמינאַר פון די פּראַ־וואָסלאַוונע גלחים. אין דעם דערמאַהנטען סעמינאַר איז געווען אַנ׳-אינטערנאַט פאַר די אָרימע תּלמידים, בעזונדערס פון דער פּראָווינץ. די דאָזיגע יונגע „קלעריקעס״ פלעגען גאַנץ אָפט געבען צו לייזען דער רביצין פאַר הייס וואַסער. שפּעטער האָבען זיי אָנגעהויבען אַריינקומען צו איהר טרינקען אַ גלעזעל טיי, און אַמאָל אויך כאַפּען אַ לייכטען ביס, ביז זיי זענען דאָרט אַזוי אַרום געוואָרען גאַנצע „בני-בית״. ווייל זיי האָבען לויט׳ן געזעץ נישט געטאָרט אַרויס־געהן פון די ד׳ אמות פונ׳ם אינטערנאַט, פלעגט זיי אַהין בעגלייטען דער פון אונטערגעקויפטער אויפזעהר, אַ זקן פון אַ בן-שבעים, וועלכער פלעגט דאָרט מיט זיי צוזאַמען אָבזיצען די גאַנצע צייט, און נאָכדעם אָבפיהרען זיי צוריק אין סעמינאַר אַריין.

II

דער דאָזיגער משגיח פונ׳ם גלחישען אינטערנאַט איז געווען אַ געבוירענער אַ ר אַ ז י נ ו י ע ר און האָט געשטאַמט פון יודען. ער איז געווען פון די קאַנטאָניסטען, וועלכע זענען קינדווייז אָבגע־שמד׳ט געוואָרען. ביז ער איז געוואָרען אנערקענט פאַר מיליטער־פעהיג האָט ער זיך דערצויגען ביי אַ דאָרפישען גלח. זענענדיג זעהר אַ פעהיגער, האָט ער ביי דעם גלח אַזוי שטאַרק אויסגענומען, אַז ער האָט בעשלאָסען אָנצווענדען אַלע מיטלען, מ׳זאָל דעם יונגען קאַנטאָניסט בעפרייען פון מיליטער־דיענסט און ערציהען איהם פאַר אַ פּראַוואָסלאַוונעם גייסטליכען. ער האָט אויך זיין בעשלוס פער־

ווירקליכט און געבראכט אזוי ווייט, אז אויפ׳ן פארשלאג פון „סינאד״ האט מען דעם קאנטאָניסט אויסגעשריבען פון דער ארמעע און איבערגעגעבען איהם אין דער קאַזיאָנער גלחישער שול. אויף דעם גלחישען געביעט האט ער געשטיגען און געשטיגען ביז ער האט דער־לאַנגט צו איינער פון די גרעסטע שטופען אין דער פּראַוואָסלאַוונער יעראַרכיע. עטליכע יאָהר נאָך דער רייה האט ער פערטראטען די שטעל פון אַנ׳ארכיערײ אין פערשיעדענע גובערניעס און אין די גייסטליכע ספערען האט מען איהם פּאָראויסגעזאָגט נאך אַ פיעל גרעסערע צוקונפט. גאנץ אומגעריכט האט אָבער געטראָפען אַ צופאל דורך וועלכען די דאָזיגע פּאָראויסזאגונג איז נישט מקוים געוואָרען.

אַמאל — ער איז דאן געווען ארכיערײ אין מאָהילעוו אויפ׳ן דניעפּר — האט מען איהם געמאָלדען, אז אַנ׳עלטערע יודישע פרוי פער־לאַנגט אויפגענומען צו ווערען פון איהם. הגם ער האט זיך תמיד בע־מיהט אויסצומיידען יודען, צוליעב וואס מ׳האט איהם געהאַלטען פאר אַנ׳אנטיסעמיט, האט ער דאָך דאסמאָל געהייסען אַרײנפיהרען די יודענע צו איהם אין קאבינעט. ווי זי איז נור אַרײן, האט זי זיך געוואָרפען דעם ארכיערײ צו די פיס און מיט אַ ביטער געוויין אויס־געשריען אויפ׳ן קול:

— העלפט אַנ׳אומגליקליכע מוטער!

ס׳האט געדויערט היבשע עטליכע מינוט ביז די פרוי האט זיך בערוהיגט. נאכדעם האט זי דערצעהלט דעם ארכיערײ פאָלגענדעס:

— איך בין אַליין פון דענעבורג (דאס הײנטיגע דווינסק). שוין צעהן יאָהר ווי כ׳בין געבליבען אַנ׳אלמנה און וואוין צוזאַמען מיט מיין טאָכטער, אַ יונג מיידעל, וועלכע איז ביי מיר אַ בת־יחידה. איך האב אַ געשעפט און זיך אַ גאנצען טאג אין קראָם, און מיין טאָכטער פיהרט די ווירטשאפט. מיט אַ פערטעל יאהר צוריק איז אין דעמזעלבען הויז, מיט אַ שטאָק העכער, אַרײן וואוינען אַ יונגער קריסט, וועלכער האט ביי אונז אין שטאָדט געדיענט אלס „סליעדאוואטעל״. דער דאָזיגער „סלעדאוואטעל״ האט זיך גאַנץ צופעליג בעקענט מיט מיין טאָכטער. אין אַ געוויסען טאג איז ער אַנ׳אומגעבעטענער אַרײן צו אונז, האט זיך פּאָרגעשטעלט און געזאָגט, אז הערענדיג ביי זיך אין צימער מיין טאָכטער שפּיעלען קלאַוויר, פון וואס ער איז זעהר ענטציקט, האט

זיך אין איהם דערוועקט אַ שטאַרקער פערלאַנג, זיך מיט איהר צו בעקענען. איך מיט מיין טאָכטער האָבען דעם „סליעדאוואטעל" גאַנץ פריינדליך אויפגענומען, און ער איז ביי אונז געוואָרען אַנ'אפטער איינגעהער. כמעט יעדען אָוונט פלעגט ער צו אונז אַריינקומען, און שפּיעלען מיט מיין טאָכטער קלאַוויר אין פיער הענט. איך האב אין מיין מוטערליכער פערבלענדעניש נישט געפונען אין דעם קיין פער-ברעכען, און האָב אויף דעם געקוקט גאַנץ גלייכגילטיג. דער סוף איז אָבער געווען, אז אין אַ „שענעם פריהמאָרגען" איז מיין טאָכטער אנט-לאָפען מיט דעם „סליעדאוואטעל", און וויפיעל און וואו איך האב זי נישט געזוכט, האָב איך די גאַנצע צייט נישט געקאָנט דערגעהן וואוהין זי איז אַהינגעקומען. צוליעב די לאַנגע אַרומזוכענישען האב איך פערנאַכלעסיגט מיין געשעפט און בין אינגאַנצען רואינירט גע-וואָרען. ערשט די טעג האָב איך זיך דערוואוסט אז מיין טאָכטער גע-פינט זיך צוזאַמען מיט'ן „סליעדאָוואטעל" דאָ אין מאָהילעוו, און אז זי זיצט אין אַ מאָנאַסטיר און האלט זיך ביים שמד'ן. מיין טאָכטער איז אַ יונג קינד, זי איז נאָך אפילו קיין אַכטצעהן יאָהר נישט אַלט, זי קאָן זיך נישט אָבגעבען קיין חשבון פון דעם, וואס זי טהוט, זי איז אַ פערפיהרטע, און האט געוויס חרטה אויף דעם פאַלשען שריט, וואס זי האט געטהון. ערלויבט מיר נור צונויפקומען מיט איהר, און איהר וועט זעהן, אז זי וועט וועלען פאָהרען מיט מיר צוריק אַהיים. זי ווייסט גאַנץ גוט, אז זי איז ביי מיר דאס אויג פון קאָפּ, און ווערט זי אונטריי דעם גלויבען, אין וועלכען זי איז געבוירען און ערצויגען געוואָרען, וועל איך דאס נישט אויסהאַלטען מיט מיינע כוחות און וועל זיך אַ מיתה אָנטהון. זי ווייסט, אז מיין מאַן האָט תמיד שטאָלצירט מיט דעם, וואס ער איז אַנ'אייניקעל פון יענע „ר א ז י נ ו י ע ר", וועלכע האָבען זיך מוסר נפש געווען און זענען געגאַנגען אויפ'ן פייער צוליעב זייער יודישע אמונה.

דערהערענדיג דאס וואָרט „ראַזינויער", האָט ביים ארכיערעי אַ ציטער געטהון אַ מוסקול. איהם האָט זיך אין יענער מינוט אויס-געדוכט, ווי ער וואָלט מיט אַמאָל דערהערט שוין אַ לאַנג פערשטומט געוואָרענעם קלאַנג פון זיינע קינדערשע יאָהרען. ער האט זיך דער-מאהנט אין זיין ראַזינויער אָבשטאַמונג, און גלייך נאָך דער דאָזיגער ערינערונג האט זיך פאַר איהם ענטפּלעקט ווי דורך אַ געדיכטען נעפעל אַ בילד, וואס האט איהם פערפאָלגט פון דער ערשטער מינוט

אין וועלכער ער איז מיט 60 יאָהר צוריק געהענדיג פון חדר אַריינגע־פאַלען אין די הענט פון די „כאַפּערס“, ביז ער איז איינגאַנצען גע־וואָרען פערשלונגען פון דער גלחישער ספערע — דאס בילד ווי דער מלמד האט זיי דערצעהלט די אויספיהרליכע פּרטים פון דער פּאַ־סירונג מיט די ראזינויער „קדושים“ און האט דאן פערענדיגט מיט די ווערטער: „גע'דענקט-זשע, קינדערלעך, אז די ערד, אויף וועלכער איהר טרעט, איז אָנגעזאַפּט מיט דעם בלוט פון „הייליגע“ בעמיהט זיך אויך צו בלייבען תמיד הייליג ווי אייערע זיידעס“...

דער ארכיערייי האט זיך אַ כאַפּ געטהון פאַר'ן קאָפּ און איז גע־בליבען זיצען אַ ווײַלע פערטראַכט.

III

אין אַ פּאָר טעג אַרום האט זיך די דווינסקער יודענע געזעהן מיט איהר פערפיהרטער טאָכטער. פּאָרגעקומען איז עס אין איינער פון די שפּעטע אָוועגד־שעה'ן ביים ארכיערייי אין הויז און אין זיין געגענ־ווארט. ער האט זיך געוואָלט איבערצייגען, צי איז דאס מיידעל באמת אַוועק מיט דעם קריסט אונבעוואוסטזיניג, ווי די מוטער האָט איהם דערצעהלט. און ער האט אויף דער דאָזיגער איבערצייגונג לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטען. באַלד ביי זייער ערשטער בעגעגעניש זענען זיי ביידע, די מוטער מיט דער טאָכטער, געפאַלען אין אָהנמאַכט, און עס האט געדויערט אַ ה„בשע ווײַלע ביז ער האָט זיי אָבגעמינטערט און געבראַכט צו זיך. אָן דער גאַנצער סצענע האט ער דערקענט, אז דאס זענען ווירקליך צוויי נפשות, וועלכע הענגען איינע אָהן דער אַנ־דערער. טיעף ערשיטערט איז ער אָבער געוואָרען בעת ער האט דער־הערט, ווי די מוטער האט אַ פרעג געטהון דאס מיידעל:

— ווי קומט עס, וואס דו האָסט דיך גאָר אַרויסגעשלאָגען פון קאָפּ, אז דו ביזט אַ „ראזינויערקע“?..

ביי די ווערטער האט זיך דער ארכיערייי אַ כאַפּ געטהון פון אָרט און זיך אָבגערופען:

— גענוג! מאַטערט נישט איינע די אַנדערע. מיר, קריסטען, פאַנגען נישט קיין אנהענגער מיט גוואַלד; אונזער געווער איז נור די איבערצייגונג און דאס טיעפע בעוואוסטזיין. געהט אייך ביידע לשלום, פאָהרט תיכף אַהיים, און דו, מיין קינד — האט ער זיך גע־ווענדט צום מיידעל — פערבלייב־זשע טאַקע אַ „ראזינויערקע“...

דער אַרכיערײ האָט בשעת מעשה נישט געאַהנט, אַז דורך דער בעפרײאונג פון דעם יודישען מײדעל האָט ער אַלײן בידים זיך אָנגע׳חתמ׳עט זײן קינפטיגען גורל. פאַח׳ן „סליעדאוואטעל“, װעלכער איז געװעזען פערליעבט אין דעם מײדעל „איבער די אױערן“, איז געװען איהר פערשװינדען ממש אַ טויט־קלאַפּ. זײנע נאָהענטע האָבען פון אָנהויב געגלויבט, אַז ער װערט משוגע, און װעט זיך פון גרויסער נעהמען דאָס לעבען. באַלד אויף מאָרגען האָט ער גענומען אויספאָרשען די זאַך, און האָט זיך אַזוי פיעל געגריבעלט אין דעם ענין, ביז ער איז דערגאַנגען, אַז די פערוואַלטונג פון מאָנאַסטיר האָט איהר אַרויסגעגעבען נור לויט אַ בעפעהל פון דער אַרכיערײ. פון דעמאָלט אָהן האָט דער „סליעדאוואטעל“ אָנגעהויבען רודפ׳ן דעם אַרכיערײ, פריהער אין דער שטיל, און שפּעטער שוין אָפען. דער סוף איז געװען, אַז דער „הײליגער סינאָד“ האָט אַראָבגעזעצט דעם אַרכיערײ פון זײן שטעל, און האָט איהם פון מאָהילעװ איבערגעפיהרט אין אַנ׳אַנדער אָרט און אויף אַ נידעריגען אמט. און אַזוי איז ער ביסלעכװײז געפאַלען פון שטופע צו שטופע, ביז ער איז געװאָרען אַראָבגעזעצט צו דער מדרגה פון אַ משגיח אויפ׳ן אינטערנאַט אין דעם מינסקער פּראַװאָסלאָװנעם מאָנאַסטיר.

די דאָזיגע פאַר איהם גאַנץ אונערװאַרטעטע ירידות האָבען דעם אַלטען משומד זעהר צובראָכען. אַרײנטראַכטענדיג זיך אין זײן לאַגע, האָט ער זיך נישט געקאָנט מוחל זײן פאַר דער שװאַכקײט, װאָס ער האָט אַרויסגעװיזען אונטער׳ן אײנדרוק פון זײן ראַזינויער אָבשטאַמונג. נור אײן טרײסט איז איהם נאָך פערבליבען: קלאָגענדיג זיך אַמאָל אויף זײן מצב פאַר אײנעם פון די הויכע גײסטליכע האָט איהם יענער געזאָגט, אַז ער קאָן נאָך אויסקויפען זײן זינד דורך אַ װעלכען עס איז גוטען אויפטהו צום נוצען פון דער פּראַװאָסלאַװנער אמונה. ער האָט די װערטער אַרײנגענומען אין זינען, און האָט פון דעמאָלט אָן נישט אויפגעהערט נאָכזוכען אין זײנע געדאַנקען און אויסאַרבײטען געװיסע פּלענער מיט װאָס און װי אַזוי צוריק נושא חן צו זײן אין די אויגען פון דער הויכער פּראַװאָסלאַװנער גײסטליכקײט און האָט זיך אַזוי געעלטערט אין דער האָפנונג, אַז ער װעט נאָך אַמאָל דערגרײכען זײן פערלוירענעם פּרעסטיזש און זײן בכבוד׳יגען אָרט אין דער פּראַװאָסלאָװנער יעראַרכיע.

אַ לאַנגע צײט איז אװעק און דער אַלטער משומד איז גע־

בליבען ביי זיינע האָפנונגען. וואס ער האט זיך נישט צומאַטערט זוכענדיג, האט ער אלץ נישט געפונען קיין געלעגענהייט אויפצוטהון עפּיס לטובת דעם פּראַוואָסלאווגעם גלויבען, דורך וואס ער זאָל קאנען דערהויבען ווערען פון זיין שפל'ן מצב. ער האט שוין געהאַלטען ביים מיאש זיין זיך פון אַלע זיינע האָפנונגען אויף רעהאביליטאַציע. אָבער אמאל אין אַ שפּעטער שעה פון אַ ווינטער־נאכט בעת ער איז געזעסען, ווי געוועהנליך, מיט זיינע קלעריקעס ביי ניסקע דעם „כבד־פּה" אין חדר, אוּן האָט ביי דער רבי'צין הינטער דעם פּאַרעוואַן געטרונקען טייה און געראויכערט זיין ליולקע, האָט אין איהם גאנץ אומגעריכט אויפגעבליצט אַ געדאנק, אין וועלכען ער האט געגלויבט צו ענטפלעקען דאס, וואס ער האט אַזוי לאנג געזוכט און נישט געפונען.

IV

פאַר דער צייט, וואס דער משגיח פון אינטערנאַט איז געוואָרען אַנ'איינגעהער אין דער „טשיינע", האט ער זיך גוט צו געקוקט צו דער טראגעדיע, וועלכע קומט־פאָר אין דעם פאמיליען־לעבען פונ'ם דאָזיגען שלימזל'דיגען פּאָר־פאָלק. די רבי'צין, וועלכע האָט זיך גע־האַלטען פאר דער גאַנצער פּערדי'ענערקע און פאר דער „עקרת־הבית", האט זיך בשום אופן נישט געקאָנט איינלעבען מיט איהר מאַן, דעם „לא־יוצלח'דיגען שלומיאל" — ווי זי האט איהם תמיד גערופען — און האָט איהם אָנגעטהון די געבערענסטע ליידען. נישט איינמאָל האט פּאַסירט, אז נאָכדעם, ווי ער האט זיך פון גאַנץ פריה ביז אַ שטיק אין דער נאכט אָבגעזעגט דאס הארץ מיט די ליגגען קנעלענדיג מיט זיינע תלמידים, האט זי איהם געלאָזט זיצען אַ הונגעריגע נישט דער־לאנגענדיג איהם אפילו קיין לעפעל קאלט וואסער. טאָמער איז ער אַליין געגאַנגען, און האָט זיך געוואָלט אָנגיסען פון קעסעל אַ גלעזעל טיי, האט זי ביי איהם אַרויסגעריסען פון האַנד דאס גלאָז, און אַמאל ביי אזא פאַל האָט זי נאָך איהם אָבגעבריהט מיט די זודיגע גע־קאָכטע וואסער. אַלאַנגע צייט האָט דער מלמד געליטען און גע־שוויגען. ער האט נישט געוואָלט מאכען קיין „לייטיש געלעכטער", נור אבי זי זאָל איהם נישט אָנטהון קיין בזיוגות פאר זיינע תלמידים אין די אויגען און ער זאָל נישט דאַרפען איבעררייסען דאס לערנען און ערגעץ־וואו אנטלויפען, אַזוי ווי איהם פלעגט גאַנץ אָפט אויס־

קומען צו טהון אין די ערשטע יאָהרען נאָך זייער התונה. צום סוף האט ער שוין אָבער מעהר נישט געקאָנט פערטראָגען און דריקען אויפ'ן האַרצען, און כדי צו מאַכען זיך לייכטער, האט ער זיך אָנגעהויבען גאַנץ אָפט בעקלאָגען אויף דאס ווייב פאַר די בעזוכער פון דער „טשיינע", און אפילו פאַר די קלעריקעס מיט'ן משגיח פונ'ם אינטערנאַט. אויסגיסענדיג אַמאָל זיין ביטערע האַרץ פאַר'ן משגיח, האט זיך ביים מלמד, אפשר נישט ווילענדיג, אַרויסגעכאַפּט פון מויל:

— איך וואָלט געוועז מוכן ומזומן אָבצוטהון וועלכע פסלנות אין דער וועלט עס זאָל נישט זיין, נור אַבי פטור צו ווערען פון מיין „ארורה"...

קומענדיג יענעם אָוועגד צוריק אין אינטערנאַט, האָט זיך דער משגיח פלוצלונג אָנגעכאַפּט אָהן דעם געדאַנק, אז דורך אָט דעם עלענדען מלמד וועט ז.יהם קומען די ישועה, נאָך וועלכער ער גאַרט אזוי לאנג. ליגענדיג אין אַ ווייַלע אַרום ז.ויף זיין בעטעל, האט ער זיך מסדר געוועזן דעם פאָלגענדען פלאַן: ער וועט זעהן מאכען דעם אָנשטעל, אז ער געהט אַריין אין דעם מלמד'ס לאגע און וועט זיך איהם פארשטעלען פאר זיין בעסטען גוטען פריינד, ביז ער וועט אזוי ארום געווינען זיין צוטרוי. נאָכדעם, ווי דער מלמד וועט שוין זיין אין איהם איינגעטרויט, וועט ער איהם נעהמען אויפווייזען, אז קיין בעסערע ערלייזונג פאַר איהם קאָן נישט זיין, ווי נור צו שמד'ן זיך. ער ווייסט גאנץ גוט, אז נישט אזוי לייכט וועט איהם אָנקומען צו פערפיהרען אַ מלמד צום שמד, אָבער ער וועט אויף דעם אָנווענדען אלע מיטלען. און פיהרט ער דאס אויס, דארף ער שוין קיין גרעסערע זאך פון דעם נישט אויפטהון. ער געדענקט נאָך פון אַמאָל, פון זיינע ארכיערייאישע יאָהרען, ווי הויך עס איז געשטאנען אין די גייסטליכע ספערען די מיסיאָנערישע טעטיגקייט, מיט וואס פאר אַ שמחה מען האָט דאָרט אויפגענומען יעדען נייעם משומד, און בעזונדערס אזא, וואס איז געוועזן פריהער אַ פרומער, שטרענג גלויביגער יוד. און דארף מען נאָכמער רעליגיעזער פון אַ מלמד. אַ מלמד — אַ משומד! וואס פאר אַ שטארקען איינדרוק דאס וועט מאכען, און פאר דעם דאָזיגען איינדרוק וועט ער זיך לאָזען גוט בעלוינען. אויב ער איז אראָבגעשטויסען געוואָרען פון זיין הויכער שטעלונג פאר דעם, וואס דורך איהם האָט די פראוואסלאווגע „צערקווע" פערלוירען

אַ יונג יודיש מיידעל, דאַרף ער איצט, ארונטערבּרענגענדיג אונטער די פליגלען פון דער דאָזיגער „צערקווע״ אזש אַ מלמד, און וואס נאָך פאַר אַ מלמד? נישט אבי ווער, נור אַ האלבּער גאון — אזוי וועט ער איהם פאָרשטעלען—וועט ער געוויס צוריק נתעלה ווערען און דערלאנגען צו יענעם שטאַפּעל, אויף וועלכען ער איז געשטאַנען אַמאָל.

אויף דעם דאָזיגען פון איהם אויספיהרליך אויסגעאַרבּייטען פּלאַן און איינגעוויעגט אין די דאָזיגע האָפנונגען, איז דער אַלטער משומד, דער משגיח פון פראַוואָסלאוונעם סעמינאר-אינטערנאט, אנטשלאָפען געוואָרען.

דעם אַנדערן טאָג אין אָוועגד, בּעת דער משגיח מיט די קלעריקעס זענען אַריינגעקומען אין „טשיינע״ אויף אַ געוועהנליך גלעזעל טיי, האָבּען זיי זיך דאָרט אָנגעשטויסען צופעליג אויף אַ זא סצענע: דער מלמד מיט דער רבּי׳צין זענען געשטאַנען בּיידע אין מיטען שטוב און איינער דעם אַנדערן האט געריסען: זי — איהם די באָרד און פּאות, און ער איהר — דעם פּארוק מיט די האָר פון קאָפּ; בּיי בּיידען האָבּען געפלאמט די פּנים׳ער און געשוימט די מיילער, און די קליינע קינדער שטעהען דערבּיי און וויינען בּיטערליך; זיי ווילען, נעבּיך, פונאַנדערייסען דעם טאטען מיט דער מאַמען, און קאָנען נישט. מיט גרויס מאטערניש האט זיי דער משגיח מיט דער הילף פון זיינע קלעריקעס פונאנדערגענומען און איינגעשטילט די מלחמה. דער מלמד האט זיך געטרייסעלט קאנוואולסיוו, נישט קאָנענדיג ארויס-בּרענגען אַ וואָרט פון מויל. אָבּער מיט אמאָל האט ער זיך פונאנדער-געכליפּעט אויפ׳ן קול ווי אַ קליין קינד, און האט אונטער׳ן געוויין אַרויסגעזאָגט:

— גוואַלד, וואו נעהם איך דאָ אַ יודען, ער זאל אויף מיר רחמנות האָבּען? איך זעה דורך „גוים״, דורך „גוים״...

— קומט מיט מ י ר! — האט דער משגיח אויסגעשריען אין י ו ד י ש און האט איהם היגטער זיך אַרויסגעשלעפּט אויף דער גאס.

V

אָבּגעהענדיג עטליכע טריט, האט זיך דער מלמד מיט אַמאָל אָבּגעשטעלט, האט אויסגעגלאָצט אויפ׳ן משגיח אַ פּאָר אויגען און אַ פרעג געטהון איהם בּתמימות׳דיג:

— זאגט מיר, ווי קומט עס, וואס איהר רעדט יודיש ? איהר זענט דאָך אַ „גוי״ ?

אויף דעם האט איהם געענטפערט דער משגיח :

— אַט פרעגט נישט קיין קשיות און געהט מיט מיר. איהר געפינט זיך אין אַ צרה, און איך וויל אייך פון איהר אויסלייזען ; טאָ האָטזשע אַ ווײַלע געדולד, און איהר וועט אַלץ וויסען.

אָנגעקומען אין אינטערנאַט, האט דער משגיח אַריינגעפיהרט דעם מלמד צו זיך אין צימער, האט איהם אַוועקגעזעצט נעבען דעם וואַרימען אויוון, און האט צו איהם געגומען רעדען מיט אַ רחמנות-קול :

— הערט נור, ר׳ ניסן ! שוין לאנג ווי איך קוק זיך צו צו אייער אומגליקליך לעבען, און תמיד האב איך זיך אויף אייך געוואונדערט, וואס איהר זענט מקבל אייערע יסורים באהבה און לאָזט אייך אזוי קריכען אויפ׳ן קאָפּ. פארוואס זאָלט איהר דאס אַזוי פיעל ליידען ? און פון וועמען ? פון אַן׳אייגענער ווייב ? זי וועט דאָך אייך אזוי אַריינטרייבען אין אייערע מיטעלע יאָהרען אין קבר אַריין. אַט פאָלגט מיר : נעהמט און ווערט פון איהר פטור, און דאן וועט קומען אַ סוף צו אייערע צרות.

— איהר זאָגט : פטור ווערען פון איהר. איך האָב שוין כמה מאָל אָנגעבאָטען אַ גט, אָבער זי מאהנט ביי מיר איהר כתובה, און איך האָב דאָך נישט קיין גראָשען ביי מיין נשמה.

— אז איהר וועט פאָלגען דאס, וואס איך וועל אייך הייסען — האט זיך אָבגערופען דער משגיח — וועט איהר זעהן, אז זי וועט זיך נאָך ביי אייך בעטען, איהר זאָלט איהר געבען אַ גט.

— זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, וואס דאַרף איך דערצו אַזוינס טהון ?— האט זיך דער מלמד ווי געבעטען.

— איהר דאַרפט גאָרנישט טהון, איך וועל שוין פאר אייך טהון. מאָרגען אינדערפריה וועל איך צו אייך אַריינקומען אין חדר און וועל אייך איבערגעבען אַ בריעף צו אַ געוויסער פערזאָן, דורך וועלכער איהר וועט געהאָלפען ווערן.

דער מלמד, וועלכער איז שוין לאנג נישט געזעסען ביי אזא הייסען אויוון האט זיך אויסגעגליכען די ביינער און אויפהויבענדיג זיך פויל פון שטוהל, האט ער קוים ארויסגערעדט :

— צו געפינען אזא גוטען פריינד, ווי איהר זייט מיר, האב

איך מיר גאָרנישט געריכט. אַלע זעהען, ווי איך בראָט זיך טאָג-איין־טאָג-אויס אין גןהנום, און קיינעם אַרט דאָס גאָרנישט. אַמאָל האט זיך נאָך די גאס פאר מיר איינגעשטעלט, האָט די ארורה בעקומען בושה און מיך געלאָזט צו רוה. איצט זעהט זי, אז די שטאָדט האָט מיך מפקיר געווען, האט זי זיך ווייטער צו מיר גענומען.

שוין האַרט ביי דער טהיר איז דער מלמד געבליבען שטעהן, האָט אַ ווײַלע געטראַכט, אָבמעסטענדיג בשעת מעשה דעם משגיח מיט טיעף-דורכדרינגענדע בליקען, ווי ער וואָלט געוואָלט אַראָבלייענען עפּעס ביי איהם פון פנים. דערנאָך האט ער איהם געפרעגט:

— נעהמט מיר נישט פאר אומגוט, וואס איך וועל אייך זאָגען. עס בלייבט דאָך ביי מיר פאָרט אַ וואונדער, וואס איהר, אַ מאַן אַ פרעמדער, נישט פון אונזער אומה, און נאָך אויף אַ שטעל ביי די גלחים, רעדט, ערשטענס, אויף אונזער יודיש, און, צווייטענס, איז מיר שווער צו פערשטעהן, ווי אזוי קומט איהר גאָר מיר צו העלפען. דאס פאסט דאָך עפּעס נאָר פאר אַן'עהרליכען יוד מיט אַן' עכט יודיש הארץ.

— אָט זאָל דאס זיין אייער לעצטע באַבעס דאגה — האָט איהם דער משגיח געענטפערט מיט אַ שמייכעל — אַ טובה דאַרף מען אָננעהמען פון וואַנען זי זאָל נישט קומען, איבעריגענס, וועט אייך מאָרגען אַלץ אויפגעקלערט ווערען. איין זאַך וועל איך אייך נאָר זאָגען: אַזא גוטען פריינד, ווי איהר האָט אין מיר, וועט איהר נישט געפינען אין דער גאַנצער וועלט.

אויף מאָרגען גאַנץ פריה, בעת דער מלמד איז מיט'ן טלית און תפילין אונטער'ן אָרעם געגאַנגען אין בית-המדרש דאַווענען, האט איהם ביי אַ טויער אָבגעהיט דער משגיח, וועלכער האט איהם אָבגעפיהרט אָן אַ זייט, און איבערגעבענדיג איהם א בריעף, האט ער איהם אנגע־צייכענט דעם אַדרעס פון דעם מאן צו וועלכען ער איז געשריבען, און דערביי געזאָגט:

— געהט טאַקע צו איהם אַריין אָט באַלד נאָכ'ן דאַווענען, ווארום וואס פריהער איהר וועט זיך מיט איהם זעהן, אַלץ גיכער וועט קומען אייער ישועה...

דער מאַן, צו וועלכען דער משגיח פון גלחישען אינטערנאַט האט געשיקט דעם מלמד מיט'ן בריעף, איז געווען דער אין זיין צייט בעוואוסטער מיסיאָנער אסתרמאַן. וועגען דעם דאָזיגען מיסיאָנער האט מען דערצעהלט, אז אין דער יוגענד האט ער גע'שמ'ט פאַר אנ'עלוי און איז שוין אפילו ערגיץ אין וואָהלין געווען אַ מורה-הוראה, ער האט אָבער נישט געלעבט בשלום מיט זיין שטעדטיל, האט זיך תמיד אַרומגעקריגט מיט קהל, און צום סוף איהם אויך פער'מסר'ט ביי נאַטשאַלסטוואָ, אין דערפאַר האט מען איהם אַרויסגעטריבען. פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרען אַ שונא ישראל, און אינגיכען האט ער זיך אָבגע'שמד'ט. שפּעטער איז ער אַוועק קיין לאָנדאן, וואו ער האט זיך בעקענט מיט אנפיהרענדע מיסיאָנערען, וועלכע האָבען איהם אַריינגעכאַפּט ווי אַנ'אבן-טוב, און האָבען איהם באלד צוגעצויגען צו זייער ארבייט. ער איז געווען אַ מענש מיט טעמפּעראַמענט און האט געהאט אַ געשליפען צינגעל, און דורכדעם פלעגט זיך איהם דאס רוב איינגעבען משפּיע צו זיין בעזונדערס אויף נאַאיווע נאַטורען און פאַנגען צווישען זיי נפשות פאַר'ן קריסטליכען גלויבען. מיט דער צייט האט איהם די לאָנדאנער מיסיאָנערישע געזעלשאַפט אָנגעהויבען אַרומצושיקען אלס איהרע הויפּט אַגענט אין פערשידענע לענדער. זי האט איהם קאָמאַנדירט קיין גאַליציען און קיין רומעניען, און האט איהם לכתחילה אָבגעשאָטען ממש מיט גאָלד. זיינע ערפאָלגען האָבען זיך אָבער אַרויסגעוויזען פאר נישט גאָר גלענצענד. די געפאַנגענע פאַרשוינען פלעגען איהם איבערכיטרעווען, אויסנאַרענדיג ביי איהם פריהער געלד פאַרן צוזאָגען צו שמד'ן זיך, און צום סוף פלעגען זיי נעלם ווערען. נעהמענדיג דאס אין אַכט, האט מען איהם, לויט אַ בעפעהל פון לאָנדאן, אָנגעהויבען צו בענוצען צו קלענערע מיסיעס. עטליכע יאהר האט ער אזוי אומגעוואַנדערט פון אָרט צו ארט, ביז ער האט זיך בעזעצט אין מינסק. דאָ האט ער געפיהרט זיין מיסיאָנערישע טעטיגקייט אויסשליסליך צווישען בית-מדרש'ניקעס און ישיבה-בחורים, וועלכע ער האט געוואוסט צו פערנאַרען צו זיך דורך פערשידענע מיטלען און פערפיהרען זיי נאכהער צום שמד. ער איז געשטאַנען אין פערבינדונג מיט די הויכע גלחישע ספערען, וועלכע האבען

פון איהם שטאַרק געהאַלטען, אין בעטראַכט איהם פאר אנ׳אייגענעם מענשען.

אסתּרמאַן האט געוואוינט אין דעם פאָרשטעדטעל ליאַכאָוויקע, און ער האט געהאט אנ׳אייגענעם הילצערן ה׳ויז, וואס איז געשטאנען אָבגעזונדערט, פון אַלע אַנדערע הייזער, אין אַ גאָרטען. אַריינגעהענדיג צו איהם אין שטוב, האט מען לייכט געקאָנט מיינען, אז מ׳געפינט זיך דאָ אין דער וואוינונג פון אַ ראש-ישיבה צי פון אַ רב. וואוהין דאס אויג האט זיך געווענדט, האט עס זיך אָנגעשטויסען אויף ספרים; די ווענט זענען פון אויבען ביז אַראָב געווען פערלעגט מיט פאָליצעס ספרים, צווישען וועלכע עס האָבען מיט זייערע גאָלדענע רוקענס אַרויסגעקוקט ש״ס׳ן גמרא׳ס מיט „יורה-דעה׳ס“ און מיט אלפס׳ן און מיט „חושן-משפט׳ס“, און אזוי אויך אויף די טישען און אויף די בענק; אומעטום נור ספרים און ספרים. פון דאָרט האָט געפיהרט אנ׳אריינגאנג אין אַ צווייט צימער, וואס האט געהאט דאס אויסזעהן פון אַ קליין שוהלכעל. אין אַ ווינקעל האט זיך געפונען אַנ׳עמוד, עפּעס ווי צום דאַוונען, און אינמיטען אַ בימה׳לע; פון פּולאָפּ איז אַראָבגעהאָנגען אַ מעשענער הענג-לייכטער מיט זיעבען רעהרען, אין וועלכע עס האָבען תמיד, אַ גאנצען טאָג כסדר, געברענט גרויסע סטעאַרין-ליכט. אָט צו דעם אסתּרמאַנ׳ען איז דאס געקומען ניסן דער מלמד מיט דעם בריעף פונ׳ם גלחישען משגיח.

בעת דער מלמד איז אַריין צו אסתּרמאַנ׳ען, איז, לויט דעם ערשטען איינדרוק, וואס די שטוב האָט אויף איהם געמאַכט, ביי איהם גאָר קיין ספק נישט געווען, אז ער איז דאָ אַריינגעפאַלען צו אַ גרויסען למדן, און ער האָט זיך זעהר דערפרעהט. אין שטוב האָט זיך געפונען אַנ׳עלטערע פרוי, וועלכע האָט איהם געפרעגט, וואס ער בעדאַרף. ער האָט איהר דערלאַנגט דעם בריעף, וועלכען זי האט אַריינגעטראָגען אין אנ׳אנדער צימער. אין אייניגע מינוטען אַרום איז אַרויס צו איהם שוין אנ׳עלטערער מענש מיט אַ לאנגער גראָהליכער באָרד — דאס איז געווען אסתּר׳מאן, — וועלכער האָט איהם אָבגעגעבען אַ ברייטען „שלום-עליכם“ און דערביי געזאָגט:

— איהר האט דאָ, ווי איך זעה, אייער טלית-זאַק, איהר זענט געוויס צו אונז געקומען דאַוונען; זעהר און זעהר אַנ׳אָנגעלעגטער גאסט, קומט נור, זייט מוחל, אַריין אין אונזער קלייזעל.

— ניין, דאס געה איך שוין איצט פון דאַוונען — האט איהם

דער מלמד געענטפערט — איך קום דאס איצט פון רבקה בלומקעס קלויז.

— דאס מאכט נישט אויס; איהר מעגט, שוין אפילו א גע־דאוועגטער, אריין צו אונז אין קליינזעל.

אריינגעהענדיג אין צווייטען צימער, האט דארט דער מלמד אנגעטראפען עטליכע יונגעלייט אין לאנגע קאפאטעס, וועלכע זענען געזעסען, אדער געשטאנען און אריינגעקוקט אין ספרים. איינער איז געשטאנען אויף דער בימה און האט זיך מיט גרויס התלהבות און מיט א פער'דבקה'טען ניגון שטארק געשאקעלט איבער א ספר. דאס זענען אלע געווען אסתרמאנ'ס אריינגענארטע קרבנות...

אסתרמאן האט זיך מיט דעם מלמד פעררוקט אין א ווינקעל, און איז מיט איהם אריין אין א שמועס.

— מיין פריינד שרייבט מיר, אז איהר זייט א מלמד, — אזוי האט אסתרמאן אנגעהויבען זיין שמועס, — א שווערע פראפעסיע, א קאטארזשנע, מ'קאן גיך קומען צו גאט... און קיין חיונה האט איהר דאך געוויס נישט, און אז עס געהט־אויס דאס ברויט פון קארב, זאגען דאך אונזערע חכמים, הויבען זיך אן קריעג צווישען מאן און ווייב, איך שטויס מיך שוין אן. אז אייער „שלום־בית" איז אויך נישטא וואס מקנא צו זיין. א יא?

— וואס איז שייך: „מקנא זיין"? — האט דער מלמד געענט־פערט — איך פערשילט מיך די יאהרען און די טעג; אזא ווי איך האט גארנישט געדארפט געבוירען ווערען. וואס טויג מיר מיין לעבען, אז איך זיך מיט א שלאנג, וואס נאגט מיין בלוט?

— זייט אייך נישט מ'איש, ר' ניסן, — האט איהם אסתרמאן גע־טרייסט, — אייך ווערט נאך זיין אזוי גיט, אז איהר ווערט פערגעסען די צרות. מיין פריינד בעט מיך, כ'זאל עפיס זעהן טהון פאר אייך, און מיר איז שוין אריינגעפאלען א געדאנק, ווי אייך צו העלפען. איך נעהם אייך פאר א שמש ביי מיר אין קליינזעל. קיין סך ארבייט וועט איהר נישט האבען; מעהר נישט, ווי איהר וועט זיך דא דארפען געפינען בקביעות, און פאר דעם געצאהלט, וואס איך וועל אייך געבען, וועט איהר אייך קאנען דורכלעבען בכבוד, און אהן עגמת־נפש. איהר זייט מסכים?

— א שאלה, צי איך בין מסכים? — האט דער מלמד געזאגט, — אייגענטליך איז מלמדות א סך א העכרער ענין פון שמשות, אבער בשעת הדחק קוקט מען נישט אויף כבוד. מיט וואס בין איך אבער

בעוואָרענט, אז מיין ארורה זאָל אהער נישט קומען אין זאָל מיר דאָ נישט אָבשפּיעלען דיזעלבע חתונות, וואס אין דער טשיינע? און וואס טהו איך מיט מיינע דריי קינדער, צו וועלכע כ'בין אזוי צוגעבונדען? ביי דער מרשעת וועט דאך פון זיי ווערען א תל.

— דא, ביי אונז, וועט אייער ווייב אויף אייך קיין שליטה נישט האבען; מיר וועלען זי אהער אויף דער שוועל נישט ארויפ־לאזען. וואס אנבעלאנגט אייערע קינדער, וועלען מיר זיי אויך זעהן בעזארגען.

— אויב אזוי, בין איך צופריעדען.

אין א קליינער ווילע ארום האט זיך אסתרמאן אָבגערופען:

— איך דארף אייך אבער זאגען פריהער, ביי אונז אין קלייזעל דאווענען מייסטענס יונגעלייטלעך, וועלכע האבען נאך נישט חתונה גע־האט, און דארפען נאך דעריבער קיין טליתים נישט, און בכלל לערנט מען ביי אונז מעהר, ווי מען דאווענט, און מעהר ווי מען לערנט, האלט מען דרשות. מ'דרשנ'ט וועגען מוסר.

און תוך כדי דיבור האט ער מוסיף געווען:

— איהר זעהט דאָך, ווי איך זעה, א גרויסער נצרך; אט האט איהר אייערע שכירות פאר א גאנצען חודש פריהער, אחוץ דעם וועט איהר נאך בעקומען וועכענטליכע נתינות פון מיינע יונגעלייטלעך, וועלכע איהר וועט דארפען בעדיענען, צוטראגען זיי אמאל א חומש'ל, צי א תנ"כ'ל, אדער א וועלכען ס'איז אנדער ספר.

רעדענדיג האט ער איהם אריינגערוקט אין האנד עטליכע רובל. העכסט צופריעדען, האט דער מלמד אַריינגעלעגט דאס געלד אין דער טאַש, זאָגענדיג דערביי, ווי צו זיך אַליין:

— געלויבט און געדאַנקט ביזט דו, גאָט, ברוך הוא!

VII

עס זענען אַריבער די ערשטע עטליכע טעג, און דער תמ'עוואַטער מלמד האט נאָך נישט אָנגעהויבען אפילו צו מערקען, וואוהין ער איז דאָ אריינגעפאַלען. אַ קלייזעל פון גאַלע בחורים זעהט ער אפילו דאס ערשטע מאָל, אָבער קיין טליתים דארפען זיי נאָך נישט על־פּי־דין. פארוואס לעגען זיי אָבער קיין תפילין אויך נישט? סטייטש, „קרקפתא דלא מנח תפילין!"... ער מוז וועגען דעם פרעגען דעם ראש־ישיבה.

ער האט דאָס אָבער פֿערשפּאָרט צו פֿרעגען, ווייל אסתּרמאַן האט צו איהם שוין אויפֿ'ן דריטען טאָג אַ זאָג-געטהון:

— איהר וואונדערט אייך געוויס, וואס מיינע תּלמידים דאַווענען אָהן תּפילין? דאס האב איך זיי געהייסען צו לעגען יעדערער תּפילין ביחידות, ביי זיך אין דער היים; עס ליעגט דערין אַ געוויסער טעם, וועלכען איהר וועט מיט דער צייט דערגעהן, איהר וועט עס אַרויס-געהמען פֿון מיין מוסר.

עס איז אָבער אַריבער נאָך אַנ'אכט טאָג, און דעם מלמד איז דאָך געוואָרען קשה'דיג דאס קלייזעל מיט דער גאַנצער סביבה. בעזונדערס האט ער זיך אָבגעשטעלט אויף דעם, וואס מ'רעדט דאָרט כסדר וועגען משיח'ן, און נישט וועגען דעם, וועלכער דארף ערשט קומען, נאָר וועגען דעם וואס איז שוין געקומען. ער האט פֿון דעמאָלט אָן קיין נעכט נישט געשלאָפֿען, און האט זיך אַלץ געבראָכען דעם מוח, אום זיך פּוֹתר צו זיין זיין רעטעניש בנוגע דעם משיח. ער האט זיך גע-נומען צוהערען אויפֿמערקזאַמער צו די ויכּוחים און צו די דרשות, און בעזונדערס צו אסתּרמאַנ'ס מוסר, און האט נאָך אַלץ נישט געקאָנט פֿערשטעהן, וואס דאָ קומט-פֿאָר. עפּיס וואונדער איבער וואונדער, וועלכע ער קאָן נישט משיג זיין מיט זיין אָרימען שכל.

איין נאַכט האט ער נישט געקאָנט איינשלאָפֿען. דאס האַרץ האט איהם געזאָגט, אז דאָ איז עפּיס נישט גאַנץ גלאַט, אז דאס איז נישט קיין געוועהנליך קלייזעל, אז די יונגעלייט, וואס קומען אַהער לערנען און דרש'ענען, זענען נישט קיין געוועהנליכע יונגעלייט, און דער ראש-ישיבה אַליין, אסתּרמאַן, איז אויך נישט ווי ביי לייטען נור אַנ'אויסטערלישער. פּלוצלונג האָט ער זיך אַ כאַפּ-געטהון פֿאַר'ן קאָפּ. ער האָט זיך אין יענער מינוט דערמאָהנט אָן דעם אַלטען משגיח פֿון דעם פּראַוואָסלאַוונעם אינטערנאַט, און האָט זיך מיט פֿערוואונדערונג געפֿרעגט: וואס פֿאַר אַ שייכות קאָן האָבען אָט דער „גוי" מיט דעם ראש-ישיבה? און ווי קומט עפּיס דער ראש-ישיבה אנצורופֿען אַ גוי „מיין פֿריינד"? פֿון פֿיעל קאָפּ ברעכעניש איז דער מלמד שיער נישט אויפֿגעשפּרונגען פֿון זיין געלעגער. ער האָט געוואָלט קוים דערלעבען טאָג, ער זאָל עריגץ קאָנען דערגעהן וואס דאָ טהוט זיך, און איז אויפֿגעשטאַנען מיט דעם פֿעסטען בעשלוס, צו פֿערלאַנגען אַנ'ערקלערונג ביי אסתּרמאַנ'ען.

ער האט זיך אָבער נישט געוואַגט צוצוגעהן צו אסתּרמאַנ'ען

באַלד אין דער פריה, און האט עס אָבגעלעגט אויף זייגער צוועלף, בעת די דאָוונער צוגעהען זיך אויף פריהשטיק.

עס האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז גראָד אין יענעם טאָג, בעת די יונגעלייטלעך זענען זיך צוגאַנגען, האָט אסתרמאַן אַריינגערופען דעם שמש צו זיך אין קאַבינעט, און האָט צו איהם געזאָגט אין אנ־ערנסטען טאָן:

— כ'האָב פאַר אייך, ר' ניסן, נישט קיין גוטע בשורה. אייער ווייב האָט זיך דערוואוסט, אַז איהר געפינט זיך דאָ ביי אונז, און זי וויל אייך פון דאַנען צונעהמען מיט פּאָליציי.

הערענדיג דאס, זענען דעם מלמד שיער נישט איינגעפאַלען די דמים, און ער האָט קוים אַרויסגערעדט:

— סטייטש! ווי איז דאס גאר געמאָהלט? איהר האָט דאָך מיר לכתחילה מבטיח געווען, אַז דאָ וועט מיין ווייב אויף מיר נישט האָבען קיין שליטה?

אסתרמאַן האט זיך אויף אַ ווײַלע פערקלערט און דערנאָך געזאָגט:

— יאָ! איך האָב אייך דאס טאָקע מבטיח געווען, אָבער במה דברים אמורים? ווען האָב איך עס געזאָגט? בעת איך האָב געהאָפט און געגלויבט, אַז איהר וועט ווערען מאַנשי שלומנו, דאס הייסט, פון א ו נ ז ע ר ע מענשען, וועלכע האָבען נישט קיין מורא—נישט פאר ווייבער ארורות און אפילו אויך נישט פאַר פּאָליציי, ווייל פּאָליציי האַלט מיט א ו נ ז. איך האב אָבער אָן אייך בעמערקט עפּיס אזוי ווי איהר בראַקירט מיט אונז, עפּיס אַזוי ווי מיר זענען אייך נישט געפעלען — — —

— גאָט איז מיט אייך! — האָט אויסגעשריען דער מלמד — ווער האט עס אייך געזאָגט, אַז איהר געפעלט מיר נישט? איהר געפעלט מיר זעהר, איך האָב נור אייך געוואָלט בעטען, איהר זאָלט מיר רעכט מאַכען עטליכע זאַכען, וואס קומען ביי מיר אויס אַ ביסעל האַרבליך...

— וואס, למשל?

— קודם כל אייער בעקאַנטשאַפט מיט דעם ראש־הגלחים, דער משגיח פון דעם פּראַוואָסלאַוונעם אינטערנאַט.

— איהר ווייסט דען נישט, אַז עס טרעפט „גוים" מיט יודישע הערצער און יודישע נשמות? אָט זעהט, אדרבה, ווער איז געווען

דער ערשטער, וועלכער האָט נישט געקאָנט צוזעהן אייער פיין און האָט לעגענדיג אויף אייך רחמנות, אַריינגעבראַכט אייך אַהער, וואו איהר זייט פערזיכערט מיט חיונה און בעשיצט פון אייער ארורה? אפשר האָט דאס פאַר אייך געטהון אַ יוד?

— איהר זעהט דאָך אָבער, אז איך בין ביי אייך פון מיין ארורה נישט בעשיצט!

— פרעגט נור נישט קיין קשיות און זייט מיט אונז, כאחד מאתנו, וועט איהר זעהן, אז נאָך די טעג וועט איהר פון איהר פטור.

— ווי אזוי?

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אז אָהן קשיות; קוקט און שווייגט, און אונזער ערלייזער וועט שוין אויך אייך ערלייזען...

אַזוי איז ניסקע דער מלמד, דער שמש פון אסתרמאַנ׳ס קלייזעל, אַריינגעצויגען געוואָרען אין נעץ. ער האָט שוין באמת נישט געפרעגט קיין קשיות, און ער איז שוין אַוועקגעשוואומען מיט׳ן שטראָם. ער איז שוין געוואָרען בעהאַוועט אין דעם „ברית חדשה“ און האָט שוין גאַנץ גוט געוואוסט, וועגען וועלכען משיח עס האַנדעלט זיך אין אַלע ויכוחים, וואס קומען פאָר אין קלייזעל. אסתרמאַן מיט דער חבריא האָבען אַזוי געוואוסט אַריינצונעהמען איהם אין זייערע הענד, אז אין פערלויף פון עטליכע וואָכען איז ער ווירקליך געוואָרען איינער פון זיי, און וואס ווייטער האט ער נאָך זיי איבערגעשטיגען. מיט אַ בעזונדער פערביסענקייט האט ער גערעדט וועגען תלמוד, האט געמאַכט אַש פון דער רבנ׳ישער ליטעראַטור און האט אַראבגעוואָרפען פון זיך בפרהסיא דעם גאַנצען יאָך פון יודישקייט. עס איז אַוועק נאָך אַ געוויסע צייט און גאַנץ מינסק האט געקאָכט מיט דעם נייעס, אז ניסקע דער מלמד האט זיך אָבגע׳שמד׳ט, אז זיין טויף-פאָטער איז געוועזען אַזש דער מינסקער אַרכיערײ און אז די שמד-צערעמאָניע איז פאָר-געקומען מיט גרויס פייערליכקייט.

VIII

באַלד נאָכדעם האט די מינסקער „יעפּארכאלנאַיאַ וויעדאָמאָסטי“ פערעפענטליכט אַ לאַנגע באַטיך, געדרוקט מיט קדוש-לבנה-אותיות, אין וועלכער עס ווערט דערצעהלט אין זעהר אַ געהויבענעם טאָן וועגען דעם גרויסען יודישען „פּאַרשוין“, וואס האָט אַוועקגעוואָרפען דעם גלויבען פון זיין פאָלק ישראל און איז איבערגעגאַנגען אין דעם

„שוים״ פון דער פראַוואָסלאַוונער קירך. דערביי איז געווען אָנגעגעבען דער יחוס פונ׳ם דאזיגען „פּאַרשוין״: אַ רב, וואס איז געזעסען כּל ימיו און געלערנט תּורה און גע׳פּסק׳נט „שאלות״, און האט גע׳שמ׳ט אין דער וועלט אַלס איינער פון די זיילען, אויף וועלכער עס האַלט זיך די יודישקייט. מינסקער יודען, וועלכע האבען געהערט די בע־ריהמעריי פון דער גלח׳ישער צייטונג, האָבען זיך געהאַלטען פאַר די זייטען פון געלעכטער: ניסקע דער מלמד-דרדקי איז גאר מיט אַמאָל געקרוינט געווארען פאַר אַ רב און פאַר אַ זייל פון יודישקייט! — און האבען דעם גאַנצען ענין געמאַכט צו קליינגעלד. די ערשטע צייט האט מען נאָך עפּיס גערעדט אין שטאדט וועגען דעם; אין גיכען האט מען עס זיך אבער אַרויסגעשלאגען פון זינען, און מ׳האט עס לגמרי פּערגעסען.

ס׳האט אבער לאַנג נישט געדויערט און ס׳האט זיך אַרויסגעוויזען, אז ניסקע דער מלמד איז נישט פון די פּאַרשוינען, וואס לאזען זיך פערגעסען. אט דער בטלן, וואס קען, דוכט זיך, „קיין צוויי נישט צעהלען״, אָט דער „כבד-פּה״, וועלכען קיינער פערשטעהט נישט, איז גאר פון העלער הויט געווארען אַ גאנצער קנאַקער, אַ דברן גאר איינער אין דער וועלט, און אַנ׳אַגיטאַטאר, וואס האט נישט זיין גלייכען! ערשט נישט קיין גאַנצע דריי וואכען ווי ער האט זיך גע׳שמד׳ט, און ער האט שוין צו טהון ממש וואונדער איבער וואונדער: ער האט שוין אריבערגעשלעפּט אין אסתרמאַנ׳ס קלייזעל צעהנדליגער יונגע-לייט, קאַנדידאַטען אויף משומדים, און אלע זענען עס בחורים וואוילגעלערענטע, געוועזענע יראים ושלמים, קינדער פון גאטס-פּאָרכטיגע עלטערן. מ׳האָט וועגען איהם דערצעהלט, אז זיין שטייגער איז צו בעזוכען די ישיבות און די בתי-מדרשים שפּעט אין דער נאַכט, בעת קיין זייטיגער מענש, אויסער די קלויזניקעס, זענען דאָרט נישטא; געפינענדיג זיך מיט זיי אַליין, הויבט ער אָן קודם כּל צו בעדויערען זייער לעבען, וואס ווערט פערוועלקט פאַר דער צייט. אַרויפגעהענדיג אָט אויף דער טעמא, נעהמט ער דערצעהלען מעשיות וועגען זיך, ווי ער איז אויך געווען אין דער יוגענד אַ קלויזניק, וואס האט זיך אַרומגעוואַלגערט איבער די ישיבות און זיך געלאָזט פערפיהרען פון פאַלשע האָפנונגען, אז ער וועט זיך דערשלאָגען צו רבנות. צום סוף האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אז ער האָט אָבגעגעבען זיינע בעסטע יאָהרען דער גמרא, און איז געבליבען אַ קאַליקע, אָהן אַ תּכלית און אָהן

אַ שום ידיעה וועגען דעם עצם צוועק פון לעבען, ביז איהם האט זיך געטראָפען אַ נס און ער האָט זיך אָנגעשטויסען אויף אַ מין קלייזעל, וואס וועלכער יונגערמאַן אַ בן-תורה עס געהט אַהין אַריין, ווערט איהם באַלד ליכטיג אין די אויגען, און ער דערקענט די אמת׳ע, ריינע ווירקליכקייט. דערביי שילדערט ער דעם ראש-ישיבה, אסתרמאַנ׳ען, מיט די העלסטע פאַרבען, מאַכט איהם פאַר אַ קדוש וטהור, פאר אַנ׳ אויבער-מענש, ממש אַ מלאך, און אזוי פערוואַרפט ער זיין נעץ און פאַנגט בעזונדערס קליינ-שטעדטעלדיגע נאַאיווע בחורים, וועלכע קריגען התפעלות פון די גליקען, וועלכער ער איז זיי מבטיח, ווען זיי וועלען איהם נאָכטהון און אויך אַריבערגעהן אין דעמזעלבען קלייזעל.

פון דעם אַלץ איז מען דערגאַנגגען אין שטאָדט, און עס איז געוואָרען אַ „ויצעקו". מ׳האָט זיך אַרומגעזעהן, אז ניסקע דער מלמד טהוט באַר מעשים, רעדט אָהן בעסטע בחורים און פערפיהרט זיי נעהמט אַרויס זיי בגנבה פון די קלויזען צו שמד. קהל האט וועגען דעם אָבגעהאַלטען עטליכע אסיפות, און ס׳איז געבליבען, מ׳זאָל אָנגעהמען מיטלען, אז ניסקע זאָל נישט האָבען קיין דריסת-הרגל אין די קלויזען און די בתי-מדרשים. אין עטליכע פאַלען האָבען די שמשים אָבגעהיט ניסקען, און ווי נור ער איז אַריין אין אַ קלויז, האָבען זיי איהם אָנגענומען פאַר׳ן קאַרק און אַרויסגעוואָרפען. דאָס האט גאַנץ אָפט געבראַכט צו סקאַנ-דאַלען, וועלכע האָבען זיך פערענדיגט מיט דער אַריינמישונג פון פאָליציי. ניסקען איז דאס אָבער אַריין אין אמביציע, און וואס מעהר מ׳האָט איהם געטריבען פון די קלויזען און ישיבות, האָט ער אַלץ אָנגעווענדט, מעהר קרעפטען אַריינצוכאַפּען זיך אַהין אונבעמערקט פון די שמשים. איינמאָל האט אָבער פאַסירט, אז מ׳האָט איהם גע-פאַקט ביי זיין אגיטאַציע צווישען די קלויזניקעס פון דער קצב׳ישער שוהל. דערביי האָט זיך דאָרט גראָד געפונען איינער פון די שטענדיגע מתפללים, אַ יוד אַ קצב, וועלכען דער שמש האָט איינגערוימט אין אויער וועגען וואס דאָ האַנדעלט זיך. דער קצב האָט פיעל נישט געקלערט און מכבד געווען ניסקען מיט אַ פּאָר פעטש און אַרויסגע-שליידערט איהם פון שוהל. ניסקע האָט דאָס נישט פערשוויגען, ער האט עס דערצעהלט אסתרמאַנ׳ען, און יענער האט וועגען דעם מודיע געווען וועמען מען בעדאַרף, און שוין אויף מאָרגען האָט מען דעם קצב ארעסטירט, און נעגען די גבאים פון דער שוהל האָט מען פער-

פיהרט אַ פּראָצעס פאר בעליידיגען דעם פּראַוואסלאַוונעם גלויבען. מיט דעם פּראָצעס האָבען זיך פּעראינטערעסירט די העכערע גייסטליכע מיט׳ן ארכיערײ בראש, וועלכע האָבען איהם געוואָלט אויסשפּילען אום אָנצעוואַרפען אַ פּחד אויף די מינסקער יודען, בכדי זיי זאָלען זיך מעהר נישט וואַגען צו רודפ׳ן די מיסיאָנערען. און באמת האט זיך די יודישע בעפעלקערונג אין מינסק שטארק געשראָקען פאַר׳ן משפט, און בעזונדערס נאָכדעם ווי עס האָבען זיך גענומען טראָגען קלאַנגען, אז ביי ניסקען זענען פון דעם קצב׳ס פּעטש אַרויסגעפאַלען אַ פּאָר ציין, און אז ער פיהלט זיך בכלל פון דעמאָלט אָן נישט ביים בעסטען גע-זונד. מ׳האָט אויך דערצעהלט, אז דער אַלטער משומד, דער משגיח פון׳ם פּראַוואָסלאַוונעם אינטערנאַט, לעגט-איין וועלטען און טענה׳ט מיט איין קול, אז מען דארף הארב בעשטראָפען נישט בלויז דעם — קצב, נור דעם גאַנצען מינסקער קהל, פאַרוואס ער האָט נישט בעשיצט דעם פערשוועכטען כבוד פון דער פּראַוואסלאַוונער אמונה. די מורא אין שטאָדט איז געווען אַזוי גרויס, אז קהל האָט בעשלאָסען אויסצו-ריכטען קיין פּעטערבורג איינעם פון די שענסטע מינסקער גבירים — מ׳האט זיך דאַן אָבגעשטעלט אויף דעם אין די זעכציגער אין זיעבעציגער יאָהרען אין ליטא און תייס רוסלאַנד פּאָפּולער געוועזענער עסקן ר׳ זיסעלע ראַפּאָפּאָרט — משתדל צו זיין ביי דער רעגירונג, זי זאָל נישט דער-לאָזען פּראַוואצירען דעם ענין און פערוואַנדלען איהם אַלס געוועהר געגען דעם גאַנצען יודישען כלל. אָבער נאָך איידער עס זענען בע-קאַנט געוואָרען די רעזולטאַטען פון דער דאָזיגער השתדלות, איז דער-ווייל גאַנץ אומגעריכט געשעהן אָט וואס:

אַמאָל, שפּעט אין אָוונד, בעת דער גרייז-גראָהער מינסקער רב, ר׳ גרשון תנחום, איז געזעסען ביי זיך פערטיעפט איבער אַ ספר, האָט זיך שטיל געעפענט די טיר, און אין זיין צימער איז אַריין אַ מאן, וועלכער איז געבליבען שטעהן אויף דער שוועל. עטליכע מינוט איז ער אזוי געשטאַנען, און זעהענדיג, אז דער רב בעמערקט איהם נישט, האט ער אַרויס גערעדט:

— אַ גוטער אָוונד אייך, רבי!

ר׳ גרשון תנחום האָט זיך אויפגעשטעלט און פערוואונדערט אַ פרעג געטהון:

— וואס דארף צו מיר אַ יוד אַזוי שפּעט אין דער נאכט?

— איהר דערקענט מיך שוין גאָרנישט, רבי? — האָט איהם דער מאַן געענטפערט.

ר׳ גרשון תנחום איז צו איהם צוגעגאַנגען נעהנטער, האט איהם גוט בעטראַכט און געזאָגט:

— ניין; איך דערקען אייך נישט.

— איך בין דאָך אמאָל געווען אַ שטענדיגער מתפלל פון אייער „מנין״; נאָך פאר צוויי יאָהרען יום-כיפור האָב איך ביי אייך געדאַווענט.

— ווי הייסט איהר-זשע?

— אַמאָל האָב איך געהייסען: ניסקע דער דרדקי מלמד...

— ניסקע ביזטו? — האט ר׳ גרשון תנחום אויסגעשריען ווי נישט מיט זיין קול — ניסקע דער מיסיאָנער! דער משומד! ווי קומסטו צו בעטרעטען מיין שטוב?

— איך בין צו אייך געקומען, רבי, וועגען אַ כלל-זאַך; הערט מיך אויס.

— וואס פאר אַ שייכות האָט שוין היינט אַזוינער ווי דו צו אונזער יודישען כלל?

— הערט מיך נור אויס, רבי!

— קיין עוכר ישראל הער איך נישט אויס, סיידען, אויב דו ווילסט תשובה טהון.

— איך וויל ראַטעווען דעם מינסקער יודישען קהל פון אומגליק. איהר ווייסט דאָך, מן הסתם, אז דער אויסגאַנג פון משפט העננגט-אָב נור פון מיר; ווייל איך, ווערט דער פראָצעס תיכף בטל, וויל איך נישט, וועלען יודען ליידען, און שווער ליידען.

— ווילסט ראַטעווען אונשולדיגע יודען, ראַטעווע — האָט דער אַלטער רבי געזאָגט — אָדער אַ משומד בלייבסטו דאָך.

— איך וויל זיי ראַטעווען, אָבער נור מיט אַ תנאי.

— דהיינו?

— איך פערלאַנג, אז קהל זאָל זעהן ווירקען אויף מיין פרוי, זי זאָל מיר אָבגעבען מיינע דריי קינדער.

— דו דארפסט זיי אויך אָב׳שמד׳ן!

— ניין, איך וויל נור, אז זיי זאָלען זיך נישט געפינען אונטער איהר אָפּיעקע. ביי מיר איז רעכט, אז קהל זאָל זיי האָדעווען; זאָל דוכטען, אז זיי זענען יתומים...

— יאָ, קינדער פון אזא פאָטער, ווי דו, זענען באמת יתומים

— בלייבט עס, אז מארגען זאָג איך מיך אָב פון משפט, און אין אַ טאָג דריי אַרום קום איך צו אייך נאָך אַ תשובה.

מיט די ווערטער איז ניסקע אַוועק.

ניסקע האט זיך אויך ווירקליך אָבגעזאגט פון משפט; דעם קצב האט מען ארויסגעלאָזט פריי, און דער ענין איז אזוי-ארום געוואָרען צוריבען. עס איז אבער נישט אזוי לייכט אנגעקומען צו פועל'ן ביי דער מוטער צו שיידען זיך פון די קינדער, כאטש מ'איז איהר ערב געווען, אז מ'וועט זיי זעהן מאכען פאר לייט. זי האָט ערשט נאכגעגעבען, נאכדעם, ווי זי האט עס געהערט פון ה' גרשון-תנחום'ס מויל אליין...

IX

מינסקער קהל האט געהאַלטען ווארט און אַריינגענומען ניסקעס דריי לעבעדיגע יתומים'לעך אין דער שטאָדטישער תלמוד-תורה, בתנאי, ער זאָל דאָרט קיין דריסת-הרגל נישט האָבען. ניסקע פון זיין זייט האָט זיך אויך בערוהיגט; ער האט שוין אויפגעהערט אַרומצוגעהן איבער די קלויזען און ברענגען צו עפענטליכע סקאַנדאַלען. ס'האָבען זיך אָבער באַלד גענומען טראָגען וועגען איהם קלאַנגען, אז ער האט אָנגעהויבען אויסשפרייטען זיינע נעצען איבער איינצעלנע בחורים, וואס לערנען פאר זיך אין די בתי-מדרשים פון די פאָרשטעדטליך. און באמת זענען אינ'ם משך פון אַ קורצער צייט עטליכע פון די דאָזיגע יונגע לייט נעלם געוואָרען, און לאַנג האָט מען נישט געוואוסט, וואוהין זיי זענען אַהינגעקומען. ערשט שפעטער, ווען עס זענען אנגעפאָהרען די טאַטעס פון די בחורים, האָבען זיי נאָך פיעל אַרומזוכענישען דערגאַנגען, אז זייערע זיהן האַלטען זיך אויף אין אסתר-מאַנ'ס קלייזעל און זענען שוין נאָהענט צום שמד. מינסק האט ווייטער גענומען קאָכען. די עלטערן פון די געפאַנגענע וואויללערנער האָבען עטליכע שבתים נאָך דער רייה מעכב הקריאה געווען אין די שוהלען און בתי מדרשים, כדי צו ווירקען דורכדעם אויף די שטאָדטישע פרנסים, אז זיי זאָלען זיך זעהן אַריינמישען אין דער זאַך און אַרויסראַטעווען זייערע קינדער פון די מיסיאָנערען. מ'האָט אָבגעהאַלטען אין קהל-שטיבעל אייניגע אסיפות, און עס איז צום סוף געבליבען, מ'זאָל פרובען געהן מיט השתדלות'ן צו די העכערע גייסטליכע, און אייב דאס וועט נישט העלפען, וועט מען דאַן זוכען אנדערע מיטלען.

אָבער ביז קהל האט דעם דאָזיגען בעשלוס פערווירקליכט, האָט דער־ווייל פּאַסירט פאָלגענדער צופאַל:

איינער פון די פּראָווינציעלע פּאַטערס, וואס זייערע זיהן זענען דורך ניסקעס אַגיטאציע אַריינגעפאַלען אין אסתרמאַנ׳ס קלייזעל, האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטען אויף די רעזולטאַטען פון דער קהל׳שער שתדלנות, און דערזעהענדיג, ווי די זאַך ווערט אָבגעצויגען פון טאָג צו טאָג, האט עס איהם זעהר צובראָכען. דער געדאנק, אז זיין זוהן קאָן זיך אַ ליאַדע טאָג אָב׳שמד׳ן, און ער וועט איהם שוין מעהר נישט אַרויסבעקומען האָט איהם כסדר גענאָגט און געעגבערט דאָס האַרץ. ער האט אָבגעשלאָגען די שוועלען פון די פּרנסים, און האָט זיי ממש געטריבען אויסצוריכטען וואס גיכער די געהעריגע מענשען וואוהין מען דארף. די הכנות האָבען נאָך אָבער געדויערט, ביז ביי דעם פּאָטער האט צולעצט געפּלאַצט די געדולד, און ער האט בע־שלאָסען, אויף קיינעם נישט צו וואַרטען און לאָזען זיך אַליין געהן צו די גייסטליכע.

נאָך פערשיעדענע נאָכפרעגענישען איז ער אַוועק אין קאָנ־סיסטאָריע, וואו ער האָט געוואָלט אויספועל׳ן פאַר זיך אַנ׳אוידיענץ ביים אַרכיערײ. אין קאַנצעלאַריע האט מען איהם אָנגעוויזען אויף דעם סעקרעטאַר, צו וועלכען ער איז צוגעגאַנגען, און האט איהם אויסגעדריקט, זיין וואונש. בשעת מעשה זענען געווען אין קאַנ־צעלאַריע איניגע בעאַמטע, און אויסער זיי האָט זיך דארט דאַן צו־פעליג געפונען אויך דער משגיח פון דעם פּראַוואסלאַוונעם סעמינאר־אינטערנאַט, וועלכער איז געזעסען פון דער וויטען אין אַ ווינקעל און האט אַריינגעקוקט אין פּאַפּירען. מיט אַמאל האט זיך דער אַלטער משומד אַ טרייסעל געטהון. עס איז דערגאַנגען צו זיינע אויערן די תשובה, וואס דער פּראָווינציעלער יוד האט געגעבען דעם סעקרעטאַר אויף זיין פראגע: פון וואַנען ער איז? ער האט געהערט דייטליך, ווי יענער האט איהם אויף דעם געגענטפערט: „איך בין אַ ראַזינויער״, און דאס איז שוין געווען גענוג, אום אבצורייסען איהם פון די פּאַ־פּירען, און וועלכע ער איז געזעסען פערטיעפט און אנצושטרענגען זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף דעם יודען.

נאכדעם ווי דער סעקרעטאר האט איהם בעשטימט די צייט, אין וועלכער ער וועט קאנען אויפגענומען ווערען פון אַרכיערײ, איז דער יוד אַוועק. תיכף נאך איהם האט זיך אויפגעהויבען פון ארט דעת

משגיח פונ'ם אינטערנאט, און איז אויך ארויס. ער האט אנגעיאגט דעם יודען, האט איהם אבגעשטעלט און אַ פרעג געטהון אויף רוסיש:— איך האב דא געהערט, אז איהר זייט אַ ראזינויער; ווער זייט איהר דאס אַזוינער פון ראזינוי?

דער יוד האט אָנגערופען זיין נאָמען מיט'ן נאָמען פון זיין פאַמיליע.

— האט איהר עפיס אַ שייכות צו איינעם, וואס איז געווען אַמאָל שוחט אין ראַזינוי? — האט איהם געפרעגט דער משגיח.

— געוויס. דער ראזינויער שוחט איז געווען מיין זיידע.

קוים האט דאס דער יוד אַרויסגעבראכט פון מויל, איז דער משגיח געוואָרען בלאס ווי די וואנט, און לויט זיינע וואַקעלדיגע בע־וועגונגען האט מען געקאָנט מיינען, אז אָט, אט פאלט ער אום.

ער האט זיך דערמאָהנט, אז זיין פאָטער האט געהאט אנ'עלטערן ברודער, וועלכער איז געווען שוחט.

— וואס איז מיט אייך? — האט איהם דער יוד אַ פרעג געטהון פערוואונדערט.

— גאָרנישט, גאָרנישט — האט איהם געענטפערט דער משגיח ערשט אין אַ פאָר מינוטען ארום — אז מ'איז אלט און שוואך, טרעפט אזוינס גאנץ אָפט. אפשר קאנט איהר מיר זאגען, צוליעב וואס איהר האט נאר-וואס פערלאנגט אנ'אוידיענץ ביי אונזער ארכיערײ?

— איך האב צו איהם אַ בקשה; כ'וויל מיך ביי איהם משתדל זיין וועגען אנ'ענין.

— אין וואס בעשטעהט אייער בקשה? אפשר וואָלט איך אייך געקאָנט אין דעם אַ טובה טהון.

דער ראזינויער האט דערצעהלט דעם משגיח אויספיהרליך אין וואס עס האנדעלט זיך, און נאָכדעם האט ער איהם געפרעגט:

— ווי קומט עס עפעס, אז איהר, אַ גאַנץ מיר אומבעקאנטער קריסט, זאָלט מיר וועלען טהון אַ טובה?

— ווייל איך בין אייערער אַ בן-עיר; איך שטאם אויך פון ראַ־זינוי. איך בעקום שוין אָבער חרטה אויף מיין הבטחה, ווייל דאס וועט זיין פאר אייך נישט קיין טובה, נור אַ רעה.

דער יוד האט אָנגעקוקט דעם משגיח גאנץ ערשטוינט; ער האט נישט פערשטאנען, וואס דער אלטער קריסט האָט דאָ מיט זיינע לעצטע ווערטער געוואָלט זאָגען.

— וואס קוקט איהר מיך אזוי אָן? — האט דער משגיח אזוי ווי אויסגעשריען — איהר פערלאנגט, מ׳זאל ארויסראטעווען אייער זוהן? אָבער פון וואס זאָל מען איהם ארויסראַטעווען? פון דעם גליק, אין וועלכען ער געפינט זיך? פון די גרויסע פערספעקטיווען, וועלכע איהם שטעהען פאָר? ביי איך וואָלט דאָך אזוינער ווי ער פערלוירען געגאנגען, און ביי אונז וועט פון איהם אויסוואקסען אַ לייט... אַט פאָלגט מיר; געהט נישט צום ארכיערײ, איהר וועט סיי-ווי ביי איהם גאָרנישט מאכען.

ביי דעם ראזינויער איז געווען געוויס, אז ער האט דא צו טהון מיט איינעם פון דער חברה מיסיאָנערען, וועגען וועלכע ער האט פאר דער צייט, וואס ער זיצט אין מינסק, זיך אָנגעהערט פעק מיט אויסטערלישע מעשיות, און נישט ענטפערענדיג איהם קיין וואָרט, איז ער פון איהם אוועק, האָבענדיג בדעה צו פערקירעווען זיך אין אַנאנדער גאס. דער משגיח האט אָבער פאר איהם פערצוימט דעם וועג און זיך אבגערופען:

— איהר זייט מיינער אַ לאנדסמאן, און איך מוז אייך דאָך טהון אַ טובה. איהר ווילט זיך זעהן מיט אייער זוהן?

דער יוד האט נישט געגלויבט זיינע אויערן און איז געבליבען שטעהן ווי צומישט. אומעטום און פון אלעמען האט ער געהערט, אז איידער-וואס-ווען איז פאר איהם גאר נישטאָ קיין שום האָפנונג צוזאַמענצוקומען מיט זיין זוהן, און איצט פרעגט מען איהם, צי ער וויל זיך מיט איהם זעהן! — קאָנט איהר נור — האט ער קוים ארויסגערעדט פון גרויס איבערראשונג — טאָ האט רחמנות אויף אַן׳אומגליקליכען פאָטער און פיהרט מיך מיט איהם צונויף; איך וועל פאר אייך גאט בעטען...

— קומט! — האט אויסגעשריען דער משגיח — קומט מיט מיר!

דורך פערשידענע הינטער-געסלעך און ארום וועגלעך האט דער משגיח פון איבטערנאט אוועקגעפיהרט דעם ראזינויער יודען, ביז ער האט איהם געבראכט אויף ליאכאווקע. ביי דעם הויף פון אסתרמאנ׳ס הויז האט ער זיך דעם יודען געהייסען אָבשטעלען, און אליין איז ער אריין אינעווייניג. אין עטליכע מינוט ארום איז ארויס פון טויער אַ בחור׳ל פון אַ יאהר אכטצעהן, אַ פער׳חלומ׳טער און מיט צושויבערטע האָהר. דאס בחור׳ל האט זיך אַ ווײַלע ארומגעקוקט און אויסגערופען:

— ר׳ ניסן, וואו זענט איהר? אט בין איך!

דער אלטער משגיח, וועלכער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז צום

פאטער וועט דאס בחור'ל אויף קיין פאל נישט ארויס געהן, האט איהם אָבגענארט און געזאגט, אז ניסקע ווארט אויף איהם ביים טויער.

— מיין זוהן! — האט זיך אויף איהם ארויפגעווארפען דער אלטער פאָטער, פונאנדערוויינענדיג זיך ווי א קליין קינד און, אנקלאמערענדיג זיך אָן איהם פעסט, האט ער איהם גענומען שלעפען נאך זיך, שרייענדיג אויפ'ן קול: קום גיכער, לאָמיר אנטלויפען!

דאס בחור'ל האט זיך אבער נישט געוואָלט ריהרען פון ארט. די מיסיאָנערישע תורה איז איהם שוין צו־טיעף אריין אין די ביינער. ער האט זיך אנגעהויבען ראנגלען מיט'ן פאטער און דערביי געשריען: ביין, טאטע, איך וועל מיט דיר נישט געהן!..

דער פאטער האט איהם אבער נישט אבגעלאָזט, און האט גע־מאכט א גוואלד:

— יודען, ראטעוועט!

פון די קולות מיט די געשרייען האט זיך באלד צוזאמענגע־קליבען ארום דעם פאטער מיט'ן זוהן א גאנצער געזעמעל מיט יודען, מאנסביל און ווייבער, יונג און אלט, און דערוויסענדיג אין וואס דא געהט, זענען זיי פון אלע זייטען בעפאלען דעם בחור: ס'טייטש, ווי האט מען דאס גאר קיין רחמנות נישט אויף אנ'אלטען טאטען? ווי לאזט מען זיך דאס פערפיהרען פון אזעלכע שווינדלער, ווי אסתרמאן מיט זיין חבריא? די ווייבער האבען גענומען טייטלען מיט די פינגער אויף אסתרמנ'ס הויז און געשאלטען איהם מיט אלע משומדים מיט טויטע ביטערע קללות. פון דער דאָזיגער גאַנץ אונער־וואַרטעטע סצענע איז דער בחור געוואָרען געריהרט ביז צו טרעהרען. אין דער מינוט זענען אַרויסגעשפרונגען עטליכע פון עולם, וועלכע האָבען אין איין אויגענבליק געבראכט אַ פוהר מיט אַ פערדעקטביידעל און אַריינגעזעצט אין איהר דעם טאַטען מיט'ן זוהן און געהייסען דעם פוהרמאַן ארויספאָהרען וואס צום גיכסטען פון שטאָדט אויפ'ן בריסקער טראקט.

אין דער מינוט איז גראָד אָנגעגאַנגען ניסקע...

X

בעת ניסקע איז צוגעגאַנגען צו אסתרמאַנ'ס הויז, האט ער נאָך דאָרט געפונען שטעהענדיג דעם גאַנצען עולם. אָנפאַנגס האט ער נישט פערשטאַנען וואס דאס בעדייט, און האָט שוין געוואָלט אַ פרעג טהון

וועגען דעם עמיצען פון געזעמעל. אָבער אין דער מינוט האָבען איהם עטליכע ווייבער דערקענט און גענומען אויף איהם טייטלען מיט די פינגער, שרייענדיג דערביי: „אָט איז ער, דער ימח־שמו׳ניק, וואס פערפיהרט צהרליכע יודישע קינדער צום שמד!״ מען וואָלט איהם אפשר אין יענעם מאָמענט צוריסען ווי אַ הערינג, איז אָבער צו זיין גליק מיט אַמאָל אָנגעפאָהרען אַ דראָשקע מיט אַ פּאָר אָפיצירען. ניסקע האט זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט, און האט זיך, נישט טויט, נישט לעבעדיג, אַריינגעכאַפּט אין הויף, הערענדיג הינטער זיך די געשרייען און די ביטערע קללות, מיט וועלכע די ווייבער האָבען איהם בעגלייט.

ווען ניסקע איז אַריין אין קלייזעל, איז שוין דער אַלטער משגיח דאָרט נישט געווען; פון קיינעם נישט בעמערקט, האט ער זיך ארויס־געכאַפּט און איז אַוועק. ס׳האָבען זיך אָבער אין קלייזעל געפונען אַזעלכע, וואס האָבען געהערט ווי דער משגיח האט געזאָגט דעם ראַ־זינוֹיער בחור, אז ניסקע וואַרט אויף איהם אויפ׳ן גאַס, און דער־זעהענדיג איצט ניסקע׳ן אַריינגעהענדיג אַליין און בלאַס ווי אַ טיך איז דאס ביי זיי באַלד געוואָרען עפּעס קשה׳דיג, און אַלע אויף אַמאָל האבען איהם געפרעגט, וואו ער האָט געלאָזט דעם ראַזינוֹיער. ניסקע׳ן, וועלכער האט, געוועהנליך, נישט געוואוסט וואס זיי צו ענטפערן, האט אָבער תיכף אַ זאָג געטהון דאס האַרץ, אז מיט דעם בחור האט וואס פּאַסירט. ער האט צו־גוט געקענט דעם ראַזינוֹיער אום צו קלערען, אז ער איז אַליין אַנטלאָפען פון קלייזעל. ער האט געוואוסט, אז דער ראזינוֹיער איז שוין געווען צו־ווייט פערקראָכען, און אז ער איז איינער פון יענע, וועלכע זענען שוין אַרונטערגעפאַלען אינגאַנצען אונטער דער קלייזעלשער השפעה און האַלטען אַ ליאדע טאָג ביים אַריבערוואַרפען זיך אויפ׳ן אַנדערן ברעג, אַזעלכער — אין דעם איז ניסקע געווען גאַנץ זיכער — וועט נישט נעהמען אין אַ „שענעם מיטוואָך״ און אַוועק, נאָכדעם ווי ער האט זיך שוין גע־האט מיט לייב און לעבען אָבגעגעבען דעם קריסטליכען גלויבען. דאס פּלוצלינגע פערפאַלען ווערען פון דעם ראַזינוֹיער בחור האט ניסקע׳ן בעזונדערס אָנגעריהרט אין זיין אַמביציע, ווייל ער האט זיך גע־רעכענט פאַר זיין מורה־דרך און ביי יעדער געלעגענהייט האט ער מיט דעם שטאָלצירט. בכלל איז איהם נישט אָנגעשטאַנען די גאַנצע מעשה

פּאַר אסתּרמאַנ׳ען. מיט ניסקע׳ס אַ תּלמיד זאָל אַזוינס טרעפען, — דאָס האט ער בשום אופן נישט געקאָנט אַריבערטראָגען.

זיך בערוהיגט אַביסעל פון דעם ערשטען איינדרוק, האָט זיך ניסקע אַ כאַפּ געטהון צו דעם, וואס די יונגעלייט האָבען איהם דאָ דערצעלט וועגען משגיח. ערשט איצט איז איהם איינגעפאַלען, אז די הויפּט ראָלע אין דער זאך האט דאָ געמוזט שפּיעלען דער משגיח, וועלכער האט דעם ראַזינויער בחור פּשוט אָבגענאַרט. אָבער וואס האָט אין דעם געקאָנט זיין מיין? דער משגיח פון פּראַוואָסלאַוונעם אינטערנאַט, אַליין אַ געוועזענער גייסטליכער, אזא הייסער בעשיצער פון דער קריסטליכער אמונה, — וואס האט ער עס געקאָנט אויסען זיין מיט זיין גראָבען ליגען? אויף די דאָזיגע אַלע פראַגען האט זיך ניסקע שיער נישט צובראכען דעם מוח, און האָט נישט געפונען קיין בעשייד. אסתרמאן איז גראד דעמאָלט נישט געוועזען אין מינסק. ער האט זיך געפונען אויף איינער פון זיינע מיסיאָנערישע פּראָפּאַגאַנדע-נסיעות, און אהן איהם האט זיך ניסקע נישט געקאָנט קיין עצה געבען וואס צו טהון אין דער זאַך. ביי אַנדערע אומשטענדען וואלט ער תּיכף געלאָפען צום משגיח און אויפגעקלערט דעם ענין, אָבער די די לעצטע צייט איז ער עפּעס מיט איהם געוואָרען נישט „שוה בשוה". איז אויף איהם שטאַרק אָנגעשטויסען, און אָט צוליעב וואס:

דער אַלטער משגיח, וועלכער האט ביי זיך געבויט זיין גאַנצע קינפטיגע קאַריערע אויף ניסקע׳ס שמד, דורך וואס ער האט בעגלויבט זיך איינצוקויפען צוריק אין יחוס ביי דער העכערער גייסטליכקייט, האט די גאנצע צייט נישט אויפגעהערט איינצוטענה׳ען מיט ניסקע׳ן, אַז דאָס, וואס ער אַליין האט זיך געטויפט, איז נאָך ווייניג, און ווען ער זאָל אפילו אָבשמד׳ען נאָך צעהנדליגער יודישע יונגעלייט, וועט ער נאָך אַלץ נישט געווינען דעם צוטרוי פון דער פּראַוואָסלאַוונער גייסטליכקייט, כּל זמן זיינע אייגענע דריי קינדער געפינען זיך נאָך אין יודישען גלויבען. יעדעס מאָל פלעגט איהם ניסקע מבטיח זיין אַרויסצוגעהמען די קינדער פון קהל און צו ערציהען זיי ביי זיך אַלס קריסטען, ער האט דאס אָבער ביי זיך נישט געקאָנט פּועל׳ן. דער דאָזיגער פערביסענער מיסיאָנער, וועלכער האָט אָהן אַ שום געפיהל פון געוויסענס-ביסען פערפיהרט צום שמד פיעל יודישע קינדער, האט זיך מיט אלע קרעפטען געראנגעלט געגען דעם געדאַנק וועגען דעם שמד פון זיינע אייגענע קינדער. עפּעס ווי אַ פערבאָרגענע האנד האט

איהם דערפון אָבגעהאַלטען. דערפאר האט עס אָבער צושטערט זיין גוטע פריינדשאַפט מיט דעם אַלטען משגיח.

דאָס גאַנץ אומגעריכטע בעגעגעניש פון דעם אַלטען משגיח מיט זיין ראַזינויער קרוב האט דערווייל אַרויסגערופען ביי איהם אַ גרויס איבערקעהרעניש. דער ערשטער רעזולטאַט פון דעם דאָזיגען איבער־קעהרעניש איז געוועזן זיין פלוצלינגער בעשלוס צו געבען דעם זיך אומגליקליך־פיהלענדען פאָטער די מעגליכקייט צו זעהן־זיך מיט זיין זוהן. ער האָט גאַנץ גוט פערשטאַנען, אז קוים וועט נור דער פאָטער זיך צונויפקומען מיטן זוהן, וועט ער איהם שוין נישט אָבלאָזען, און דער בחור איז שוין פאַר דער פראַוואָסלאַווער „צערקווע" אַ פער־לוירענער. ער האט זיך אָבער מיט דעם נישט גערעכענט. אין יענער מינוט איז איהם זיין פראוואסלאוויע געלעגען וועניג־וואס אין זינען; עס האט זיך אין איהם בשעת מעשה דערוועקט און פונאַנדערגערעדט זיין ראַזינויער יחוס־אבות. ער האט אַ צווייטען מאָל איבערגעלעבט דעמזעלבען איינדרוק, וואס עס האָט אויף איהם געמאַכט, זענענדיג מאָהילעווער אַרכיערייּ, די געשיכטע מיטן דווינסקער מיידעל, וועלכעס האט געשטאַמט פון די ראַזינויער „קדושים"; איצט איז דער איינ־דרוק געוועזן אַ סך אַ שטארקערער, ווייל פאַח איהם איז גע־שטאנען אַ מאַן, וועלכער איז זיין אייגען פלייש און בלוט — יודיש בלוט... און כדי אָבצוגעבען דעם מאַן זיין פערפיהרטען זוהן, האט ער זיך בעשלאָסען כאָטש אויף אַ'אומרעכט, אויף אַ ליגען...

בעת ער איז דאַן ארויס פון אסתרמאנ'ס קלייזעל צוריק אויפן גאַס, איז דאס געוועזן גראָד אין יענער מינוט ווען עס איז אונטער־געפאָהרען דאסביידעל, און דער שטאַרק אויפגערעגטער יודישער עולם האָט אַהין אַהער אויסגעוואָרפען דעם פאָטער מיטן זוהן. ער איז געבליבען שטעהן און האט פון דער ווייטען בעטראַכט די סצענע. און בעת דער פוהרמאַן האָט אַ שמיץ געטהון דעם פערדעל, און דאס ביידעל האט זיך געריהרט פון אָרט, האָבען זיך איהם, גע־שטעלט טרעהרען אין די אויגען. ביים אַלטען משומד האט עפּיס ערגיץ־וואו מיט אמאָל אַ ציטער־געטהון אַ פערבאָרגענע סטרונע...

ווי ער איז אזוי געשטאנען, האט ער דערזעהן פון ווייטען ניסקע'ן. ער האט זיך מיט איהם נישט געוואָלט בעגעגענען, און איז אוועק מיט אַנ'אנדער וועג. געהענדיג, האט ער זיך נישט ווילענדיג געמאכט אַ שטיקעל חשבון־הנפש, פון וועלכען ער איז געבליבען זעהר

אונצופרידען. גאנץ נייע, ביז אהער איהם אומבעקאנטע געדאנקען, האָבען איהם בעהערשט, ס'האט איהם אָנגענומען אַ שטאַרק בענקעניש, נישט וויסענדיג אַליין נאך וואס. וואס ער האט זיך נישט געמאַטערט אויסצוגעפינען אין זיין לעבענס-געשיכטע אַ וואָסער-עס-איז ליכטיגען פונקט, אויף וועלכען אָבצושטעלען זיך, האט זיך עס איהם נישט איינגעגעבען. אַלע זיינע אַמאָליגע גליקען זענען איהם איצט אויסגעקומען געדיכט פערנעפעלט. איהם ציהט שוין מעהר נישט צו זיי; איהם ציהט איצט צו עפעס אַנדערש. ער וואָלט אויך געוואָלט מיט-פאָהרען מיטן ביידעל, אַהין, אַהין, צוזאַמען מיטן קרוב און מיט זיין זוהן...

און פלוצלונג האט ביי דעם אַלטען משגיח אויפגעבליצט דער געדאנק צולאָזען זיך לויפען אין שטאָדט און אויפצוזוכען דאָרט דאס ביידעל. ער האט עס אַרומגעזוכט אין אַלע אכסניות, און ערגעץ נישט געפונען. ביי אַ קרעטשמע אין אנ'עק שטאָדט, נעבען ראָגאַטקע, האט מען איהם געזאָגט, אז אזא ביידעל ווי ער האט אָבגעמאָלט, איז דאָ טאַקי פערביי געפאָהרען מיט אַ האַלבע שעה צוריק און האָט זיך גע-נומען אויפן בריסקער טראַקט...

זעהר טרויעריג געשטימט האט זיך דער משגיח צוריקגעקעהרט אין אונטערנאט. דאָרט האט ער זיך פערשפאַרט ביי זיך אין צימער, האָט זיך אַ וואָרף געטהון אויפן בעט, איינגעגראָבען דעם קאָפ אין קישען און זיך פונאַנדערגעכליפעט ווי אַ קליין קינד.

ער האט דערפיהלט, אז ביי איהם האט זיך עפיס אָבגעריסען...

ס'זענען אַוועק עטליכע טעג, און דער אלטער משגיח האָט זיך אָנגעהויבען בערוהיגען. אַריינטראַכטענדיג זיך אין די אומשטענדען פון זיין לעבען, איז ער געקומען צום בעשלוס, אַרונטערצונעהמען זיין אייגענעם „איך" אינגאַנצען פון סדר-היום: אויס האָפנונגען, אויס חלומות, צורינען און צושוואומען ווערען פון היינט אָן אַלע זיינע מחשבות וועגען דערגרייכען צו העכערע מדרגות אין דער גייסטליכ-קייט, ער דארף דאס נישט און וויל דאס נישט און קאָן ער אַליין נישט צוריקקעהרען זיך צו זיין אַלטען שטאַם, בלייבט ער אַליין אויס נויט ביי דעם, וואס ער איז, וועט ער אָבער מהיום והלאה שטעהן אויף דער וואַך און זעהן ראַטעווען אַזעלכע יודישע נשמות, וועלכע מ'קאָן נאך ראטעווען. ער וועט אָנווענדען אַלע מיטלען צו פאַראַליזירען די שענדליכע מעשים פון די אסתרמאַנ'ס מיט די ניסקעס, ער וועט

נישט לאָזען פערפיהרען קיין אונשולדיגע יודישע קינדער צום שמד. ער וועט דאס טהון אין דער שטיל, קיינער זאָל עס נישט מערקען. איהם זענען דאָ בעקאַנט אַלע וועגען און הינטער-וועגעלעך. ער קען אַלע נעצען-פערשפרייטער און נשמות-פאַנגער און קיינעם פון זיי וועט ער נישט לאָזען האָבען אַ שליטה איבער יודישע הייזער, פערטרייבען וועט ער זיי פון דער יודישער גאַס אויסראָימען.

XI

ווי מיר האָבען שוין דערצעהלט אין דעם פאָריגען קאַפּיטעל, האט זיך אסתּרמאן די לעצטע צייט נישט געפונען אין מינסק. ער איז אַרומגעפאָהרען איבער דער פּראָווינץ צו קאָנטראָלירען די טעטיגקייט פון זיינע „יוצר-משרתים", די קליינע מיסיאָנערלעך, וועלכע האָבען געהאַט אויסצושפּרייטען זייערע נעצען אין די שטעדטליך און ישובים. אָבגעפאַרטיגט זיך מיט זיין אַרבייט, האָט זיך אסתּרמאַן געלאָזט צוריק אַהיים קיין מינסק. אין וועג — דאס איז געווען צווישען קאָידענאָוו און סטויבץ — איז ער פערפאָהרען איבערנעכטיגען אין אַ קרעטשמע. דארט האט ער זיך בעשטעלט אַ בעזונדער צימער און האָט זיך געהייסען דערלאַנגען אַ סאַמאָוואר. ווי ער איז זיך אזוי געזעסען און געטרונקען טהיי, האט ער פּלוצלונג דערהערט דורך דעם דינעם הילצערנעם וואנטעל אַ געשפּרעך צווישען צוויי מענשען פון אַנדערן צימער, און ווי פערוואונדערט איז ער געוואָרען, ווען דער קול פון איינעם איז איהם אויסגעקומען זעהר בעקאַנט. ער האט זיך גענומען בעטראַכטען און נאָכקלערען, כדי צו כאַפּען אין זכרון, וועמעס שטים דאס איז. ער האט זיך אָבער נישט געקאָנט דערמאָהנען. ער האט געפּרובט צולעגען בעסער זיין אויער צום וואַנטעל, אָנשטרענגענדיג דערביי זיין גאַנצען געהער-אַפּאַראַט, און האט — געפּאַקט.

אסתּרמאַן האָט דערקענט, אז דאס איז די שטים פון'ם ראַזינוֹיער בחור, וואס ניסקע האט אַוועקגעלעגט אזוי פיעל כוחות, אום איהם צו פאַנגען און פערשלעפּען אין זיין קלייזעל, און אויף וועלכען מ'האט אין די מיסיאָנערישע קרייזען געבויט אַזעלכע גלענצענדע האָפנונגען פאר דער נאָהנטער צוקונפט. כדי זיך צו איבערצייגען, אויב ער האָט זיך נישט טועה געווען און אז דאס איז ווירקליך דער ראַזינוֹיער, איז אסתּרמאַן ארויס און האט אין דער שטיל פערפיהרט אַ שמועס מיט דער קרעטשמערקע, ביז ער איז פון איהר דערגאַנגען,

אז אין דעם צימער, וואס גרעניצט זיך מיט זיינעם, האַלטען זיך אויף צוויי פערזאָן. אַ ראַזינויער יוד מיט אַ יונגען זוהן, וועלכע זענען נאָרוואס געקומען פון מינסק, און דאַרפען מאָרגען גאַנץ פריה אָבפאָהרען ווייטער, מסתמא צו זיך אַהיים. איצט איז שוין אסתרמאן געווען גאַנץ זיכער, אז ער האט קיין טעות נישט געהאַט, און תיכף האט איהם געזאָגט דאס הארץ, אז דער פאָטער האט עס צוריק אַרויסגענאַרט דעם זוהן פון זיין קלייזעל. ער האָט אָבער בשום אופן נישט געקאָנט פערשטעהן, ווי אזוי דאס איז געשעהן אין דער צייט, וואס דאס קלייזעל האט ארום זיך אזא שמירה, און איז פעררינגעלט פאַר פרעמדע, און בכלל פאר זייטיגע מענשען, מיט זיעבען ריגלבי. איהם האט שוין גענומען פערדריסען, וואס ער איז אָבגעפאָהרען פון מינסק. אז ער וואָלט געווען אין דער היים, וואָלט אזא זאך אויף קיין שום פאַל נישט געקאָנט פאַסירען.

אַריינטראַכטענדיג זיך אין דעם ענין, האט אסתרמאַן איינגעפונען, אז אזוינע „העכט" ווי דער ראַזינויער בחור לאָזען זיך נישט פאַנגען אַלע טאָג, און דעריבער קאָן ער אויף איהם נישט מוותר זיין מיט אַ לייכט הארץ און אָהן אַ קאמף. ער איז אַריין צו זיך אין צימער און האט גענומען בעקלערען, וואס צו טהון. צום סוף האט ער בעשלאָסען, אָבצונעהמען דעם בחור מיט גוואַלד.

נאָכדעם, ווי עס איז געוואָרען רעכט פינסטערליך, האט זיך אסתרמאַן אָבגע'חשבונ'ט מיט דער קרעטשמערקע און געהייסען זיין פוהרמאַן שפאַנען די פערד, זאָגענדיג איהם, אז לויט ווי ער האט אויסגערעכענט, לוינט זיך פאר איהם בעסער אַריינצופאָהרען אויף נאכטלעגער אין נאָהנטען דאָרף. אָנגעקומען אין דאָרף, איז אסתרמאַן תיכף אַריבער אין „סטאַן" ; דאָרט איז ער אריין צום „פריסטאַוו", און נאָכדעם, ווי ער האָט זיך פאַר איהם לעגיטימירט, וו׳ייזענדיג איהם זיינע פאַפירען מיט די דיפלאָמען, וועלכע זענען בעשטעטיגט פון די גרעסטע מינסקער פראַוואָסלאַוונע גייסטליכע, האט ער איהם דערצעהלט, אז ביי איהם אין מינסק האט זיך אויפגעהאלטען אַ לאַנגע צייט אַ יודישער בחור פון ראַזינוי, וועלכער האָט ארויסגעוויזען גרויס חשק אַריבערצוגעהן אין „שויס" פון דער פראַוואָסלאַוונער „צערקווע" און האט שוין געהאלטען ביים טויפען-זיך, אָבער אויף אַנ'אונפערשטענדליכען אופן האָט זיך איינגעגעבען זיין פאַנאַטישען פאָטער אַרויסצוקריגען איהם בגנבה און אנטלויפען מיט איהם צו זיך אין שטעדטיל. דערביי האט

אסתּרמאַן פערזיכערט דעם „פּריסטאַוו”, אז דאס איז געוויס געשהון געוואָרען געגען דעם ווילען פון דעם בחור אַליין, וועלכער איז שוין באמת אַ העכסט גלויביגער קריסט, און בכן פאָדערט ער איהם אויף, אָנצונעהמען זיך פאר דער קשיודע פון דער בעליידיגטער פּראַוואָס־לאַוונער אמונה, און אָנצעווענדען די געהעריגע פּאָליצייאישע מיטלען, וועלכע געפינען זיך אין זיין רשות, אַוועקצופיהרען דעם בחור צוריק קיין מינסק. דער „פּריסטאוו” האט זיך תּיכף אָנגעכאַפּט אָן דער זאך, געפינענדיג אין איהר אַ גוטע געלעגענהייט אויסצופיינען זיך פאר „נאַטשאלסטוואָ”; ער האט נור פערלאנגט, אז אסתּרמאן זאל מיט איהם מיט פאָהרען, כּדי ער זאָל קאָנען זיין אנ׳עדות, ווען מ׳וועט עס דאַרפען.

ס׳איז שוין געוועזן אַ שטיק נאָך האלבער נאכט. אין קרעטשמע האָבען שוין אלע לאנג געשלאָפען. פערזונקען אין טיעפען שלאָף זענען געווען אויך דער ראַזינויער מיט זיין זוהן. פּלוצלונג האט זיך די קרעטשמערקע אויפגעכאפּט. איהר האט אויפגעוועקט דער בעקאנטער גלאָקען־קלאנג פון דעם פּריסטאוו׳ס בריטשקע. באלד האט זי דער־הערט אַ שטארקע קלאפּעריי אין לאָדען מיט דעם אויסרוף: „עפּענט!”. זי האט קוים בעוויזען ארויפכאפּען אויף זיך אַ שטיקעל בגד, און איז געגאנגען עפּענען די טהיר. באַלד זענען אריין דער „פּריסטאוו” מיט׳ן דאָרף־סאָלטיס מיט עטליכע פּויערים. אסתּרמאן איז דערווייל, ביז מ׳וועט איהם רופען, אריין אין אַ צווייט צימער.

— עס שטעהען דאָ ביי דיר ערגיץ איין צוויי יודען, איינער אַנ׳עלטערער, און דער אנדערער אַ יונגערער? — האָט אויף איהר אַ „ברום” געטהון דער „פּריסטאַוו”.

— יאָ! — האט איהם געענטפערט די קרעטשמערקע, און איהר שטים האט אַ ביסעל אונטערגעציטערט פון אויפרעגונג.

— פיהר מיך אַריין צו זיי!

דער ראזינויער מיט׳ן זוהן, וועלכע האָבען זיך שוין לאַנג גע־האט אויפגעכאפּט דורך דעם טומעל, וואָס איז ענטשטאַנען אַרום שטוב, האָבען אפילו גאָרנישט אָנגעהויבען צו טראַכטען, אז די קולות זאָלען קאָנען האָבען אַ וועלכע־עס־איז שייכות צו זיי; דאָך זענען זיי שוין נישט געבליבען ליעגען אין די בעטען, און האָבען זיך אויף גיך אָנגעטהון.

ס׳האָט זיך אָבער תּיכף אויפגעריסען די טהיר, און די גאנצע

חברייא, מיט'ן „פריסטאַוו" בראש, זענען אַריין אין צימער. נישט מאַכענדיג קיין שום חקירה ודרישה, האט זיך דער „פריסטאַוו" באַלד אַ וואָרף־געטהון אויפ'ן פאָטער:

— ס'טייטש, ווי אזוי האָסטו זיך גאָר געוואגט אַרויסצוגנב'ענען ביי אונזער הייליגער פּראַוואָסלאַוונער „צערקווע" איהר געטרייען זוהן? דו ווייסט, וואס דיר ערווארט פאר דעם דאָזיגען פערברעכען?

—ס־י־ב־י־ר!!

דער ראַזיניער איז לכתחילה פון דער דאָזיגער גאנץ אומגע־ריכטער פּאסירונג אזוי צומישט געוואָרען, אז ער האט עטליכע מינוט נאָכאַנאנד נישט געקאָנט אַרויסברענגען אַ וואָרט פון מויל. ער איז נור געשטאַנען בלאס ווי די וואַנט, און ס'האט איהם געשוידערט פון שרעק. מיט דעם האט זיך בענוצט דער „פריסטאַוו" און אויסגעשריען:

— אהאַ, דו שווייגסט! דאס הייסט: דו ביזט זיך מודה, אז דו האָסט באמת געהאט די העזה אָבצורייסען מיט גוואַלד פון אונזער קריסטליכער אמונה איינעם פון איהרע שענסטע קינדער?

דאָ האט זיך מיט אַמאָל אַרויסגעכאַפּט דאס בחור'ל און אַ זאָג־געטהון:

— ס'איז נישט ריכטיג! קיינער האט מיך מיט גוואַלד נישט אָבגע־ריסען; איך האָב געהאט פערבלאָנדזשעט, אָבער באלד האב איך זיך אַרומגעזעהן, און בין צוריק ארויף אויפ'ן רעכטען וועג.

דערווייל האט זיך דער פאָטער אַ ביסעל געשטאַרקט און אויס־גערופען, ווי מיט די לעצטע כוחות:

— די מעשה איז גראָד געווען פערקעהרט; ביי מ י ר האט מען בגנבה אַוועקגענומען מיין זוהן! געגען מ י ר האט מען שרעקליך פער־בראָכען, און נישט א י י ע ר ע פּראַוואָסלאַוונע, חלילה, האָבען עס גע־טהון, נור א ו נ ז ע ר ע אייגענע יודען, וועלכע ווילען מאַכען געשעפטען מיט פרעמדע קינדער.

— יאָ! יאָ! — האט אונטערגעכאַפּט דער זוהן — אזוי איז עס באמת. מיין פאָטער האָט נישט קיין שום שולד, און א י ך בין אויך נישט שולדיג. נור א י ין טאָג האב איך מיך געלאָזט פערפיהרען פון נישט קיין עהרליכע יודען, אָבער שוין אויף מאָרגען בין איך געוואָרען דערזעלבער יוד, וואס געווען.

דער „פריסטאַוו", וועלכער האט זיך לכתחילה בעצויגען צו דעם בחור׳ל פיעל ווייכער, ווי צו זיין פאַטער, האָט, הערענדיג דעם זוהנ׳ס לעצטע ווערטער, געביטען מיט אַמאָל דעם טאָן און איז אויף איהם אָנגעפאַלען מיט קולות:

— ווי, דו לייקענסט גאָר, אז דו האָסט אָנגענומען אונזער אמונה און ביזט שוין געווען אַ הייסער קריסט? וואס וועסטו אָבער זאָגען, ווען תיכף, אָט אין דער מינוט, רוף איך אַהער אריין אַנ׳עדות, און זעהר אַ בעגלויבטען עדות, וועלכער וועט דיר בעשטעטיגען אין די אויגען, אז ער קען דיך שוין לאַנג פאר אַנ׳איבער־געגעבענעם קריסט?

און נישט אָבווארטענדיג דעם בחור׳ס תשובה, האט ער איינגערוימט אין אויער דעם סאָלטיס, ער זאָל אַריינרופען אַהער אסתרמאנ׳ען.

קוים האט זיך אסתרמאן בעוויזען אויף דער שוועל, איז דאס בחור׳ל פלוצלונג געוואָרען בעפאַלען ווי פון אַ שרעקליכער קאָנוואולסיע; ער האָט זיך כסדר געטרייסעלט און געוואָרפען, מינוטענווייז האט ער געמאכט אָנשטרענגונגען, ווי ער וואָלט עפיס געוואָלט זאָגען, אָבער אין יענער ווייל האָט איהם זיין צינג נישט געוואָלט דיענען, און איז עפיס ווי פאראליזירט געוואָרען. פלוצלונג האט ער זיך אַרויפגעוואָרפען אויפן פאָטער, און איינעסענדיג זיך אָין איהם מיט אלע קרעפטען, האט ער ווילד אויסגעשריען:

— פאָטער, אָט דאס איז דער גזלן! לאָז מיך נישט אָב, ער קאָן מיך נאָך הייסען אָבפיהרען צוריק קיין מינסק, צו די משומדים... פאָטער, האלט מיך פעסט, אָט אזוי!..

XII

דער פאָטער האָט דעם דאָזיגען אומבעשטימטען מצב נישט געקאָנט פערטראָגען, און ארויסרייסענדיג זיך פון זיין זוהן, האָט ער אויסגעשריען:

— זיי ווילען דיך דוקא ארעסטירען, זאָל זיין אזוי. אויב דו האָסט באמת בעשלאָסען און הארצען צו בלייבען אַ טרייער יוד, וועסטו עס אויך זיין, זיי מעגען דיך אפילו ברענען און בראָטען, און אויב נישט —

דערויף האט אסתרמאן אַ זאָג געטהון:

— איהר האָט שוין לאַנג געדאַרפט אזוי רעדען. מיט גוואלד וועלען מיר אייער זוהן נישט אָב׳שמד׳ן. מיר וועלען זיך נור נישט לאָזען, מ׳זאל אונז פיהרען פאר דער נאָז; פון אונז גנב׳עט מען זיך נישט ארויס. אויב מ׳וויל נישט, דארף מען עס זאָגען; מיר נויטען קיינעם נישט.

— גלויב איהם נישט, פאָטער! — האט זיך אַרויסגעכאַפּט דער זוהן — דאס זאגט ער נור אזוי. וואָלט איך פון זיי נישט אַנטלאָפען, וואָלטען זיי מיך קיינמאָל נישט פריי געלאָזט. כ׳האב מיך ביי זיי גענוג אנגעקוקט, און ווייס, אז פאַלט נור ווער אַריין אין זייערע הענט, געהט ער שוין פון זיי קיין יוד נישט אַרויס. נור אז דו הייסט מיך געהן — געה איך. און דו ביזט גאַנץ גערעכט; עס שטעהט פאר מיר פאַר אַ שווערער נסיון, אָבער איך וועל איהם מיט גאָט׳ס הילף איבערטראָגען.

אונטער אַ שמירה פון צוויי דאָרפישע פּאָליציאַנטען האט מען דעם ראזינוּיער בחור אָבגעפיהרט קיין מינסק. דעם פאָטער האט דער פּריסטאַוו, לויט אסתרמאַנס פאָרשלאַג, געוואָלט לאָזען פריי, און האט איהם ערלויבט צו פאָהרען צו זיך אַהיים. ער האט זיך אָבער נישט געוואָלט שיידען פון זוהן, און איז איהם נאָכגעפאהרען קיין מינסק. אסתרמאן איז געפאָהרען בעזונדער אויף זיין אייגענע בריטשקעלע און אָנקומענדיג אויפן ארט מיט עטליכע שעה פריהער, האט ער שוין געוואוסט צו בעזאָרגען, מ׳זאל נישט פיהרען דעם בחור דורך די יודישע גאסען, נור ארום און ארום, דורך הינטער-ווענלעך, און אז מ׳זאל איהם ברענגען גלייך אין קלייזעל אריין. אויף דער שוועל פון קלייזעל האבען דעם בחור מקבל פנים געוועזן ניסקע מיט נאָך אַ פּאר מיסיאָנערלעך און עטליכע חברים און אלע האבען איהם ארויס-געוויזען גרויס ליעבשאפט, מאַכענדיג דערביי דעם אָנשטעל עפּיס ווי זיי וואָלטען דאָ בעגעגענט אַ ברודער, וועלכער האט זיך נאָך זייער שטאַרק פערבענקט. מ׳האט אבער מיט איהם גאָרנישט גערעדט, נישט געזאגט קיין מוסר און נישט געמאַכט איהם קיין פאָרוואורפען; מ׳האט עס אבגעלעגט אויף שפּעטער.

נאך דעמזועלבען טאג האט אסתרמאן אָבגעהאלטען אַ בעראַ-טונג מיט ניסקען וועגען דעם פאָרגעקומענעם אינצידענט. דערוויסענדיג זיך פון ניסקען, אז די גאנצע קאשע איז דא געווארען פערקאכט נור דורך דעם אלטען אינטערנאט-משגיח, איז אסתרמאן געבליבען זיצען

טיעף פערטראכט. ער האט זיך דערמאהנט, אז מיט אַ גאנץ לאנגער צייט האט איהם דער משגיח אמאל בשעת אַ פערטרויליכען געשפרעך דערצעהלט אויספיהרליך זיין לעבענס-געשיכטע, און צווישען אנדערן אויך דעם פאקט מיט׳ן דווינסקער מיידעל, וועלכעס ער האט בלויז צוליעב איהר ראַזינויער אָבשטאמונג ארויסגעריסען פון שמד, און האט דורכדעם פערשפילט זיין גלענצענדע קאריערע אלס ארכיטעקט. אסתרמאן האט אבער אויך גאנץ גוט געוואוסט, אז דער משגיח האט דעם דאזיגען „ראזינויער פאַטריאָטיזם״ תמיד זעהר בעדויערט און האט זיך פאר דעם געשלאגען אין הארצען. היתכן — האט זיך אסתרמאן גע־פרעגט — אז דאָ אין דעם געשעהעניש מיט דעם בחור זאל אויך האבען געשפילט די הויפט-ראלע דערזעלבער „ראזינויער פאטריאטיזם״ פונ׳ם משגיח, און ווען? נאכדעם ווי ער איז שוין פאר אזא פאלשען שריט שווער בעשטראָפט געוואָרען?!

אסתרמאן האט ארויסגעזאגט זיינע געדאנקען פאר ניסקען, און דערביי בעמערקט, אז איהם זענען בעקאנט פיעל פאקטען וועגען פער־ביסענע משומדים, וועלכע האבען אויף דער עלטער חוזר-בתשובה גע־ווען, און נישט קאנענדיג, צוליעב׳ן געזעץ, ווערען צוריק יודען, האבען זיי אויסגעלאזט זייער גאנצען כעס צו די מיסיאָנערען, און מיט אלע מעגליכקייטען געזוכט צו פאראליזירען זייער טעטיגקייט. עס זענען פארגעקומען פאלען, ווען אזעלכע משומדים, בעל-תשובה׳ניקעס האבען זיך געשטעלט אין דער גרעסטער סכנה אָבצוראטעווען יודישע יונגע לייט פון שמד, און ווער ווייסט — האט אסתרמאן אַזאג גע־טהון — אפשר האט זיך אויך ביי דעם אינטערנאט-משגיח, שטעהענדיג שוין מיט איין פוס אויפ׳ן שוועל פון יענער וועלט, דערקענט אַ ניצוץ פון חרטה, און וועלענדיג איצט פעררעכטען זיין אלטען פעהלער, איז ער אונז געוואהען אין הארצען אַ דם-שונא, און די מעשה מיט׳ן ראזינויער בחור איז נור דאס ערשטע שפיצעל, וואס ער האט אונז אבגעטהון!

ניסקע האט מסכים געווען מיט אסתרמאנס געדאנק און געזאגט, אז ער בעמערקט שוין פון אַ געוויסער צייט, ווי דער משגיח בלאזט זיך אויף איהם, און לעצטענס, נאך דער מעשה מיט דעם ראַזינויער בחור, האט ער איהם אנגעהויבען אויסמיידען, און דאס טהוט ער, נישט ווייל ער קאן פאר איהם די אויגען נישט ווייזען נאכדעם ווי ער האט דורך אַ גראבען ליגען ארויסגענארט דעם בחור פון קלייזעל;

אויף דעם האט ער געוויס קיין חרטה נישט, ווייל ער האט עס געטהון לכתחילה אויסגערעכענטערהייד. און אויב אזוי — האט ניסקע גלייך געוועזן — דארפען מיר וויסען, אז מיר האבען דאָ צו טהון מיט אַ פערבּאָרגענעם שונא, פון וועלכען מיר קאנען נאך האָבּען די געבּרענטסטע ליידען. איך האב שוין מורא, אז ווען דער אלטער משומד וועט זיך דערוויסען, אז מיר האבען אָבּגעריסען צוריק דעם ראזינויער בחור, וועט ער נישט בּלויז אָגווענדען אלע מיטלען איהם צו בּעפרייען נור אויך צו רודפ'ן אונז אין דער שטיל עד חרמה. ווי געפאלען ער איז, האט ער דאָך עפּיס פארט אנ'אַריינגאנג אין די העכסטע גלח'שע ספערען, און זיינס אַ וואָרט קאן נאך ווירקען. בּכן — האט ניסקע פערענדיגט — וואלט מיין עצה געוועזן, מיר זאַלען זיך מקדים זיין און זעהן דעם אלטען משומד צו בּעזייטיגען כל־זמן ס'איז נאָך צייט...

אסתרמאן האט מיט ניסקעס אויספיהרונגען איינגעשטימט, און ס'איז בּיי זיי געבּליבּען ווי צו געפינען די נויטיגע מיטלען, ווי אזוי אָבּצוּרוּימען דעם משגיח פון זייער וועג.

XIII

בּאלד ווי דער ראַזינויער, דעם בּחור'ס פאטער, איז געקומען מיט אַ פערבּיטערטען געמיט קיין מינסק, האט ער זיך געלאָזט געהן זוכען זיין קריסטליכען בּן־עיר, דעם אלטען משגיח. ער האט געהערט פון זיין זוהן, אז דער דאזיגער אַלטער, וועלכער איז אנ'אָפּטער איינגעהער בּיי אסתרמאנען און אַ שטענדיגער בּעזוכער פון זיין קלייזעל, איז אַ מכובּד'יגער גלח און האט די השגחה אויף די יונגע קלעריקעס, וואס לערנען זיך אין דעם פּראַוואָסלאַוונעם סעמינאַר, לויט די דאָזיגע סימנים, האט ער אינגיכען אויפגעזוכט דעם סעמינאַר, און זיך דערשלאָגען צום משגיח. דאס איז גראד געוועזן אין דער לערנצייט, בּעת די קלעריקעס האָבּען זיך געפונען אויבּען אין די קלאַסען, און דער משגיח איז געזעסען אַליין בּיי זיך אין צימער. בּעת דער דיענער האט איהם געמאָלדען, אז עפּיס אנ'אומבּעקאנטער יוד שטעהט אין קאָרידאָר און וויל זיך מיט איהם זעהן, האט ער איהם געהייסען תיכף אַריינפיהרען.

קוים האט זיך דער ראַזינויער בּעוויזען אויף דער שוועל, האט איהם דער משגיח געאיילט אַנטקעגען, געדריקט פעסט די האַנט, און איהם אין אַ בּעהאַרצטען טאָן געפרעגט אויף י ו ד י ש :

— וואס גוטס, לאַנדסמאַן? שוין ווידער עפּיס אַ נייס, און גאָר־נישט קיין פרעהליכע, ווי איך זעה.

דער ראַזינויער האט איהם דערצעהלט אויספיהרליך וועגען דער אומגליקליכער בעגעגעניש מיט אסתרמאַנען אין דער קרעטשמע און דעם ארעסט פון זיין זוהן.

די גאנצע צייט, וואס דער ראַזינויער האט גערעדט, האבען זיך אין משגיח׳ס פּנים געביטען די פאַרבען: דא איז ער געוואָרען בלאס, און אין אַ מינוט ארום — רויט; מ׳האט געזעהן בעשיינפּערליך, אז די געשיכטע האט איהם אויפגעקאָכט דאס בלוט. בעת דער ראַזינויער האט געענדיגט, האט זיך דער משגיח פונאנדערגעשריען:

— אזוי? די גזלנים האָבען זיך ערלויבט אַ צווייט מאָל אוועקצורויבען ביי אייך אייער קינד? קומט מיט מיר!

דערביי האט ער זיך אַ הויב געטהון פון אָרט. ער איז אָבער באלד ווייטער געבליבען זיצען און האט זיך פערטראַכט. אין אַ פּאָר מינוט ארום איז ער צוריק אויפגעשטאַנען, האט זיך איבערגעטהון אין זיינע יום־טוב׳דיגע גלח׳ישע בגדים, האט אויסגעפּוצט זיין ברוסט מיט אַ סך פערשיעדענע מעדאַלען און אָרדענס און אַ זאָג געטהון צום יוד: קומט, באלד גיט מען אייך אָב אייער זוהן! — איז ער מיט איהם אַרויס אויפ׳ן גאַס. דארט האט ער זיך מיט איהם אַריינגעזעצט אין אַ פערמאכטער דראָשקע, און זיך געהייסען פיהרען אויף ליאַכאָוועקע צו אסתרמאנ׳ען.

אסתרמאַן איז גראָד דאַן געשטאַנען ביי זיך אין קלייזעל אויף דער בימה, און האט אין דער געגענוואַרט פון זיינע פערפיהרטע יונגעלייט שאַרף גע׳מוסר׳ט דעם ראַזינויער בחור, פאַרוואָס ער איז אַנטלאָפען.

— מיט אמונות וואַרפט מען זיך נישט ארום! — האט אסתרמאן אויסגעשריען — מיר אַלע, וואס געפינען זיך דאָ איצט, זענען עדות, אז דו האסט איינמאָל פאר אַלעמאָל פערלייקענט דעם יודישען גלויבען און פייערליך אויסגעדריקט דיין גרייטקייט אַריבערצוגעהן צום קריסטענטום, וועגען וועלכען די האָסט גערעדט מיט אזא התפעלות, און מיר וועלען דיר אויף קיין פאַל נישט לאָזען אָב׳חוזק׳ן פון אונזער הייליגטום, ווייל — — —

אין דער מינוט האט הינטער אסתרמאַנ׳ען, ווי אַ דונער געטהון די איהם בעקאַנטע שטים פונם אַלטען משגיח: אונזער הייליגטום;

וואס איז, א י ה ר, בעטריגער, האט אוין' אַ היי̃ליגטום ? מאכט איהר דען נישט מיט אונזער פּראַוואָסלאַוונער אמונה קיין געשעפטען, און קיין ש ע נ ד ל י כ ע געשעפטען ? מיר קענען אייך נישט פון היינט און נישט פון נעכטען, מיר ווייסען, אז איהר זייט אַ באַנדע אויסוואורפען, אָבטריניגע פון פאָלק ישראל, וועלכע ווילען אונזער קריסטליכע אמונה פערקויפען, פערהאַנדלען פאַר געלט. וויפיעל נעהמט איהר פאר אַ נפש, וואס איהר פאַנגט, כלומר'שט פאַר אונז ? מיר, קריסטען פאנגען נישט, מיר פערוואַרפען נישט קיין נעצען, דאס וואָלט געווען די גרעסטע בע-ליידיגונג פאר אונזער אמונה. ווי אונטערשטעהט איהר אייך צו האָבען טענות אָט צו ד ע ם יונגענמאַן ? — דערביי האט ער אָנגעוויזען מיט'ן פינגער אויפ'ן ראזינויער בחור — זאָג מיר נור, בחור'ל, ביזטו אַליין אַהער געקומען ? זאָג אָפען, און האָב פאר קיינעם קיין מורא נישט ! דו שאָקעלסט מיט'ן קאָפּ, דאס הייסט, אז דו ביזט אַליין אַהער נישט געקומען, נור מ'האט דיך פערנאַרט, געפאַנגען, אַוועקגערויבט אינ'ם נאָמען פון אונזער קריסטליכער אמונה. שוין, די מינוט, זאָלסטו פון דאַנען אַוועקגעהן, מיר דאַרפען נישט קיין געפאַנגענע, און א י ה ר ה' אסתרמאַן — און דעם משגיח'ס קול איז געוואָרען מעכטיגער און פער-ביטערטער פון מינוט צו מינוט — גיט איהם תיכף אַרויס, בעשטעטיגט מיט אייער חתימה, אַ צעטעל אויפ'ן האַנט, אז ער איז צו אייך פער-פיהרט געוואָרען בטעות און אז איהר האָט צו איהם גאָרנישט. תיכף זאָל עס געשעהן, און זאָל ער געהן.

די גאַנצע צייט, וואָס דער משגיח האט גערעדט, איז אסתרמאַן געבליבען שטעהן, ווי געלעהמט. דער אָנבליק פונ'ם משגיח אין זיינע בגדי-יום-טוב און מיט די פיעל אָרדענס אויף דער ברוסט און זיין היינטיגס מאָל בעזונדערס דרייסטער, מעכטיגער קול, האָבען אויף איהם אָנגעוואָרפען גרויס פחד. ער האָט גערעכענט פאַר געוויס, אז דער משגיח איז צו איהם געקומען דאָסמאָל בעפולמעכטיגט פון דער העכערער אָרטיגער פּראַוואָסלאַוונער גייסטליכקייט, און דעריבער האט ער, נישט רעדענדיג קיין וואָרט אנטקעגען, קוים אַרויסגעבראכט פון מויל : איך טהו, וואָס איהר בעפעהלט מיר, איך הייס דעם בחור געהן, און גיב איהם דאס צעטעל, וואס איהר פערלאַנגט ; טשעפּעט אָבער נישט די איבעריגע, זיי זענען אַלע אמת'ע, איבערגעגעבענע קריסטען...

— ד אָ ס וועלען מיר נאָך זעהן! — האט איהם געענטפערט דער משגיח בייז, און גענומען געהן צו דער טהיר. מיט אַמאָל האָט ער,

זיך אַ כאַפּ געטהון פאַר׳ן הארצען, האָט פערגלאָצט די אויגען זיך אויסגעגליטשט, איז געפאַלען און געשטאָרבען אויפ׳ן אָרט!

ס׳איז ענטשטאַנען אין קלייזעל אַ גרויסע מהומה. אַלע זענען געבליבען שטעהן ווי צומישט, אַלע האָבען זיך פערלוירען. די יונגע־לייטלעך, צווישען זיי דער ראַזינויער בחור מיט׳ן צעטעל אין דער האנט, האָבען זיך איינציגווייז אַרויסגעמאַכט און זענען זיך צוגאנגען. אסתרמאַן, בעפאַלען פון שרעק, אז פון דעם געשעהעניש קאָן נאָך אַרויסוואַקסען אויף איהם אַ וועלכער עס איז בלבול, איז אוועקגע־לאָפען מעלדען אין פּאָליציי. באַלד איז אַראָבגעקומען „נאַטשאַלסטוואָ״, וועלכע האָט געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל, און געהייסען איבערפיהרען דעם טויטען משגיח אין זיין וואוינונג.

* *
*

קיין פּראָצעס האָט די מאַכט וועגען דעם ענין נישט פער־פיהרט. זי האָט אָנגענומען, ווי די זאַך איז אויךווירקליך פאָרגע־קומען, אז דאָ איז געשעהן אַ בלויזער צופאַל, וועלכער טרעפט אָפט ביי אַלטע, בעיאָהרנטע לייט. אסתרמאַן איז אָבער לאַנג געזעסען אין גרויס שרעק. ער האט זיך נאָך אַלץ געהאַלטען אָן זיין ערשטען גע־דאַנק, אז דער משגיח איז צו איהם געשיקט געוואָרען פון דער העכערער פּראַוואָסלאַוונער גייסטליכקייט און, האָבענדיג באמת אַ סך אויף זיין געוויסען, האט ער זיך געריכט אַ ליאַדע טאָג אויף גרויסע אונאנגענעהמליכקייטען. בעהמענדיג דאס אין אַכט, האט ער זיך מקדים געוועזן און איז אַוועק פון מינסק.

דערפאַר האָט אָבער ניסקע עולה לגדולה געווען. ער האט אַרויסגע׳גנב׳עט פון קהל זיינע דריי קינדער, און איז מיט זיי אַנט־לאָפען. אַ לאַנגע צייט האט מען נישט געוואוסט, וואוהין ער איז מגולגל געוואָרען. ערשט אין די מיטעלע זיעבציגער יאָהרען האָט זיך אַרויס־געוויזען, אז ער איז אַוועק שטודיהרען אין דער פּעטערבורגער גייסטליכער אַקאַדעמיע, און האָט שפּעטער פערטראָטען אַ גרויסע שטעל און דער זשיטאָמירער גלח׳ישער ארכיערייּ.

ישראל איסר לאַנדא.

I

נאָך איז נישט בעקאַנט גענוי די לעבענס-געשיכטע פונ׳ם דאָזיגען מערקווירדיגען משומד. מען ווייסט נור, אז זיין פאָטער, אַ פּאָלטאַווער איידעם, האט געשטאַמט פון קליין-רוסלאַנד און איז געווען אַ טשער-נאָבילער חסיד. נאָכדעם ווי ער האט אָבגעלעבט מיט זיין פרוי עטליכע יאָהר, האט ער אויף איהר געוואָרפען אנ׳אומ׳חן. ער האט איהר דאַן פאָרגעלעגט אַ גט, אָבער זי האט זיך בשום אופן פון איהם נישט גע-וואָלט שיידען. זעהענדיג, אז ער וועט מיט איהר גאָרנישט אויספיהרען, איז ער אין אַ שענעם פריהמאָרגען נעלם געוואָרען פון פּאָלטאַווע, און זי איז פערבליבען אַנ׳אייביגע עגונה. איהר גאַנצע נחמה איז געווען איהר ישראל איסר׳קע, וועלכער האט זיך אַרויסגעוויזען פאר זעהר אַ געראָטען יונגעל. זי האט אָבגעשפּאָרט פון איהר שווער פערהאָרעוועטער חיונה און איהם געלאָזט ערציהען ביי די בעסטע מלמדים פון שטאָדט. ער זאל שפּעטער האָבען געלערנט אויך אין פערשיעדענע ישיבות, פון וואַנען ער איז אַרויס אַ גרויסער וואויל-לערנער מיט אַ היבשער ערודיציע אין חסידות און קבלה. זעגענדיג אַ בחור׳ל פון אַ יאָהר זיעבצעהן — אַכטצעהן, איז איהם אָבגעשטאָרבען די מוטער. פאר איהר טויט איז נאָך איהר בעשערט געווען צו הערען די טרויעריגע ידיעה, אז איהר געוועזענער מאַן, וועלכער איז פערוואָגעלט געוואָרען ערגיץ אין טיעף רוסלאַנד, האָט זיך דאָרט אָבגע׳שמד׳ט.

מעהר ווי די דאָזיגע קאַרגע ידיעות האָבען מיר נישט וועגען לאַנדא׳ס יוגענד-יאָהרען. אין פּעטערבורג איז ער אָנגעקומען שוין אלס מענש פון איבער פופציג. ער האָט דאַן ביי זיך געהאט אַ פרוי מיט

מיט אַנ׳איינציגער טאָכטער. לויט ווי לאַנדא אַליין האט שפּעטער דער־צעהלט, האט ער לערך צוואַנציג יאָהר נאָך זיין חתונה נישט געהאט קיין קינדער. ער האָט דעמאָלט געוואוינט אין אוקראינא, וואו ער האָט זיך געריבען אַרום חסידים מיט גוטע יודען. אַבערגלויביש פון דער נאטור, איז ער אונטער דער השפּעה פון חסידיזם געוואָרען אַ מיסטיקער. הערענדיג אַמאָל צווישען בטלנים, אז די בעסטע סגולה צו האָבען קינדער איז צו נעכטיגען דרויסען אויף ר׳ שמעון בן יוחאי׳ס קבר אין מירון, איז ער אַוועקגעפאָהרען מיט׳ן ווייב קיין ארץ-ישראל. אין אַ יאָהר אַרום האט איהם די פרוי געבוירען אַ טאָכטער, — מנוחה האט זי געהייסען. פון דעמאָלט-אָן האט זיך פערשטאַרקט זיין מיסטיציזם.

געקומען איז לאנדא קיין פּעטערבורג אין דער צווייטער העלפט פונ׳ם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט עפּיס וועגען א געוויסער שתדלנות לטובת די אוקראַינער יודען. ער האט געהאט אַ שטיקעל ידיעה אין דער רוסישער שפּראַך, און פּאַר קליינשטעדטעלדיגע יודען איז שוין דאס געווען גענוג, אויסצוריכטען איהם קיין פּעטערבורג אלס שתדלן. אין יענער צייט האָבען זיך דאָרט אָנגעהויבען רעפּרעסיעס געגען יודען. ווי מ׳האט דערצעהלט, האט עס געוואַקסען דערפון, וואס אַלעקסאַנדער דער דריטער האט אַמאָל ארויסגעקוקט דורך די פענסטער פון זיין פּאַלאַץ און דערזעהן עטליכע יודען; דאס האט איהם זעהר אויפגע־רייצט און ער האט באַלד ארויסגעגעבען אַ בעפעהל צום אָבער פּאָליצ־מייסטער ווינציגער צו מאַכען די צאָהל יודען אין זיין הויפּט-שטאָדט. לאַנדא האט זיך דאן אויפגעהאַלטען אומלעגאל אלס סוב-לאָקאַטאר ביי אַ געוויסער דאַמע. בעת פּאָליציי האָט גענומען מאכען נאַכט-אָב־לאַוועס און בעשטראָפען שטרענג די בעלי-בתים, ביי וועלכע מ׳האט געפונען נישט קיין פערשריבענע יודען, האָט די דאַמע אויס מורא נישט געוואָלט מעהר האלטען ביי זיך לאַנדא׳ן און איהם זיך געהייסען אַרויסקלויבען. וואס לאַנדא האט זיך נישט צובעטען ביי זיין בעל־הבית׳טע, זי זאָל איהם לאָזען צו-רוה, ווייל ער האט זיך נישט וואו אהינצוטהון, סיידען נעכטיגען אויפ׳ן גאס — ס׳האט נישט געהאָלפען. איהם איז געקומען צום סוף אזוי שלעכט, אז ער האט זיך קוים איינ־געבעטען ביים פּאָרטיער, ער זאָל איהם ערלויבען נעכטיגען אונטער די טרעפּ. אזוי האט ער אָבגעליטען אַ ווינטער אין די גרעסטע קעלטען און פרעסט.

אין איינעם פון יענע טעג איז לאנדא בעקאַנט געוואָרען דורך אַ צופאַל מיט דעם משומד זוסמען *), וועלכער האט דאַן פערנומען די שטעלע פון אַ צענזאָר פאר יודישע ביכער. לאַנדא האט אויסגעזאָסען פאר זוסמענ׳ען זיין ביטער האַרץ און זיך מיט איהם מיישב געווען וואס צו טהון. זוסמען, וואס האט זיך אַמאָל אויך געפונען אין דער־זעלבער לאַגע, האט געהאט מיטלייד מיט לאנדא׳ן און איהם פאָר־געשטעלט פאר אַ געוויסער באַראָנעסע, דורך וועלכער ער האט גע־דאַרפט געהאָלפען ווערען. די דאָזיגע באַראָנעסע האט גע׳שמ׳ט פאר אַ שטיקעל מיסיאָנערקע, וועלכע האָט געזוכט גליקליך צו מאַכען יודישע נפשות, אַרונטערברענגענדיג זיי אונטער די פליגלען פון דעם קריסטליכען גלויבען. אין אַ קורצער צייט אַרום האט זיך לאנדא גע׳שמד׳ט.

ס׳איז פערבליבען אומבעוואוסט, צי ער האט געטהון דעם דאָזיגען שריט מיט אַ רוהיגען געוויסען, אָדער נאָך אַ שווערער אינעווענינגסטער מלחמה. אַ פאקט איז נור, אז דעם לעצטען יום־כפור האט ער נאָך געפאַסט און געדאַווענט אין בית־המדרש מיט גרויס כוונה און פער־גאָסען דערביי הייסע, זודיגע טרעהרען. זיין ווייב האט זיך אויך גע־מוזט שמד׳ין; אַנדערש האט מען איהר נישט געגעבען קיין וואוינרעכט אין פעטערבורג. זי האָט עס אָבער נישט געוואָלט און איז באַלד אַוועקגעפאָהרען אין דער שווייץ, פון וואַנען זי האָט זיך שוין מעהר נישט צוריקגעקעהרט. לאנדא פלעגט איהר אהין שיקען העלפט פון זיין פערדיענסט. זיין טאָכטער איז געבליבען אַ יודיש קינד און העכסט באַציאָנאַל געזאָנען.

אין יאָהר 1888 האט די אויבענדערמאָהנטע באַראָנעסע אויסגע־פועל׳ט פאר לאנדא׳ן די שטעל פון אַ צענזאָר אַנשטאט זוסמענ׳ען, וועלכער האט שוין דאַן פערלאָזען דעם פאָסטען. לאַנדא האט געהאט צו צענזירירען נישט בלויז יודישע ספרים, נאָר אויך די יודישע און העברעאישע צייטונגען און זשורנאַלען, וועלכע זענען פאר זיין צייט אַרויסגעגעבען געוואָרען אין פעטערבורג. אויף דעם געביעט איז ער

*) וועגען דעם דאזיגען זוסמענ׳ען זעה מיין מאנאגראפ ע אין „מאמענט“ פאר דאס יאר 1921.

געווען שווער נאָכגיביג און זעהר שטרענג. מחברים און רעדאַקטאָרען האָבען פון איהם געהאט „צו זינגען און צו זאָגען"...

II

מיר האָבען געזאָגט, אז לאַנדא איז געווען אַ „מערקווירדיגער משומד". די דאָזיגע מערקווירדיגקייט איז בעשטאַנען אין דעם, וואס אויך נאכדעם ווי ער האט זיך שוין געהאט געטויפט, איז ער פערבליבען דערזעלבער „פערברענטער חסיד", וואס פריהער. אויסער, וואס ער האט אין זיינע פרייע מינוטען נישט אויפגעהערט צו שטודירען חסידות און קבלה, פלעגט ער ליעב האָבען צו חבר'ן זיך מיט חסידים. אַ געוועזענעם מיטאַרבייטער אין דער רעדאַקציע פון „המליץ" איז אַמאָל אויסגעקומען אַרום צולויפען שפּעט ביינאַכט צו זיכען לאַנדא'ן, וועלכען ער האט ענדליך געפונען אין דעם הויז פון אַ בעוואוסטען פעטער-בורגער חסיד, וואו ער האט צוזאַמען מיט אַ גרויסען עולם חסידים, מאַנסביל און ווייבער, געפייערט דעם יום-טוב פון י"ט כסלו. יעדען חסידישען ספר האט ער פּראָטעזשירט; אַ ספר, אין וועלכען ס'איז געווען גערעדט געגען חסידות, האט ער שטאַרק גע'רודפ'ט ער האט אפילו געפּרובט צו נעהמען נקמה פון געוויסע העברעאישע שריפט-שטעלער, וועלכע האָבען זיך ערגיץ נישט גוט אויסגעדריקט וועגען חסידים אָדער חסידות. איז איהם ווען עס איז אַרייגעפאַלען אין דער האנד אַ ספר, צי אַנ'ארטיקעל פון אזא שריפטשטעלער, האָט ער פון איהם געמאכט אַ תל.

אַמאָל האָט פּאַסירט, צום ביישפּיעל, אזא פאל: צום פופצעהנטען יאָהרצייט פונם בעוואוסטען העברעאישען שריפטשטעלער פרץ סמאָלענסקין האט אַ מיטאַרבייטער פון „המליץ" אָנגעשריבען אַ לייט-ארטיקעל. לאַנדא האט דעם גאַנצען ארטיקעל אויסגעמעקט, כאָטש ס'איז אין איהם נישט געווען בעריהרט קיין שום פּאָליטישע פראַגע און עס איז געווען געשריבען אויף אַ ריין-ליטעראַרישער טעמע. דער שרייבער איז געקומען צו לויפען צו לאַנדא'ן מיט טענות: סטייטש? פארוואס? אזא אומשולדיגער אַרטיקעל! לאַנדא איז אָבער געבליבען ביי דאס זייניגע. עס האט זיך אַרויסגעוויזען, אז לאַנדא'ן האט אויפגעברענט ווי אַ פייער דאס, וואס דער שרייבער האט זיך ערלויבט אָנצורופען סמאָלענסקינ'ען אין זיין ארטיקעל מיטן נאָמען „חוזה" (נביא).

— סטייטש! — האט זיך לאַנדא פונאנדערגעשריען — סמאָלענסקין

האָט כל ימיו געלעסטערט די חסידים, געמאכט זיי צו אש און צו בלאָטע, און ביי אייך איז ער גאָר מיט אַמאָל געוואָרען אַ „חוזה״? איך וועל אייער ארטיקעל נישט דורכלאָזען.

דער שרייבער איז אָבער פון לאנדא׳ן נישט אָבגעטראָטען. ער האט איהם אויפגעוויזען, אז ס׳איז נישטא קיין אנדער מאטעריאל, און אויב ער וועט זיך איינעקשנ׳ען און וועט נישט דורכלאָזען דעם אַרטיקעל, קאָן דער נומער נישט ארויסגעהן צו דער צייט.

דאָ איז לאנדא ווייכער געוואָרען און האט געזאָגט:

— אויב אזוי, טאָ ווארפט ארויס פון אייער ארטיקעל אלע שבחים סמאָלענסקינ׳ען, דער דם-שונא פון חסידים, פערדיענט נישט מ׳זאל איהם לויבען.

די אמאָליגע רעדאקציע-מיטגליעדער פון די פעטערבורגער העברעאישע און יודישע צייטונגען ווייסען צו דערצעהלען גאנצע פעק אנעקדאָטען וועגען לאנדא׳ס צענזאָרישער טעטיגקייט.

אויסטערליש איז לאנדא געווען כל ימיו אין זיין הנהגה. מיט יודען האט ער גערעדט יודיש בעסער פון רוסיש; טאמער האט מען איהם גערופען „איזראאיל״, האט ער אויף דעם שטארק פעראיבעל גע-האט; ער האט געוואלט, מען זאל איהם רופען נור „ר׳ ישראל״.

פסח צו די סדרים, און אין אלע איבעריגע ימים-טובים בכלל, האט לאנדא געזעהן צו זיצען ביי אַ יודישען טיש, דאס רוב ביי די ארויסגעבער פון די יודישע צייטונגען. יום-כפור פלעגט ער זיך מאכען קראנק און קיינעם נישט אויפנעהמען. ער פלעגט דעם גאנצען טאג אבפאסטען. אז איינער פלעגט איהם אויף מארגען וועלען זעהן און פלעגט אַ פרעג טהון די דיענסט, צי ער איז שוין געזונט? — פלעגט זי געוועהנליך אויף דעם ענטפערן:

— ערשט אין אָוונט האט ער עפּיס גענומען אין מויל אריין...

III

און אין דערזעלבער צייט זענען געווען אזעלכע מאָמענטען, ווען לאנדא האט זיך ארויסגעגעבען אלס העכסט גלויביגער קריסט. צייטענווייז האט מען, הערענדיג זיינע געשפּרעכען, געקאנט מערקען ביי איהם עקסטע מיסיאָנערישע טענדענצען. עס האט געמאכט דעם איינדרוק, ווי ס׳איז איהם עפּיס געגאנגען ממש אין לעבען, עס זאָלען זיין אויף דער וועלט וואס מעהר משומדים...

פון דעם וואקסט דאס, וואס לאנדא איז געווען אַ שונא קאָנסטאַנטין שאַפּיראַ׳ן, פארוואס ער האט, כאָטש אליין אַ גע־טויפטער, געהאט בטבע אָבצו׳חוזק׳ן פון די „איקאָנעס״. דערפאר האט לאנדא געזעהן אן שאפיראַ׳ן נקמה, בעת מ׳האט איהם נאכן טויט אוועק־געלעגט אנ׳„איקאָנע״ אויפן הארצען...

וועגען לאנדא׳ס טויט דערצעהלט מען, אז ער איז פּלוצלונג פּאַראַליזירט געוואָרען פאר גרויס שרעק, דערזעהענדיג אין אידעלזאָנ׳ס וויק־בלאט „דער שגץ״ אַ קאַריקאטור אויף ביקאָלאי דעם צווייטען, וואס ער זאל איהר פריהער נישט האָבען בעמערקט.

איינער פון די פּאלטאווער נכבדים, דער אין זיין צייט בעוואוסט געוועזענער ציוניסטישער עסקן, צבי הירש סירקין, האט נאך לאנדא׳ס טויט געגעבען וועגען איהם אין אַ בריעף צו אַ פריינד די פאלגענדע קורצע כאראקטעריסטיק:

„דער טויט איז אלעמען מנצח, און אפילו אזא געזונטען און אזא שטענדיג פאַרזיכטיגען מענשען ווי לאנדא איז געווען. פון אויבען האט מען נישט דערלאזען, ער זאל תשובה טהון אַ טאג פאר זיין טויט. און אפשר האט מען אויך אויף איהם אויסגערופען אין הימעל: „טהוט תשובה, צולאזענע קינדער, חוץ פון ר׳ ישראל לאנדא׳ן״. ער האט געהאלטען די שטריק פארביידע עקען און זיך תמיד געקווענקעלט. ער איז געווען אַ מאטעריאליסט מיט אנ׳אידעאליסט צוזאמען, ס׳האבען זיך אין איהם פעראייניגט צוויי קאנטראסטען. זיין מאטעריאליזם איז אָבער געווען זעהר אַ פערגרעבטער און אַ מגושמ׳דיגער און האט גע־שטאמט פון אנ׳איבערטריבענער, קרענקליכער אייגענליעבע, און זיין אידעאליזם איז געווען די חסידות און די אבערגלויבעריי. די דאזיגע ביידע, דער עקסטער עגאָאיזם און דער מיסטישער חסידיזם, האבען איהם דערווייטערט פון דער יודישער וועלט. צוליעב דעם עגאאיזם איז איהם שווער געווען צו טראגען דעם אויסערן און דעם אינערן יאך פון יודישקייט, און די אבערגלויבעריי מיט דעם מיסטיציזם האבען איהם פערשלעפּט צום קריסטענטום.

און דאך האבען זיך געפונען אין לאנדא׳ן פיעל גוטע מעלות, און דער עיקר איז דאס, וואס ער האט נישט איבערגעריסען לגמרי די שטריק, וועלכע האבען איהם פערבונדען צום יודישען פאלק. איצט איז ער געקומען צו „קבר אבות״, ווייל אויך זיין פאטער איז גע־שטארבען אלס קריסט״...

אשר טעמקין.

I

דאס איז געווען איינער פון די געפעהרליכסטע משומדים, פון וועלכע די רוסישע יודען האבען געהאט צו „זינגען און צו זאָגען“. געבוירען איז ער ערגיץ אין ווייס-רוסלאנד אין די ערשטע יאהרען פונם נייצעהנטען יאָהרהונדערט. פערלירענדיג גאנץ פריה זיינע עלטערן, האט ער אין דער יוגענד אַרומגעוואנדערט איבער די ליטווישע ישיבות; אַ געוויסע צייט זאל ער זיך האָבען ארומגעטריבען אויך אין דעם „הויף“ פונ׳ם ליובאוויטשער „גוטען יודען“. שפעטער האט ער חתונה געהאט אין מאָהילעוו אויפ׳ן דניעפר מיט דער טאָכטער פון אַנ׳עושר, וועלכער האט געהאלטען אין אַרענדע אַ וואסער-מיהל עטליכע ווערסט פון שטאָדט. ביי דעם דאזיגען עושר איז טעמקין אָבגעזעסען אויף קעסט עטליכע יאהר, און האט זיך פאר דער צייט צוגעגרייט צו רבנות. נאך אַ רייה יאָהרען זענען דעם שווער׳ס געשעפטען אַוועק שלעכט, און ער איז געוואָרען אַ „יורד“. דאן האט טעמקין געמוזט אראָב פון קעסט און מפרנס-זיין אליין זיין פאמיליע. נישט קאָנענדיג אָננעהמען קיין רבנות, ווייל ער האט נאך נישט געהאט קיין „סמיכה“, האט ער גענומען אָבשלאגען די שוועלען ביי די מאָהילעווער רבנים, אָבער אָהן ערפאָלג. די רבנים האבען איהם פערהערט אין לערנען און געפונען, אז מ׳קאן איהם נאך דערווייל קיין „סמיכה“ נישט געבען, ווייל איהם פעהלען נאך אַ סך ידיעות, וועלכע אַ רב דארף בעזיצען. דאס האט טעמקינ׳ען זעהר אויפגעבראכט אויף די רבנים, און ער איז זיי געוואָרען אַ „דם שונא“. ביי יעדער געלעגענהייט האט ער אויסגערעדט צויף די רבנים „כל דבר אסור“ און זיי געמאכט צו אַש און

צו בלאָטע. צוליעב דעם איז ער געוואָרען פערהאסט אין שטאָדט, און ס'איז געקומען אזוי ווייט, אז קיינער האט איהם צו זיך אין שטוב נישט אריינגעלאָזט. אזוי ארום איז ער געוואָרען אָבגעזונדערט פון כלל, און האט פערבראכט אנ'איינזאַם לעבען. די דאָזיגע אָבגעזונדערטקייט, און אפשר זענען נאך אין דעם געווען אויך אנדערע אומשטענדען, האבען געפיהרט דערצו, אז טעמקין איז געוואָרען אַ שונא-ישראל, און נישט בלויז אין דער טעאָריע, נאר אויך אין דער פראקטיק.

טעמקין האט געעפענט פאר דעם ווייב אַ שפייז-קרעמעל, און אליין האט ער זיך אָנגעהויבען רייבען צווישען קריסטען. באלד איז ער געווארען אנ'אָפטער איינגעהער ביים יעפּיסקאפּ, וועלכער האט איהם זעהר מקרב געווען. אין גיכען איז טעמקין פערשוואונדען געוואָרען פון מאָהילעוו און איז אוועק קיין וויטעבסק. דארט האט ער פערפאסט אַ העברעאיש ווערק מיט'ן נאָמען „ד ר ך ס ל ו ל ה ל י ד י ע ת א מ י ת י ו ת ה א מ ו נ ה". ד. ה. „אנ'אויסגעטראטענער וועג צום דער-קענען די אמת'ע אמונה". מיט דעם דאָזיגען חיבור, אין וועלכען ער האט, דורך פאַלסיפיצירטע מימרות פון דער גמרא און פון מדרש און פון קבלה-ספרים, געוואָלט אויפווייזען די שעדליכקייט פון דער יודישער רעליגיע, איז ער אין אַ שענעם פריהמאָרגען — דאס איז גע-ווען אין יאהר 1833 — אריין צום פירשט ח א וו א נ ס ק י, דער דעמאָל-דיגער סמאָלענסקער, וויטעבסקער און מאָהליווער גענעראַל-גובערנאַטאָר, פאר וועלכען ער האט זיך פאָרגעשטעלט אלס חסידישער רב, און האט איהם פאָרגעלעגט אָבצודרוקען זיין ווערק אלס פּראָפּאַגאנדע-מיטעל צו פערשפרייטען צווישען יודען דעם קריסטליכען גלויבען. דערביי האט טעמקין דערצעהלט דעם פירשט, אז ער האט אַרומגעוואנדערט אין פערשיעדענע אייראפעאישע לענדער, וואו ער האט געאַרבייט אין פיל יודישע ביבליאָטעקען, און געפיהרט אויספיהרליכע שמועסען מיט די גרעסטע רבנים, און דורכדעם האט זיך איהם איינגעגעבען צונויפצו-זאמלען פעסטע ראיות און בעווייזען, אז די יודישע רעליגיע איז נישט קיין ריכטיגע, נור אַ פערבלאָנדזשעטע, און אז משיח איז שוין לאנג געקומען.

חאוואנסקי האט וועגען דעם ענין צוגעשטעלט אַ „דאָקלאַד" ניקאָלאי דעם ערשטען, וועלכער האט בעפוילען איבערצוגעבען דעם ספר צום רעצענזירען דעם דעמאָלדיגען בעוואוסטען טעאָלאָג און העברעאיסט, דער הויף-גלח פ אַ וו ס ק י. דער דאזיגער פּאַווסקי, וועלכער

איז געווען אַ גרויסער יודען־פיינד, האט זיך בעציגען צו טעמקינ'ס ספר זעהר סימפּאַטיש, און האט עס אליין אויסגעבעסערט און איבער־רעדאגירט. אויסהערענדיג פּאַווסקי'ס מיינונג וועגען דער „נוצליכקייט“ פון ספר, האט ניקאָלאי ארויסגעגעבען אַ בעפעהל אָבצודרוקען טעמקינ'ס העברעאיש ווערק, מיט אַ רוסישער איבערזעצונג ביי דער זייט, אויפ'ן חשבון פון דער רעגירונג. און די אָבגעדרוקטע עקזעמפּלארען זאל מען צו־טיילען צווישען די גלהים אינ'ם יודישען תחום, און די איבעריגע עקזעמפּלארען זאל מען פערקויפען און דאס געלד אָבגעבען טעמקינ'ען. אויסער דעם האט ניקאָלאי געהייסען אַרויסגעבען טעמקינ'ען טויזענד רובל במזומנים, און אויב ס'איז מעגליך, זאָל מען איהם בעשטימען אלס צענזאר פאר העברעאישע ספרים אין די מערב־גובערניעס.

פאר קיין צענזאר איז אָבער טעמקין נישט בעשטימט געוואָרען. די סבה דערפון איז געווען ווייל לויט'ן סטאַטוט האבען זיך דעמאָלט אין דעם ווילנער צענזור־קאָמיטעט געדארפט פערנעהמען מיט'ן איבער־קוקען די העברעאישע ווערק נור צוויי פערזאָן: איינער אַ יוד (די דאזיגע שטעל האט דאן פערנומען דער בעוואוסטער וואלף טונענדהאלד), און דער צווייטער — אַ משומד. כאטש די צווייטע שטעלע איז דאן געווען נישט בעזעצט, האט מען זי דאך טעמקינ'ען נישט איבערגעגעבען, ווייל ער האט זיך נאָך אין יענער צייט — אין יאהר 1833 — גערעכענט פאר אַ יודען. זיין שמד'ן זיך האט ער אָבגעלעגט פון טאָג צו טאָג, און אז דער מאָהליוועער עפּיסקאָפּ האט איהם פאַרגעוואָרפען פארוואס ער הייסט אַנדערע זיך טויפען, און אַליין טוט ער דאס נישט, האט ער איהם דערקלערט, אז זיין בוך וועט מעהר נוצען ברענגען, ווען יודען וועלען האלטען דעם מחבר פאר אײַנעם פון זייערע.

II

געשמד'ט האט זיך טעמקין דעם 21־טען אַפּריל 1834 אין וויטעבסק. ביים טויף־אקט האט ער בעקומען דעם נאָמען „געאָרג“, כאָטש ער האט זיך אַליין גערופען געוועהנליך: „יעגאר“. אין די גלח'שע קרייזען און אויך אין די מלוכה־ספערען האט דער שמד פון דעם דאָזיגען „ראַבין“ אַרויסגערופען גרויס פרייד. קיין צענזאָר־שטעל האט אבער טעמקין נאך אַלץ נישט בעקומען, ווייל ס'האט זיך אַרויס־געוויזען, אז פאר דעם משך צייט האט מען שוין אין ווילנא פאַר'ן

צווייטען צענזאָר בעשטימט אַנ׳אנדער משומד — עלענבאָגען האט ער געהייסען.

מ׳האט דעמאָלט טעמקינ׳ען בעשטימט פאַר אַ מיסיאָנער אין מערב־קאנט. ער האט זיך דערבײַ אונטערגענומען פאר דער רעגירונג אָבצוּ׳שמד׳ן אין דעם פּראַוואָסלאוונעם גלויבען צעהנדליגער טויזענדער יודען. ער האט זיך אָבער אין דער היגזיכט ארויסגעוויזען פאר אַ גרויסען לא יוצלח. ער האט נור געהאלטען כסדר אין איין דערלאנגען מסירות דער רעגירונג אויף „שעדליכע״ יודישע ספרים. דער בעוואוסטער שריפטשטעלער און היסטאָריקער שאול גינצבורג (געוועזענער רעדאַקטאָר פון „פריינד״) שרייבט מיר וועגען דעם פאָלגענדעס: „מיר איז אמאָל אויסגעקומען צו זעהן אין אַרכיוו טעמקינ׳ס פאפּירען, און האב ארויסגעטראָגען דעם איינדרוק, אז ער איז געוועזען אַ בור און אַנ׳עם הארץ, און דערצו אויך מאָראליש שטארק פערדארבען״.

און דער דאָזיגער עם הארץ האט, ווי געזאָגט, אָנגעטהון יודען פיעל צרות. בעזונדערס זענען יודען גע׳רודפ׳ט געוואָרען צוליב איהם און דורך איהם אין די דריי גובערניעס: וויטעבסקער, מאָהליווער און סמאלענסקער, וואו פירשט חאוואנסקי איז געוועזען גענעראל־גובער־נאטאָר. דער דאזיגער רוסישער הויכגעשטעלטער סאַטראפּ האט אנגע־טהון יודען געברענטע ליידען דורך אלערליי גזרות רעות, און וואס איהם האט זיך נישט איינגעגעבען מיט די אייגענע פולמאכטען, דאס האט ער גבזעהן אויסצופועל׳ן אין די העכערע מלוכה־ספערען. די יודישע פאַרשטעהער פון די דערמאהנטע דריי גובערניעס האָבען וויפיעל מאל אָבגעהאלטען אסיפות און זיך בעראטען, וועלכע מיטלען אנצונעהמען געגען טעמקינ׳ס מסירות. ס׳איז אָבער אַוועק אַ לאַנגע צייט, און ס׳האט געגען איהם קיין זאך נישט געהאָלפען. זיין וויסענשאַפטליכער אויטאָ־ריטעט אין יודישע אנגעלעגענהייטען האט מען געהאלטען אין די „ספערען״ פאר זעהר גרויס און שטארק, און מ׳האט איהם בשום אופן נישט געקאנט ברעכען.

ס׳האט אבער געדארפט פּאַסירען, אז צווישען די הויכע גלחים, וועלכע האבען אויף ניקאָלאַי׳ס בעפעהל בעקומען צוגעשיקט טעמקינ׳ס ווערק, האט זיך אויך געפונען דער רעקטאָר פונ׳ם גלח׳שען פראוואָס־לאוונעם סעמינאר אין קרעמעניץ, וואָלינער גובערניע, חריסטאָפאָד, און יענער האט באלד איבערגעגעבען דעם ספר דעם דאָרטיגען יודישען

גרויסען געלעהרטען ר׳ יצחק בער לעווינזאהן מיט דער בקשה, ארויסצוזאגען איהם זיין מיינונג וועגען דעם חבור.

לעווינזאהן האט טעמקינ׳ס פאלסיפיקאציעס נישט געלאזט אהן תשובה. אין א בעזונדער ווערק אונטער׳ן נאמען „ימין צדקי״ האט ער אויפגעוויזען טעמקינ׳ס עם-הארצות און ענטפלעקט די שקרים, מיט וועלכע ער האט זיך בענוצט, כדי צו בעפלעקען די יודישע אמונה און זי צו ערנידריגען אין די אויגען פון די אנדערש-גלויביגע. ער האט אויך דערוויזען, אז טעמקין האט גאנץ שוואכע ידיעות אין העברעאיש און בעזונדערס אין דער תלמודיש-רבנישער ליטעראטור, אויף וועלכער ער איז אזוי גיפטיג אנגעפאלען.

מיט לעווינזאנ׳ס מיינונג האט מען זיך אין די פעטערבורגער רעגירונגס-קרייזען שטארק גערעכענט און, דערוויסענדיג זיך וועגען זיין אורטייל איבער דעם „דרך סלולה״, האט מען איהם נישט געזוכט צו בעקעמפען. מ׳האט פערשטאנען, אז דער אמת איז נור ביי דעם קרעמניצער געלעהרטען. פון דעמאלט אן איז טעמקינ׳ס פרעסטיזש אינגאנצען געפאלען. פלוצלונג און גאנץ אומגעריכט איז ער פערשוואונדען געווארען פון האריזאנט, און די רוסישע יודען האבען פרייער אבגעאטעמט.

יצחק פיינערמאַן (טעגאַרעמאַ)

I

דאָ נישט לאנג איז דורכגעלאָפען א ידיעה אין די צייטונגען, אז אין מאָסקווע איז געשטאָרבען דער בעוואוסטער יודישער זשורנאַליסט יצחק פיינערמאַן, וועלכער איז דעם ברייטען עולם רוסיש-לייענער געווען מעהר בעקאַנט אונטער דעם פסעוודאנים „טענארעמא", און האט געשמ'ט פאר אַ גרויסען מקורב פון דעם געניאַלען דענקער און ראָמאַניסט לעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי.

די דאזיגע ידיעה איז נישט אינגאנצען ריכטיג. דער פער-שטאָרבענער פיינערמאַן איז שוין זינט עטליכע און פערציג יאָהר נישט געווען קיין יוד, נור אַ פּראוואָסלאַוונער. ער האט זיך אָב'געשמד'ט אין די ערשטע אכטציגער יאהרען פונ'ם פאריגען יאָהרהונדערט, תיכף נאך דעם אויסברוך פון די פּאָגראָמען אין דרום-רוסלאנד, פון וואנען ער האט געשטאמט, און וואו ער איז געווען אַ שטענדיגער תושב.

פיינערמאַן איז געווען פון יענעם טיפּ משומדים, וועלכע האבען געזעהן אין שמד די ענדגילטיגע לעזונג פון דער אזוי-אנגעוועהטאגטער „יודען-פראגע". אַ זוהן פון פרומע עלטערן בני-תורה, איז ער אין זיין פריהעסטער יוגענד פערכאַפּט געוואָרען פון דער „השכלה", אָנגעזופּט זיך מיט די נייע העברעאישע ספרימלעך, וועלכע האבען איהם אוועק-געפיהרט, צום סוף, צו דער רוסישער ליטעראַטור. דאָרט איז ער ווי פערשלונגען געוואָרען אינגאנצען. זיינע השכלה-אידעאַלען זענען אַוועק אין רויך, ספּעציעל יודישע פּראָבלעמען און יודישע אינטערעסען האבען שוין פאר איהם נישט עקזיסטירט, ער איז אַוועקגעשלעפּט גע-וואָרען מיט'ן שטראָם פון דער רוסישער ראַדיקאַלער יוגענד, וועלכע

איז אין יענער צייט געווען בעהערשט פון די אידעען פון די אזוי־גערופענע „זעכציגער” אין דער רוסישער ליטעראַטור. דאס זענען אלץ געווען אידעען, וועלכע האָבן געדארפט איבעראַנדערשען דעם גאנצען סדר־העולם און ברענגען דער מענשהייט גליק און וואוילשטאנד, און דעריבער איז קיין וואונדער נישט, וואס זיי האבען אין זייער צייט אזוי פער׳שכור׳ט בעזונדערס די יונגע יודישע מוחות.

פיינערמאַן האט זיך געפיהלט בערופען צו ליטעראַרישער טעטיגקייט. זיינע ערשטע ליטעראַרישע נסיונות זענען געוואָרען אנערקענט פון מבינים. אין קורצען האט ער זיך אָנגעהויבען דרוקען אין דער דרום־רוסישער טעגליכער פרעסע, און האט באלד בעקומען אַ נאָמען. און געארבייט האט ער כמעט אויף אלע ליטעראַרישע געביטען, אָבער מעהר פון אלץ האבען זיך איהם איינגעגעבען קליינע סקיצען פון אָמטליכען לעבען. זיינע העלדען זענען מייסטענס געווען קליינע, בעשיידענע און העכסט עהרליכע מענשעלעך, וואס האבען אויף קיין זאַך נישט פרעטענדירט און קיין זאך נישט פערלאנגט, און וואס זייער איינציגע תביעה צו דער וועלט און צו לייטען איז בעשטאנען אין דעם, מ׳זאל זיי נישט טשעפען און זיי לאָזען צו־רוה, עפּיס בבחינת „באָנטשע שווייג”. ער איז דורך זיינע סקיצען געוואָרען זעהר פּאָפּולער, בעזונדערס צווישען די מיטעלע און נידעריגע שיכטען פון פאָלק.

דאן האט זיך פיינערמאן פערוואָלט אויסנוצען זיין נאמען, און איז פון יעליסאוועטגראד, וואו ער האט געוואוינט געקומען צופאהרען קיין פעטערבורג. דאָרט האט ער געהאפט זיך לייכט איינצוארדנען ביי אַ וועלכען־עס־איז גרויסען רוסישען בלאט. זיין האָפנונג האט ער געבויט אויף דעם, וואס דעמאָלט זענען נאָך כמעט אלע פעטערבורגער בלעטער געווען העכסט ליבעראַל געשטימט, און קיין יודען־פראגע האט פאר זיי לגמרי נישט עקזיסטירט. ווי גרויס איז אָבער געווען, פריהער זיין ערשטוינען און דערנאך זיין ענטטוישונג, נאָכדעם ווי ער האט זיך באלד, ביי די ערשטע טריט, אָנגעשטויסען מצד די הויפּט־שטאדטישע חברים־שריפטשטעלער אויף זעהר נישט קיין ליבעראַלע בעציהונגען. וואוהין ער האט זיך געווענדט, האט ער אָנגעטראָפען אויף קנאה, שנאה, צום אנהויב אין אַ פערבאָרגענער פאָרם, פערשטעלט און פערנעפּעלט, און שפּעטער האט עס שוין בעקומען אַ צו בולט׳ן אויסדרוק. ס׳האט לאנג נישט געדויערט, און ער האט זיך איבערצייגט, אז דער ליבעראַליזם, אויף וועלכען ער האט געלעגט

אזוי פיצל האָפנונגען, פערליערט זיין ממשות און איז נישט ווערט קיין „שמעק-טאבאק", ווי נור דאס האט אַ שייכות צו אַ יודען. אין די רעדאקציעס פון אלע בלעטער האט פיינערמאן פאר זיך געפונען פערצוימט דעם וועג, און נאכדעם ווי ער האט זיך דארט צו קיין זאך נישט דערשלאגען, איז ער אָבגעפאָהרען צוריק אין דער פראָווינץ.

פיינערמאן, וועלכער איז געוועזן פון דער נאַטור אַ תמים און אַ גרויסער אידעאַליסט, האט בשום אופן נישט געקאָנט שלום מאַכען מיט'ן געדאנק, אז די פעטערבורגער חברים זענען דאס די פארשטעהער פון יענעם ליבעראַליזם, וועלכער דיענט פאר אַ פאָהן די בעסטע רוסישע לייט. ער האט זיך דערמאהנט אָהן דעם גראַף טאָלסטאי, וועלכען ער האט שטענדיג געהאלטען פאר דאָס געוויסען פונ'ם רוסישען פאָלק, וואס וואָלט אָט דער טאָלסטאי געקאָנט זאָגען, ווען ער וואָלט איהם דערצעהלט אויף וואס פאר אַנ'אופן איהם איז אויסגעקומען צו דערפיהלען אויף זיינע פלייצעס דעם רוסישען פראָגרעס? ווי וואָלט דער גרויסער דענקער און פילאָזאף אויף דעם קעקוקט, און מיט וואס וואָלט ער עס געפרובט פערענטפערן? — אזוי האט פיינערמאן זיך אליין געפרעגט, אום כדי צו געפינען אויף דער דאָזיגער פראַגע דעם ריכטיגען תירוץ, איז ער זיך מישב און נעהמט און מאכט אַ נסיעה קיין „יאסנאיא פאליאנא" אום זיך פערזענליך צו בעקענען מיט דעם גרעסטען רוסישען מאן.

מיט אַ פאָר וואָכען פריהער איידער פיינערמאַן איז אַרויס אין וועג, האט ער אַריינגעשיקט טאָלסטאיען דורך פאָסט זיינס אַ פעקעל פראָווינציעלע סקיצען. בעת ער האט זיך שפעטער פארגעשטעלט טאָלסטאיען, האט ער געהאַט די זכיה צו הערען פון זיין מויל, אז זיינע סקיצען האָבען ביי איהם שטאַרק אויסגענומען מיט זייער פשטות און אָפענהערציגקייט, און דאס האָט איהם געגעבען חן אין די אויגען פונ'ם גרויסען רוסישען שריפטשטעלער, וועלכער האט איהם פון דער ערשטער מינוט אָן אַרויסגעוויזען אַ בעזונדער התקרבות. ער פלעגט איהם אָבהאלטען שעה'ן-לאנג אין זיין קאַבינעט און אַרומרעדען מיט איהם די פערשיעדענע וועלט-פראָבלעמען. געוועהנליך האט טאָלסטאי גערעדט, און פיינערמאַן איז געזעסען און האט זיך אין טיעפער אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט. אָבער פון צייט צו צייט האט געטראָפען, אז אויך פיינערמאַן האט אַריינגעוואָרפען אַ וואָרט, וואס האט דעם

גרויסען קינסטלער אויפגעבליצט ווי אַן׳אומגעריכטער שטראַהל. בע־זונדערס פלעגט עס פּאַסירען, בעת ס׳איז אין פערלויף פון געשפּרעך געקומען צו רייד וועגען דער עטיק פון די פערשיעדענע פעלקער. פיינערמאַן, וועלכער האט נאָך דאן נישט געהאַט פערגעסען זיינע פיעל יודישע ידיעות, וועלכע ער האט זיך איינגעשאַפּט אין דער יוגענד, פלעגט אין אַזעלכע מאָמענטען אויפמערקזאַם מאַכען טאָלסטאיען אויף דער גרויסקייט פון דעם יודישען מוסר און תורת-המדות. דאס האט זיי ביידען גאַנץ אָפט געפיהרט צו הייסע וויכוחים איבער יודען און יודישקייט, און יעדעס מאל האט זיך טאָלסטאי נישט געקאָנט אבוואונדערן פון דער גרויסער טעאָלאגישער ערודיציע, וועלכע פיינערמאַן האט אַרויסגעוויזען בשעת די דאָזיגע דיספּוטען. דאס האט געבראַכט דערצו, אז אין גיכען האָט פיינערמאַן אָנגעהויבען צו אונ־טערריכטען טאלסטאיען אין די העברעאישע למודים. אַזוי-אַרום איז פיינערמאַן געוואָרען ביי טאָלסטאיען אַן׳אייגענער מענש. איהם איז געוואָרען זעהר אַנגענעהם צו געפינען זיך אין דער ענגער סביבה פון דעם גרויסען רוסישען שריפטשטעלער, און האט שוין וועגען פאָהרען צוריק אויף דער פּראָווינץ אויפגעהערט צו קלערען. לויט טאָלסטאי׳ס רעקאָמענדאַציע האט מען איהם אויפגענומען אלס לעהרער אין דער יאַסנא-פּאַליאַנער שול, און אין דער פרייער צייט פלעגט ער איבערשרייבען טאָלסטאי׳ס פּאַפּירען, נישט בלויז זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען, נאר אויך אַזעלכע שריפטען, וועלכע ער האט פון אַ צווייט אויג תמיד פערבאָרגען. דורכדעם איז פיינערמאַן אַריינגעפיהרט גע־וואָרען אין טאָלסטאָי׳ס אינטימער געדאַנקען-וועלט. דאס האט פיינער־מאַנ׳ען געגעבען די געלעגענהייט צו פּערזענליכען פון צייט צו צייט אין דער פּרעסע זיינע געשפּרעכען מיט׳ן גרויסען רוסישען דענקער וועגען אַלערליי צייט-פראַגען און וועלט-פּראָבלעמען, וועלכע האָבען יעדעס מאָל געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אויף די לעזער.

די געגענזייטיגע בעציהונגען צווישען דעם געניאַלען רוסישען שריפטשטעלער מיט דעם יודישען יונגענמאַנטשיק זענען געוואָרען מיט דער צייט אַזוי נאָהענט און אינטים, אז זיי האָבען ביידע צוזאַמען געאַקערט די ערד, געשניטען די תבואה אויף די פעלדער און די היי אויף די לאָנקעס, געהאַקט האָלץ אין וואלד א. א. וו.

פיינערמאַן איז אַזוי-אַרום אינגאַנצען אַרונטערגעפאַלען אונטער טאָלסטאי׳ס השפּעה, האָט פערגאַכלעסיגט זיין ליטעראַריש-זשורנאַליסטישע

טעטיגקייט, האט זיך אויסגעטהון פון דער וועלט און געלעגען נור אין גאלע רוחניות, ער האט זיך געלאָזט זוכען דעם צוועק פון לעבען, ער האט זיך געגריבעלט אין דעם מהות פונ'ם אייביגען וועלט-שמערץ, נעהמענדיג אין אלץ פאר א יסוד די געדאנקען און די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען פון דעם גרויסען מייסטער. צייטענווייז, ווען ער האט אליין מיט די אין איהם אויפגעברויזטע געדאנקען נישט געקאָנט פערטיג ווערען, האט ער זיך מיט זיי געטיילט אין דער ליטעראַטור פאר'ן גרויסען עולם תמיד אונטערשטרייכענדיג, אז דאס דענקט ער, און יענץ שטאַמט פון דעם גרויסען מייסטער און לעהרער.

אזוי האט געדויערט ביז אנהויב די אַכטציגער יאָהרען. עס האבען אויסגעבראָכען די ערשטע פּאָגראָמען געגען יודען אין דרום-רוסלאנד. דאן האט שוין פיינערמאן נישט געקאָנט איינזיצען אין „יאסנאיא פאליאנא" און איז געקומען צופאָהרען קיין יעליסאַוועטגראַד.

II

נאָך איידער ס'האבען אויסגעבראָכען די ערשטע פּאָגראָמען אין דרום-רוסלאַנד, איז שוין די רוסישע פּרעסע, אפילו די ליבעראַלע, געוואָרען זעהר אנטיסעמיטיש געשטימט. כמעט יעדען טאָג האָבען די צייטונגען, אָהן אונטערשיעד פון ריכטונג, געבראכט יודען-פרעסרישע ארטיקלען. דאס האט אין געוויסע קרייזען פון דער יודישער אינ-טעליגענץ אַרויסגערופען די פראגע: וואס איז די סבה פון דעם אנ-טיסעמיטיזם און פון וואַנען שעפּט ער זיין יניקה? ס'האָבען זיך דאַן געפונען אַזעלכע, וועלכע זענען געקומען צו דער מיינונג, אז יודען זענען אַליין שולדיג אין דעם, וואס מ'האָט זיי פיינט; זיי לעבען אָבגעשלאָסען און אָבגעזונדערט פון דער איבעריגער בעפעלקערונג, זיי זענען זיך מרחיק פון דער גרויסער וועלט און האָבען מיט איהר נישט קיין מגע ומשא, און דעריבער וויל מען זיי ערגיץ נישט ליידען.

אָן דער דאָזיגער מיינונג האָבען זיך דאַן אָנגעכאפּט עטליכע געצעהלטע אינטעליגענטען אין יעליסאַוועטגראַד, און אלס פועל-יוצא דערפון האָבען זיי געגרינדעט צווישען זיך א חברה אונטער'ן נאָמען: „ביבלייסקאָיע בראַטסטוואָ" (ביבלישע ברידערשאַפט), וועלכע האט זיך געשטעלט אַלס צוועק אָבצושיידען זיך פונ'ם גאַנצען יודישען כלל און צו בילדען א סעקטע פאַר זיך, וואס איהרע מיטגליעדער

בעהמען זיך אוגטער צו לעבען בלויז לויט'ן מפורש'ן וואָרט פון דער תורה, אָבזאָגענדיג זיך פון דעם תלמוד און פון דער גאַנצער שפּעטערדיגער רבני'שער ליטעראַטור. אין איהר ערשטען מאַניפעסט האָט די דאָזיגע נייע סעקטע מודיע געווען, אז איהרע חברים זענען געגען האַנדלען מיט פּראָצענט און מיט בראָנפען, פערטראָגען נישט קיין פאַקטאָרס, גיבען נישט אָב קיין שבועות, היטען זיך פון צו נעהמען נקמה און אויסצופיהרען וועלכע-עס-איז גוואַלדטהאַטען; זיי זענען זיך מתחייב נישט צו דערהאַלטען ביי זיך קיין מותרות און קיין לוקסוס, קיין קאָרטען-שפּיעל, קיין אמונה אין שדים און אין מכשפים און אין קיין שום פערבאָרגענע קרעפטען; פון ימים-טובים פייערן זיי נור שבת, שבועות און דעם 2-טען יאַנואַר, אין וועלכען עס איז גע-גרינדעט געוואָרען די „ביבלישע ברידערשאַפט".

ווייטער איז געזאָגט געוואָרען אין דעם דערמאָהנטען מאַניפעסט, אז אויב די דאָזיגע רעפאָרמען וועלען ווערען אָנגענומען און פער-ווירקליכט אין לעבען פון אַלע יודען, וועט דאַן „נישט זיין קיין אָרט פאַר יענעם אַלגעמיינעם האַס און פאַר יענער אַלגעמיינער פעראַכטונג, מיט וועלכע עס בעציהען זיך צו יודען די אַנדערע פעלקער; די יודען וועלען גלייכגעשטעלט ווערען אין אַלע הינזיכטען אין יענער געזעלשאַפט, צווישען וועלכער זיי ווערען געבוירען און וואַקסען און שטאַרבען".

די ערשטע צייט האט געהאַט אויסגעוויזען, אז די „ברודערשאַפט" קאָן האָפען אויף ערפאָלג. אין אַפּריל 1881 איז אָבער פאָרגעקומען אין יעליסאַוועטגראַד דער ערשטער פּאָגראָם, וועלכער האָט זיך באַלד איבערגע'חזר'ט אין אַ גאַנצער רייהע אַנדערע שטעדט און שטעדטליך. דאָס האָט געמאַכט אויף די „ביבלישע ברידער" אַ שרעקליכען און ערשיטערענדען איינדרוק. פיעל פון זיי אַליין זענען געוואָרען בערויבט פון זייער גאַנצען פערמעגען און זענען איבער איין נאַכט פערבליבען אָהן שום מיטלען צום לעבען. זיי האָבען זיך דעמאָלט איבער די דאָזיגע געשעהענישען שטאַרק פערקלערט און האָבען זיך איבערצייגט, אז זייער רופען די רוסישע געזעלשאַפט צו מענשען-ליעבע, אז זייער זוכען מוצא חן צו זיין ביי דער דאָזיגער געזעלשאַפט דורכדעם, וואס זיי דער-ווייטערן זיך פונ'ם יודישען כלל, האט קיין שום ממשות נישט. ס'איז גע-קומען דערצו, אז צווישען די מיטגליעדער האָבען זיך אָנגעהויבען רייבונגען און סכסוכים, און די סעקטע איז שוין געווען נאָהנט פונאַנדערצופאַלען.

III

אין יענער צייט איז פיינערמאַן אַראָבגעקומען קיין יעליסאַוועטגראַד, און איז פון דער ערשטער מינוט אָן געוואָרען אַ הייסער אנהענגער פון דער בייער סעקטע, נישט ווייל ער האָט געגלויבט, ווי אַנדערע, צו געפינען אין איהר דעם שליסעל צו דער יודען-פראגע, נאָר מחמת ער האָט געזעהן אין איהרע תקנות אַ געוויסע נאָהענטקייט צו טאָלסטאָי׳ס לעהרע וועגען דעם מענשליכען לעבענס-שטייגער. און ווירקליך האט ער באַלד אָנגעהויבען אייַנקנעלען מיט די סעקטאַנטען וועגען טאָלסטאָי׳ס שיטה. ער האט פון זיי געפאָדערט צו נעהמען זיך צו ערד-אַרבייט און צו אַלערליי מלאכות. איהם האָט זיך דאָס אָבער נישט איינגעגעבען. זיין פּראָפּאַגאנדע האט זיך נישט צוגעקלעפּט. די „ביבלישע ברידער“ האָבען טאָלסטאָי׳ס לעהרע אָבגעוואָרפען און האָבען איהר בשום-אופן נישט געוואָלט אָננעהמען.

פיינערמאַן האָט נאָך אָבער זיין האָפנונג נישט פערלוירען, און נישט קוקענדיג אויף זיין אונערפאָלג, איז ער פונדעסטוועגען פערבליבען אין דער סעקטע, און האט זיך איהר אָבגעגעבען מיט אַלע כוחות און מיט זיין גאַנצער ענערגיע. אַזוי-אַרום האט פיינערמאַן געבראכט צו דעם, אז די סעקטע האָט נישט אויפגעהערט צו עקזיסטירען, און האָט נאָך צוריק בעקומען איהרע ערשטע שאַנסען אויף ערפאָלג.

אָבער גאר אומגעריכט האט די סעקטע בעקומען אַ טויט-קלאַפּ פון אַ גאנץ אונערוואַרטעטער זייט, אָדער ריכטיגער: פון אַן׳אייגענעם מענשען: דאָס איז געוועזן דער שפּעטער בעריהמט געוואָרענער דראַמאַטורג יעקב גאָרדין. אָט דער גאָרדין, דעמאָלט אַ לעהרער אין יעליסאַוועטגראַד, איז געוועזן דער הויפּטגרינדער פון דער „ביבלישער ברודערשאַפט“ און דער בעשעפער פון איהר פּראָגראַם. בעת אַ טייל פון די סעקטאַנטען האָבען נאָך די פּאָגראָמען אָנגעהויבען מורמלען אויף דער צוועקמעסיגקייט פון דער „ברודערשאַפט“ און האָבען אַרויסגעזאָגט עפענטליך זייער מיינונג, אז נישט מיט אַזעלכע סעקטעס וועלען יודען געווינען די ליעבע פון די פעלקער, איז דאַן גאָרדין אַרויס אין די „יעליסאַוועטגראַדסקיא וויעדעמאָסטי“ מיט אַ שאַרפען אָנפאַל אויף׳ן יודישען פאָלק. פאַרוואָס ליעבט מען אונז נישט? פאַרוואס האָט מען אויף אונז געמאַכט פּאָגראמען? פאַרוואָס שטרעקט אונז קיינער נישט אויס אַ האַנט פון הילף? וואו איז די סבה דערפון, וואס גאַנץ פער-

שיעדענע עלעמענטען פון דער רוסישער געזעלשאַפט, וועלכע האָבען נישט, ווי עס ווייזט אויס, קיין אַלגעמיינע אינטערעסען, האַסען אונז מיט אזא איינשטימיגקייט?—אזוי האט געפרעגט גאָרדין און האָט אויף דעם געענטפערט מיט אַ גאַנצען לאַנגען צעטעל פון יודישע פעהלערס און פערברעכענס, געשילדערט אין די שוואַרצעסטע פאַרבען און אַרויסגעזאָגט מיט אזא גיפט, וועלכען מ׳האָט נאָך ביז אַהער נישט אָנגעטראָפען אפילו ביי דעם פערביסענסטען אַנטיסעמיט.

דער דערמאָהנטער אַרטיקעל האט אַרויסגערופען ביי יודען אַ גרויסע פערביטערונג. די רוסישע רעכטע צייטונגען האָבען איהם תיכף איבערגעדרוקט מיט פערשיעדענע צוגעגעבענע פירושים פון זייער זייט. פאַר זיי איז דאָס געווען אַ טייערע מציאה, וועלכע איז זיי אַראָבגעפאַלען, ווי פון הימעל. אַ יוד האָט אַרויפגעוואָרפען די פעראַנטוואָרטליכקייט פאר די פאָגראָמען אויף די יודען אַליין, און האָט מיט דעם גערעכט געגעבען די פאָגראָמשטשיקעס! — אזא פאל איז נאָך ביז דעמאָלט נישט געהערט געוואָרען.

אין יעליסאַוועטגראַד איז דער צאָרן פון דער יודישער בעפעלקערונג געגען דער „ברודערשאַפט" דערגאַנגען אַזוי ווייט, אז איינמאָל, אַ נאָכמיטאג, בעת גאָרדין האט אין דעם סעקטאַנטישען קלוב געהאלטען זיין געוועהנליכע דרשה, האָט זיך אַהין אַריינגעריסען אַ גרויסער המון מענשען, וועלכע האָבען צובראָכען טיר און פענסטער און אַרויסגעטריבען די פערזאַמעלטע און נאָכגעלאָפען זיי אויפ׳ן גאס מיט די ערנסטע זידלערייען און זלזולים.

דאָס און נאָך אנדערע סבות, האָבען געפיהרט דערצו, אז אין גיכען איז די „ברודערשאַפט" אינגאַנצען צופאַלען, און יעקב גאָרדין אַליין איז אָבגעפאָהרען פון יעליסאַוועטגראַד און זיך בעזעצט אין אַ דאָרף, וואו ער האָט זיך בעשעפטיגט מיט ערד-אַרבייט, און שפעטער האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין אמעריקא, ווייל דער רעליגיעזער רעפאָרמאַטאָר איז געוואָרען אַ רעפאָרמאַטאָר אויפ׳ן געביט פון דעם יודישען טעאַטער.

פיינערמאַן האָט זיך נאָך אָבער נישט אזוי גיך אָבגעזאָגט פון דער סעקטע. ער האט נאָך אַלץ געהאָפט, אז דורך איהר וועט ער געווינען יודען פאַר׳ן טאָלסטאָיאיזם. ער האָט אָנגעווענדט אַלע קרעפטען אָבצוהאַלטען די סעקטע, האָט איהר פערשאַפט גרויסע מאַטעריעלע מיטלען, מיינענדיג, אז איהם וועט זיך איינגעבען אויפהאַלטען איהרע

חברים מיט געלד. ער איז אָבער באלד געוואָרען ענטטוישט. עס האָבען זיך געפונען קנאפע בעלנים אויף אונטריי צו ווערען דער יודישער טראַדיציע. עס האט זיך אַרויס געוויזען, אז די פּאָגראָמען האָבען נאָך דעם יודען מעהר פערפּאַנצערט אין זיין גלויבען, וועלכער איז איהם געוואָרען נאָך פיעל טייערער.

ערשט עטליכע יאָהר שפּעטער האָט פיינערמאַן בעקומען ביי אַ „מנין" יעליסאַוועטגראַדער יודען, וועלכע האָבען מיט איהם צו־זאמען געקויפט אַ שטיקעל ערד פאר די געלד, וואס צוויי רייכע קריסטען, די ברידער אַלעכין,ביידע טאָלסטאָי'ס תּלמידים, האָבען מנדב געווען, און האָבען זיך דארט בעזעצט אלס ערד־ארבייטער און בעלי־מלאכות. פיינערמאַן איז געוואָרען אַ טשעסלער, און זיין פרוי, חנה ליובאַרסקא, איז געווען די אַקושאַרין פון דער קאָלאָניע. דער דאָזיגער מנין יודען, די שארית־הפליטה פון די „ביבלישע ברידער", האָבען געפיהרט צווישען די פויערים פון די נאָהנטע דערפער אַנ'אגיטאַציע פאר טאָלסטאָי'ס אידעען, האָבען זיי געלערנט רוסיש לייענען און שרייבען, האָבען געטיילט צווישען זיי בראָשורען און ביכער פון דער טאָלסטאָי'אישער ריכטונג.

די קאָלאָניע האט אָבער נישט מאריך ימים געווען. אין אַ יאָהר ארום איז זי צופאַלען און די „ברידער" האָבען זיך צוזייט און צו־שפרייט. געבליבען זענען נור פיינערמאַן מיט זיין פרוי. ער האט זיך דאַן אָבגע'שמד'ט אויף פּראַוואָסלאַוויע, און זיין פרוי איז גע־בליבען אַ יודיש קינד.

לייזער ברוך אשכנזי.

I

אַליין אַ געבוירענער אַ מעזריטשער אין אַ פיינער חסידיש-בעלי-בתישער פאַמיליע, איז ער יונגעלווייז — דאס איז געווען אין אָנהויב די זיעבציגער יאָהרען פונ׳ם פאָריגען יאָהרהונדערט — אַריבער וואוינען מיט זיינע עלטערן קיין אָסטראָוו, וועלכע האט נאָך דאַן אָנגעהערט צו לובלינער גובערניע, און שפעטער צו שעדלעצער. לייזער ברוך האט זיך ארויסגעוויזען פאר אַ געראָטען בחור׳ל מיט זעלטענע פעהיג-קייטען צום לערנען, און האט דעריבער געהאט גרויס התקרבות מצד דעם דאָרטיגען רב ר׳ יהושע׳לע לענטשנער. ס׳האט אָבער געדאַרפט פאַסירען, אז דער דאָזיגער וואויללערנערישער בחור איז, מעשה-שטן נכשל געווארען אין אנ׳עבירה. און צוליעב דעם האט ער געמוזט עוקר זיין פון שטעדטעל. פון דעמאלט אָן האט ער אנגעהויבען אַרומוואַנדערן אין דער פרעמד. פון איין ארט צום אנדערן. און אַ גאנץ לאנגע צייט האט מען פון איהם גארנישט געהערט. די ערשטע צייט האבען פון איהם זיינע עלטערן נישט געוואלט וויסען, און האבען איהם איבערגעלאזט אויף „גאט׳ס בעראט”. און שפעטער. אז זיי האבען שוין יא געוואלט עפיס דערגעהן פון איהם, האָבען זיי שוין דערצו נישט געהאט די מעגליכקייט. אַוועק אַ פערביטערטער פון דערהיים, איז שוין ביי איהם דאס דאזיגע געפיהל פערבליבען אויף שטענדיג, און וואס מעהר ס׳איז איהם איהם אויסגעקומען צו ליידען. אלץ מעהר איז אין איהם געוואקסען זיין שנאה צו די עלטערן.

די ערשטע יאָהרען האט נאָך לייזער ברוך געלערנט אין פער-שיעדענע ישיבות. ער איז אָבער אין ערגיץ לאנג נישט איינגעזעסען:

אומעטום האט ער אָבגעטהון עפּיס אַ מיאוסע זאַך, צוליעב וועלכער ער האט געמוזט אָבפּאָהרען. אין בריסק איז מיט איהם פאָרגעקומען אַ געשיכטע, פאר וועלכער ער האט בעקומען אַ פּאָר יאהר געפענגעניש. ער האט זיך אריינגעלאָזט אין הולטייסטווא, און איז מאָראליש געפאַלען פון טאָג־צו־טאג.

אזוי האט זיך לייזער ברוך אַרומגעשלעפּט איבער פּוילישע שטעדט און שטעדטלעך, ביז ער איז אין די מיטעלע אכציגער יאָהרען אנגעקומען קיין בערלין. דאָרט האט ער זיך ארומגעוואַלגערט אין די שענקען און אין די וואלוועלע קנייפּעס, ביז עס האבען פון איהם דערשמעקט די מיסיאָנערען, און האָבען איהם צוגעצויגען צו זיך. זיי האָבען דעם חסידישען יונגענמאַן אַריינגעכאפּט ווי אַנ׳„אבן־טוב״. האָבען איהם בעקליידט און בענייהט, געגעבען איהם עטליכע מארק אין דער טאש, און אַרומגעשיקט איהם איבער די יודישע קווארטאלען צו „פאנגען נפשות״. ד. ה. צו אגיטירען פאר׳ן קריסטליכען גלויבען. לייזער ברוך, וועלכער האט נאך נישט פערגעסען לערנען און האט געהאט אַ געשליפען צינגעל, האט זיך באמת ארויסגעוויזען פאר אַ גלענצענדען אגיטאטאָר. זיינע דרשות האבען געהאט אַ סך צוהערער, אבער קיין ממשות׳דיגע רעזולטאטען האבען זיי נישט געבראכט. מ׳האט וועגען איהם געזאגט, אז ער רעדט לייכט און פאנגט שווער. ער אליין האט זיך אין יענער צייט נאָך נישט געהאט גע׳שמד׳ט. ווי ער האט אין אַ צייט אַרום דערצעהלט אין געריכט בשעת זיינעם אַ פּראָצעס — און פּראָצעסען האט ער געהאט גאר אַ סך. ווי דער לעזער וועט ווייטער זעהן — האט ער זיך לאנג געשלאגען מיט דער דעה, צי ער זאָל זיך טויפען, צי נישט. עס זענען ביי איהם פארגעקומען מאָמענטען פון חרטה. און אין יענע מינוטען איז ער געווען קאפּאבל איבערצורייסען זיינע בעציהונגען צו די מיסיאָנערען און צו דערווייטערן זיך פון זיי. ער האט זיך אבער אין בערלין צו קיין זאך נישט געקאָנט דערשלאָגען, און זיין לאַגע איז געווען זעהר קריטיש. און דאס האט איהם געצוואונגען צו חבר׳ן זיך מיט די מיסיאָנערען, וועלכע האבען איהם אזוי פערפלאָכטען אין זייער נעץ, ביז ער האט זיך שוין פון זיי נישט געקאנט ארויס־דרעהען, און זיך אָבגעש׳שמד׳ט. פון דעמאָלט אן האט ער שוין מעהר נישט געהייסען ברוך לייזער אשכנזי, נור פּוילוס מאיר.

II

אין דייטשלאנד האט אין יענער צייט שטארק געבושעוועט דער אנטיסעמיטיזם. דער הויף־פרעדיגער שטעקער איז געשטאנען אן דער שפיץ פון דער בעוועגונג, און ער איז דאס געווען דער שעפער פון די אַלערליי העצעס און בלבולים, וועלכע זענען דאן פערשפרייט געוואָרען געגען יודען און יודישקייט אינ׳ם דייטשען פאלק. ער האט שוין געהאט זיינע מענשען, וואס האבען פאר איהם אויפגעזוכט פעהיגע אגיטאטאָרען, מיט דער פען און מיט׳ן מויל, וועלכע האָבען מזכה געווען מיט זיין יודענפרעסערישער תורה דעם פינסטערן המון־עם. אין אַ שענעם פריהמאָרגען האט מען פאר שטעקערן פארגעשטעלט פוילוס מאיר׳ן, וועלכער האט איהם פון דער ערשטער מינוט אָן שטארק אימפּאָנירט מיט זיינע גרויסע יודישע וויסענשאפטען, און האט איהם שוין פון זיך נישט אָבגעלאָזט. די פערקויפטע נשמה פון פוילוס מאיר האט דערשפירט, אז רייבענדיג זיך אַרום שטעקער׳ן, וועט ער קאָנען מאכען די בעסטע געשעפטען, און האט באלד אויסגעדריקט זיין גרייטקייט צו דיענען דער „גוטער״ זאך. פון דעמאָלט אָן האט זיך פוילוס מאיר אָנגעהויבען ארומדרעהען איבער די טראַקטירען און קאפע־הייזער און דרש׳ענען אומעטום וועגען דער שעדליכקייט פון דער יודישער רעליגיע. דערביי האט ער זיך געשטיצט אויף פאלסיפיצירטע און טייל אויסגעדאכטע מימרות פון דער תלמודישער ליטעראַטור. פאר זיין דאזיגער טעטיגקייט האט ער בעקומען גוט בעצאהלט, און די אנטיסעמיטען האבען איהם געטראגען ממש אויף די הענד.

גראד איז אין יענער צייט פאָרגעקומען אין דעם קליינעם דייטשען שטעדטעל קסאַנטען אַ געשיכטע מיט אנ׳עלילת־דם, וועלכע האט אויפגערודערט די גאַנצע יודישע וועלט. די אַנטיסעמיטען האבען זיך אָן דעם אָנגעכאפט, און האָבען מיט אלע מעגליכע מיטלען געשטיצט דעם בלבול. צווישען אנדערע האבען זיי זיך בענוצט מיט דעם אויטאריטעט פון פוילוס מאיר, וועלכער האט בעשטעטיגט, אז יודען געברויכען צו פסח קריסטליך בלוט. אין דעם אנטיסעמיטישען לאַגער איז פוילוס מאיר געווארען דער העלד פון טאָג.

ביי די בערלינער יודען האָבען פוילוס מאיר׳ס עפענטליכע דרשות אַרויסגערופען גרויס פערביטערונג. ביז דאן האט נאך דאס

דייטשע יודענטום נישט געהאט פאר זיך אזא געפערליכען משומד, ביי וועמען עס זאָל ווערען רעכט אַוועקצושטעלען זיין אייגען פאלק אין אזא גרויסער סכנה. דער דעמאָלדיגער רעדאקטאר פון דער „יודישער פרעסע", ד"ר הירש הילדעסהיימער, איז ארויס מיט אַ סעריע אַרטיקלען, אין וועלכע ער האט אויפגעוויזען אַלע שקרים פון פוילוס מאָיר און דערביי ענטפלעקט אויך זיין מאָראַלישען פּרצוף. נאָך הילדעסהיימער'ן האט דאסזעלבע געטהון אויך דער בעוואוסטער געלעהרטער פּראָפעסאר שטראַק, און צולעצט האָבען זיי ביידע ארויסגערופען פוילוס מאיר'ן אויף אַן עפענטליכען וכוח. דער משומד האט זיך געוועהנליך אַרויסגעדרעהט פון וכוח. אָבער ביי די אנטיסעמיטען האט ער דורכדעם זיין פּרעסטיזש נישט פערלוירען; ער איז נאָך ביי זיי געוואָרען פיעל תּקיף׳ער פאר זיין פרעכהייט און חוצפּה.

די גאנצע צייט האט זיך פוילוס מאיר געלאָזט וואוילגעהן. און האט פאר אנטיסעמיטיש געלד געלעבט אַ גוטען טאג. ער האט כסדר געהוליעט און גע׳שכור׳ט. אויף דעם אלץ איז שוין פאר איהם זיין פערדיענסט ביי די אנטיסעמיטען געווען צו-ווייניג, און ער האט גאנץ אָפט געפיהלט אַ מאנגעל אין געלד. נישט זענענדיג קיין איבערקלייבער אין מיטלען, האט ער נאכגעמאַכט די חתימות פון בעוואוסטע אנטיסעמיטישע פיהרער, און צווישען אנדערע אויך פון שטעקער'ן, און האט אויף זיי דורך פאַלשע צעטלען אויסגענארט געלד אין באנק-הייזער און אויך ביי פריוואטע פערזאָנען. ער האט אויך אבגעטהון אנדערע סקאנדאלען, האט אנגעמאכט העצעס צווישען די מיסיאָנערען און די אנטיסעמיטען, און האט צום סוף מיט זיינע מעשים דערפיהרט דערצו, אז ער איז געוואָרען פערדאכט ביי אַלעמען. ביסלעכווייז האָבען זיך די דייטשע אנטיסעמיטען אנגעהויבען אבצוזאָגען פון איהם. עס איז געקומען אזוי ווייט, אז זיי האָבען געפונען פאר נויטיג צו פערעפענטליכען אין זייערע צייטונגען: „קרייצצייטונג", „רייכסבאטע" און אנדערע, אז פוילוס מאיר איז אַ פערדאָרבענער מענש, פאר וועלכען קיין פערברעכען איז נישט צוגרויס און אין וועלכען עס האבען זיך פעראייניגט אלע „שפל׳ע מדות פון די סעמיטען".

נאכדעם האט שוין פוילוס מאיר נישט געקאנט מעהר פערבלייבען אין דייטשלאנד, און ער האט ווידער גענומען וואַנדערן פון ארט צו ארט און ווידער אומעטום אבגעטהון כל הפסליות.

אין האַמבורג האט ער פערנומען גלח׳יש געלד. און נאכדעם ווי די דארטיגע פאליציי האט איהם אנגעהויבען זוכען, איז ער אנט־לאָפען געווארען קיין שטעטין. דאָרט איז ער ארומגעגאנגען איבער די יודישע הייזער קלויבען נדבות, אָנגעבענדיג זיך פאר אַ רב, וועלכען מ׳האט אַרויסגעטריבען פון רוסלאנד; אין דערזעלבער צייט האט ער אָבגעשלאגען די שוועלען ביי רייכע קריסטען, פאר וועלכע ער האט זיך פארגעשטעלט אלס עמיגראנט, וואס ווערט פער־יאגט צוליעב זיינע פּאָליטישע אנשויאונגען. אזוי האט ער זיך ארומ־געשלעפּט איבער דער וועלט, ביז ער איז אנגעקומען קיין פּ ר א ג.

פראג געהאט פאר פּוילוס מאיר׳ן אַ בעזונדערע צוציהונגס־קראפט. דארט האט געוואוינט דער אזוי טרויעריג-בעריהמט-געווארענער אַנטיסעמיטישער פּראָפעסאר ראלינג, וועלכער האט זיך אנגעגעבען פאַר אַ גרויסען למדן אין דער יודישער ליטעראַטור. ראַלינג, וועלכער האט שוין געהערט וועגען פּוילוס מאיר׳ן, האט דעם משומד אויפגענומען מיט אויסגעשפרייטע אָרעמס.

III

ביים פּראָפעסאר ראלינג איז פּוילוס מאיר געווען זעהר אַנ־אנגעלעגטער גאסט. ראַלינג, ביי וועמען די יודענפרעסעריי איז שוין געוואָרען אַנ׳עקזיסטענץ-פראגע, האט תמיד געזוכט צו האבען ארום זיך אזעלכע רענעגאטען, ווי אַ פּוילוס מאיר, וואס ער זאָל זיך קאָנען שטיצען אויף זייער וויסענשאַפטליכען אויטאָריטעט אין זיינע פער־שיעדענע העצעס און אינסיגוּאציעס געגען יודען. ראַלינג האט מאיר׳ן בעזונדערס מקרב געווען און איהם בעשטימט אַ מאָנאַטליכען גע־האַלט, כדי ער זאָל זיך קאנען זיצען רוהיג און בעאַרבייטען דעם מאַטעריאַל, וואס ער האט, לויט זיינע ווערטער, געקליבען יאהרען־לאנג פאר זיין ווערק, וואס האט געדארפט איינמאָל פאַר אלע מאָל אַראָבברייסען די מאסקע פונ׳ם יודישען פאָלק און ענטפּלעקען דער וועלט זיין אמת׳ן שעדליכען מהות. פון צייט צו צייט האט ראלינג פערעפענטליכט אין דער עסטרייכישער אַנטיסעמיטישער פרעסע גיפטיגע ארטיקלען וועגען יודען, געשטיצט אויף פאלסיפיצירטע ציטאטען פון תלמוד און פון מדרש און פון אנדערע יודישע ספרים, וועלכע פּוילוס מאיר האט איהם פאר פאַבריצירט. די, וואס האבען געקענט ראלינגען נישט פון נעכטען פאר אנ׳עם-הארץ אין יודישע

ענינים, האָבען זיך נישט געקאנט אבוואונדערן, פון וואנען האט זיך דאס ביי איהם מיטאַמאָל געגומען אזא לומדות מיט אַזעלכע ידיעות וועגען יודישקייט; מ'האט פערשטאַנען, אז דאָ שטעקט עפּיס אַנ'אנדער פערבאָרגענע האנד. ס'האט לאנג נישט געדויערט, און די דאָזיגע האַנד האט זיך אַליין אויפגעדעקט.

אין יענער צייט האָט זיך דער אַנטיסעמיטיזם שטאַרק פונאנדערגעוואַקסען, בעזונדערס אין עסטרייך. די פעסטונג פון דער בעוועגונג איז דעמאָלט געווען אין ווין. דארט האָבען זיך גרופּירט די גרעסטע אנטיסעמיטישע פיהרער אַרום אַ בעוואוסטען קאַטוילישען גלח, — יאזעף דעקערט. דער דאָזיגער דעקערט, אַ פערביסענער שונא-ישראל, האט פערפלייצט עסטרייך מיט די שענדליכסטע פאמפלעטען וועגען יודען און זייער גלויבען, און ער האָט זיך אזוי פערגאלאפירט, ביז ער האָט זיך געוואַגט צו בעשולדיגען עפענטליך דאס יודישע פאָלק, אז עס געברויכט צו רעליגיעזע צוועקען קריסטליך בלוט. אין די וויענער יודישע קרייזען האָט די דאָזיגע חוצפה אַרויסגערופען אַ גרויסען טומעל, און איינער פון די יודישע דעפּוטאַטען אין עסטרייכישען פּאַרלאמענט, אַ געוויסער ד"ר בלאך, דער אַרויסגעבער פונ'ם יודישען וואָכענבלאַט „עסטרייכישע וואָכענשריפט". איז אַרויס אין דער ליבעראלער דייטשער פּרעסע מיט אַ גאַנצער רייה אַרטיקלען, אין וועלכע ער האָט בעשיינפערליך אויפגעוויזען, אז דעקערט האט קיין שום ידיעה נישט אין יודישקייט, אז ער איז לגמרי אונוויסענד אין דער יודישער טעאָלאָגישער ליטעראַטור, און אז אלץ, וואָס ער שרייבט און דערצעהלט, איז נישט געשטויגען — נישט געפלויגען, נור „אויסגעזויגען פון אַרבעל". דעקערט האָט געפּרובט ענטפערן, ר'האָט זיך סומך געווען אויף דעם און אויף יענעם אַנטיסעמיטישען אַנאָנימען געלעהרטען, אָבער בלאך האט איהם יעדעס מאָל צעקלאַפּט און ממש לעכערליך געמאַכט.

דאַן האָט זיך דעקערט געווענדט נאָך הילף צו ראלינגען קיין פּראג. דערפון האָט זיך דערוואוסט פּוילוס מאיר. ער האָט פערשטאַנען, אז מ'קאָן דאָ אָבלעקען אַ פעט ביינדעל, ווייל דעקערט איז געווען בעקאַנט אַלס זעהר רייכער מאַן, און נישט קלערענדיג פיעל איז ער אָבגעפאָהרען קיין ווינען. ער האָט פון לאַנג אָן געהאט אין קעשענע א מין „סמיכה" פון ראלינגען, וועלכער שרייבט וועגען

איהם, אז ער איז אַ גרויסער יודישער געלעהרטער, אַ געוועזענער רב, וואס האט זיך נישט געקאָנט איינלעבען מיט זיין פערדאָרבענעם פאָלק און איז פון איהם אַוועק, און איצט האט ער זיך געשטעלט אלס הייליגען צוועק צו דעמאַסקירען פאר דער וועלט זיינע ביזאַהעריגע גלויבענס-גענאָסען. מיט דער דאָזיגער „סמיכה" אין האנד איז פוילוס מאיר אַריין צו דעקערט'ן, וועלכער האט זיך אויף אזא מציאה גאָר-נישט געריכט, און האט זיך מיט איהם זעהר דערפרעהט. גראד האט זיך אין יענע טעג ד"ר בלאָך אנגעגעסען אין דעקערט'ן, אז ער מוז פערעפענטליכען די ראיות, אויף וועלכע ער שטיצט דעם בלוט-בלבול, ווען נישט, וועט ער איהם ערקלערן אלס שענדליכען ליגנער. דעריבער האט דעקערט בעטראכט פוילוס מאיר'ן ווי ער וואָלט איהם אַראָבגעפאלען פון הימעל. ווי עס האט זיך שפעטער אַרויסגעוויזען, איז דעקערט פון יענער מינוט אָן געוואָרען פאַר מאיר'ן אַ מעלקעדיגע קוה. פוילוס מאיר האט געליפערט דעקערט'ן ציטאטען פון יודישע ספרים, און האט דערפאר ביי איהם בעקומען גאנץ שענע סומעס געלד, וועלכע האָבען איהם צוגעגעבען די מעגליכקייט צו לעבען אין דער עסטרייכישער הויפט-שטאדט אַ גוטען טאג. ער האָט שוין אויף דעם סמך געבויט זיין צוקונפט, און געטהון אַ שידוך מיט אַ קאַטוילישע מיידעל, אַ געוויסע עמאַ וויטולסקי. ער האט געקוקט אויף דעקערט'ן ווי אויף אַ גאָלד-גרוב, וואס וועט זיך גאָר קיינמאָל נישט אויסשעפען, און האט איהם געשפייזט מיט הבטחות, אז גאָר אינגיכען וועט ער אַרויסלאָזען געגען דעם יודישען פאָלק אַ באָמבע, וועלכע האָט צו זיך קיין גלייכען נישט אין דער געשיכטע. און די באָמבע, צו וועלכער ס'איז באמת ביז אַהין נישט געוועזען פעהיג דער ערגסטער פון די משומדים, וואס יודען האָבען ווען עס איז געהאט, האט זיך באַלד אויפגעריסען...

IV

דאס איז געווען דעם 11. מאי 1893. אין יענעם טאג האט פוילוס מאיר פערעפנטליכט אין דעם וויענער אַנטיסעמיטישען טאָג-בלאט „פאטערלאנד" פאלגענדען בריעף:

„צום העררן קאַטוילישען גלח ד"ר יאזעף אין וויען.

געעהרטער גלח! איך האַלט, אז מיין נאָמען איז אייך ניש פרעמד, ווייל פאָריגעס יאַהר האָבען מיר דערמאָהנט אַלע בלעטער.

וועלכע געהען אַרויס אין דייטשלאַנד. דער פּראָצעס וועגען דעם ערמאָרדעטען קריסטליכען יונגעל אין קסאנטין האט מיך בעוואויגען אַרויסצוזאָגען עפענטליך, אז עס עקזיסטירען ווירקליך ביי יודען ריטועלע מאָרדען. ד. ה. אז יודען בענוצען זיך צו רעליגיעזע צוועקען מיט דעם בלוט פון אַנדערשגלויביגע. און דער דאָזיגער מנהג איז איינגעפיהרט בעזונדערס צווישען די חסידים. מאַסען שונאים האב איך מיר ערוואָרבען מיט דעם, וואס איך האָב געהאט די העזה צו ענטפּלעקען דעם ריינעם אמת, וואס איז מיר בעקאַנט פון דער ליטעראַטור און וועלכען איך קאָן בעשטעטיגען אַלס עדות, ווייל איך האב אַליין געזעהן מיט די אויגען די גאַנצע צערעמאָניע, ווי מ׳האט געקוילעט אַ קריסטליך קינד פאַר רעליגיעזע צוועקען דעם דאָזיגען צופאַל וועל איך אייך איצט בעשרייבען אויספיהרליך. ס׳איז שוין אפילו אַריבער אַ גאנץ לאַנגע צייט, זינט איך האָב געזעהן דאס לעצטע מאל אזא ס ד ר. איך בין דאַן אַלט געוועזן 14 יאָהר, אָבער די עראינערונג פון דער דאָזיגער שאַנד-טהאט האָט זיך טיעף איינגעקריצט אין מיין האַרצן, און איך וועל עס נישט פערגעסען ביז מיין לעצטער מינוט.

אין יאהר 1875 איז עס געשעהן. דאן האָט מען מיך געבראַכט קיין אָסטראווא, לובלינער גובערניע, צו דעם חסידישען רב. דאס איז דער צדיק און וואונדער-מאַכער, יהושע בהרב שלמה ליב פון לענטשנע. דאָרט האָב איך געדארפט פערברענגען אַ גייסטיג לעבען אין קדושה און טהרה, צו פייניגען זיך דורך אַלערליי ענויים, כדי איך זאָל מיך אויך צוגרייטען צו ווערען אַ צדיק, ווי מיין פאָטער האָט פערלאַנגט. דאָרט האָב איך מיך געדאַרפט בעקענען נישט בלויז מיט די סודות פון תנ״ך און תלמוד, נאָר אויך מיט אַלע „סודות פון הימעל״. דעם דאָזיגען צוועק קאָן אַ מענש דערגרייכען נור, ווען ער געפינט זיך אין דער מחיצה פונ׳ם צדיק און לערנט קבלה מיט זוהר. דען בלויז אויף דעם אופן ווערט מען אַ טרייער תלמיד פונ׳ם צדיק.

ס׳האָט געהאַלטען נאָהענט צו פסח. ערשט מיט אַמאָל איז צו מיר געקומען דער שמש, און האָט מיך איינגעלאַדען צום צדיק. איך בין אַוועק צו איהם אין הייליגער ציטערניש און פערטיעפט אין תשובה-געדאַנקען. ווי נור ער האָט מיך דערזעהן, איז ער מיר געגאַנגען אַנטקעגעז און האָט געזאָגט: מנחם, גרייט זיך צו צו דער

עבודה פון דעם בורא יתברך, דען דו וועסט פערבעטען ווערען צום הייליגען סדר.

איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט, וואס בעדייט דער הייליגער סדר. אָבער נישט וויסענדיג וואס און ווען, האָב איך אָנגע- הויבען מאַכען די נויטיגע הכנות; איך האב מיך געהייליגט און גע- פייניגט עטליכע טעג נאָך דער רייה.

פינף טעג זענען אַריבער. אויפ׳ן זעקסטען טאָג אין דערפריה האָט מען מיך אויפגעוועקט פון שלאָף, איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, ערשט איך האָב דערזעהן ווי דעם צדיק׳ס שמש, משה בעריכעס, שטעהט נעבען מיר און זאָגט אויפ׳ן קול: מנחם, טהו דיך גיכער אָן און קום מיט מיר אין וואסער. איך בין שנעל אויפגעשטאַנען און אַרויפגעכאַפּט אויף זיך די בגדים, און מיר זענען אַוועק זאַלבע-צעהנט אין מקוה, און פון דאָרט צום צדיק. דעם צדיק האָבען מיר געפונען זיצענדיג אויף זיין שטוהל, אָנגעטהון אין ווייסע זיידענע בגדים. אויף אנ׳אַנדער שטוהל האב איך עפּעס געזעהן צוגעדעקט מיט אַ ווייסען טוך. אין איין אָרט זענען גע- שטאַנען קופּערנע בעקענס, ריין אויסגעשייערטע, און אין אַ ווינקעל האָבען זיך געפונען אַ סך קליינע גלעזער, און אויף יעדען גלאָז זענען געווען צוגעקלעפּט פּאַפּירנע קאַרטלעך מיט אויפשריפטען. ביי אונזער אַריינגאַנג האָט דער צדיק געדאַווענט און געזאָגט די קאַפּיטלעך תהלים מ״ז, ס״ד, ס״ה, ע״ט, ק״ז, קט״ו און אַנדערע.

V

נאָכדעם איז געוואָרען אַ טיפע שטילקייט. דער צדיק האט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט, זיינע אויגען פערגלאָצט צום הימעל, און זיינע ליפּען האָבען געציטערט. אזוי איז ער געשטאַנען אַ מינוט צוואַנציג, און בשעת-מעשה האָבען זיך איהם אין פנים גע- ביטען די פאַרבען, דאָ איז ער געוואָרען רויט, און דאָ איז ער געוואָרען בלאַס. מיר אַלע זענען אויך די גאַנצע צייט געשטאַנען אין אַ הייליגער ציטערניש. נאָכדעם ווי ער האָט אזוי פערבראכט אַ ווייל־ע אין כוונה און געבעט, האט ער געלאָסען אַ זאָג געטהון: דערלאַנגט דעם קרבן!

„ביידע שמשים, משה בעריכעס מיט ישראל פּאַרצאַווער, זענען אַרויס אין נאָהענטען צימער, און האָבען זיך באַלד צוריקגעקעהרט. איינער פון זיי האט געטראָגען אויף די הענד אַ יונגעל פון אַ יאָהר זעקס, זיעבען, אַ בלאָנדין, וועלכער איז געוועזן אָנגעטהון נור אין אַ שניי-ווייס העמדעל, און האט זיך זעהר געטרייסעלט פון שרעק. מ'האט באַלד אַוועקגעלעגט דאס קינד אויף אַ קליין טישעל, נעבען וועלכען ס'האט זיך געפונען דער אויסגעשייערטער בעקען. מיט אַ מעסער פון אַ שוחט האט מען געקוילעט דאס קינד, און זיין בלוט האט מען אַריינגעגאָסען אין בעקען. איך האב געהערט בלויז דעם לעצטען קרעכץ פון דעם ערמאָרדעטען; כ'האב אָבער נישט געזעהן, וועלכער שמש האָט דאָס קינד געשאָכטען, ווייל אין דער גאַנצער צייט פון „סדר" האָבען מיר געהאַלטען אַראָבגעלאָזט אונזערע אויגען מיט גרויס כוונה. נאָכדעם ווי ס'האָט זיך פערענדיגט די צערעמאָניע פון דער שחיטה, האָט דער רב אויסגעשריען: „מזל-טוב", און דער עולם איז אויפגעשטאַנען פונ'ם הייליגען „סדר". דעם פגר האָט מען דערוויייטערט, און דאס בלוט פון דעם בעקען האט מען צוגאָסען אין די קליינע גלעזלעך, אויף וועלכע עס זענען געווען אָנגעצייכענט די נעמען פון די שטעדט מיט די דאָרטיגע מקורבים פונ'ם צדיק, פאַר וועלכע מ'האָט זיי געהאַט בעשטימט. אַ היבשען טייל פון דעם בלוט האָט מען אָבגעשטעלט אין אַ זילבערנעם בעכער, כדי צו בענוצען עס ביים באַקען די „מצה שמורה".

„דאָס דאָזיגע טרויעריגע געשעהעניש גיב איך איך איבער, ה' פּריסטער, אַזוי ווי עס לעבט נאָך עד היום אין מיין זכרון, און לויט דעם ריינעם אמת, פאַר וועלכען איך בין גרייט צו לעבען און צו שטאַרבען. איך שטעל פאר אנ'עדות גאָט דעם בעשעפער פון הימעל און ערד, און איך בין מוכן ומזומן צו שווערען אויף דעם אין יעדער בית-דין און רעגירונגס-אינסטיטוציע. און איך דערמאהן אייך אָן אייער חוב אלס גלח, דאָס מודיע צו זיין צווישען אַלע אייערע אנהענגער, כדי צו פערהיטען, אז עס זאָלען מעהר נישט אַריינ-פאַלען קיין קריסטליכע אונשולדיגע קינדער אין די הענד פון די דאָזיגע עקסט-פאַנאטישע מערדער. פאַר די דאָזיגע לייט זענען צוגעפאַסט די ווערטער פון דעם נביא מיכה (קאַפּיטעל ג', פסוק ט—י).

„כ'בעט אייך נאָכאַמאָל, ה' פּריסטער, אז איהר זאָלט נישט

דוהען, נור באַלד נעהמען זיך פאר דער ארבייט. איך בענש אייך מיט דער ברכה פון אַ קריסט. אייער איבערגעגעבענער פ ו י ל ו ס מ א י ר".

פ. ס. „דערצו וויל איך נאָך בעמערקען, אז דער קרבן איז דאסמאָל געוועזן פון ל י ו ב אַ ר ט אָ ו דריי מייל פון לובלין. אלס פער־מיטלער האט אין דעם טיילגענומען דער יודישער גוט-בעזיצער ש מ ו א ל ט א ר ל ע ר, וועלכער האט אַזוי געהייסען, ווייל זיין גוט האָט זיך גע־פונען אין דעם דאָרף טארלע".

VI

דער דאָזיגער בריעף האָט אַרויסגערופען אַ רעש נישט בלויז אין עסטרייך אַליין, נאָר אין דער גאַנצער וועלט. אין אַלע לענדער האָבען איהם די אַנטיסעמיטען „צעלעגט אויף טעלערלעך", און אומעטום האָט ער געמאַכט אַ געוואַלטיגען רושם. ס'האָט נאָך ביז אַהער קיינמאָל נישט פאַסירט אז אנ'עלילת-דם זאָל ווערען איבער־געגעבען אין דער עפענטליכקייט פון אַ מענשען, וועלכער בעשטעטיגט, אז ער האט עס אַליין געזעהן און מאָהלט עס אָב מיט אַזעלכע אותות ומופתים און אויספיהרליכע פרטים. די חוצפה פון דעם דאָזיגען משומד האָט דערלאַנגט אַזוי ווייט, אָנצוהענגען דעם בלוט־בלבול און נעמען פון שטעדט און מענשען, נישט אויסגעקלערטע פון קאָפּ, נאָר וואָס האָבען טאַקע עקזיסטירט בפועל ממש, און מעהר ווי דאָס האָבען די יודענפרעסערישע זשורנאַליסטען נישט געדאַרפט האָבען. עס האָבען זיך תיכף אָנגעכאַפּט אָן מאיר'ס בריעף די „נאָוואיע ווּרעמיא", דער „קיעווליאַנין", „נאָוואיראססייסקי טעלעגראַף", די „גאַזעטא וואַרשאַווסקא" און אַנדערע אַזוינע שונאי-ישראל. דערצו האָבען נאָך די דאָזיגע בלעטער צובלאָזען פאַלשע ידיעות וועגען דעם עצם מהות פון פוילוס מאיר, אז ער איז אַ גרויסער גאון אין לערנען, אז ס'איז ווייט צו געפינען נאָך אַזא אויטאָריטעט ווי ער אין דער יודישער טעאָלאָגיע, און אז ער האַלט אין גיכען אַרויס־צוגעבען אַ גרויס וויסענשאַפטליך ווערק וועגען דעם ענין פון עלילת־דם. דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אז אויך מענשען נישט קיין אַנטיסעמיטען, וועלכע האָבען זיך תמיד געהאַט בעצויגען צו דער לעגענדע פון דעם בלוט-בלבול סקעפּטיש — האָבען איבערלייענענדיג מאיר'ס בריעף אין „פאטערלאנד", אָנגעהויבען צו גלויבען, אז ווען

מ׳קאָן אפילו דערין נישט בעשולדיגען דאס גאַנצע יודישע פאָלק, אָבער אַ געוויסע סעקטע, וואס בענוצט זיך מיט קריסטליך בלוט צו רעליגיעזע צוועקען, עקזיסטירט יאָ צווישען יודען.

דער אויבענדערמאָהנטער ד״ר בלאָך איז תיכף אַרויס אין זיין וואָכענבלאַט מיט „שווערד און בויגען״ געגען פּוילוס מאיר׳ס בריעף, אויפווייזענדיג דעם שאַנטאַזש, אויף וועלכען ער איז געבויט. האָט זיך אָבער גראָד געדאַרפט מאַכען, אז בלאָך איז נישט ווילענדיג אריינגעפאַלען אין אַ קליינעם טעות, וואס איז תיכף אויסגענוצט געווארען פון דעם אַנטיסעמיטישען „פאטערלאַנד״ צו בעשולדיגען איהם, און אַלע יודען בכלל, אַז זיי שטיצען זיך תמיד נור אויף שקרים. די מעשה איז אַזוי געווען: נאָכדעם ווי ס׳האָט זיך אָבגעדרוקט מאיר׳ס בריעף, האָט זיך בלאָך געווענדעט טעלעגראַפיש צו אַ בעקאַנטער יודישער פערזענליכקייט אין פעטערבורג מיט אַן׳אנפראַגע וועגען דעם בלבול. דערויף האט ער בעקומען אַ טעלעגראַפישע תשובה, אַז אַ שטאָדט, וואָס זאָל הייסען אָסטראוו, איז נישטאָ אין גאַנץ רוסלאַנד, און דעריבער איז גאָר איבעריג צו רעדען וועגען דעם גאַנצען ענין. דערהאַלטענדיג אַזא קלאָרע תשובה, האָט זיך בלאָך זעהר דערפרעהט, וויל ער האָט עס געהאַלטען פאַר דער בעסטער און שאַרפסטער ראיה געגען דעם בלבול. ער האָט תיכף אַריינגעשיקט אַ בריעף צום רעדאַקטאָר פון „פאטערלאַנד״ און האָט איהם אויפגעפאָדערט אויפ׳ן גרונד פון דעם פרעסע-געזעץ צו פערעפענטליכען זיין תשובה צוזאַמען מיט דער פעטערבורגער דעפעשע, וועלכע לייקענט-אָב, אַז עס זאָל גאָר עקזיסטירען אין רוסלאַנד אַ שטאָדט אָסטראָוו. דעם אַנטיסעמיטישער רעדאַקטאָר איז אָבער געוואָרען פון דנר תשובה מלא שמחה און האָט זי תיכף אָבגעדרוקט אין זיין צייטונג, כדי אַריינצוברענגען אין בזיון בלאכ׳ן מיט די יודען, און האָט אַנגעמערקט ביי דער זייט, אז לויט דעם ווי ער האָט געזעהן אין ריטער׳ס געאָגראַפישען לעקסיקאָן, געפינט זיך אין רוסלאַנד נישט איין אָסטראָוו, נאָר עטליכע, ווי, למשל, אין פסקאָווער און אין לאָמזשער און אין שעדלעצער גובערניעס. דאָס איז טאַקע ריכטיג, אָבער פוילוס מאיר האָט אָנגעגעבען אין זיין בריף דעם נאָמען פון דער שטאָדט נישט „אָסטראָוו״ נאָר „אָסטראווא״, און אַזא שטאָדט איז באמת נישטאָ אין רוסלאַנד.

דער דאָזיגער טעות, אין וועלכען ד״ר בלאָך איז נכשל גע-

וואָרען אָהן זיין שולד, האָט אָבער דער כנופיא פוג׳ם וויענער „פאטערלאנד״ צוגעגעבען פיעל מוט, און דער גלח דעקערט האט אָנגעהויבען טאג־טעגליך צו פערעפענטליכען גיפטיגע פירושים און ער־קלערונגען צו מאיר׳ס בריעף. דערצו האט ער נאך געצוואונגען דעם ד״ר בלאך דורך דעם פרעסע־סטאטוט אבצודרוקען אין זיין „עסטרייכישער וואָכענשריפט״ זיינע תשובות, אין וועלכע ער האט זיך נישט אָבגע־שטעלט פאַר די שענדליכסטע בלבולים, און אין וועלכע ער האט גע־טענה׳ט כסדר אין איין קול, אז פוילוס מאיר האט ענטפלעקט אין זיין בריעף דעם ריינעם אמת. אין איין ארטיקעל, למשל, רופט־אויס דעקערט איראָניש צו דעם ד״ר בלאך: „איהר אַמפערט זיך מיט מיר וועגען אייערע יודישע ברידער אין מיטעל־אַלטער, וועלכע האבען אומגעבראַכט אונשולדיגע קריסטליכע קינדער, און דורך אייער גרויסער בקיאות האט איהר דערוויזען, אז אין די פויפסטליכע ווערדיקטען קאָנט איהר זיך בעסער פונאנדערקלויבען פון מיר. אָבער וואס וועט איהר אויף דעם ענטפערן? דאָ דיסקוטירען מיר נישט וועגען אַלטער־טימליכע זאכען; דאָ ברענג איך אייך נישט קיין ראיות פון אַלטע בריעף. אָבער עס איז דאָ אנ׳עדות, וועלכער לעבט און בעשטעטיגט אלץ, וואס ער האט אַליין געזעהן מיט זיינע אויגען, און וועלכער זאָגט, אז ער איז גרייט צו שווערען פאר יעדען געריכט אין דער וועלט, אז די יודען האבען ווירקליך אָבגעטהון דעם שענדליכען און אויך שרעקליכען מאָרד־אַקט״.

VII

דורך דאס אלץ צוזאמען האט פוילוס מאיר׳ס בריעף בעשאפען פאר דעם אַלוועלטליכען יודענטום זעהר נישט קיין אנגענעהמע סיטואַציע. אין ווארשא האט זיך דאן געפונען אַ גרופע יודישע אינ־טעליגענטע כלל־טהוער, מיט נחום סאָקאלאוו בראש, וועלכע זענען געקומען צום בעשלוס, אז מ׳קאן נישט לאָזען דעם ד״ח בלאך שטעהן אַליין אין קאַמף, ווייל דאָס איז מעהר אַ יודיש־פוילישער, ווי אַ יודיש־עסטרייכישער ענין. די דערמאהנטע גרופע האָט זיך באלד גענומען חוקר ודורש זיין די זאך אויפ׳ן אָרט, און איהר אַרבייט איז אינגיכען געקרוינט געוואָרען מיט גרויס ערפאָלג. אין אַ גאנץ קורצער צייט האט זיך איהר איינגעגעבען צו בעלויכטען די פער־זענליכקייט פון פוילוס מאיר און זיין גאַנצען לעבענס־לויף מיט אלע

צבלות, וואס ער האט אָבגעטהון איידער ער איז געוואָרען אַ מוסמך ביי די אנטיסעמיטען. דערצו האט מען זיך בענוצט מיט זיין פאטאגראפיע, וועלכע מ׳האט אַראָבגעבראכט פון וויען און בעוויזען זיין אַלטער מוטער, די אלמנה. נאכדעם ווי עס איז גענוי בעקאַנט געוואָרען דעם משומד׳ס מהות, האט מען גענומען זוכען די מענשען, וועלכע ער האָט דערמאהנט אין זיין בלוט-בלבול.

VIII

מצד דער ווארשאווער גרופּע האבען זיך אָנגעהויבען חקירות ודרישות אין אלע ריכטונגען, און אויפ׳ן סמך פון דעם, וואס מ׳איז דערגאנגען, איז מען געקומען צום בעשלוס, אז מ׳טאָר דעם ענין נישט פערשווייגען. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער אָסטראָווער רב ר׳ יהושע׳לע לענטשנער, ביי וועמען פּוילוס מאיר האט אין יאהר 1875 געזאָלט זיצען צום „סדר" איז שוין אין יענער צייט לאנג געווען געשטאָרבען און איז מקובר געוואָרען אויפ׳ן ווארשאווער בית-עלמין. גראָבע פאַלסיפיקאַציעס האט מען ענטדעקט אויך בנוגע די אַנדערע פּערזאָנען, אויף וועלכע פּוילוס מאיר האט געבויט זיין מסירה.

נאָך לאנגע ישוב הדעת׳ן איז געבליבען אז דעם פערשטאָרבענעם אָסטראָווער רב׳ס פרוי, די רבי׳צין רחל, און זייער איידעם, ר׳ יעקב ראַבינאָוויטש, זאלען דערלאַנגען אנ׳אָנקלאַגע אויף פּוילוס מאיר׳ן אין וויענער העכסטען געריכט פאר זיין פאַלשער בעשולדיגונג. דאס איז אָבער נישט אזוי לייכט געוועזן צו פערוויקליכען. די אנקלאגער האָבען געמוזט צושטעלען אין געריכט שיינען וועגען זייער געבורט און חתונות, וואס האבען געדאַרפט בעשטעטיגט ווערען געזעצליך אין פערשיעדענע נידריגע און העכערע אינסטאַנצען. מיט גרויס מאַטערניש איז די פעראינטערעסירטע פערזאָנען געלונגען צו בעקומען די נויטיגע דאָקומענטען; עטליכע מאָל האָבען זיי צוליעב דעם געמוזט אַראָבפאָהרען קיין ווארשא, אַנדערע פּאַפּירען האט מען עטליכע מאָל געדארפט איבערשרייבען אויפס׳ניי, ווייל די עסטרייכישע יוסטיץ איז זעהר מחמיר אין אזעלכע זאכען, און פאַר דער קלענסטער אומפּינקטליכקייט אין אַ נאָמען, צי אין אַ פאמיליע, האט זי גע׳פסל׳ט דעם דאָקומענט און געפאָדערט אַנ׳אנדערן, אַ פערבעסערטען. די שוועריגקייטען זענען געווען אויף אזוי פיעל גרויס, אז די ווארשאווער

כלל-טהוער האָבען זיך דערפילט אבהענדיג, און עס האט שוין געהאלטען דערביי, זיי זאלען זיך אָבזאגען פון דער גאנצער איניציאטיוו. עס האָבען זיך אָבער צווישען זיי געפונען אַ צוויי, דריי ענערגישע פערזאָנען, וואס האָבען אויפגעמונטערט די איבריגע גובר צו זיין זייער יאוש און אָנצווענדען אַלע קרעפטען צו בעזייטיגען די אַלערליי שטרויכלונגען, אָן וועלכע אזא פערפלאָנטערטער ענין מוז זיך אָנשטויסען, און זיי האָבען זיי אויך בעזייטיגט.

נאָכדעם ווי אַלע דאָקומענטען זענען דערקלערט געוואָרען פאר גילטיג, האט דאס געריכט צוגעצויגען פוילוס מאיר׳ן צו פעראַנטוואָרטליכקייט, און איהם דערווייל, וואס-ווען אַרעסטירט אלס בעשולדיגטער אין רכילות. לויט׳ן געזעץ האט פוילוס מאיר געדארפט בעשטעטיגען זיין מסירה דורך ראיות, וועלכע קאָנען נישט אָבגעשלאָגען ווערען; אָבער כדי די אַנטיסעמיטען זאלען נישט זאגען, אז פוילוס מאיר קאָן קיין ראיות נישט ברענגען, ווייל דאס האט שוין פאַסירט פון אַ לאנגער צייט, האבען די ווארשאווער כלל-טהוער געפונען פאר נויטיג צוצושטעלען די פאָלגענדע דאָקומענטאַלע בעווייזען אויך געגען דער עצם מסירה: א) אַ שיין, אז דער אסטראָווער רב איז געשטאָרבען אין יאהר 1873, ד. ה. מיט צוויי יאהר פריהער איידער עס איז פאַרגעקומען די ערמאָרדונג פונ׳ם קריסטליכען קינד; ב) אנ׳איבערגעזעצטען טעקסט פונ׳ם רב׳ס מצבה; ג) אַ בעשייניגונג, אז פוילוס מאיר׳ס פאטער, ר׳ גרשון ליב אשכנזי, איז געשטארבען אין יאהר 1871, ד. ה. מיט פיער יאהר פאר דער ערמארדונג (אין זיין בריעף האַט פוילוס מאיר געשריבען, אז אין יאהר 1875 האט איהם זיין פאטער געבראכט צום אסטראווער רב אלס תלמיד; ד) אַ פאליצייאישע בעשטעטיגונג, אז ר׳ שמואל טאַרלער, ר׳ משה בערישעס און ר׳ ישראל פאַרצעווער זענען עהרליכע לייט, און זענען נאָך קיינמאל נישט אָנגעקלאגט געוואָרען אין געריכט; ה) אַ בעשייניגונג פון דעם לובארטאָווער מאַגיסטראַט, אז אין יאהר 1875 איז דארט נישט פערלוירען געגאָנגען קיין שום קריסטליך יונגעל, און אז דער מאַגיסטראט האט וועגען אזא פאל נישט בעקומען קיין ידיעה; ו) אַ בעשטעטיגונג פון בעוואוסטע שטאָדטישע קריסטליכע ראטמענער, אז נישט בלויז אין יאהר 1875, נאר אויך אַ לאנגע צייט פאר דעם און נאכדעם האָט ביי זיי אזא, אדער אנ׳עהנליך געשעהעניש נישט פאסירט; ז) אַ נאָטאריעלע בעשייניגונג, אז די מוטער פון פוילוס מאיר האט באלד די מינוט דערקענט

לויט דער פאָטאָגראַפיע, וועלכע מען האָט איהר צוגעשיקט פון וויען, אַז דאָס איז איהר געשמד'טער זוהן לייזער ברוך; ח) אנ'אויספיהרליכע בעשרייבונג פון אַלע נבלות, וואָס לייזער ברוך האָט אבגעטהון בעת ער איז נאָך געוועזען אַ יוד, און פאַר וועלכע ער איז אַ געוויסע צייט געזעסען אין געפענגניש, און נאָכדעם געשטאָנען אונטער פּאָליציייאישער אויפזוכט.

דערמיט האָבען די וואַרשאַוער כלל־טהוער ערפילט זייער געזעלשאַפטליכען חוב. פון איצט אָן איז אריבער דער ענין צו דער וויענער יודישער קהלה, וועלכע האָט געדאַרפט שטעהן אויף דער וואך און דערפיהרען דעם קאמף געגען די אַנטיסעמיטען ביז צום סוף.

IX

אויף אַזאַ פּסק האָט זיך דער משומד גאַרנישט געריכט. ער האָט געוואוסט, אַז ביז איצט זענען אַלע זיינע בלבולים אויף יודען אָנגענומען געוואָרען פאַר גוט געלד, און געהאָפט, אַז זיין לעצטע מסירה וועט אויך נישט האָבען קיין ערגער מזל, און צום סוף — אַזעלכע אומגעריכטע רעזולטאַטען. אַז זיין אַנטיסעמיטישער פערטיידיגער האָט איהם געבראַכט אין אַרעסט־הויז דעם בעשולדיגונגס־אַקט, איז איהם פינסטער געוואָרען אין די אויגען, און ער איז געבליבען זיצען ווי פערשטיינערט. ער האָט פערשטאַנען, אַז ער איז דאָ מיאוס אריינגעפאַלען, און תיכף האָט אין איהם אויפגעבליצט דער געדאַנק, צו לייקענען „שטיין און ביין" און אָבצוזאָגען זיך פון דעם גאַנצען בריעף, וואָס דער גלח דעקערט האָט פערעפענטליכט אין זיין נאָמען אין דעם אַנטיסעמיטישען „פאַטערלאַנד".

דעם 15־טען סעפּטעמבער 1893 איז פאָרגעקומען אין וויענער גע־ריכט דער משפּט פון פּוילוס מאיר, פונ'ם גלח דעקערט און פון רע־דאַקטאָר דאָל. כמעט די גאַנצע וויענער פּרעסע האָט עס אָנגערופען „דער גרויסער טאָג". אַלע האָבען בעטאָנט, אַז דאָ געהט אום דעם כבוד פונ'ם גאַנצען יודישען פאָלק, וואָס איז אַזוי נידערטרעכטיג אַנגעגריפען געוואָרען פון אַנ'אייגענעם זוהן. דער געריכט־זאַל איז געוועזען פול געפּאַקט; מ'איז געשטאַנען איינער דעם אַנדערן אויף די קעפּ. אַלעמענס אויגען זענען געווען געווענדעט אויפ'ן אָנגעקלאָגטען, וועלכער האָט מיט זיין גאַנצעס אויסזעהן געמאַכט אַנ'אָבשטויסענדען איינדרוק. דאָס איז געווען אַ קליין מענשעל, איינגאַנצען בעוואַקסען מיט

האר; איין אויג איז ביי איהם אַ בלינדס, און דאס צווייטע רוהט נישט, און שיסט כסדר פייער-פונקען.

פּוילוס מאיר דערצעהלט זיין לעבענס-געשיכטע: ער איז אלט איין און דרייסיג יאהר, פון פּראָטעסטאנטישען גלויבען, אמאל איז ער געווען אַ מיסיאנער און איצט איז ער אַ לעהרער; אַ געבורטיגער איז ער פון רוסלאנד. אמאל איז ער שוין געזעסען פערצעהן טאג אין געפענגעניש, ווייל ער איז אומגעגאנגען איבער די הייזער און גע-בעטעלט. ביז איין און צוואנציג יאהר האט ער געלערנט יודישע למודים אין דעם הויז פון זיינע עלטערן.

אויסהערענדיג דעם בעשולדיגונגס-אַקט, האט פּוילוס מאיר געזאגט:

— איך בין אונשולדיג, איך בין ריין פון זינד; מיינע הענד האבען נישט פערגאָסען דאס בלוט, און אויב דער הערר דעקערט בעשטעטיגט, אז איך האב פערברראכען, דארף ער דאס בעווייזען.

— ווער האט געשריבען דעם בריעף צו דעקערט'ן, וואס איז גע-זוען געדרוקט אין „פאטערלאנד"?

— נישט איך — האט פּוילוס מאיר געענטפערט — דאס האבען אנדערע געשריבען אין מיין נאמען.

— עס הייסט, אז איהר בעשטעטיגט איצט, דאס איהר זענט נישט געווען אין אסטראָוו בשעת דעם מארד פונ'ם קריסטליכען קינד?

— איך בין נישט געווען און האב דארט נישט געקאנט זיין, ווייל ביי יודען זענען נאָך קיינמאל קיין ריטועלע רציחות נישט פּאָר-געקומען, — האט פּוילוס געזאָגט מיט אנ'אראָבגעלאָזטען קאָפּ.

ביים ווייטערדיגען פערהער האט זיך פּוילוס מאיר דערפיהלט אזוי פערפלאכטען און פערפלאָנטערט דורך זיך אליין אין אַ נעץ פון שקרים און בבא-מעשיות אז ער האט זיך גענומען טרייסלען, ווי פון קעלט. צום סוף האט ער זיך נישט געקאנט איינהאַלטען און זיך פונאַנדערגעכליפּעט אויפ'ן קול ווי אַ קליין קינד, בעטענדיג זיך ביי די ריכטער, מ'זאל איהם נישט מאַטערן.

נישט קיין קלענערע בזיונות האבען געהאט אין געריכט פּוילוס מאיר'ס בעשיצער, די אנטיסעמיטישע פיהרער מיט דעם גלח דעקערט בראש. דער פּראָצעס האט מיטגעהאָלפען אראָבצורייסען פון זיי אַלעמען די מאַסקעס און ענטפּלעקען זיי פאר דער וועלט אין זייער אמת'ן שענדליכען פּרצוף.

לויט'ן פסק-דין פונ'ם ויענער געריכט איז דאַן פּוילוס מאיר

פער׳משפט געוואָרען אויף פיער חדשים געפענגעניש. אָבקומענדיג זיין שטראָף, האט מען איהם אַרויסגעטריבען פון עסטרייך. פון דעמאָלט אָן האט ער נאָך אַ קורצע צייט אַרומגעוואַנדערט איבער דער וועלט, ביז ער איז אינגאַנצען אַ צעבראָכענער געקומען קיין לאָנדאָן, און דאָרט איז ער לגמרי פערשוואונדען געוואָרען פון דער געזעלשאַפטליכער ארענע, און האט שוין מעהר וועגען זיך נישט גע־געבען צו וויסען.

דער געריכט-אורטייל איבער פוילוס מאיר איז אויפגענומען גע־וואָרען פון דער ברייטער עפענטליכקייט מיט גרויס צופרידענהייט. די גאנצע וויענער פרעסע האט אייגגעפונען, אז דער פּראָצעס האט פיעל אויפגעטהון צו רייניגען אין עסטרייך די לופט, וועלכע איז גע־וועזען אָנגעזאַפּט מיט די באַצילען פון דעם גיפטיגסטען אנטיסעמיטיזם. די וויענער יודישע קהלה האָט געפייערט איהר גרויסען נצחון איבער זייערע פאטערלענדישע שונאי־ישראל, און די וואַרשאָווער איניציאַטיוו־גרופּע האט בעקומען פון אלע זייטען גראַטולאַציעס און ישר־כוח׳ס פאַר דער מיט ערפאָלג־געקרוינטער קאָמפּאַניע, וועלכע זי האט גע־פיהרט געגען דעם יודיש־פּוילישען משומד לייזער ברוך אשכנזי.

אנאַטאָלי גריגאָראָוויטש גאַסמאַן.

(געוועזענער רוסישער סענאַטאָר און געהילף פון יוסטיץ-מיניסטער)

I

געבוירען אין ווילנא סוף די פערציגער יאָהרען פונ'ם פאריגען יאהרהונדערט ביי אָרימע, אבער זעהר אָרענטליכע עלטערן. זיין פאָטער איז געוועזן אַ יוד אַ האָרעפּאַשניק, וועלכער האט געלעבט כל זומיו מיגיע כפּו, און אלס אזעלכען האט ער געוואָלט ערציהען אויך זיין זהן. ער האט איהם געקלערט צו האַלטען ביז אַ יאהר צעהען-צוועלף אין חדר, און אָבגעבען איהם דערנאך צו אַ בעל-מלאכה. געגען דעם האט זיך אבער אוועקגעשטעלט זיין גמרא-מלמד, וועלכער האט געזאגט, אז ווען מען וועט נעהמען און אָברייסען דאס יונגעל פון לערנען, וועט דאס זיין ממש אַ פערברעכען, ווייל ער ווייזט זיך אַרויס פאר אנ'„עלוי", פון וועלכען עס וועט געוויס אַרויסוואקסען אַ „לייט". הערענדיג דאס, האט דער פאטער איינמאל אַ שבת נאָכמיטאג אוועקגעפיהרט דאס יונגעל צום ווילנער שטאדט-מגיד, וועלכער האט געוואוינט אין שכנות, און האט געבעטען, ער זאל איהם פערהערען און אַרויסזאגען נאכדעם זיין מיינונג, וואס פאר אַ תכלית ער זאל פאר איהם אויסקלויבען. דער שטאדט-מגיד איז פון דעם יונגעלס כשרונות אזוי שטאַרק נתפעל געוואָרען, אז ער האט ווי גוזר געוועזן אויפ'ן פאטער, ער זאל איהם, למען השם, דערהאַלטען ביי'ם לערנען, און נישט פערדארבען, חלילה, בידים אזא „כלי נפלא". דאן האט דער פאטער אָבגעגעבען דאס יונגעל אין ר' מיילעס ישיבה, וואו ער האט זיך אויך באַלד אַרויסגעוויזען און בעקומען אַ שם פון אַ „למדן

מופלג״. ער איז געוואָרען אַנ׳אָפּטער איינגעהער ביי דעם עלטסטען פון די ווילנער מורה־הוראה׳ס, דעם בעקאַנטען גאון ר׳ בצלאל, מיט וועלכען ער פלעגט זיך מפלפל זיין אין לערנען און איבערשרייבען איהם זיינע „חדושי־תורה״. צו זעכצעהן יאהר איז שוין דאס יונגעל געווען קלאָר „ווי אַ וואַסער״ אין דריי סדרים גמרא, און אַלע האָבען אויף איהם געקוקט ווי אויף אַ קומענדיגען גרויסען רב, וואס וועט זיין אַ ציהרונג פאר יודען.

ס׳איז אָבער, קענטיג, נישט אַזוי געווען בעשערט, אין ר׳ מיילעס ישיבה האט גאַסמאַן געהאט פאר אַ חבר, מיט וועלכען ער האט געלערענט אויף איין גמרא, אַ סלאָנימער בחור׳ל פון אַ יאהר זיבעצעהען, אויך אַ גרויסער וואויללערנער ווי ער. דאס דאָזיגע בחור׳ל האט גע־געסען „שבתים״ ביי איינעם פון די ווילנער רייכע בעלי־בתים, אַ מאַנופאַקטוריסט און אַ יוד אַ למדן. האט גראָד פאַסירט, אז דעם עושר׳ס בן־יחיד׳ל האָט זיך איינגעשפּאַרט נישט אנדערש, אז ער מוז אָנקומען אין ראַבינער־שול, און ווי זעהר דעם פאטער האט זיך עס אנפאנגס נישט געוואָלט, האט ער דאך צום סוף געמוזט נאָכ־געבען, אָבער נור מיט׳ן תנאי, ער זאָל אַ פּאר שעה אין טאג לערנען גמרא ביי׳ם סלאָנימער בחור. אינגיכען האבען זיך אָבער דיביידע יונגע לייט געביטען מיט די ראָלען: דער מלמד איז געוואָרען נישט דער סלאָנימער בחור, נור דער ראַבינער־שילער, וועלכער הא אויף איהם געווירקט, ער זאָל זיך אָבזאגען פון דער רבנישער קאַריערע און זיך נעהמען צו וועלטליכער בילדונג. זיצענדיג ביי דער גמרא האָט דער סלאָנימער פּערטרויט זיין סוד גאַסמאַנען, וועמען די זאַך איז אַריין טיעף אין אויער, און נאָך אַ קורצען ישוב־הדעת האט ער בעשלאָסען נאָכצוטהון זיין חבר. באלד האָבען זיי ביידע אין דער שטיל אָנגעהויבען נעהמען ביי׳ם ראַבינער־שילער לעקציעס אין דער רוסישער שפּראַך און אין די אַנדערע אַלגעמיינע עלעמענטאַרע למודים און, פּערבלייבענדיג אויף דערווייל אין ר׳ מיילעס ישיבה, האבען זיי זיך צוגעגרייט אַריינצוטרעטען אין ראַבינער־שול.

II

אין אַ האלב יאָהר אַרום איז גאַסמאַן אַריין אין ראַבינער־שול. זיין פאטער איז אויך אפילו די זאַך נישט געווען ניחא, דאָך האט ער אָבער דערפון קיין רעש נישט געמאַכט. פון דער אנדער זייט איז

ער נאָך געווען שטאַרק צופֿריעדען פֿון דעם, וואָס אין זיין גרויסער משפּחה איז געוואָרען „מיט אַ מויל ווענינער", ווייל מ'האָט זיין זוהן גלייך אויפגענומען אין דעם אינטערנאַט פֿון ראַבינער-שול, ווייל די תּלמידים ווערען אויסגעהאַלטען מיט אַלע הוצאות אויפ'ן חשבון פֿון דער מלוכה. אויך אין ראַבינער-שול האָט גאַסמאַן תּיכּף געצויגען אויף זיך צוליעב זיינע גלענצענדע פֿעהיגקייטען די אַלגעמיינע אויפֿמערקזאַמקייט. בעזונדערס האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע גרויסע ידיעות אין דער רוסישער שפּראַך און אין איהר ליטעראַטור, אין וועלכער ער איז געווען זעהר בעהאַוונט. דערצו האָט ער נאָך גראַד געהאַט אַנ'עכט רוסישען חתּוך הדבור, וואָס האָט צוגעגעבען זיין רעדען אַ בעזונדער איינדרוק.

דער בעקאַנטער רוסיש-יודישער נאָוועליסט ל. לעוואַנדע, וועלכער איז געווען גאַסמאַנס אַ חבר אין ראַבינער-שול, האָט מיר אַמאָל אין אַ געשפּרעך איבערגעגעבען וועגען איהם די פֿאָלגענדע זעהר אינטערעסאַנטע פּרטים:

אין דער גאַנצער ראַבינער-שולע האָבען זיך געפֿונען נור דריי תּלמידים, מיט וועלכע דער רוסישער לעהרער-פּערסאָנאַל האָט שטאָלצירט, און אָוועקגעשטעלט זיי תּמיד אַלס ביישפּיעל פֿאַר אַלע איבעריגע. דאָס זיינען געווען: מיבאַר, דער שפּעטערדיגער בעקאַנטער ראַבינער פֿריהער פֿון מינסק און דערנאָך פֿון מאָסקווע, ליבערמאַן דער נאָכהער בעריהמט-געוואָרענער אַלס ערשטער יודישער סאָציאַליסטישער, אַגיטאַטאָר און עסקן, און גאַסמאַן, וועלכער האָט זיי ביידען אַריבערגעשטיגען, בעזונדערס אין דער רוסישער סטיליסטיק. ביי די עקזאַמענס פֿלעגט גאַסמאַן שרייבען בגנבה די טעמעס כּמעט פֿאַר אַ האַלבען קלאַס. ער האָט זיך אויך אַרויסגעוויזען פֿאַר אַ טאַלענטפֿולען דראַמאַטורג, און זיינע איינאַקטערס פֿלעגען גאַנץ אָפֿט פֿאָרגעשטעלט ווערען פֿון די ראַבינערשילער אויף פֿערשיעדענע וואוילטעטיגע צוועקען. אַמאָל, בעת אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז דורכגעפֿאָהרען ווילנא און האָט בעזוכט די ראַבינער-שול, האָט גאַסמאַן פֿאַר איהם פֿאָרגעטראָגען די דאַנק-רעדע אין נאָמען פֿון זיינע חברים, און דער קייזער האָט איהם אַ קלאַפּ געטהון אין פּלייצע און געפֿרעגט, וואו ער האָט זיך דאָס אַזוי שעהן אויסגעלערנט רעדען רוסיש? אויסערדעם האָט גאַסמאַן זעהר גוט געקענט און געליעבט אויך די העברעאישע שפּראַך; צו-

ליעב דעם איז ער געווען אויפגעטראָגען מיט די דאמאָלסדיגע בע־וואוסטע ווילנער העברעאישע שריפטשטעלער ווי דער משורר אדם הכהן לעבענזאָהן, קלמן שולמאן, שמואל יוסף פין און אַנדערע. גאַנץ אָפט פלעגט גאַסמאַן שרייבען פון ווילנא קאָרעספּאָנדענציעס אין די העברעאישע צייטונגען, און בעזונדערס אין „המליץ". לויט זיין איניציאַטיוו האט מאַפּו מנדב געווען די הכנסה פון זיין צווייטען טייל „עיט צבוע" לטובת די אָרימע תלמידים פון ראבינער־שול.

גאסמאן איז געווען איינער פון די נישט־פיעל ראבינער־שילער, וואָס האָט זיך תמיד בעמיהט אָבצוהיטען דעם יודישען שטאט, און האָט זיך קיינמאָל נישט ערלויבט צו טהון עפּיס בפרהסיא געגען דעם יודישען דת. ער האט נישט געוואלט מצער זיין זיינע פרומע עלטערן, צו וועלכע ער איז געווען זעהר צוגעבונדען. אלע שבתים און יום־טובים פלעגט ער פערברענגען צוזאמען מיט די עלטערן ביי זייער טיש, און פלעגט יעדעס מאָל העלפען דעם פאָטער זינגען זיינע זמירות. גאסמאנס בעציהונגען צו זיינע עלטערן זענען געווען אַ מוסטער פון אנ'אמת'ן אידעאַלען „כבוד־אב". שוין געפונענדיג זיך אין לעצטען קלאס ראבינער־שול — אזוי דערצעהלט מען — פלעגט ער זיך נישט שעמען אונטערצוטראגען דעם פאָטער אדער דער מוטער אַ פעקעל פון מארק, און ווילנער טאטעס און מאמעס האבען זיך מיט איהם געבענטשט.

III

אַ לאנגע צייט האט גאנץ ווילנא גערעדט וועגען דעם פאָלגענדען צופאל, וואס האט פאַסירט מיט גאַסמאנען אין ראַבינער־שול:

אין ראַבינער־שול איז געווען איינגעפיהרט פון תמיד אָן אַ שטרענגע דיסציפּלין, וועלכער עס זענען געווען בעזונדערס אונטער־געוואָרפען יענע שילער, וואָס זענען אויסגעהאַלטען געוואָרען אויפ'ן חשבון פון דער רעגירונג. די דאָזיגע תלמידים האָבען זיך שטענדיג געמוזט געפונען אין די ווענט פון ראַבינער־שול; אַרויסגעהען אין שטאָדט האָבען זיי געמעגט אויף עטליכע שעה נור שבת נאָכמיטאג, און דאס אויך נישט אַנדערש ווי מיט דער ערלויבניש פון דעם גוי'אישען דירעקטאָר. טאָמער האָט זיך עמיץ אַ ביסעל מַעהר פאַר־דער בעשטימטער נאָרמע פערזוימט אין שטאָדט, האָט ער שוין דער־פאַר בעקומען אַ שטראָף, וועלכע איז אָפט געווען אַ גאַנץ האַרבע

ס׳האָבען זיך געטראָפען פאַלען, ווען מען האָט פאַר אַזעלכע חטאים געהאַלטען די „פערברעכער" אויף ברויט מיט וואַסער עטליכע טעג נאָכאַנאַנד.

ס׳האָט געדארפט פאַסירען, אַז גאַסמאַן איז אַמאָל אַ געוויסען שבת אַוועק מיט דער ערלויבניש פון „נאַטשאַלסטוואָ" אין שטאָדט אַריין, און האָט זיך פון דאָרטען נישט צוריקגעקעהרט נישט בלויז צו דער בייגאַכטיגער רעוויזיע, נור גאַנצע צוויי טעג. געקומען איז ער ערשט דינסטאג אין דער פריה. די צייט, וואס ער איז נישט געווען, האָט מען אין ראַבינער-שול נישט געוואוסט וואס איבערצוקלערען. מ׳האָט איהם געשיקט זוכען ביי די עלטערן און ביי בעקאנטע, און מ׳האָט איהם אין ערגיץ נישט געפונען, מ׳האָט געמאַכט וועגען איהם פערשיעדענע חקירות ודרישות, און מ׳איז קיין זאַך נישט דערגאַנגען. די זאַך איז געוואָרען נישט גלאַטיג, און עס איז געבליעבען, אַז מיט איהם האָט עפּיס וואס געמוזט טרעפען. דאס האָט זיך געלאָזט גלויבען, ווייל די צייט איז דאמאָלסט געווען זעהר אנ׳אומרוהיגע. אין דער גאַנצער געגענד אַרום ווילנא האָט געפלאַקערט דער פוילישער „מיאַטעזש", און די שטימונג אין שטאָדט איז אויך געווען אַ רעוואָלוציאָנערע. מוראַוויאָוו מיט זיין חאַליאַסטרע תּלינים האָבען דאַן שרעקליך געבושעוועט, אָבגע׳משפט טאָג-טעגליך הונדערטער געפאַנגענע בונטאָוושציקעס צום טויט, און האָט דורך דעם אָנגעוואָרפען אַ פּחד אויף דער גאַנצער בעפעלקערונג.

בעת גאַסמאַן איז דינסטאג פריה צוריקגעקומען, און די „נאַטשאַלסטוואָ" פון ראַביגער-שול האָט איהם גענומען חוקר ודורש זיין, וואָס מיט איהם האָט פאַסירט, האָט זיך אַרויסגעוויזען אָט-וואָס:

גאַסמאַן איז שוין דענסטמאָל געווען אין לעצטען קלאַס ראַבינער-שול, און נישט האָבענדיג קיין איבעריגען חשק צו דער ראַבינערשער קאַריערע, האָט ער זיך מכין געווען אַריינצוטרעטען אין אוניווערזיטעט. פיהלענדיג אין זיך אַ בעזונדער נייגונג צו יוריספּרודענץ, האָט ער בעצייטענס אָנגעהויבען שטודירען פערשיעדענע בעוואוסטע ווערק, וואס בעשעפטיגען זיך מיט דער דאָזיגער וויסענשאַפט. מיט גרויס התמדה האָט ער גענומען לערנען דאס רוימישע רעכט, און איז אַזוי אַרום בעהאַוועגט געוואָרען אין כל המינים קאָדעקסען, אַלטע און נייע. מיט דעם אַליין האָט ער זיך נאָך נישט בעגוגענט, און

איהם האָט זיך שטאַרק פּערוואַלט צו בעקומען אַ בעגריף אויך פון דער קרימינעלער פּסיכאָלאָגיע. אלס קומענדיגער יוריסט האָט ער גע-פונען פאַר נויטיג זיך בעקאַנט צו מאַכען מ׳ט דער נשמה פון דעם פערברעכער; אונטער אַנדערען האָט ער זיך אויך זעהר פער-אינטערעס׳רט מיט דעם לעבען פונ׳ם אָבגע׳משפּט׳ען צום טויט. ער האָט פערשטאַנען, אז פון ספרים קען מען אַזעלכע פּערוויקעלטע פּראָבלעמען נישט דערגעהען, און האָט תמיד געזוכט די געלעגענהייט, צו בעקאָנען זיך מיט זיי אין דער ווירקליכקייט. זיינע חברים, וועלכע האָבען פון דעם אַלץ געוואוסט, פלעגען אויף איהם זאָגען, אז ער פערשפּאָרט שוין צו בעזוכען דאס אוניווערזיטעט, ווייל ער איז שוין אַ פאַרטיגער יוריסט „מיט אַלע פּיטשעווקעס״.

יענעם שבת, בעת גאַסמאַן איז אַוועק אין שטאָדט, האָט ער זיך דאָרטען דערוואוסט, אז מאָנטאג אין דערפריה וועט מען אין שניפּישאָק (אַ ווילנער פאָרשטאָדט) הינטער דעם אַלטען יודישען בית-עלמין אויפהענגען פינף וויכטיגע פּוילישע בונטאָווש־יקעס. באַלד האָט אין איהם אויפגעבליצט דער געדאַנק, אויסצונוטצען די דאָזיגע גע-לעגענהייט פאַר זיינע יוריסטישע עקספּערימענטען, און צו זעהען מיט די אויגען ביי וועלכע אומשטענדען די עקזעקוציע איבער די פער-אורטיילטע ווערט אויסגעפיהרט. ביי איהם איז רעכט געווען אָבצוקומען אין ראַבינער-שול די גרעסטע שטראָף, אַבי נור זיין פּלאַן צו פער-ווירקליכען. דעם זונטאג׳דיגען טאָג האָט ער זיך ערגיץ-וואו אויפגע-האַלטען אין שטאָדט, און מאָנטאג גאַנץ פריה איז ער אַוועק אין שניפּישאָק. וויסענדיג, אז צו דעם פּלאַטץ פון דער תליה וועט מען קיין זייטיגען מענשען נישט צולאָזען, איז ער גלייך אַוועק אויפ׳ן אַלטען יודישען בית-עולם, דאָרט איז ער ארויפגעקראָכען אויף אַ הויכען, געדיכטען בוים, פון וואַנען ער האָט געהאַט די מעגליכ-קייט צו בעטראַכטען די גאַנצע סצענע פון דער עקזעקוציע, וועלכע האט אויף איהם געמאַכט אַנ׳ערשיטערענדען איינדרוק. קומענדיג נאָכ-דעם אין שטאָדט, איז ער אַ גאַנצען טאָג ארומגעגאַנגען ווי אַ צו-טומעלטער; אין אָוונט האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט צו די עלטערן. דאָר׳ט האָט ער זיך פערשפּאַרט אין אַ בעזונדער חדר, וואו ער האט אָנגעוואָרפען אויפ׳ן פּאַפּיר אַלץ, וואס עס האָט ביי איהם אויפגעקאָכט אויפ׳ן הארצען אונטער דעם איינדרוק פון דער שרעקליכער עקזעקוציע. אַלס ער האָט געענדיגט שרייבען, האַט שוין די זוהן אַריינגעשיינט צו

איהם אין פענסטער. דאַן האָט ער זיך אויפגעהויבען, און איז אַוועק אין ראַבינער-שול.

אין דעם ערשטען אויגענבליק איז דער צאָרן פון „נאַטשאַלסטוואָ" אויף גאַסמאנען געווען אזוי גרויס, אז נישט ווילענדיג אויסהערען איהם, האָט זי שוין געהאַט בדעה אַרויסצוטרייבען איהם פון ראַבינער-שול מיט אַ „וואָלפישען בילעט". צום סוף האָט איהם אָבער דער דירעקטאָר געגעבען דאָס וואָרט, און מעהר פון דעם האָט גאַסמאַן נישט בעדאַרפט. אין אַ צוויי-שעה'דיגער רעדע, וועלכע האָט אַלעמען ממש בעצויבערט, האָט ער אויפגעוויזען, אז דאס, וואס ער האָט געטהון, איז לא די, וואס ס'איז נישט קיין פערברעכען געגען דער שול-דיסציפלין, קאָן עס נאָך ווערען מיט דער צייט אַ פליוס פאר דער רוסישער יורידישער וויסענשאַפט, וועלכער ער האָט זיך שוין איבערגעגעבען, און וועלכער ער נעהמט זיך אָן צו דיענען אין דער צוקונפט מיט לייב און זעל. דערביי האָט ער געבעטען, אז אויב „נאַטשאַלסטווא" וועט בעשליעסען צוצוציעהען איהם פאר זיין „פער-ברעכען" צו אַ דיסציפלינארען שול-געריכט, זאָל מען צוגעבען צום משפט די יורידישע מאָנאָגראַפיע, וואס ער האָט אָנגעשריעבען די פאָריגע נאכט. דאָס איז געווען אַ קריטיש-אַנאַליטישע אָבהאַנדלונג וועגען דעם מהות פון טויט-שטראָף, וועלכע איז פון גאסמאנען זעהר שאַרף פער-אורטיילט געוואָרען.

דער סוף איז געווען, אז „נאַטשאַלסטוואָ" האָט זיך בעציגען צו גאַסמאנען נישט בעזונדערס שטרענג. זי האָט נור אָבגענומען ביי איהם דאָס רעכט צו בעזוכען די שטאָדט אינ'ם משך פון צוויי חדשים. דער דירעקטאָר האָט זיך אָבער, קענטיג, אַ ביסעל דערשראָקען פאר דעם, לויט זיין מיינונג, צו-שארפען אינהאלט פון דער מאָנאָגראפיע און האָט עס אָבגעשיקט קיין פעטערבורג צום בילדונגס-מיניסטער. אַ לאַנגע צייט איז די זאַך פערבליעבען אהן אַ רעזולטאַט. ערשט אין עטליכע חדשים ארום האָט דער דירעקטאָר פון ראבינער-שול בעקומען אַ פעראָרדנונג פון פעטערבורג, צו שטעלען גאַסמאנען פאר אלע איבעריגע תלמידים אלס מוסטער נישט בלויז פון אַ גלענצענדען רוסישען סטיליסט, נור אויך פון אַ הייסען רוסישען פאַטריאָט. ס'האט זיך ארויסגעוויזען, אז אין זיין דערמאָהנטער מאָנאָגראפיע האט גאַסמאַן, אגב אורחא, שטארק אַגיטירט פאר דער רוסיפיקאַציע פון דעם צפון-מערב-קאנט.

IV

דער דאזיגער זכות איז אויך בייגעשטאַנען גאסמאַנען אין אַ יאָהר ארום, בעת ער האט געענדיגט די ראַבינער-שול און איז געקומען קיין פעטערבורג, אום אַריינצוטרעטען אין אוניווערזיטעט. בכלל איז נאך אפילו דאן אין רוסלאנד נישט שווער געווען פאר אַ יודען מיט אַנ'אטעסטאט פון אַ מיטעל-שול אנצוקומען אין אוני-ווערזיטעט, דאך איז אָבער די יודישע יונגע לייט אַ סך לייכטער געווען אָנגענומען צו ווערען אין אלע איבעריגע פאַקולטעטען איידער אויף דעם יורידישען, ווי מ'האָט בעזונדערס שטארק מקפיד געווען אויף דער רוסישער אויסשפראַך פון דעם סטודענט און אויף זיינע רוסישע קענטנישען בכלל. דערפאר האָבען זיך דאָס רוב יודישע סטודענטען פערשריעבען אויפ'ן מעדיצינישען פאַקולטעט, וואו די שפראַך שפיעלט נישט קיין בעזונדער ראָל. גאסמאן האָט אָבער, ווי כ'האָב שוין דאָ פריהער דערצעהלט, געהאט אַ בעזונדער שטארקע נטיה צו שטודירען דוקא יורי, און ער האט זיך גאָרנישט געקאָנט פאָר-שטעלען, אז דערלאנגענדיג זיינע פאַפירען וועט אידם דער יורידישער פאַקולטעט צוכאפען ווי אַנ'אבן-טוב, ווייל זיין נאמען איז שוין דאָרטען געווען בעקאנט דורך דער מאָנאָגראפיע, וועלכע איז איבער-געגעבען געוואָרען פון בילדונגס-מיניסטעריום אין דעם יורידישען מלוכה-זשורנאל.

גאסמאן איז געווען דער איינציגער יוד אין זיין פאַקולטעט, פאר וועלכען דאס אוניווערזיטעט האָט אויסגע'פועל'ט אַ מאָנאַטליכע פענסיע פון דער רעגירונג. די לעצטע פאָר יאהר האט איהם די רעגירונג קאַניקול-צייט געשיקט אויף איהרע הוצאות קיין אויסלאַנד, צו הערען לעקציעס ביי די דאָרטיגע וועלט-בעריהמטע יוריסטען. זיינע אָפטע רעפעראטען אין דער פעטערבורגער יורידישער געזעל-שאפט האָבען איהם ערוואָרבען דעם נאָמען פון אַ גרויסען גע-לערענטען אויף דעם דאָזיגען געביט, און נאך איידער ער האָט געענדיגט דאס אוניווערזיטעט האט מען שוין געזעהען, אז דאס וואקסט אַ גרויסע ציהרונג פאר דער רוסישער יורידישער וויסענשאַפט.

פערלאָזט די ווילנער ראַבינער-שול האָט גאסמאן אלס גרויסער ליעבהאָבער פון דער העבּרעאישער שפראַך און איהר ליטעראַטור

און מיט אַ שטארקער נייגונג צו יורידישער געזעלשאפטליכער ארבייט. אין פעטערבורג האָט זיך גאסמאן באלד בעקאנט געמאכט מיט די פּאָפּולערסטע יודישע כלל-טהוער, ביי וועלכע ער איז געוואָרען אנ׳-אָפּטער איינגעהער. דאס איז געוועזן אין די ערשטע יאהרען נאך דער גרינדונג פון דער פעטערבורגער בילדונגס-חברה „מפיצי-השכלה״, ארום וועלכער ס׳האָבען זיך דאַן גרופּירט די חשוב׳סטע יודישע געזעלשאַפטליכע עסקנים. גאסמאן איז פון דער ערשטער מינוט אָן געוואָרען אַ פלייסיגער מיטארבייטער פון דער חברה, און האָט דערביי ארויסגעוויזען פיעל ענערגיע און פערשטענדניש. צוליעב דעם איז ער געוואָרען אַ גרויסער מקורב צום באַראָן האָראץ גינצבורג און צום פּראָפעסאָר חוואָלסאָן, וועלכע זענען דאמאָלסט געשטאנען אָן דער שפּיץ פון דער דאָזיגער חברה. חוואָלסאָן, וועלכער איז געווען, ווען אפילו נישט נאָמינאל, דער הויפּט-טוער פון דער חברה, פלעגט זיך תמיד אין די וויכטיגסטע ענינים מישב זיין מיט גאסמאנען, וועלכער איז ביי איהם אזוי ארום געוואָרען זיין „רעכטע האנט״. אין יענער צייט האָט גאסמאן פערעפענטליכט אין „המליץ״ קלענערע און גרעסערע ארטיקלען, וועלכע האָבען געהאט דעם צוועק צו מאכען די בילדונגס-חברה פּאָפּולער צווישען דעם פאָלק. דאס איז געווען ווען גאסמאן איז געווארען, ווען נישט לעגאל, דער אייגענטליכער סעקרעטאר פון דער חברה, און אין זיינע הענט האָט זיך קאָנצענטרירט איהר גאנצע ארבייט. בעת דער רוסישער אויבער-פּראָקוראָר פונ׳ם הייליגען סינאָד, דער בעוואוסטער שונא-ישראל פּאָביעדאָנאָסצעוו, האָט זיך אמאָל גענומען טשעפּען צו דער געזעלשאפט און מאכען אויף איהר פערשיעדענע בלבולים, כדי זי אונטערצוגראָבען, איז דאן גאסמאן שארף ארויסגעטראָטען געגען איהם אונטער אַ פּסעוודאָנים אין דער ליבעראלער רוסישער פּרעסע מיט אַ גאנצער רייה ארטיקלען, וועלכע האָבען אין זייער צייט געמאכט א שטארקען רושם. איינער פון די דאָזיגע ארטיקלען, אין וועלכען ער האָט אונפּארזיכטיגערהייד אָנגעגריפען פּאביעדאָנאסצעווען פּערזענליך, האט ארויסגערופען אין פעטערבורג א גרויסען טומעל. עס איז דאמאָלסט געקומען אזוי ווייט, דאָס די מאכט האט געפאדערט פון דער רעדאקציע פון יענער צייטונג, אז זי זאל ארויסגעבען דעם נאמען פון דעם אנאָנימען ארטיקעל-שרייבער, כאָטש אלע אין פעטערבורג האבען זיך אליין געשטויסען, ווער עס בעהאלט זיך אונ

טער דעם פסעוודאנים. ס'האט זיך אבער דערפון גארנישט אויסגע־לאָזט. מ'האט דעמאָלט גערעדט אין פעטערבורג, אז פּאָבּאָדענאָסצוו אליין זאָל זיך האבען געסטארעט מ'זאל די זאך צורייבען, ווייל ער האט שטארק מורא געהאט פאר גאכמאנס שארפער פעדער.

V

גלענצענד האט גאסמאן געענדיגט דאס אוניווערזיטעט. נאכדעם האט מען איהם אויפ'ן חשבון פון דער מלוכה אַוועקגעשיקט קיין אויסלאנד, וואו ער האט פערבראכט אַ פּאר יאהר אין פערשיעדענע הויכשולען פאר רעכטס-וויסענשאפטען. אין דערזעלבער צייט האט ער בעוויזען צו פערפאסען עטליכע מאָנאגראפיעס וועגען דער ענט־וויקלונג פון דער רוסישער געזעטצגעבונג, וועלכע האבען ביי פאכלייט ארויסגערופען גרויס בעוואונדערונג. אַ דאנק זיינע אונגעהויערע יורי־דישע קענטנישען איז גאסמאן ביסלעכווייז נתעלה געווארען אין די רעגירונגס-קרייזען, און אלע האָבען געוואוסט, אז ער איז אַ קינפ־טיגער קאנדידאט אויף אַ בכבוד'יגען געריכטס-פאסטען.

אין יענער צייט — אנהויב די זיבעציגער יאהרען פונ'ם פאריגען יאהרהונדערט — האבען נאך געצעהלטע יודען אין רוסלאנד זוכה גע־ווען צו הויכע רעגירונגס-שטעלעס, און בעזונדערס אין יורידישע אינסטיטוציעס. רוסלאנד האט דאן געהאט אַ דריי, פיער יודישע אויספארשונגס-ריכטער צווישען זיי דער היינטיגער פאפולערער כלל־טוער ט י ט ע ל, און אַ פּאר פּראָקורארען. עס האט נישט לאנג בערך געדויערט, און עס איז אָנגעקומען דער גוטער מאמענט אויך פאר גאסמאנען. ער איז בעשטימט געווארען אלס מיטגליד פון קרייז-גע־ריכט אין אַ טיעפ-רוסישער שטאָדט. די דאזיגע שטעל זאל ער האבען בעקומען לויט דער רעקאמענדאַציע פון זיינעם אַ געוועזענעם אוני־ווערזיטעטס-חבר, דער שפּעטערדיגער רוסישער יוסטיץ-מיניסטער מוראַוויאָוו, וועלכער איז דאן געווען פארזיצער פון מאסקווער קרייז-געריכט. אויף דער דאזיגער שטעל האט זיך גאסמאן באלד ארויסגעוויזען פאר זעהר אַ פעהיגען ריכטער, וועלכער האט זיך גאנץ לייכט געקאנט פונאנדערקלויבען אין די פערדרעהטסטע און פער־פּלאנטערסטע פּראצעסען און ריכטיג בעלויכטען די פערנעפּעלסטע ענינים. דאָס האט איהם געמאכט אַ גרויסען נאָמען אין די יורידישע קרייזען

וואוינענדיג אין אַ שטאדט מיט זעהר א שיטערער יודישער בעפעלקערונג, און זענענדיג בכלל ווייט פון יודישען צענטער, האט גאסמאן אנגעהויבען אבגעריסען צו ווערען ביסלעכווייז פון יודישע אינטערעסען און אנגעלעגענהייטען. צוליעב זיין הויכער שטעל איז ער אריינגעצויגען געווארען אין ריין־קריסטליכע ספערען, איז גע־ווארען אנ׳אפטער איינגעהער אין די העכסטע אריסטאָקראטישע קריסטליכע הייזער, האט געמאכט כסדר קריסטליכע בעקאנטשאפטען, און געווארען א מיטגליד אין קריסטליכע וואוילטעטיגע און בילדונגס־ערציהערישע אנשטאלטען, און האט אזוי ארום פערקעהרט דורכאויס מיט דער ארטיגער נישט־יודישער געזעלשאפט, און האט כמעט קיין יודען אין די אויגען נישט אנגעזעהען.

א געוויסע צייט איז דאס אלץ פארגעקומען פון זיך אליין, ווי צופעליג און אהן א בעזונדער כונה מצד גאסמאנען צו דערווייטערען זיך פון יודען. אבער וועס מעהר ער האט זיך דערנעהנטערט צו דער קריסטליכער געזעלשאפט, אלץ פרעמדער איז ער געווארען צו דער יודישער, ביז עס איז געקומען דער טאג, ווען ער האט שוין גאנץ בעוואוסטזיניגג איבערגעריסען יעדע בעציהונג צו יודען. דאס איז געווען בעת ער איז אריבערגעפאהרען וואוינען אין קאזאן, וואו ער האט בעקומען די שטעל פון א פראָקוראר.

אין קאזאן האט זיך גאסמאן גע׳שמד׳ט. וועגען זיין שמד זענען פון תמיד ארומגעגאנגען פערשיעדענע ווערסיעס. אנדערע זאגען, אז ער האט לכתחלה בעקומען די פראקוראר שטעל נור מיט דעם תנאי, ער זאל אננעהמען דעם פראוואסלאוונעם גלויבען; אנדערע ווידער בעהויפטען, אז ער האט זיך געטויפט צוליעב א ליעבע; ער זאל זיך האבען אייגעליעבט אין דעם קאזאנער גובערנאטארס טאכטער, וועלכע האט פון איהם געפאדערט, נישט אנדערש ער זאל ווערען א קריסט, און ער האט זיך נישט געלאזט בעטען. ווי די מעשה זאל נישט האבען פאסירט באמת, אבער א פאקט איז, אז גאסמאן, דער אמאליגער מוסמך, דער זעלטענער העברעאיסט, דער ענערגישער מיטארבייטער פון דער חברה „מפיצי־השכלה״ און דער הייסער פערטיידיגער פון יודען געגען די אנ־פאלען פון דער אנטיסעמיטישער פרעסע, האט אהן א שום אינערליכען קאַמף גענומען אין אַ שענעם פריהמאָרגען און אנבערגעריסען דעם לעצטען פאָדים, וואס פערבינדט איהם מיט׳ן יודישען פאָלק!

אין די פעטערבורגער יודישע אינטעליגענטע קרייזען האט גאַסמאַנס שמד אַרויסגערופען גרויס וואונדער מיט אַ שטאַרקען שמערץ־געפיהלט. אלע האָבען בעדויערט דעם טריט, וואס ער האָט געמאַכט. מ׳האט זיך נור געטרייסט מיט דעם געדאנק, אז דאָס וועט זיין אַ צווייטער חוואָלסאָן, און וועט אויך אויסנוצען זיין הויכע שטעלונג לטובת דעם יודישען פאָלק, ווי דער לעזער וועט ווייטער זעהען, איז דאס אָבער געווען אַ פאלשע טרייסט. גאַסמאַן איז געשטיגען און געשטיגען אויפ׳ן פראָקוראטאָרישען לייטער, ער האט דערלאנגט צו די העכסטע ביוראָקראַטישע מדרגה, פון וועלכע איהם איז געווען מעגליך צו טהון יודען די גרעסטע טובות; ער האט אָבער תמיד אָבגעשטויסען פון זיך די יודישע אויסגעשטרעקטע האַנט, און אָבגעשטויסען האט ער זי מיט רוגזה און מיט פיינדשאַפט פון דעם שפל׳סטען מין רענעגאַטען. אין דעם פרט איז גאַסמאַן געשטאנען פיעל נידריגער פון אלע איבעריגע הויכאנגעשטעלטע משומדים, און האט צו זיך צווישען זיי קיין גלייכען נישט געהאט.

VI

נישט אזוי גיך אָבער האט גאסמאן איבערגעריסען זיינע בעציהונגען צו די עלטערן. דער צובונד צו דער פאַמיליע האט זיך נאָך ביי איהם געהאלטען אַ גאנץ לאנגע צייט נאָכדעם ווי ער האט זיך שוין געהאט גע׳שמד׳ט. פון צייט צו צייט פלעגט ער נאָך שטיצען די עלטערן מיט קליינע געלט־סומעס. בעת ער האט אַמאָל געדאַרפט פאהרען קיין פעטערבורג, האט ער זיך אָבגעשטעלט אין ווילנא צו זעהען זיך מיט די עלטערן און קרובים.

וועגען דעם האָט מיר אַ ווילנער געוויסע פערזאָן איבערגעגעבען אינ׳ם נאָמען פון דעם פערשטאָרבענעם ד״ר י״ל קאַנטאר, וועלכער איז געווען גאַסמאַנס אַ חבר, דעם פאָלגענדען אינטערעסאַנטען עפיזאָד:

גאַסמאַן, וועלכער איז שוין דאמאָלסט לאַנג געווען גע׳שמד׳ט, און די עלטערן האָבען נאָך דערפון נישט געוואוסט, איז דורכגעפאהרען ווילנא עטליכע טעג פאר סוכות, און די עלטערן האבען איהם פערהאַלטען ביי זיך אויף יום־טוב. גאַסמאן איז געזעסען מיט׳ן פאטער אין סוכה, און זיין „קידוש״ מאכען מיט׳ן ניגון אויפ׳ן קול, זיין „זמירות״ זאגען און זיין בענטשען מיט „מזומן״ האָבען ארויס־

געראָפּען גרויס פּוראָר, און די שכנים פון די אַרומיגע הויפען זענען זיך צונויפגעלאָפען אויף חדושים צו זעהען, ווי אַ גרויסער יודישער „שררה" היט אב עהרליך יודישקייט...

דאס איז שוין אָבער געווען דער לעצטער נחת, וואס גאסמאן האָט פערשאַפט זיינע עלטערן. פון יענעם סוכּות אָן איז ער זיי געוואָרען אַ פערלוירענער זוהן. וואס מעהר ער איז געוואַקסען אויף זיינע שטעלעס, אַלץ מעהר איז ער אָבגעקיהלט געוואָרען צו דער פאַמיליע, ביז ס'האָט זיך צווישען איהם מיט איהר אוועקגעשטעלט ווי אַנ'אייזערנע וואַנט. ער האָט זיינע פעראָרימטע עלטערן נישט אונטער-שטיצט מיט אַ גראָשען, און שפּעטער, ווען ער האט זיך בעזעצט אין פּעטערבורג און איז געוואָרען סענאַטאָר, און איינינע ווילנער נאהענטע קרובים זענען צו איהם געקומען בעטען הילף, האָט ער זיי צו זיך אפילו אויפ'ן שוועל נישט אַרויפגעלאָזט. אין יענער צייט האט ער זיך שוין געשעמט מיט זיין אַמאָליגער יודישקייט, און האט אָנגעווענדט אלע קרעפטען אָבצומעקען יעדען סימן פון זיין יודישער אָבשטאַמונג.

זענענדיג געהילף פון יוסטיץ-מיניסטער האט גאַסמאן קיינמאָל פאַר יודען קיין גוט וואָרט נישט פערוואָרפען, און עס זענען פאָר-געקומען אזעלכע פאַלען, אין וועלכע עס האָט זיך געלאָזט מערקען, אז ער גראָבט נאך אונטער די יודישע אינטערעסען. אזא פאַל איז געווען פאַר ניקאָלאי דעם צווייטען, בעת עס איז בעהאַנדעלט גע-וואָרען די פראַגע וועגען איבערצאַנדערשען געוויסע דערפער אין שטעדטלעך, וואו יודען זאָלען קענען האָבען וואוינרעכט, און גאס-מאן האט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג ג ע ג ע ן דעם, מאָטיווירענדיג עס דערמיט, וואס דאס איז עלול צו שאַפען אַ נייעם באָדען פאַר דער יודישער עקספּלאָאטאַציע אין בעציהונג צום רוסישען פויער. אַ צווייטער פאַל האט אָנגעריהרט די פערזענליכע אינטערעסען פונ'ם באַראן האָראַץ גינצבורג, דערזעלבער באַראָן, וועלכער האט גאַסמאנען אין זיינע סטודענטישע יאהרען אזוי פיעל געשטיצט. דאס איז געווען בעת דער באַראָן האט צייטווייליג איינגעשטעלט זיינע צאָהלונגען, און עס איז בעשטימט געוואָרען פון דער רעגירונג אַ קאָנקורס אויף זיין פערמעגען. ס'האָט זיך דאַן גערעדט וועגען דעם באַראָנס טייל אין די סיבירער גאָלד-גרובען, וועלכען מ'האט ביי איהם געוואָלט אוועקנעהמען, כדי צו רואינירען זיין פירמע אין גאַנצען. גאַנץ

פּעטערבורג האָט דאַמאָלסט געוואוסט, אז די זאַך איז פיעל אָבּ־הענגיג פון גאַסמאנען, און אין די דאָרטיגע העכסטע יודישע קרייזען האָט מען אָנגענומען אַלע מיטלען צו ווירקען אויף גאַס־מאַנען, ער זאל נישט דערלאָזען גינצבורגס פירמע צו קיין קאָמפּראָ־מעטאַציע, ווייל דאָס בעדייט קאָמפּראָמיטירען דאס גאַנצע רוסישע יודענטום. גאַסמאַן האט אָבער מדחה געווען יעדע השתדלות. מ׳האָט דאַן גערעדט, אז ווען דער באַראָן אַליין האט דורך דעם שווייצאר אַריינגעשיקט גאַסמאַנען זיין וויזיט־קאַרטע מיט דער בקשה, ער זאָל איהם געבען אַן אויידיענץ, האט ער בעקומען פון איהם דעם ענטפער, אז ווען ער וועט איהם דאַרפען, וועט ער איהם שיקען רופען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דאָזיגען פערדריסליכען צופאַל, האָט זיך געטראָגען איבער פּעטערבורג דער פאָלגענדער אנעקדאָט:

אין יענער צייט איז דער געוועזענער סעקרעטאַר פון דער חברה „מפיצי־השכלה", דער בעוואוסטער העברעאישער דיכטער יהודה ליב גאָרדאָן, געלעגען קראַנק. בעת צוויי פון די פּעטערבורגער נכבדים, מיטגלידער פון „מפיצי־השכלה", זענען צו איהם אין אַ געוויסען טאג געקומען מבקר חולה זיין און האָבען איהם, אגב, דער־צעהלט וועגען גאסמאנס אונאנשטענדיגער בעציהונג צום באַראָן גינצ־בורג, האָט זיך דאַן דער קראַנקער דיכטער אָבגערופען:

— אַזא זאַך טאָר מען גאַסמאַנען נישט פערשווייגען; מען מוז זיך אָן איהם נוקם זיין, און נישט אַנדערש ווי בעשטימען אַ קאָנקורס אויף זיין פּערמעגען...

די געסט האָבען איהם אָנגעקוקט גאַנץ פערוואונדערט, נישט פערשטעהענדיג, וואס ער איז דערמיט אויסען צו זאגען.

— גאַסמאַן איז אונז אַ בעל־חוב, ער קומט אונז געלט, מיר האָבען אויף דעם אַ צעטעל מיט זיין חתימה... ער געפינט זיך נאָך עד היום אין דעם אַרכיוו פון דער חברה „מפיצי־השכלה".

ס׳האט זיך אַרויסגעוויזען, אז בעת גאַסמאַן איז געווען אַ סטו־דענט פון דעם פּעטערבורגער אוניווערזיטעט, און האָט פון דער חברה „מפיצי־השכלה" בעקומען אַ מאָנאַטליכע פענסיע, האט ער דאַן לויט דעם סטאַטוט פון דער געזעלשאַפט, אַרויסגעגעבען אַ צעטעל. אז ער איז זיך מתחייב אומצוקעהרען דער חברה איהר חוב ביי דער ערשטער מעגליכקייט.

— ביז׳ן היינטיגען טאג—האט דער קראַנקער פּאָרטגעזעצ

שמייכלענדיג—דאס איז שוין אַ קיימא לן פון אַ יאהר עטליכע און צוואַנציג, קאַן אונז אַרויסקומען פון גאָסמאַנען מיט פראַצענט פאַר דער גאַנצער צייט—ווארום איך האַלט פון דעם „לנכרי תשיך", — שענע עטליכע טויזענט רובעל, די חברה איז איצט געדריקט, פאַרוואס זאָל מען אויף גאסמאַנען נישט דערלאַנגען אין „סוד", אין זיין „סוד"?

— אין „סוד" ווי אין „סוד"—האט זיך אָבגערופען איינער פון די געסט גאַנץ ערענסט—אבער פערפענטליכען מוז מען דאס אַלענפאַלס.

אויף דער נאהענטער זיצונג פונ׳ם קאמיטעט פון „מפיצי-השכלה" איז ווירקליך אנגענומען געווארען דער בעשלוס, צו ווענדען זיך דורך די צייטונגען צו אַלע, וועלכע זענען ווען עס איז געוועזען סטיפענ- דיאַנטען פון דער חברה, אז זיי זאלען איהר איינצאהלען זייער חוב.

אַזא ווענדונג מיט דער אונטערשריפט פונ׳ם באראַן גינצבורג אַלס פאָרזיצער, איז אריינגעשיקט געווארען דורך פאסט אויך צו גאס- מאנען. אין עטליכע טעג אַרום איז אויפ׳ן נאמען פון באַראַן גינצבורג אנגעקומען פון גאַסמאנען אַ בריעף מיט עטליכע רובעל מיט אַ פאסט- סקריפטום, אז די איבעריגע סומע פערדעכענט ער אויפ׳ן חשבון פון דעם האנאָראר, וואס איהם קומט ארויס פאַר די ארטיקלען, וועלכע ער האט אמאל געשריעבען לטובת דער חברה אין די רוסישע צייטונגען...

אַלס פערביסענער אַנטיסעמיט האָט זיך גאַסמאן ארויסגעוויעזען אויך בשעת דעם בעוואוסטען „ביילים-פּראָצעס", וועלכער איז אינספּירירט געוואָרען דורך דעם דאַמאָלסטדיגען יוסטיץ-מיניסטער שצעגלאָוויטאָוו. ס׳האָט זיך דאַמאָלסט געפונען איינער, וואס האָט גאַסמאַנען געמאכט אויפמערקזאַם, אז ווער ווי ער קאָן נאָך אַזוי גוט אויפווייזען, דאָס יודען געברויכען נישט אויף פסח קיין קריסטליך בלוט. עס זענען גע- ווען אַזעלכע, וועלכע האָבען געהאָפט, אז אין גאַסמאנען וועט זיך דאס מאָל, ווען דאס גאַנצע יודישע פאָלק איז געזעסען אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק, דערוועקען דאס פינטעלע יוד. ס׳איז אָבער געווען אַ טעות. גאַסמאן האט זיך געמאכט נישט זעהענדיג און נישט וויסענדיג, און האָט געשוויגען.

און אַזעלכער איז גאסמאן פערבליעבען ביז זיין טויט.

ש. אנ־סקי

אַלע ווערק אין 15 בענדער

ש. אַנסקי האָט אין זיך פאַראייניקט דעם קעמפער, דעם פאָלקס-מענטש און דעם דיכטער. אַליין האָט ער אַדורכגעמאַכט אַ בראָיזנדיק לעבן פון אַ פרייהייטס-קעמפער, געאַרבעט אין די „אונטער־ערדישע" פּאַרטייען, אין די קוילן־שאַכטן, אין די רוסלענדישע קלייזלעך אין אויסלאַנד. מיט דער זעלבער באַגייסטערונג און טרייהייט איז ער אַריינגעטראָטן אין די רייען פון די טוער און זאַרגער פאַר דעם וווילשטאַנד פון יידישן פאָלק, פון דער יידישער קולטור, גענומען אנטייל אין די פריידן און ליידן פון די יידישע מאַסן.

צוגלייך מיט זיין אינטערעס פאַר דער יידישער געגנוואַרט, פאַרטיפט ער זיך אין דער רייכער, פילפאַרביקער יידישער פאַרגאַנגענהייט און טרעט אַריין אין פּרדס פון חסידות און קבלה. אין די שווידערלעכע מלחמה-יאָרן מאַכט ער מיט דעם יידישן מאַרטירער-וועג, און ער שאַפט דערנאָך די עפּאָפּייע פון יידישע צרות — דער „חורבן גאַליציע", ווי ער האָט פריער מיט יאָרן אין זיין ראָמאַן „אין שטראָם" מיטגעמאַכט דעם וועג צו פרייהייט אין די רעוואָלוציע-יאָרן פון 1905—1906.

אַנסקיס „דבוק", איז דאָס באַרימסטע ווערק אין די לעצטע יאָרן, עס האָט אנסקין געשאַפן אַ וועלט-נאָמען.

אַנסקי איז שטאַרק באַליבט, אָבער נאָך ווייניק באַקאַנט. די אַנסקי-אויסגאַבע שטרעבט אַריינצוברענגען אַנסקין אין דער יידישער שטוב.

אַלע ווערק 41.25 גילדן

געבונדן אין פּראַכט באַנד יעדער באַנד 250.